This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-525

סאָוועטיש

2

1983

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבערפאַרבאנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"

מאָסקווע

פעוורואל

1983

אינהאַלט

הערשל פּאָליאַנקער. אין יאַרוגע . . . 4
בראָכע און אַרן בורשטיין. שענק אַ זון־
פאַרגאַנג דעם מענטשן 16
קימאַ גריידינאַ. עס פליט פּאָרויס אונדזער
פאַראָוואָז 23
כאַיִם מעלאַמוד. לעבעדיקע גרוסן 28
אַלעקסאַנדער ליזען. איבערגעגעבנקייט . . 36
נאָטע לוריע. אײַלט זיך טאָן גוטס 42
מאַקס רִיאַנט. אַ בריוו פון טינדאַ 53
שמועל גאָרדאָן. איינער פון זיי 59
מישע מאָגילעוויטש. אייגענע מענטשן . . 65
שירע גאָרשמאַן. בילדלעך פון וועג 68
כאַנע שמאַיענאָק. מענאַשע מײמאַנס כסימע . 73
מאָטל גרוּומאַן. בלומען 78
געדאַליע קאָסאָי. דער מענטש און זײַן צײַט . 81
יויסעף בורג. אַנושקאַ 85
גריגאָרי רעזניטשענקאָ. אַלץ, וואָס איך
ווייס. — אַ פאָטאָגראַפיע פון קאָסמאָס 88
געאָרגי בערעגאָוואָי. סוועטלאַנאַ סאַוויצקאַיאַ 108
טעוויע גען. עליע כאַנינס יאָרשים. — וויגעלעך 111
כאַיִם ביידער. דאָקטער ברודני 118
כאַיִם גורעוויטש. צוגאַסט אין זשיטאָמיר . . 123
בוזי מילער. הייליק איז דער צאַרטער כיין . 127
אירמע דרוקער. אפילע אַ גראָשן האָט זײַן
לאָשן 131
אוראַן גוראַלניק. אַ בריוו פון דושאַנבע . . 160
יויסעף שוסטער. יאָרשים 163
באָריס מאָגילנער. אָנשטאָט אַ פאַרצייכענונג 169
רעזומע (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דער לייענער באַקומט איצט דעם פינפטן ספּעציעלן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם פּאַרצייכענונגס־זשאַנער (די פריערדיקע נומערן זײַנען דערשינען אין דעקאַבער 1978, דעקאַבער 1979, יאַנואַר 1981, יאַנואַר 1982). דערמיט פּאַרפעסטיקט ווײַטער די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איר פאַרבינדונג מיטן איצטיקן לעבן, און איינציקײַט שטעלט זי אויסער יעדן ספק די שוין אײַנגעבירגערטע כאַראַקטעריסטיק אירע אַלס ליטעראַטור, וואָס איז פּילבאַר צו די רעאַלע פּראָצעסן אינעם שטייגער, אין דער סאָציאַלער און פּאָליטישער ספער — אַלס לעבנספייִקע הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור.

די געאָגראַפיע פון די פאַרצייכענונגען, פּונקט ווי די אוטאָרן זייערע, איז אַ גאַנץ ברייטע: מאָסקווע און בירא־בידזשאַן, מאָלדאַוויע און טיומען, אוקראַינע און טאַדזשיקיסטאַן, בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל און נאָווגאָראָד, קאַמטשאַטקע און קרים, סיביר און אוראַל — אומעטום ברויזט אַן אימפּעטפול לעבן, אַ פּרוכטבאַרע מי, און צוזאַמענגענומען שאַפן די ווערק, וועלכע ווערן געדרוקט אין אָט דעם נומער, אַ פילפאַרביק בילד וועגן אונדזער סאָוועטישן מענטשן — דעם שעפער און בויער פון קאָמוניזם.

הערשל פּאָליאַנקער

אין יאַרוגע

א קאַפּיטל געשיכטע

אונדזערע פּאָדאָליער שטעטלעך האָבן אַמאָל געהאַט אַ טעווע — זיך אויסשטעלן לענגויס די ברייטע שליאַכן און קרייצוועגן, ווי גלײַך מע וואָלט בעסער געוואָלט באַטראַכטן די גרויסע וועלט. געשטאַנען זײַנען זיי, ווי מע זאָגט בײַ אונדז אויף דער אוקראַיִנע, ווי אַרבעס באַם וועג: ווער עס גייט דורך, טוט אַ טשיפּע...

האָבן טאַקע דערפֿאַר די שטעטלעך געהאַט אויסצושטיין גרויסע צאָרעס און אומגליקן. יאַרוגע, פֿאַרקערט, האָט געטאָן קליגער פֿון אַנדערע און זיך פֿאַרוקט ערגעץ אין עק וועלט, צווישן בערג און טאָלן, יאַרוגעס און קרוטשעס, דערבײַ זיך צוגעשאַרט מיט איין עק צו דעם אַלטן, גראָווען דניעסטער. ניט אַנדערש ווי עס האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן פֿון אַ בייז אויג, פֿון די ווינטן און שטורעמס, וועלכע האָבן זיך איבער דעם קאַנט געטראָגן.

דערפֿאַר טאַקע איז דאָס שטעטל באַקרוינט געוואָרן מיטן באַשיידענעם נאָמען: יאַרוגע...

דאַכט זיך, אַז מיט גאָרנישט איז יאַרוגע ניט ענלעך אויף די שכײנישע שטעטלעך און יִשובֿים. עפּשער דערפֿאַר, וואָס ס'איז אַ סך עלטער פֿון די אַנדערע? און קיינער וועט אײַך איצט פּינקטלעך ניט זאָגן, וויפֿל איז אַלט יאַרוגע.

פֿון דאָר צו דאָר גייט די לעגענדע, אַז מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָט אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט אַ וואַנדערנדיקער טאַבאָר: פּעסטפּלייציקע, שטאָלצע ייִדן, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט שפּאַניע. געטרוידעפּטע און געיאָגטע פֿון דער שרעקלעכער אינקוויזיציִע, האָט מען פֿאַרלאָזט דעם ווײַטן פּירעניער קאַנט און געוואַנדערט איבער אייראָפּע, זוכנדיק אַ מאָקעם־מענוכע, אַ שטיקל ערד, וווּ מע וועט קאָנען פֿאַרפֿלאַנצן ווײַנגערטנער. אין די בוידן האָבן זיי געפֿירט די באַרימטע לאָזעס, וואָס מע האָט באַוויזן פֿאַרכאַפּן מיט זיך. ערגעץ אין אָט דעם ווילדן ווינקל, אויפֿן דניעסטער־ברעג, צווישן בערג און טאָלן, האָבן זיי דערזען אַ מערכטיקן ווײַסן פֿעלדז, צופֿוסנס פֿון וועלכן ס'האָט געשלאָגן אַ ווונדערלעכער קוואַל. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, צעשטעלט זייערע געצעלטן, אָנגעצונדן די ערשטע שײַטערס, און אַזוי ווי דאָס ווינקל איז אַ ביסל ענלעך געווען אויף זייער פֿאַרוואָגלטער און פֿאַרשעמטער היים, האָט מען זיך דאָ פֿאַרהאַלטן און ווײַטער שוין ניט געוואָלט גיין.

אָט דאָ, אויף די קרומע בערג, האָט מען אָפּגערייניקט אַ פּלאַץ פֿון די שטיינער, אויסגעקאָרטשעט די פּניאָקעס פֿון די געפֿאַלענעביימער, פֿאַרפֿלאַנצט אַ ווײַנגאָרטן, און דאָס ווינקל איז געוואָרן זייער היים.

באַנאַנד מיטן ווײַנגאָרטן, אויף דעם פֿעלדזיקן באָדן, האָט מען אויסגעבויט הײַזער און ווײַנקעלערס, ביסלעכווײַז האָט גענומען וואַקסן דער ייִשובֿ. די אָנגעקומענע, וועלכע האָבן דאָ געשטעלט די ערשטע טריט, האָבן די טוישווים פֿון די אַרומיקע דערפֿער גערופֿן: „די שפּאַנצעס“.

און מע האָט באַוווּנדערט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעקליבן אַזאַ אומבאַקוועם ווינקל פאַר אַ היים. דעריקער האָט מען זיך געכידעשט, וואָס פאַר די געקומענע איז גאָרניט געווען שווער: טאָג איַין, טאָג אויס, פון קאַיאָר ביז זון־פאַרגאַנג, האָבן זיי געקאָרטשעוועט, געריַיניקט דאָס שטיקל ערד פון די אָנצאָליקע שטיינער, אָפּקעמפנדיק באַ דער ווילדער נאַטור פלאַץ פאַר זייערע וויַינגערטנער און סעדער...

יאָרן זיַינען געגאַנגען. דער יישעוו איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, די וויַינגערטנער האָבן זיך אַלץ שטאַרקער צעבליט, און דער שעם פון דעם „געטלעכן ווינקל" האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אומגעגנט. מע איז געגאַנגען אַהער פון אַלע עקן — אַ קוק טאָן, וואָס די „שפאַנצעס" האָבן דאָ אופגעטאָן.

שפּעטער מיט אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן האָבן זיך אַהער פאַרקליבן די געיאָגטע און געפלאָגטע, גערוידעפטע דורך די צאַרישע זשאַנדאַרמען — יידישע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן געוווינט איך יענעם טייל פאָדאָליע, ווו עס האָט געקעמפט מיט די צאַרישע סאַטראַפּן דער באַרימטער אוקראַיִנישער בונטאַר, דער קעמפער פאַר פריַיהיַיט אוסטים קאַרמאַליוק. פילצאָליקע יידישע יאַטן זיַינען אַריַינגעטראָטן אין זיַינע אָטריאַדן, געקעמפט צוזאַמען מיט זיַינע בראַווע יונגען, אַ סאַך באַלמעלאָכעס — שמידן האָבן פאַר קאַרמאַליוקן געשמידט שווערדן, מעסערס, געווער, און ווען מע האָט געמישפּעט דעם באַרימטן בונטאַר, האָט מען צוזאַמען מיט אים געמישפּעט הונדערטער באַלמעלאָכעס פון ליטין, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אַלט־קאָנסטאַנטין אַ סאַך פאַרשיקט קיין סיביר, געשמיסן אַף די פלעצער פון די שטעטלעך, פאַרטריבן פון זייערע היימען. האָבן ביט ווייניק גערוידעפטע, זוכנדיק פאַר זיך אַ דאַך, זיך פאַרקליבן אַהער, קיין יאַרוגע, און דאָ געפונען אַ היים...

די ניַיגעקומענע פון די פאָדאָליער שטעטלעך האָט מען מיט שרעק און מיט באַגיַיסטערונג שטילערהייט גערופן: „די בונטאַרן"...

אַזוי, דערציילט מען, האָט זיך דאָס שטעטל יאַרוגע פאַרברייטערט און מיט דער ציַיט באַרימט געוואָרן אויך מיט וווּנדערלעכע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן באַנייט און באַשוכט די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער...

ווער קאָן געדענקען פינקטלעך די גאַנצע געשיכטע פון יאַרוגע, אַז פאַר הונדערטער יאָרן האָבן זיך איבער די קאַנטן דורכגעטראָגן אַזויפיל שטורעמס, דורכגעבושעוועט אַזויפיל מילכאָמעס און געשלעגן, אַזויפיל אופשטאַנדן און בונטן, ס'זיַינען דאָ דורכגעגאַנגען אַזויפיל פרעמדע כאַיאָלעס און מיטן פיַיער זיַינען ביט בלויז אוועק די געביַיען, וואָס די געטריַיע האָרעפּאַשניקעס האָבן אופגעשטעלט, — די פינקעסן זיַינען דאָ געשריבן געוואָרן מיט בלוט און מיט טרערן.

וועגן דעם, וויפל עס איז אַלט יאַרוגע, קאָנען עפשער דערציילן די שטיינער און מאַציוועס אַפן אוראַלטן יידישן בעסוילעם, וואָס האָט זיך אַלפּי־נעס פאַרהיט העט אויבן אַפן יאַמפּאָליער באַרג, און אויב איַיך וועט זיך איַינגעבן פאַנאַנדערקליַיבן די אויסגעריבענע פון ווינטן און יאָרן אויסיִעס, וועט איר זען, אַז זיי זיַינען אַלט מער פון דריַי הונדערט און עפשער פיר הונדערט יאָר...

וויפל האָרעוואַניע איז אַריַינגעלייגט אין דעם ווילדן שטיקל ערד! וויפל שוויס איז פאַרגאָסן געוואָרן אַף די וויַינגערטנער! אָבער קיין רו פאַר די מענטשן איז דאָ קיינמאָל ניט געווען. די בונטע גערטנער און גרויסע גערעטענישן האָבן שטענדיק אַרויסגערופן איַיפער און גרימצאָרן באַ די פריצים, גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז דאָס איז זייער ערד און געפאָדערט, די יידן זאָלן זיך פאַרנעמען פונדאַנען צו אַלדי רוכעס. אָפטמאָל איז אויסגעקומען די יישוווניקעס מיט האָלאָבליעס, ווילעס זיך אָפּשלאָגן פון די אָנפאַלער. בלוט האָט זיך געגאָסן אַף די וויַינגערטנער. די גוטבאַזיצער האָבן געטרייבערט באַ די יישוווניקעס די נעשאָמע, אַרופגעלייגט אַף זיי מוירעדיקע שטיַיערן, פאַרפירט שווערע פּראָצעסן, וועלכע האָבן זיך געצויגן יאָרנוויַיז. פון יאַרוגע זיַינען געגאַנגען קיין פּעטערבורג מעראַגלים, כאַדאָקעס — זון באַם „וויסאָטשיַישע" און זיַינע מיניסטאָרן הילף...

ווער עס איז גערעכט, ווער מען עס געהערט אָט די ערד, האָט ענדגילטיק געלייזט די רעוואָליוציע. און די יאַרוגער זאָגן, אַז זייער עכטע געשיכטע הייבט זיך אָן פון אָקטיאַבער 1917, ווען זיי האָבן באַקומען די ערד אַף אייביק.

אײן ברידערלעכע מישפּאָכע

דער האַסטיקער באַרג־שטראָם „אָלעניוּוקע“ האָט צעטײלט יאַרוגע אַף צוויי גלײַכע טײלן. פֿון אײן זײַט לאָזט זיך אַראָפּ צום דניעסטער דער ייִדישער ייִשעוו, פֿון דער אַנדערער זײַט שטראָם ציט זיך דאָס אוקראַיִנישע דאָרף, און עטלעכע פֿעלדזן, אַ דעמבענע קלאָדקע, וואָס איז אַריבערגעוואָרפֿן איבערן שטראָם, פֿאַרײניקט בײדע טײלן יאַרוגע.

פֿון קײן גרענעץ האָט מען דאָ קײנמאָל ניט געוווּסט. די ייִדן מיט די אוקראַיִנער האָבן שטענדיק געלעבט אין אײן ברידערלעכער מישפּאָכע. גאָלדענע שכײנים! פֿון אַלע יאָרן איז דאָ אַלץ געווען בעשוטפֿעס — פֿרײד און לײד.

האָט אַמאָל געטראָפֿן אַ גרויסער אומגליק — אַ שטאַרקער האָגל האָט אויסגעדראָשן און געמאַכט טיל־טעל די ווײַנגערטנער. זײַנען געקומען צוהילף די אוקראַיִנישע פּויערים, געהאָלפֿן די ייִדן מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט, זיך געטײלט מיטן לעצטן שטיקל ברויט. האָט געטראָפֿן אַ נײַער אומגליק — אַף די פֿעלדער פֿון די אוקראַיִנישע פּויערים איז געווען אַן אומגערעטעניש, זײַנען גלײַך געקומען צוהילף די ווײַנגאָרטנציכטלער פֿון יאַרוגע און געהאָלפֿן זײערע אוקראַיִנישע שכײנים. ווען בעשאַסן בירגערקריג האָט אַ באַנדע געפּרוווט אָנפֿאַלן אַף יאַרוגע, האָבן אַלע — סײַ ייִדן, סײַ אוקראַיִנער — גענומען האָלאָבליעס, ווילעס, אַרויסגעגאַנגען קעגן די ראָצכים און זײ ניט צוגעלאָזט נאָענט אַהער.

יאָמטויווים און מאָלצײַטן האָט מען געפּראַוועט צוזאַמען, געגאַנגען אײנער צום אַנדערן אין געסט. ווען אין די שטילע פֿאַרנאַכטן פֿלעגן זיך די כעוורע און די מײדלעך פֿון יאַרוגע צונויפֿזאַמלען אַפֿן פּלאַץ און אַ זינג טאָן אַ ייִדישע ליד, פֿלעגן די ליד גלײַך אונטערכאַפּן די כעוורע פֿון יענער זײַט יאַרוגע. ס'איז געווען אָנגענומען זיך צונויפֿקומען צו דער קלאָדקע און ביז אין דער טיפֿער נאַכט זינגען, פֿאַרברענגען. האָט זיך דערטראָגן פֿון יענער זײַט שטראָם אַן אוקראַיִנישע ליד, וואָס האָט אופֿגעטאָרעט דעם שטילן אַרום, האָט מען די ליד אונטערגעכאַפּט אין יאַרוגע, און עס איז אַוועק אַ גאַנג!

אין יענעם ווײַטן 30־טן יאָר איז אַף דער ייִדישער זײַט יאַרוגע געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָלווירט אַף ג. אי. פּעטראָווסקיס נאָמען, וווּהין עס זײַנען אַרײַנגעטראָטן קימאַט אַלע ייִשוורניקעס, די ווײַנגאָרטנציכטלער. און אַף יענער זײַט יאַר איז אויסגעוואַקסן אַן אוקראַיִנישער קאָלווירט אַף וו. אי. לעניִנס נאָמען. איצטער האָט זיך פֿאַרקניפּט די פֿרײַנטשאַפֿט פֿון בײדע אַרטעלן — מ'איז אַרײַנגעטראָטן אין סאָציִאַליסטישן געזעצט, געוואַקסן און פֿון יאָר צו יאָר זיך פֿאַרשטאַרקט. מאַניפֿעסטאַציִעס און קאַרנאַוואַלן דעם ערשטן מײַ און אין אָקטיאַבער־יאָמטעוו האָט מען דורכגעפֿירט צוזאַמען. מ'האָט אויסגעבויט אַ גרויסן קלוב, און אַלע פֿאַרנאַכט זײַנען דאָרט פֿאַרגעקומען אָוונטן. די זעלבסטטעטיקײַט־קרײַזן האָבן זיך צוזאַמען געגרײט צו די אַרויספֿאָרן אין דער געגנט, קעדײ אין גרויסע שטעט באַווײַזן זײער קונסט. בײדע קאָלווירטן — דער ייִדישער און דער אוקראַיִנישער — האָבן געהאַט אַ גוטן שעם אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אַזוי האָט געלעבט יאַרוגע — געאַרבעט, געבויט, געשאַפֿן, געלערנט — אין אײן ברידערלעכער מישפּאָכע.

נאָר אָט האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. די דײַטשיש־פֿאַשיסטישע הענקער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין פּאָדאָליע. אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען געקומען פּראַכט־מאַשינעס מיט פֿאַשיסטן. מע האָט צונויפֿגעטריבן אַפֿן פּלאַץ לעבן דאָרפֿסראַט די אוקראַיִנישע פּויערים און געמאָלדן, אַז די ווײַנגערטנער, די סעדער, דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון יאַרוגע וועט געהערן זײ, די פּויערים, און דאָס שטעטל וועט מען פֿאַרניכטן...

מיט האַס און סינע האָבן די מענטשן אויסגעהערט די רײד פֿונעם דײַטש, געשוויגן, געשטאַנען מיט פֿאַרבײגטע קעפּ. דעמלט האָט דער אַלטער פּאַנקאָ בראַוויצקי אַראָפּגעריסן פֿונעם גראָוון קאָפּ דאָס היטל און געמאַכט עטלעכע טריט פֿאָרויס:

— מיר זײַנען ערלעכע פּויערים און קײנמאָל האָבן מיר זיך ניט פֿאַרנומען מיט רויב... יאַרוגער שכײנים — דאָס זײַנען אונדזערע גוטעפֿרײַנט, טײַערע האָרעפּאַשניקעס. זײערע זײדעס און עלטערזײדעס האָבן זיך געמוטשעט, געאַרבעט אַף דער ערד, און בײַ קײנעם פֿון אונדז וועט זיך די האַנט ניט אופֿהײבן צו באַלײדיקן אונדזערע שכײנים!..

דער גאַנצער סכאָד האָט אופֿגעהויבן אַ מוירעדיקן טומל, אין אײן קאָל: מע וועט ניט לאָזן באַראַבעווען יאַרוגע!

די „גוטעפֿרײַנט“ פֿון די אוקראַיִנער האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען אַ נײַע כאָפּטע פֿאַשיסטישע הענקער. אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפֿן.



כאַים דיניס — דער וועטעראַן פונעם יאַרוגער קאָלווירט

מע האָט אַרומגערינגלט דאָס שטעטל פון אַלע זײַטן, אַרויסגעיאָגט אַלעמען פון די שטיבער און גענומען טרײַבן אַרויף באַרג, צום יאַמפּאָליער שליאַך, צו די טיפע גריבער. די געשרייען, וואָס די קינדער און ווײַבער האָבן אויפגעהויבן, האָט דערהערט טראַכים וואַרגעלעץ, דער נאַכט־וועכטער. ער איז אַוועקגעלאָפן צו דער קאָנטאָר, געכאַפּט אַ שטיק אײַזן, גענומען מיט אַלע קויכעס קלאַפּן איבערן שטיק רעלס, וואָס איז געהאַנגען באַם טויער, אויפגעהויבן פון די געלעגערס דאָס גאַנצע דאָרף. און קינד־און־קייט האָט זיך געלאָזט לויפן צום וועג. פרויען מיט זויגלינגען אַף די הענט, מאַנצבלען אין אונטערשטן וועש, קאַליקעס אַף קוליעס, קראַנקע, געזונטע — אַלע זײַנען אַרויס אַפן וועג, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשריי:

— אַנטיכריסטן! איר האָט גאָט אין האַרצן? וווהין טרײַבט איר אונדזערע שכיינים! איר וועט ניט וואַגן! מיר וועלן ניט דערלאָזן!

— פאַרפליוכטע שווײַנען! — האָבן זיך די הענקער געוואָרפן אַף די פויערים, — זייער פאַרמעגן, זייערע שטיבער, זייער גוטס וועט בלײַבן פאַר אײַך! צוריק!..

— מיר זײַנען ניט קיין רויבער! קיין פרעמד פאַרמעגן דאַרפן מיר ניט! דאָס זײַנען אונדזערע גוטע שכיינים, טײַערע פון ברידער! — האָבן זיך צעשריגן די ווײַבער. די קינדער האָבן אויפגעהויבן אַ מוירעדיקן געיאָמער. אַלע מאַנצבלען האָבן איבערגעשניטן דעם וועג און געמאָלדן אין איין קאָל:

— דאָס זײַנען אונדזערע גוטע פרײַנט, טײַערע האָרעפּאַשניקעס! אויב איר פירט זיי צום טויט, טאָ פירט אונדז אויך!..

דער צאָרן און האַס פון די פויערים איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויך די דאָזיקע כאָפּטע דײַטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערפילט אַ שטאַרקן קויעך, זיך פאַרלוירן. אָט די מענטשן, האָבן זיי געזען, זײַנען גרייט אַף אַלץ. און נאָך עטלעכע מינוט וואַקלונגען האָבן זיי אויסגעזידלט מיט די לעצטע ווערטער די „שווײַנען“, אַ דראָע געטאָן זיי מיט די ביקסן און אַוטאָמאַטן, זיך געזעצט אַף די מאַשינעס און זיך אָפּגעטראָגן פון יאַרוגע.

די ייִדן האָבן מיט ציטעריקע שטימען באַדאַנקט די שכיינים, וועלכע זײַנען געקומען צו־הילף אין דער שרעקלעכסטער מינוט פונעם לעבן, און זיך אומגעקערט צו זייערע היימען.

נאָכאַמאָל האָבן זיך די קוילערס באַוויזן אין יאַרוגע, קעדיי פאַרטיליקן דאָס שטעטל, נאָר די אוקראַיִנישע פויערים האָבן אויסבאַהאַלטן די ייִדן בא זיך. די פאַשיסטן האָבן באַרויבט אַ סאַך הײַזער, עטלעכע געלאָזט מיטן פײַער.

אײַנגיכן זײַנען געקומען די רומענער. אַ סאַך ייִשוּוניקעס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן אין די גאָענטע געטאָס, ניט ווייניק זײַנען אומגעקומען פון הונגער און עפּידעמיעס, נאָר די מערהײַט יאַרוגער זײַנען געבליבן אין זייערע צעראַבעוועטע, פאַרוויסטע הײַזער. די אוקראַיִנישע פויערים פון יענער זײַט אָלעניוקע־שטראָם האָבן זיך געטיילט מיטן לעצטן שטיקל ברויט, געהאַלטן בא זיך די קינדער און די קראַנקע.

אַזוי האָט דער ייִשוּו זיך דערוואַרט ביז דער באַפרײַונג. און ווען די ערשטע סאָוועטישע טיילן זײַנען דורכגעגאַנגען יאַרוגע, זײַנען אַלע, ווער עס האָט געקאָנט האַלטן געווער אין די הענט, אַוועק אַפן פראָנט און דערגאַנגען ביז בערלין.

דאָס לעבן הייבט זיך אָן אַפסנײַ

ביידע טיילן יאַרוגע זײַנען געווען צערויִנירט, צעראַבעוועט, פאַרלאָזט, פּאַרוויסט. רויִנעס אָנשטאָט דער אַמאָליקער רײַכער באַלעבאַטישקײַט. אַ סאַך קאָלווירטלער פונעם ייִדישן און אוקראַיִנישן יאַרוגע האָבן זיך ניט אומגעקערט פונעם פראָנט. אַ סאַך זײַנען בעשאַס דער אָקופּאַציע געשטאָרבן פון הונגער און קרענק. מע האָט געדאַרפט אָנהייבן אַפסנײַ — אויפשטעלן די צערויִנירטע באַלעבאַטישקײַט, האָט מען זיך צונויפגעקליבן אַף אַ סכאָד, גענומען באַטראַכטן, וויִאַזוי אַרויסגיין פון דער שווערער לאַגע, און מע איז געקומען צום אויספיר,

אַז בעסער וועט זייַן צו שאַפֿן אײן ווירטשאַפֿט, אַ פּילפּאַכיקע. די מעלוכע האָט געהאָלפֿן, אויסגעטיילט מיטלען, פֿאַרשיידענאַרטיקע טעכניק. און מע האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. ס'זייַנען, פֿאַרשטייט זיך, צוגעקומען נייַע גרויסע דאגות. מע האָט געדאַרפֿט אויפֿשטעלן די ווייַנגערטנער, פֿאַרברייטערן די ברויט־פֿעלדער, שאַפֿן אַ מילך־פֿאַרמע. אָבער די גרויסע שוועריקייַטן האָט מען ביייַגעקומען, און דער אַרטעל אין יאַרוגע, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרטעל איז איצט איינער פֿון די גרעסטע אין דער געגנט, איינער פֿון די פּאָרגעשריטנסטע אין דעם רייַכן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קאַנט.

איבערן דניעסטער הענגט אַ געדיכטער אָנהייב־אויגוסט־נעפּל. די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון הינטער דעם הויכן יאַמפּאָליער באַרג, ווי מיט שפּיזן גענומען לעכערן דעם נעפּל, און ער איז מיטאַמאָל דורכזיכטיקער געוואָרן. דער וועג שלענגלט זיך העכער, און ערטערווייַז דערמאָנט ער שטאַרק די געדרייטע קאַווקאַזער וועגן, די קאַפּשווינדלדיקע קרוטשעס. דער דניעסטער ווערט פֿאַרפּלייצט פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון, און זייַנע כוואַליעס ווערן אַלץ מער באַגילדעט.

אָט רייַסט זיך אַרויס די מאַשין פֿונעם געדרייטן וועג, און עס ציט זיך אַוועק אויף פֿיל ווי־אָרסטן אַ גלייַכע, שטאַרק אויסגעריבענע אַספֿאַלט־סטעזשקע. פֿון ביידע זייַטן שליאַך ציִען זיך געזעצטע שורעס עפּלביימער, באַרנביימער. עס שייַנען די זאַפֿטיקע פֿאַרשקעס, זיי בעטן זיך מאַמעש, מע זאָל זיי אַראָפּנעמען. די ביימער־צווייַגן בייגן זיך אונטער דער לאַסט פֿון די צייַטיקע פּירות, נאָר דערווייַל קומט צו זיי נאָך קיינער ניט. עס איז איצט אַ הייסע צייַט — מע דאַרף פֿאַרענדיקן שנייַדן די ברויטן, וועלכע בוקן זיך צו דער ערד און רוישן שטילערהייט אונטערן מעכייַעדיקן באַגינען־ווינטל.

וויפֿל דאָס אויג פֿאַרכאַפּט, שפּרייטן זיך די קאָלווירטישע פֿעלדער פֿונעם יאַרוגער אַרטעל. מע האָט אָקאָרשט אַראָפּגענומען די רייַכע גערעטעניש פֿון ווייץ און קאָרן. ערגעץ ווייַט רוישן נאָך די קאָמבייַנען און טראַקטאָרס.

אַ גוטע גערעטעניש האָט דאָס יאָר אַראָפּגענומען דער יאַרוגער אַרטעל. דרייַסיק און ערטערווייַז פֿערציק צענטנער ברויט. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קלימאַט האָט די קאָלווירטלער און דאָס פֿעלד ניט געבאַלעוועט.

אַן אָנגעשטרענגטע צייַט, אַרבעט — אַ וועלט! מע דאַרף אַראָפּנעמען די פּרוכטן פֿון די ביימער, פֿאַרגרייטן אויף ווינטער קאָרם פֿאַרן פֿי. עפּעס אַ קלייניקייַט אויסצורײדן — קנאַפּע טויזנט קעפּ פֿי, הונדערטער כאַזיירים, אַ מעכטיקע אָטאַרע שאָף. און אָט קומט אונטער די צייַט, ווען מע וועט דאַרפֿן גראָבן די בוריקעס און קאַרטאָפֿל. און וויפֿל אַרבעט איז נאָך פֿאַרבליבן אויף דעם ווייַנגאָרטן!

יאַרוגער ווייַנגערטנער! זיי זייַנען פֿונלאַנג באַרימט אין דער אומגעגנט, פּונקט ווי עס זייַנען באַרימט אירע ווייַנטרויבן־מייַסטערס.

מיר פֿאַרקערעווען מיטן געדרייטן וועג קיין יאַרוגע. אָט האָבן זיך אין שטעטל צעקרייעט די הענער: גענוג צו שלאָפֿן! איבערן ברוקירטן וועג, וואָס לויפֿט אַראָפּ צום סאַמע דניעסטער־ברעג, שפּאַנט גאַדלעסדיק אַ טשאַטע גענדז און קאַטשקעס. זיי ווייסן, זעט אויס, אַז די באַלעבאָסטעס זייערע זייַנען פֿאַרנומען מיט אַנדערע דאגות — מאַכן פֿרישטיק, גרייטן עפּעס פֿאַר די קינדער, און ביז מע וועט זיך לאָזן צו דער אַרבעט, שפּאַנען זיי אַליין, די טשאַטעס גענדז, צום ברעג, קעדיי עפּעס געפֿינען פֿאַר דער אכילע, זיך אָנטרינקען אין טייַך, אַ ביסל אַרומשווימען איבער די פֿרישע כוואַליעס און דערנאָך זיך פֿאַרגראָבן אין וואַרעמען זאַמד, ליגן אונטער דער זון און האַנאָע האָבן פֿון דער שיינער וועלט.

פֿון ביידע זייַטן שאָסיי שטייען אויסגעשטעלט נאָענט איינע לעבן דער אַנדערער די שטיבער, געבויט פֿון שטיין און ליים. די שטיבער זייַנען אַלט און גרוי, לעבן יעדער שטוב — אַ קעלער, פֿון וועלכן עס ציט די קעלט. יאָ, זעלטן וועט איר דאָ באַגעגענען אַ הויז אָן אַ קעלער. אין זייערע טיפֿענישן שטייען אויסגעשטעלט מעכטיקע פֿעסער מיט ווייַן. קימאַט יעדער אייַנוווינער פֿון יאַרוגע האָט זיך זייַן ווייַנגאָרטן. די אַלטע לאָזעס גיבן רייַכע גערעטענישן, און בעשאַס מע נעמט אַראָפּ די ווייַנטרויבן, שטעלט מען פֿעסער ווייַן. אויף ווייַן זייַנען די יאַרוגער גרויסע מייַסטערס.

...כאָטש דער פֿרימאָרגן האָט זיך אָקאָרשט באַוויזן, איז איציק קאַפּיטמאַן שוין אויף די פֿיס. אַ שלאַנקער, פֿאַרברוינטער פֿון דער זון און פֿון די ווינטן, מיט אַן ענערגיש־לענגלעך פּנים און ליכטיקע טיפֿע אויגן, שטאַרקע אָנגעהאָרעוועטע הענט. ער האָט זיך שוין ספּראַוועט מיט די שטוב־איניאָנים, אונטערגעשאָטן פֿאַר די הינער און קאַטשקעס עסן און אייַלט אויפֿן ווייַנגאָרטן. דאָרט וואַרט שוין אויף אים זייַן רינג.

עס גייט די אַרבעט אפן ווײַנגאָרטן. אפן ערשטן פּלאַן — איציק קאַפּיטמאַן, הינטער אים — הערשל בורקיס און אנדערע מיטגלידער פון אַלעקסאַנדער בלאַגאָיס רינג

איינגטלעך, וואָלט איציק קאַפּיטמאַן, ווי איר קוקט אים אָן, שוין פונלאַנג געקאָנט זיצן אין שטוב, זיך באַברעווען אפן גאָרטן. ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעאַרבעט פאַר זײַן לעבן, נאָר אַזוינס איז ניט פאַר אים, איציקן. ער שטעלט זיך ניט פאָר, וויאַזוי מע לעבט אָפּ א טאָג און מע אַרבעט ניט, וויאַזוי מע ברענגט ניט קיין נוץ דעם קאָלעקטיוו. אף די ווײַנגערטנער האָט נאָך געאַרבעט זײַן עלטער־עלטערזיידע, דער זיידע, דער טאַטע, אַלע זײַנע ברידער און שוועסטער, די קרויווים...

דעם טאָג, זאָגט ער, וואָס ער איז ניט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט, פילט ער זיך ווי א קראַנקער. אין דער היים זײַנער איז ער פאַרליבט. די ערד איז אים טײַער, ווי דאָס לעבן, און ער קאָן אײַך שווערן, אַז ער געדענקט ניט די צײַט, ווען ער איז געווען אין אורלויב, גערוט. די בעסטע רו זײַנע איז, ווען ער שטייט אפן קאָלווירטישן גרויסן ווײַנגאָרטן מיט דער מאָטיגע און ראַמט אָפּ דעם ווײַנגאָרטן פון די ווילדגראָזן. אין דער בריגאַדע פון די ווײַנגאָרטנציכטלער איז איציק קאַפּיטמאַן דער גרעסטער דייעזאָגער. צו אים הערט מען זיך צו, אָן אים טוט מען דאָ גאָרניט. פאָרט א פּאַטאָמסטווענער וויסער פון די לאָזעס. מיט זיי איז ער באַפרײַנדעט פון קינדווײַז אָן. און דאָס האָט ער באַקומען בעירושע.

אָבער מיינט ניט, אַז איציק אַרבעט בלויז אפן ווײַנגאָרטן. די באַלעבאַטישקײַט איז א גרויסע, א פילאַרטיקע, אומעטום דאַרף מען האָבן מענטשן. געטרײַע הענט, און ער האָט ליב דאָרט, ווו מע דאַרף, אונטערשטעלן א פּלייצע: אף דער פערמע, אף דער ווינאָדעלנע — מאַכעטייסע, איציק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. יעדע אַרבעט אין אַרטעל איז בעקאָוועדיק.

כאָטש ער זעט נאָך אויס ניט אַלט, אָבער, ווי זאָגט עס יענער כאָכעם — קיין זאַך עלטערט ניט אַזוי דעם מענטשן, ווי די יאָרן... דאָס זיבעטע צענדליק האָט ער שוין, מיט גאָטס הילף, אָפּגעפּראַוועט — מע האָט אויסגעטרונקען א גאַנצע פאַס ווײַן. אָבער אַלע האָבן דאָ געוווּסט, אַז איציק גייט ניט אַוועק אף פּענסיע. און ביכלאַל בייזערט ער זיך, ווען מע זאָגט, אַז ער איז פּענסיאָנער.

— בא אונדז אין יאַרוגע, — זאָגט ער, — איז זײַן א פּענסיאָנער ניט שײַעך. אַזא גאָלדענע נאַטור בא אונדז. זעט, סאַרא בערג, סאַרא דניעסטער! אונדזער לופט איז ווערט א מאַיאָנטעק. וואָס זשע, איר וועט זאָגן — א וועטעראַן פונעם אַרטעל? א וועטעראַן פון מי — אָט דאָס, זעט איר, איז גאָר עפּעס אַנדערש! פון אָט דעם טיטל האַלט איך שטאַרק!

די זון נעמט שטאַרקער וואַרעמען. מיר גייען אײַלנדיק מיט דער געדרייטער סטעזשקע אַרויף־באַרג, צו דעם גרויסן קאָלווירטישן ווײַנגאָרטן. הינטער די הויכע ניסנביימער, באַם סאַמע וועג, שטייען דאָרפישע שטיבער. פון אַלע הויפן טראָגט זיך א געשריי פון די באַלעבאָסטעס און פון די באַלעבאַטים, וואָס קלײַבן זיך צו דער אַרבעט:

— גוטמאָרגן, איציק! האָסט מוירע פאַרשפּעטיקן?

צוגאַסט בא איציק קאַפּיטמאַנען. פון רעכטס — איציק קאַפּיטמאַן, פון לינקס — זײַן פרײַנט ראָמאַן טאַראַפּאַווסקי

— וואָס זשע, אײַזיק! קום גיכער. ס׳איז שוין גרויסער טאָג!

— דאָברי ראַנאָק, איצקאָ! פּאַטשעקײַ, אי יאַ אידו!

— דאַווײַ שווידשע, סאַנצע וזשע וויסאָקאָ! — ענטפערט איציק מיט א שמייכל.

און מענטשן ציִען זיך נאָך אים, צום ווײַנגאָרטן. זיי קוקן אויף איציקן מיט גרויס אָפּשײַ און דערהכערעץ.

— אונדזער וועטעראַן שלאָפט ניט, — רופט זיך אָן אַן עלטערע קאָלווירטניצע, וועלכע באַגעגנט דעם שאָכן מיט א פרײדיקן „דאָברי דען, איצקאָ!“.

זײַן לאַנג, ניט געגאָלט פּאָנעם שײַנט אנטקעגן דער זון. ער גייט מיט א פעסטן, ענער־גישן טראָט ארויף בארג. דער דאָזיקער וועג איז אים באַקאַנט נאָך פון קינדווײַז. צום ווײַנ־גאָרטן וואָלט ער געקאָנט טרעפן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— ס׳איז אײַך ניט שווער, איציק, גיין מיטן בארג אַלע טאָג?

ער פאַרוקט א ביסל דעם שטרויענעם עטוואָס צעבויגענעם קאַפּעליוש ארויף, און דאָס פּאָנעם צעשמעלצט זיך אין א גוטמוטיק שמייכעלע:

— וואָס רעדט איר! די אַנדערהאַלבן קילאָמעטער, וואָס איך גיי דורך צו דער ארבעט, איז דאָך א גוטע זאַריאַדקע. און אַז איך דערזע דעם ווײַנגאָרטן, ווערט מיר שטענדיק פריי־לעכער אויפן הארצן. און ווען עס קומט אונטער די צײַט און די ווײַנטרויבן גיסן זיך אָן מיט זאַפט און מע דאַרף זיך גרייטן אראָפּנעמען די גערעטעניש, קאָן איך דאָ טאָגן און נעכטיקן. דאָס הײַנטיקע יאָר, זעט איר, איז זייער א גערעטנס. א פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר געהאַט ניט ווייניק צרות. פאַראַיאָרן האָט א קלאַפּ געטאָן א שטאַרקער האָגל און אויסגעדראָשן די טרויבן. א ווייטעק איז געווען צו קוקן אויף די לאָזעס... נאָר דאָס יאָר וועלן מיר, דאַנקען גאָט, זיך דאַרפן אונטערגאַרטלען, עס וועט זײַן וואָס אראָפּצונעמען, קיין אײַנהאָרע, און מירן אויסאַרבעטן א שיין ביסל ווײַן.

מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי מיר זײַנען שוין געווען אויפן שפּיץ בארג. דאָ ענדיקט זיך דאָס ברייטע ווייצענע פעלד, וואָס מע האָט ערשט ניט לאַנג אָפּגעקאָסיעט, און צוויי טראַק־טאָרס אַקערן עס שוין איבער — מע גרייט דעם באָדן פאַרן הארבסט־פאַרזיי.

איציק לאָזט זיך אראָפּ אויפן גראָז באַם וועג, קוקט א פּאָר מינוט, ווי די טראַקטאָרס ארבעטן, און שרײַט אויס:

— וואַסיל וואַסיליעוויטש, ווי גייט די ארבעט? קום, זעץ זיך צו א רעגע, פאַרייכער!

א ברייטפּלייציקער, פאַרשטויבטער טראַקטאָריסט שליסט אויס דעם מאָטאָר און לאָזט זיך שנעל מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו איציקן.

— זדאָראָוו בווו, איצקאָ! — רופט ער זיך אָן און ווישט אויס מיט א שטיק פּאַקליע די אויסגעשמירטע מיט מאַזוט הענט. — גייסט אזוי פרי צו דער ארבעט? וואָס זשע, מע דאַרף שוין שנײַדן די ווײַנטרויבן?

— ניין, נאָך ניט צײַט. נאָר ווי דו ווייסט, איז שטענדיק דאָ פאַראַן אַרבעט. אַגעוו, וואַסיל וואַסיליעוויטש, אַז מירן בעמען שנײַדן, קום אויך אונטערשטעלן אַ פּלייצע...

דאָס ברייטע אָפענע פּאָנעם פון דעם טראַקטאָריסט צעשמייכלט זיך:

— באַ מיר איז גענוג דײַגעס מיט מײַן פערדל אָן דײַנע ווײַנטרויבן. באַ אונדז, מעכאַניזאַטאָרס, איז דאָס וויכטיקסטע — ברויט...

— געוויס, — ווינקט אונטער קאַפּיטמאַן, — נאָר ווײַן קומסטו טרינקען צו אונדז!

— אַוואַדע! אַז עס איז דאָ ברויט, ווילט זיך אַ גלעזל ווײַן, איצקאָ. יאָ, און דו טרינקסט נאָך צוביסלעך?

איציק טוט אַ קניטש מיטן אַקסל.

— וואָס הייסט צוביסלעך? — פאַרטראַכט ער זיך. — שוין ניט יענע יאָרן, וואַסיל וואַסיליעוויטש, — אַ פּאָר־דרײַ גלעזער ווײַן טרינק איך נאָך אויס, קעדיי שטילן דעם דאָרשט. פריִער פלעג איך נעמען אַ דרײַ־פיר ליטער... באַ אונדז איז דאָך עמעסער ווײַן, ניט יענער, וואָס מע קויפט — „מיצנע“, „קרעפּליאַנע“, פון וועלכן מע ווערט גלײַך פריטשמעליעט. אונדזער ווײַן טרינק וויפל עס וועט אײַן דיר אַרײַן, און נאָר די שטימונג ווערט אַ ביסל פרייליכער. ס'איז ווי אַ גוטע רעפּוע...

איציק כאַפּט אַ קוק אַף דער זון און הייבט זיך אויף פונעם אָרט:

— וואַסיל, און וויפל צענטנער האָבן דײַנע כעוורע אַראָפּגענומען פון דעם פעלד?

— ווייסט דאָך, איצקאָ, דער ווינט און די רעגנס האָבן אויסגעלייגט די טווע, זי צוגעדריקט צו דער ערד, און ס'איז געווען שווער צו קאָסיען. נאָר צו פינף און דרײַסיק צענטנער פון אַ העקטאַר האָבן מיר דאָך אַראָפּגענומען... איבעראַיאָר וועלן מיר אַראָפּנעמען מער — מיר דאַרפן דאָך לייזן די דערנערונגס־פּראָגראַם...

— יאָ, דאָס איז עמעס. מע דאַרף אָבער, אַז די שטאָטישע פאַרגרייטונגס־אַנשטאַלטן זאָלן אויך אַרבעטן ווי עס דאַרף צו זײַן, — רופט זיך אָן איציק. — וויפל פרוכט, גרינוואַרג ווערט פאַרפאַלן אַף די געורטנער! וואָס זשע, מע איז קראַנק שיקן אַהער מאַשינעס, מע זאָל דאָס גוטס אַרויספירן צו דער צײַט אין שטאָט? און פאַרוואָס זאָל מען ניט אוועקשטעלן אין יעדן דאָרף אַ קאָנסערוון־פאַבריק, מע זאָל קאָנסערווירן די פּאָמידאָרן, אוגערקעס, טיקוועס, קאַכן וואַרעניע, דזשעם, פּאָווידלע? אָט וועט זײַן באַ אונדז אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועט מען דאַרפן שטעלן די פראַגע...

איציק ווערט נאָך מער ערנסטער:

— באַ אונדזערע קאָלווירטלער אין די ווײַנקעלערס שטייען אין די פעסער טויזנטער ליטער וווּנדערלעכער ווײַן — פאַרוואָס זשע קומען ניט אַהער די קאָאָפּעראַטאָרס און מע פירט ניט אַרויס? דאָס איז דאָך אַ גאַנצער פאַרמעגן!

איציק איז אײַן קאַס אַף די קאָאָפּעראַטאָרס און זידלט זיי מיט די לעצטע ווערטער:

— וואָס זשע, איך בין דען ניט גערעכט, וועט איר זאָגן? איר האָט געזען, סאַראַ געװעטעניש פון אַבריקאָסן, עפּל, פּאָמידאָרן הײַנטיקס יאָר! און דאָרטן, אין די שטעט, וואַרט מען אַף זיי, מע שטייט שאָענווײַז אין די רייען... איר וואָלט געדאַרפט אָנשרײַבן וועגן דעם אין די בלעטער, די קאָאָפּעראַטאָרס גוט דורכנעמען!

איציק איז אופגערעגט ניט אַף קאַטאָוועס. ער איז דער באַלעבאָס פון דער ערד און וויל, אַז מענטשן אין שטאָט זאָלן געניסן פון זײַן האָרעוואַניע און פון דער האָרעוואַניע פון הונדערטער אַזעלכע, ווי ער, ערד־האָרעפּאַשניקעס.

פאַר די אויגן האָט זיך אויסגעשטעלט אַן אומגעווייִנלעכער וואַלד — אַ וואַלד פון גרינע לאָזעס, וועלכע לויפן אַראָפּ־באַרג, נעענטער צום דניעסטער, וועלכער איז באַגילדעט פון דער רײַכער זון.

אונטער די גרויסע לאַפּעטע־בלעטער, געדיכט באַשפּריצטע מיט קופּער־קופּאָראָס, גלאַנצן די געדיכטע, שוואַרצע הענגלעך ווײַנטרויבן. עס נעמען זיך אָן מיט זאַפט די געשמאַקע יאַגעדעס. אָט קומט שוין באַלד אָן די צײַט, ווען דער ווײַנגאָרטן וועט אופגעלעבט ווערן און דער יאַרוגער אָוילעם וועט זיך אַהער צונויפקומען אַראָפּצונעמען די ווײַנטרויבן.

איציק שטעלט זיך אַפּ לעבן אַן אַלטער לאָזע אַ שײַנענדיקער, אַ גליקלעכער, באַטראַכטנדיק די הענגלעך.

— דאָס זײַנען ציטעריקע געוויקסן, ווי קליינע קינדער, — רופט ער זיך אָן, און די אויגן בלאָנקען אין דעם אומגעוויינלעכן וואַלד פון גרינע לאָזעס. — איר שטעלט זיך דען פאָר, וויפל האָרעוואַניע דאָ איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן?

ער קוקט זיך ארום אין אַלע זײַטן, זוכט זײַנע כאַווירים און שרײַט הויך, צונויפֿליגנדיק די דלאַניעס:

— היי, אַלעקסאַנדער! סניטמאַן, ווו זײַנט איר?..

— מיר זײַנען דאָ! — דערטראָגט זיך אין א רעגע ארום א קאָל, און צום וועג גייען ארויס צווי מאַנצבלען: דער ריגעלער אַלעקסאַנדער בלאַגאַי און איציקס שאָכן, זײַן אַלטער גוטערברודער, יויסעף סניטמאַן. ביידע מיט מאַטיגעס אין די הענט.

פון דער אַנדערער זײַט קומט צו גיין ניקאַלײַ דאַבראַװאַלסקי, מאַיסיי קאַראַװקאַ, פּעטראָ מאַלענקי, מיכײַלאָ זאַכאַרטשוק.

מע גריסט זיך פֿרײַנטלעך מיט איציקן, מע איז אים מעכאַבעד מיט א ציגאַר טוטיק, און פּאַר עטלעכע מינוט פֿונעם „פּערעקור" דערוויסט מען זיך וועגן די נײַס, וועלכע יעדער איינער האָט געבראַכט פון דער היים.

— איר זעט, א גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל בא אונדז אין רינג, — שמייכלט אונטער קאָפּיטמאַן, — דער רינגלער אַלעקסאַנדער בלאַגאַי איז אַ אוקראַינער, פּעטראָ — א מאָלדאַװאַנער, דאַבראַװאַלסקי — פון די פּאָליאַקן, זאַכאַרטשוק, קושניר — אוקראַינער, נו און איך און יויסעף זײַנען יידן. א פֿײַנע מישפּאָכע?

— אַוואַדע לעבן מיר, ווי איין מישפּאָכע, — רופט זיך אָן אַלעקסאַנדער בלאַגאַי. — און וויאַזוי קאָן דאָס זײַן אַנדערש, אז אַף דער ערד האָבן נאָך געאַרבעט צוזאַמען אונדזערע עלטערזיידעס, די זיידעס און טאַטעס. דערצו נאָך איז אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַרפּיקסירט מיט בלוט, וואָס מיר האָבן פֿאַרגאָסן אַף די פראָנטן. אָט מײַנע כעוורע, — האָט ער א ווײַז געטאָן אַף די יונגען, וועלכע זײַנען געזעסן באַנאַנד האַלב-אַנטבלויזטע מיט פֿאַרברוינטע לײַבער, — זיי וויסן וועגן דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פון קינאָ-פֿילמען. און איך, איצקאָ קאָפּיטמאַן, יויסעף סניטמאַן — מיר זײַנען געווען אפֿן פראָנט. ביז בערלין דערגאַנגען, זיך אומגעקערט אַף אונדזער ערד מיט אָרדענס און מעדאַלן. בא מיר און בא איציקן זײַנען פֿאַראַן סאָלדאַטסקע „סלאַוועס". ביידע זײַנען מיר געווען אין דער מאַטושקאַ פּעכאָטע, אין ראַזוועדקע...

די אַרומיקע הערן זיך אופֿמערקזאַם אײַן אין די ווערטער פון זייער רינגלער, מ'איז מעקאַנע די באַיאָרטע מענטשן, די וועטעראַנען פון דער מילכאָמע און פון דעם קאָלווירט...

דער קורצער „פּערעקור" האָט זיך געענדיקט, און די מענטשן מיט די מאָטיגעס גייען אוועק צו די רייען ווײַנטרויב-לאָזעס.

שטיל איז אפֿן ווײַנגאָרטן. פֿון מאָל צו מאָל הערט מען דאָ און דאָרט בלויז איינצלנע אויסגעשרייען, א געלעכטער. די זון ברענט. צײַטנווײַז קומט מען זיך צונויף צום וועג, ווו עס שטייט א גרויסע דייזשע פֿרישע קוואַל-וואַסער, וואָס עמעצער האָט געבראַכט. מע טרינקט זיך אָן, מע שטילט דעם דאָרשט, און מע נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט.

פֿונעם דניעסטער דערטראָגן זיך אַהער די סיגנאַלן פון באַרזשעס. הויך אין הימל, איבערן גרענעצלאָזן קאָלווירטישן ווײַנגאָרטן, זינגען פֿייגל. זיי פֿאַרקלײַבן זיך אין דער געדיכטעניש פון די הונדערטיעריקע בונטע ניסנביימער, וועלכע הייבן אוף זייערע מעכטיקע קרוינען אין פֿאַרשיידענע עקן פֿונעם ווײַנגאָרטן.

אין ווײַנקעלער

אינעם קאַלטן קאָלווירטישן ווײַנקעלער איז איצט אויך א הייסע צײַט.

אייגנטלעך, איז דאָס ניט בלויז א ווײַנקעלער, נאָר א גאַנצע ווײַן-פֿאַבריק. א מעכטיקע געראַמע געבײַדע מיט דיקע שטיינערנע ווענט, א פֿולער הויף מיט דעמבענע טשאַנעס און דייזשעס, וואָס זײַנען שוואַרץ פון דער צײַט.

די גרויסע באַלעבאַטישקײַט האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום באַרג-שטראָם, און ווען מע דערנעענטערט זיך צו אָט דעם ווינקל, דערפֿילט מען גלײַך דעם שטאַרקן גערוך פון ווײַן.

אינעם הויף און אין דער גרויסער געבײַדע, ווו עס האָבן זיך אויסגעשטעלט די דיקע דעמבענע דייזשעס און טשאַנעס, איז רוישיק. די מעכאַניקער פֿאַרענדיקן רעמאָנטירן די פּרעסן, וועלכע וועלן אינגיכן אופֿנעמען הונדערטער מאַשינעס יאַגעדעס, וואָס מע וועט אַהער ברענגען פון די ווײַנגערטנער.

דאָוויד פערמוט און זײַן שוועסטער ראָזע — ביידע זײַנען אַוואַנגאַרדיסטן פונעם קאָלווירט

וולאַדימיר וואַרגעלעץ, דער בריגאַ־דיר פון דער ווײַנגאָרטן־בריגאַדע, איז פאַרהאַוועט. אַט דער יונגער, וווקסיקער מענטש מיטן כיינעוודיק־פאַרברוינטן פון די ווינטן און פון דער זון פּאָנעם, איז שוין הײַנט אויסגעוועזן אַלע גערטנער־באַצירקן, אומעטום זיך געייצעט מיט די מענטשן, וויאַזוי בעסער אַראָפּנעמען די גערעטעניש און גיכער זי ברענגען אויף איבערצואַרבעטן.

קנאַפּע הונדערט פּופּציק העקטאַר ווײַנגערטנער, און יעדע לאָזע פּאָדערט האַרעוואַניע, אופמערקזאַמקײַט. קיין סאַך מענטשן זײַנען ניטאָ אין דער בריגאַדע, און מע דאַרף זיך אונטערגאַרטלען. די זשוואווע באַנדערס גרייטן די פּעסער און טשאַנעס, אַנדערע קאַלכן די ווענט. מע גרייט זיך, ווי צו אַן עכטן יאָמטעוו, ווײַל ווען עס קומט די צײַט פון קוועטשן דעם ווײַן, איז טאַקע ניטאָ קיין גרעסערער יאָמטעוו, קיין גרעסערע פרייד! דאַן קומט אויפן ווײַנגאָרטן און אויף דער ווײַן־פאַבריק קליין און גרויס, און פאַר אַלעמען סטײַעט אַרבעט.

דאָוויד פערמוט איז איצט זייער פאַרהאַוועט. ער גייט אַרום איבער דער גרויסער געבײַדע, וואָס די קאָלווירטלער האָבן אָקאָרשט אויסגעקאַלכט, און קוקט זיך צו מיט זײַן געניט אויג. אין איין האַנט האַלט ער דאָס קעסטל מיטן קלאָפּערגעצײַג און די זעג, אין דער אַנדערער — דאָס העקל. דאָ איז די טיר איבערגעקרימט, דאָרטן דאַרף מען פאַריכטן אַ פענצטער. פערמוט איז ניט בלויז אַ גאָלדענער סטאָליער און טעסלער. דאַרף מען — איז ער אויפן ווײַנגאָרטן, דאַרף מען גראָבן די בורועקעס אויף דער פּלאַנטאַציע — איז ער דאָרטן. אַ קליינוווקסיקער, בלאָנדער, בלוי־אויגיקער, אַ פּופּציקיאָריקער, געהער ער אויך צו די פּאַטאָמסטווענע יאָרו־גער פּויערים. ער האָט דאָ אַ שעם פון אַ גוטן באַלמעלאָכע, וועמען קיין זאַך איז ניט פרעמד און קיין זאַך איז ניט שווער.

אַט דאָ, אין יאַרוגע, איז ער אויסגעוואַקסן און געמאַכט זײַנע ערשטע טריט. ער איז נאָך געווען גאָר אַ יינגל, ווען איינער פון די בעקאַוועדיקסטע מענטשן פון יאַרוגע, כאַים דיניס, האָט אים גענומען צו זיך און אויסגעלערנט אים האַלטן אַ האַק און אַ זעג אין האַנט. כאַים דיניס איז שוין אַריבער די אַכציק, נאָר ער העלפט נאָך אונטער אין דער באַ־לעבאַטישקײַט. ער איז פון די ערשטע יישוווניקעס, וועלכע האָבן געגרינדעט דעם אָרטל. עטלעכע יאָר איז ער געווען פּאַרזיצער פון דאָרפסראַט, דערנאָך געווען בריגאַדיר פון די קאָלווירטישע בויער, און אַלע סטאָליערס און טעסלער זײַנען דורכגעגאַנגען כאַים דיניסעס שול.

אין יאַרוגע שטייט אַ וווּנדערלעך קולטור־הויז, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ גוטער שטאָט, אַ פּראַכטפולער שפּיטאָל, אַ גוטע באָד און אַנדערע געבײַען, שוין ניט רײדנדיק וועגן דער פּי־פערמע, שטאַלן. אין די געבײַדעס האָט אַרײַנגעלייגט דאָס האַרץ מיט דער בעשאַמע דער אַמאָליקער בריגאַדיר כאַים דיניס. און איר וועט ניט זאָגן, קוקנדיק אויף דעם דאַרן, אונטערגעצויגענעם, שטײַפן מענטש, אַז ער האָט שוין אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פונעם אַכטן צענדליק. דער סאָד, זאָגט ער, איז אַ פּאָשעטער: אַרבעט! וויפל מע זאָל ניט זײַן אַלט, זאָגט דיניס, דאַרף מען ניט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און ניט צונויפלייגן די הענט. און טאַקע, טרעט אַריבער דאָס שטיינערנע פּלויטל און גייט אַרײַן אין זײַן גאָרטן, וועט איר זען, ווי שיין די ערד איז דאָ באַאַרבעט. קיין איבעריק גרעזל וועט איר צווישן די אַקוראַטע רייען ווײַנטרויבן־לאָזעס ניט געפינען. ביז איצט הייבט זיך אָן דיניסעס אַרבעטסטאָג נאָך איידער די הענער קרייען און איידער די יאַרוגער טשאַטעס געגנדז גייען אַרויס אויפן שליאַך און לאָזן זיך מיט אַ מוירעדיק גראַגערן אַראָפּ־באַרג צום דניעסטער־ברעג.

אָבער וואָס איז פאַר אַ יאַרוגער אַכציק יאָר! דאָ לעבט מען לאַנג. נעמט, לעמאָשל, שימען פויגעלן — איינעם פון די ערשטע קאָלווירטלער און עכטע מײַסטערס פון מאַכן ווײַן. ער איז אַלט אַן זעקס יאָר, זאָגט ער, אַ מייע! עמעס, די לעצטע פּאָר יערעלעך גייט ער שוין ווײַטער פון דער שטוב ניט אַרויס און מוז אָנקומען צו דער הילף פון דער טאָכטער

זײַנער, רייזען, וועלכע איז אין יאַרוגע די באַלעבאַסטע אין קינאָ־טעאַטער. א טײַערע טאָכטער, א געטרײַע. כוץ דעם, וואָס זי אַרבעט אין קינאָ, שטעלט זי נאָך אונטער א פּלייצע אין אַרטעל, ווען עס מאַכט זיך דאָרט א סאַך אַרבעט און מע נייטיקט זיך אין הילף.

זיצט בא דער שוועל פון זײַן שטוב, וואָס אינמיטן יאַרוגע, דער אַלטער שימען פוּיגעל און באַטראַכט די כעוורע, וועלכע קומען צו אים צו, שפּאַרן זיך צו און הערן די געשיכטעס פון יאַרוגע, וואָס דער אַלטער האָט ליב צו דערציילן, אָדער ער דערציילט וועגן דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען ער איז געווען א סאָלדאַט און איז אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין פּלען...

אָפטלעך קומט צום אַלטיטשקן זײַן גוטער שאָכן און יונגער פרײַנט מענאַכעם באַריווקער, אויך א פּאַטאָמסטווענער יאַרוגער פּויער. פאַר דער מילכאָמע האָט באַריווקער געאַרבעט בא דיביסן אין בריגאַדע, געווען א גוטער בויער, שפּעטער האָט ער געענדיקט פּעדאַגאָגישע קורסן און איז געוואָרן א לערער אין שול. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, זײַנען דרײַ ברידער באַריווקער

דער וועטעראַן פונעם קאָלווירט און פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע מענאַכעם באַריווקער

אַוועק אפן פראָנט. צוויי זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, און מענאַכעם איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע מילכאָמע, געווען קאָמאַנדיר פון א האַרמאַטן־באַטאַרייע, אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר בערלין. מענאַכעם באַריווקער האָט מיט זײַן באַטאַרייע זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן בא קורסק — אָריאָל, אין פּוילן, אין דײַטשלאַנד. און אויב עס וועט אײַך אַרײַנפאַלן אין די הענט דער בוך זיכרוינעס פונעם גענעראַל־לייטענאַנט הירש פּלאַסקאָוו, וועט איר דאָרט קאָנען איבערלייענען, וויאַזוי עס האָט זיך העלדיש געשלאָגן דער אַרטילעריסט מענאַכעם באַריווקער. זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, האָט מענאַכעם ווידער געאַרבעט עטלעכע יאָר אין שול. איצט איז ער אַן אַקטיווער טוער אין יאַרוגע, און אין דער פרײַער צײַט זאַמלט ער מאַטעריאַל, קעדיי אָנשרײַבן די געשיכטע פון זײַן לײַבלעכער היים, ווי אויך וועגן דעם שלאַכטוועג פון זײַן אַרטילעריע־טייל.

אין א ווינקל שטייט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אין א צעכראַסטעט העמדל, א וווּקסיקער, בלאָנדער גוואַר מיט גרויסע שמייכלענדיקע ליכטיקע אויגן. ער טיילט זיך אויס פון אַלע, וועלכע אַרבעטן דאָ. ווען ער טוט א בעם א דעמבענע פּאַס, דאַכט זיך, אַז די פּאַס וועט אין זײַנע מעכטיקע הענט באַלד פּלאַצן. דאָס איז הערשל בורקיס.

— הערשל, וואָלסט געדאַרפט גיין אפן סטאַדיאָן שטעלן וועלט־רעקאָרדן פון הייבן די שטאַנגע, און דו פאַרעסט זיך גאָר בא די פּעסער! — שפּאַסן איבערן גוואַר די כעוורע, וועלכע אַרבעטן באַנאַנד מיט אים.

הערשל בורקיס שמייכלט אונטער. ער האָט גראַדע ליב, ווען דער אוילעם מאַכט זיך פריילעך.

דאָך סטאַרען זיך די ווייצלער זיך האַלטן עטוואָס ווײַטער פון אים — ער קאָן אין א שפּאַס א כאַפּ טאָן א פּאָר פעסטע יונגען און זיי אונטערוואַרפן אין דער לופטן, אָדער אַזוי א קוועטש טאָן, אַז די ביינער זאָלן בא זיי סקריפּען. און אויב איר גלייבט ניט, קאָנט איר דערלאַנגען הערשל בורקיסן א פּאָדקאָווע, וועט ער זי אין איין אויגנבליק צעברעכן.

אַנומלטן איז געקומען א פאַרשויך מיט א וואָגן, אָן אָנגעלאָדענעם מיט זעק און פּעק. דערזען הערשלען און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ ברייטפּלייציקן גיבער, און ער האָט א פּרווו געטאָן זיך כאָכמענען. איז הערשל צוגעגאַנגען צום וואָגן, א ווונק געטאָן צום גרויסן אוילעם, וואָס איז זיך אַהער צונויפגעלאָפן א קוק טאָן, ווער עס שפּאַסט מיט הערשלען, אונטערגעשטעלט אַן אַקסל אונטערן געלאָדענעם וואָגן, אים אונטערגעהויבן און איבערגעקערט.

אויך איצט, בא זײַנע זעכציק יאָר, האָט הערשל בורקיס ניט אָנגעווירן די גווורע זײַנע, און דאָרט, ווו עס שטייט פאַר א שווער שטיקל אַרבעט, רופט מען אים.

הערשל בורקיס, דער „שימשון האגיבער", באוויַיזט זײַן קויעך

העכער דרײַסיק יאָר ארבעט הערשל אין יארוגער ארטעל, און קיינער געדענקט שוין ניט, ווי ער, א יונגער, שטארקער באָכער, איז געקומען קיין יארוגע פון יענער זײַט דניעסטער. ער איז אמאָל אריבערגעשווומען אהער פון יענער זײַט טײַך און דערזען א וואונדער־שיין יארוגער מיידל וואשן גרעט אפן ברעג. און מע דארף זאָגן, אז יארוגע האָט געהאט א שעם מיט אירע שיינע קאַלעס. א וואָרט פאר א וואָרט, דער באָכער האָט אָנגעהויבן אָפטער קומען. ער האָט זיך אײַנגעליבט און אינגאנצן פארלוירן זײַן רו. און אין א שטיקל צײַט ארום האָט מען אָפּגעשפילט א פריילעכע כאסענע. דער בעסאראבער גוואר, דער ארבעטזאמער הערשל בורקיס, איז אף שטענדיק געבליבן א היגער.

נאָר וואָס זשע, זײַנע צוויי זין האָבן זיך דאָ לאנג ניט פארהאלטן. איינער ארבעט אין קעשענעוו אף א גרויסן זאוואָד, און דער צווייטער אף אוראל. ווען הערשל ענדיקט אין ארטעל און בא זיך אפן גאָרטן אלע ארבעטן, נעמט ער דאָס טשעמאָדאנטשיקל און לאָזט זיך אין ווײַטן וועג. מע דארף דאָך א קוק טאָן, וואָס עס טוען דאָרט די זין און די אייניקלעך!

ווען איר וועט פאָרן מיטן גרויסן וועג פון מאָלעוו קיין יאמפאָל, לענגויס דעם אוראלטן דניעסטער, שטעלט זיך אָפּ אפן 22־טן קילאָמעטער און פארקערעוועט אף רעכטס. איר וועט פאר זיך דערזען א וואונדערלעך ווינקל — גרינע בערג און טיפע טאָלן, סעדער און ווײַנגערטנער באם סאמע דניעסטער, צווישן מעכטיקע פעלדזן און שטיינער. דאָרט רוישט שטענדיק א פרישער לעבעדיקער בארג־שטראָם, וואָס צעטיילט ביידע טיילן יאר. פון איין זײַט ליגט דאָס אלטע אוקראַיִנישע דאָרף, און פון דער צווייטער זײַט — דאָס גרײַז־גראָווע שטעטל, אָדער דער יִשעוו — יארוגע. דאָרט לעבן ווי גוטע שכיינים און פרײַנט רוסן, יידן, אוקראַיִנער, מאָלדאוואנער. די מענטשן זײַנען פארליבט אין זייער ערד, זיי באארבעטן זי שוין ווער ווייסט וויפל דוירעס. און אלץ איז דאָ בעשוטפעס — פריידן און ליידן, יאָמטויווים און מאָלצײַטן, גליק און אומגליק. און אין די שווערסטע שאָען פונעם לעבן קומט מען צוהילף איינער דעם אנדערן.

און אז איר וועט ארײַנקומען קיין יארוגע, זאָלט איר פארקערעווען צום גרויסן קולטורהויז, צו דער קאָנטאָר פונעם קאָלווירט, וואָס טראָגט וו. אי. לענינס נאָמען. דאָרט, אפן פלאַץ, באם מאָנומענט לעקאָוועד די סאָלדאטן, יארוגער, וועלכע האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן פארטיידיקט די ערד, די סאָוועטישע ערד פון די פאשיסטישע טאליאָנים, וועט איר זען ברייטע טאָוולען, אף וועלכע עס זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פון די יארוגער קאָלווירטלער — האָרעפּאשניקעס, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט געווער אין די הענט, און איר וועט שטילערהייט איבערלייענען די נעמען פון די געפאלענע יארוגער סאָלדאטן: ... ב. אלטמאן. פּ. באליטשקאָ. כ. באָריוקער. פּ. באָראָווסקי. בראצלאווסקי. באָיקאָ. בוביס. בארענבוים. וואָיטענקאָ. וואָיצעכאָווסקי. ווײַסבערג. וודאָוויטשענקאָ. גרינבערג. גאָלדפארב. גובאנאָוו. גאָלדשטיין. גאָצול. גוטענמאכער. גלוזמאן... זאכארטשוק. קושניר. קעסעלמאן. קאליניטשענקאָ. מראטשקאָווסקי. פויגעל. פיש. צימבאליוק... העכער 200 שלאַכטלײַט פון ביידע זײַטן יארוגע...

זיי האָבן פארטיידיקט זייער הייליקע ערד.

בא דעם מערקווירדיקן מאָנומענט ליגן שטענדיק פרישע בלומען.

איבער יארוגע זײַנען דורכגעגאנגען גרויסע שטורעמווינטן, אָבער יארוגע לעבט, בליט, ארבעט, שאפט. עס לעבן דאָ ערלעכע האָרעפּאשניקעס אין איק גרויסער ברידערלעכער מישפּאָכע. און אין די שטילע פארטאָגן, ווען דער אוילעם לאָזט זיך אוועק אף די פעלדער, צו די פערמעס, דערטראָגט זיך פון אלע זײַטן:

— גוטמאָרגן! דאָברי דען! זדראָווענקי בולי...

בראָכע און ארן בורשטיין

שענק א זון-פארגאנג דעם מענטשן

שפּעט אין דער נאכט, בא דער ניט העלער שייַן פון דער הויכער פּאָליאַרער זון איבער דער פּלאַטשיקער, קימאַט איליוזאָרישער טונדרע, אין א וואגאָן פונעם באַן, וואָס האָט אונדז געפירט פון דודינקע קיין נאָרילסק, האָט צווישן אנדערע שכיינים, טוריסטן, איינער געהאַלטן אין איין טייַנען:

— ווער דארף האָבן אזא פּאָרעניש בעשאַסן אורלויב?

— דאָ איז דאָך ניטאָ אף וואָס צו קוקן!

ניטאָ אף וואָס צו קוקן... סארא ווערטער צוגעקליבן!

אוּן מיר דערמאָנען זיך א פאַל, שוין גאָר אין אן אנדער עק וועלט. אפן בלענדיק-ווייַסן ברעג פון דער הימל-בלויער אָזערע סעוואַן האָט א גיד פון דער יערעוואנער טוריסטישער באַזע, א פארליבטער אין די שיינקייַטן פון זייַן זוניק לאַנד, דערציילט פאַר א גרופּע טוריסטן, אז ניט ווייַט פון דער אָזערע, אין א וואונדערלעך שיינעם טאָל, ארומגערינגלט מיט פעלדזן, ליגט דער באַרימטער קוראָרט ארזני. מינעראַלע גאַזוואַסער שלאָגט דאָרט ארויס גלייַך פון אונטער דער ערד.

— ווער ס׳וואַשט אָפּ כאָטש איין מאָל דאָס פּאָנעם מיט אָט דעם וואַסער, פארהיט זייַן יוגנט אף אייביק, — האָט דער גיד זיך א כאָכמע געטאָן.

אים איז, אפּנים, געפעלן געווען, וואָס די רייַזנדער האָבן זיך אויסגעבראכט און ניט ווינציק זיך אָנגעמאַטערט אין דער נעסיִע פון עטלעכע טויזנט קילאָמעטער, קעדיי זיך צו באַקאָנען מיט די מערקווירדיקייַטן פון זייַן קאַנט, און ס׳האָט זיך אים זייער פאַרוואָלט ווי ווייַט מעגלעך אָפּצודאַנקען זיי אַלעמען מיט עפּעס מערקווירדיקס. האָט ער פאַרגעלייגט די טוריסטן, כאָטש ער איז גאָר ניט מעכוייעוו געווען דאָס צו טאָן, אומקערן זיך צוריק אין שטאָט אַרייַן מיט אן אנדער וועג, א זעלטן שיינעם, וועלכער גייט דורך פאַרבייַ טאַקע יענעם קוראָרט ארזני. ער האָט, נעבעך, געהאַט א גרויסן טאָעס! צוערשט האָט דער אוילעם אומצופרידנקייט...

אומצופרידנלעך צוגעשוויגן, און ווייַטער האָבן א סאַך קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פון דער רייַזע: אין די פּוטיאָווקעס, זעט איר, איז דאָס ניט פאַרשריבן, וואָס זשע דארף מען אָנלייגן וועג?

אונדזער זיידע רעב פּייַוועלע, אָלעווהאַשאָלעם, איז געווען זייער א קלוגער ייִד, פלעגט ער האָבן א ווערטל: „אָדער מע דארף ניט, אָדער ס׳העלפט ניט“. דאָס איז געווען ניט איבגאַנצן קלאָר. ערשט איצט, מיט א סאַך יאָרן שפּעטער, זייַנען מיר געקומען צום געדאַנק, פאַרוואָס דער זיידע איז געווען גערעכט: ער האָט טאָמיד געהאַט צו טאָן אויסשליסלעך מיט קלוגע מענטשן — איז פאַר זיי געווען צוגעפּאַסט אַזאַ ווערטל. דער ארמענישער גיד איז אויך געווען ניט קיין נאַר, איז ער געקומען צום ריכטיקן באַשלוס: ער האָט מיטאָמאָל געמאַכט א סאָף צו דער דיסקוסיע און זיך אייַנגעשלאָסן אָף דערציילן א מייַסע פון דער געשיכטע פון זייַן פאָלק. קיינעם דערווייַל ניט אויסגעזאָגט, אַז אף אייגענער אכרייַעס האָט ער פאָרט געבראַכט דעם אווטאָבוס מיטן אוילעם קיין ארזני...

פון זינט דאָס האָט פּאַסירט זייַנען אויך שוין אוועק שיינע עטלעכע יאָר, און מיר קאָנען ניט אָרעוו זייַן, אז יעדערער פון יענע טוריסטן, וועלכע האָבן דענסטמאָל קעגן דעם אייגענעם ווילן באַזוכט דעם קוראָרט ארזני און אייַנגעטוקט דאָס פּאָנעם אין מינעראַלן קוואַל-וואַסער, האָט זיך פון יענער צייַט אף קיין קאָפּ ניט געעלטערט, אָבער פאַרגעניגן האָבן זיי געהאַט פון אָט דעם באַזוך אָן א שיר, אַלנפּאָלס מער,

אידער זיי וואָלטן געהאט ארומגעלאָפן, ווי עס פירט זיך אָפּט, איבער די קראָמען, קעדיי זיך אײַנשאפן עפּעס א זעלטענע זאך.

מיר ברענגען דאָ ניט קיין אויסגעטראכטע מײַסעס. דאָס אלץ האָבן מיר געזען מיט די אייגענע אויגן. און אָט איז נאָך איין געשיכטע, וועלכע איז פארלאָפן גאָר אין אן אנדער אָרט, א דערווײַטערטן פון ביידע ערשטע מיט נאָך טויזנטער קילאָמעטער — אפן ווײַטן מיזרעך. דער נײַגער צו אויסקוקן אלץ נײַע און נײַע ערטער האָט אונדז פארפירט אזש אף קאמטשאטקע, קיין פּעטראָפּאוולאָווסק. אונדזער לופט־רײַזע האָט זיך שוין קימאט פארענדיקט, מיר האָבן זיך באזאָרגט מיט בילעטן אף דער גרויסארטיקער שיף „סאָוועטסקי סאָיוז" און דעם קומענדיקן אינדערפרי געזאָלט אָפּשווימען קיין וולאדיוואָסטאָק. איין לעצטן אָונט אפן „סאָף פון דער ערד" האָבן מיר באשטימט נאָכאמאָל זיך געזעגענען מיט דער שטאָט און מיטן יאם. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום באליבטן אָרט פון די קאמטשאדאלן — אפן ניקאָלסקער בארג, וועלכן מע רופט דאָרט „די סאָפּקע פון ליבע".

ס'איז געווען אָנהייב זומער. פרישע גראָזן האָבן שוין געדיכט פארגרינט די זײַטן פונעם בארג, אָבער די דאָרטיקע מערקווירדיקײַט — די „שטיינערנע" בערעזעס — זײַנען נאָך געשטאנען נאקעטע, אײַנגעהויקערטע און אײַנגעשרומפּענע אין טראגישע פּאָזעס, ווי א מין אבסטראקטע פארקערפּערונג פון שטאנדהאפטיקײַט — שטאנדהאפטיקײַט קעגן די בייזע ווינטן, קעגן די פרעסט, בוראנען און אנדערע אָנשיקענישן. מיטן סערפּאנטין פון דער סטעזשקע זײַנען מיר דורכגעגאנגען פארבײַ די בערעזעס, פארבײַ דעם הארמאט — א דענקמאָל לעקאָוועד דער העלדישקײַט פון דעם רוסישן גארניזאָן פונעם האלב־אינדזל אינעם פריִערדיקן יאָרהונדערט. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אפן שפּיץ בארג, ווו ס'האָט זיך אָנגעשפּארט אין די הימלען דער טעלעוויזיע־טורעם, א בונטער, ווי א נײַיאָריקע יאָדלע, באפּוצט מיט רויטע פײַער־קארעלן.

ס'איז געווען פאר דער שקיִע. אָן וועלכער ניט־איז סיבע האָט זיך דאָרט געטראכט פון זיך אליין, אז דאָס איז שוין טאקע דער עמעסער עק וועלט, די זון גייט אָט באלד אוועק, נאָר זי וועט נאָך שאָענלאנג וואנדערן איבער די ראכוועסן פון אונדזער לאנד, איבער פארשיידענע באקאנטע און אומבאקאנטע שעטאָכים. אפן שיפּוי פונעם בארג, באם יאם, האָבן מיר אויסגעזוכט אן איינזאמע באנק און זיך צוגעזעצט. אונטער אונדז האָט זיך צעשפּרייט די וואטשינער בוכטע. ס'איז געווען שטיל, בלויז צײַטנווײַז האָט א פריש ווינטל פונעם יאם דערטראָגן צו אונדז א פריילעך יונג געלעכטער, קלאנגען פון מוזיק דורך פּאָרטאטיווע טראנזיסטאָרס. אָבער דאָס אלץ האָט בלויז אונטערגעשטראָכן די שטילקײַט, וועלכע האָט געהערשט איבער דער וועלט.

דאָס האָט אויסגעזען ביז גאָר שיין. א ליִלאָווע רויכל האָט פארוואָלקנט די סאָפּקעס, צעשמירט די קאָנטראסטן. דאָס וואסער אין דער בוכטע איז געוואָרן גרינלעך און דער הימל איבערן קאָפּ און איבערן וואסער איז אויך געווען אף אזויפיל בלוי־גרינלעך, אָנברעגיק, אז עס האָט זיך געדוכט: ניט קיין הימל איז עס, נאָר הינטער די סאָפּקעס איז צעגאָסן דער יאם און שפּיציקע היטלען פון וואָלקנס שוועבן איבער אלץ, ווי אינדזלען אין יאם בייס א נעפּל.

די זון האָט זיך באהאלטן. צי עפּשער איז זי שוין פארגאנגען און אירע צוגעלאָשענע שטראלן האָבן באם סאמע האָריזאָנט אָפּגעשײַנט אפן ראנד פון א קײַלעכדיקן, טונקלגרויען וואָלקן, און עפּשער, פארקערט, האָט דער וואָלקן זי פארשטעלט, נאָר פון דאָרטן, פונויבן, האָבן זיך פּלוצעם א שאָט געטאָן אפן וואסער גאנצע הויפנס צירונג — דימענטן, רובינען, און איבער דער זײַדענער אויבערפלאך פון דער בוכטע האָט זיך צעפינקלט־צעשפּילט א גאָלדענע סטעזשקע מיט שטערן און פלאטערלעך. א וואונדער!

מיר האָבן זיך פארקוקט אף דער שיינקײַט, אפילע געפּרוווט עפּעס פאָטאָגראפירן, באמיִענדיק זיך אָפּצושטעלן דעם אויגנבליק.

אזוי שטילערהייט, קוקנדיק אפן וואסער, האָבן מיר ניט טייקעף באמערקט, אז מיר זײַנען ניט אליין. פארבײַ אונדזער באנק האָט זיך אוועקגעקײַקלט בארג־אראָפּ א ריטשקעלע פון קליינע שטיינדעלעך. הינטער אונדז איז געשטאנען א פרוי פון אן אומבאשטימטן עלטער, אין גרויע מאלבושים, פּאָשעטע זאָקן, נאכלעסיק ארופגעצויגענע אף די דארע פיס. און דאָס פּאָנעם אליין פון דער פרוי האָט אויך אויסגעזען גרוי — א צעשמירטס און ניט קיין אויסדריקלעכס.

— מע מעג לעם אײַך זיך צוזעצן? — האָט זי א פרעג געטאָן.

אויב זאָגן דעם עמעס, איז זי אונדז דאָרט ניט אָנגעגאנגען, אָבער אז זי איז שוין בעמיילע דאָ... אונדזער שכיינע האָט זיך אוועקגעזעצט אף דער באנק, אראָפּגענומען די שיך פון די פיס, זיי האָבן, ווײַזט אויס, איר געקוועטשט. עפּעס האָט איר, אפּאָנעם, „געקוועטשט" כוץ די שיך, וואָרעם רויִק און שטיל איז זי ניט אײַנגעזעסן קיין רעגע. עטלעכע מאָל האָט זי געפּרוווט ארויסרופן אונדז אף א שמועס — וועגן דעם איבערגעפולטן אווטאָבוס, וועגן פּאָמידאָרן, וואָס מ'האָט פונקט אין יענעם טאָג אָנגעהויבן פארקויפן. קעגן דעם ווילן האָבן

מיר פאָרט געמוזט עפּעס ענטפערן איר, האָגאַם קורץ, אויסמײַדנדיק לאַנגע רייד. זי האָט אָבער געמיינט ניט דאָס.

— זאָגט מיר, וואָס קוקט איר דאָ אַזוינס אויס? — אירע ווערטער האָבן געהאַט אין זיך אַ בײַטאָם פון כשאַד. מיר האָבן זיך ניט באַליידיקט: לעם דער גרענעץ דאַרף יעדער אײַנער זײַן אויפמערקזאַם.

— קוקט זיך אַרום, קוקט זיך אײַן אינעם וואַסער, אין דעם הימל, — האָבן מיר איר געזאָגט, — ס'איז דאָך אַזאַ שיינקײַט...

זי האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס, באַקוקט אונדז ביידן, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און אָנגעשטעלט זיך מיט אירע טריבע אויגן אויפן וואַסער אין יאַם. אַ מין האַלבע מינוט האָט זי געשוויגן, אײַנקוקנדיק זיך אין גאָרנישט, מיסטאָמע ניט אײַנגעזען אין דער אײנפאַכער פאַר איר טאָגטעגלעכקײַט קיין אויסערגעוויינלעכס, אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און אַ וואָרטשע געטאָן:

— גראַמאָטנע איז מען געוואָרן... עפּעס קוקט מען דאָרט... — איר פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרדאַכט, גלײַך ווי מע נאַרט זי אָפּ, אַליין זעט מען דאָרט עפּעס אָדער מע קוקט אויף עפּעס אַרויס, און איר וויל מען ניט אויסזאָגן.

נאָר פּלוצעם האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— זעט נאָר! קוקט! סאַראַ רויטע פײַערלעך... — זי האָט ניט געפונען קיין ווערטער צו אויסדריקן אירע געדאַנקען, אויסמאָלן, וואָס זי האָט דאָרט געזען פאַר אַ וווּנדער, און זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דער ניט־אויסגעהאַלטנקײַט. אָבער איר פּאָנעם! דאָס פּאָנעם בײַ איר האָט זיך ווי געענדערט! ס'האָט אויפגעלעבט, די באַקן זײַנען פאַרוויטלט געוואָרן, די אויגן — זיך צעפלאַמט...

דאָרט, וווּהין זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט, האָבן זיך אויף דער גאָלדענער זוניקער סטעזשקע פריילעך צעטאַנצט פינקלענדיקע העל־רויטע פײַערלעך. ס'איז געווען מערקווירדיק. אָבער נאָך מערקווירדיקער האָט אויסגעזען, וויאַזוי פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך די ערשט נאָך ביז גאָר קאַלטבלוטיקע, לאַכלוטן ניט פילבאַרע פרוי פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנץ סימפּאַטישער. ערשט איצט האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז זי איז, ווײַזט זיך אַרויס, נאָך גאָר ניט קיין אַלטע, מע וואָלט געמעגט זאָגן — אַפילע אַ יונגע.

דאָס פאַרכאַפּנדיקע בילד פון דער נאַטור האָט זיך דערווײַל געוויקלט ווײַטער. דער ראַנד פון דער גרויסער כמאַרע איז פון אונטן פּאַמעלעך אָנגעשוואָלן געוואָרן מיט אַ העל־רויטן, פײַערלעכן פּורפּור, גלײַך ווי ס'וואָלט אַהין אָנגערונען צעשמאָלצן אײַזן. דאָס פײַער איז געוואַקסן, געוואַקסן, פּלוצעם זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן, ווי ס'וואָלט אַראָפּגעפאַלן אַ טראָפּן, און דער צעגליטער פלאַם־קײַלעך האָט זיך אַפּגיך אַוועקגעקאַטשעט באַרג־אַראָפּ הינטער די סאָפּקעס. ס'האָט גענומען גיך ווערן פינצטער.

— קומט, לאָמיר לויפן צום ברעג!

גענומען זיך פאַר די הענט, האָבן מיר שוין אינדרײַען זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ צום שמאָלן וואַסער־פּאַס. דאָס וואַסער אין דער בוכטע איז געווען שטאַרק ניט רויִק. כוואַליעס מיט די צעלאָזטע אַפּן ווינט שווערע טונקעלע פליגל, קאָקעטיש באַפּוצטע מיט ווײַסינקע געקרײַזלטע פעדערלעך, האָבן ווי לעבעדיקע באַשעפענישן זיך אָן אויפהער געטראָגן צום ברעג, נאָכיאָגנדיק איינע די אַנדערע. באַם ברעג האָבן זיי זיך אַלע נידעריק געבוקט, ראַשיק, מיט קראַפט זיך געוואָרפן דער ערד צו די פיס, זי באַלעקט און באַגאָסן מיט טרערן, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן אויף די הענט, און מאַכטלאָז, אָן כיישעק זיך אָפּגעקאַטשעט צוריק אויף באַפרײַען דאָס אָרט פאַר זייערע שוועסטער — טאָמער וועט יענע אָפּגליקן בעסער. קיין קויעך איבערצוכאַזערן דאָס זעלבע האָבן זיי מער ניט געהאַט, און אָפּטרעטנדיק, האָבן זיי הייזעריק, אומצופרידן געשורשעט מיט שטיינדלעך און זאַמד, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אויפן ברעג שיינע מאַטאָנעס פונעם יאַם — מעדוזעס, יאַם־שטערן, וועלן־ניט־וועלן אַ סימען פון אַ נעץ...

עמעצער האָט צעלייגט אויפן ברעג אַ שײַטער. אַ גראָבע בערוועגע האָט אָן ווילן געטליִעט און מיט יעדן בלאָז פונעם ווינט אויפגעהויבן צוזאַמען מיטן רויך אַ לאַנגע באָרד גאָלדענע שטערנדלעך. דאָס איז אויך געווען וווּנדערלעך־שיין. מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום פײַער, קעדיי אָפּטריקענען אונדזערע אונטערגענעצטע שיך. דאָס ווײַבל איז געוואָרן ערנסט, זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— באַ אונדז אויפן אַמור זײַנען די שקיִעס געוויס אויך זייער שיינע...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַליין איז זי פון כאַבאַראָווסק, אַרבעט דאָרט אין אַ בעקערײַ, אַהער איז זי געקומען, קעדיי זיך זען מיט דער שוועסטער, מע איז צעשיידט עפּעס אַרום אַ יאָר פופצן. דער קאַבאָלעס־פּאָנעם האָט זיך באַקומען באַ זיי אַ קאַלטער און אומעטיקער, האָגאַם אויף עפּעס אַנדערש האָט זי, ווײַזט אויס, ניט אַרויסגעקוקט:ביידע שוועסטער האָבן זיך אַלע יאָר ניט איבערגעשריבן און באַם באַגעגענען זיך האָט מען ניט געהאַט וואָס צו ריידן. נאָר די, וואָס מיר האָבן איצט באַגעגנט, האָט געהערט, אַז דאָ, אין פּעטראָפּאַוולאָווסק, קאָן זיך אײַנגעבן קויפן עפּעס אַזעלכס, וואָס באַ זיי אין כאַבאַראָווסק איז קלאָל ניט צו קריגן. לאָזט זיך

גאָר אויס א בוידעם: ס'איז פוסטע כאַלוימעס, קיינע כידושים זיינען דאָ ניט געקומען איך אנטקעגן, און די נעסיע האָט פאר איר פארלוירן דעם אינטערעס — אַן אומזיסטע אויסברענגעריי.

— אָבער אצינד, — איז זי זיך מוידע געווען, — וועל איך קאמטשאטקע פארגעדענקען אפן גאנצן לעבן! — און נאָך צוגעגעבן מיט ביטערקייט אין קאָל: — אניט האָב איך דען עפּעס געזען? בא זיך אפן טייך, אפן אמור, קיין איך־איינציק מאָל ניט געווען...

— איר ווינט ווייט פונעם טייך?

— צען מינוט גאנג. נאָר ס'איז אלץ קיין צייט ניט געווען: דאָס — די קינדער, דאָס — א געוועש... איצט זיינען די קינדער אונטערגעוואקסן, איז שוין קיין כיישעק ניטאָ... אָט אזוי האָב איך פאר אלע ניינצן יאָר, וואָס איך לעב באַם טייך, קיין איין מאָל זיך ניט אויסגעקליבן...

דאָס אלץ האָט זי אונדז דערציילט שוין אפן וועג צוריק. זי איז פארשוווּנדן געוואָרן אין דער צוגעפאלענער פינצטערניש, איבערלאָזנדיק בא אונדז א געפיל פון אומרו. ס'איז בעעמעס מאָדנע: אָט לעבט אָפּ א מענטש אזויפיל יאָרן אין עטלעכע טריט פון א בארימטן אין דער גאנצער וועלט טייך, און אפילע קיין איין מאָל האָט זי ניט דערפילט א מינדסטע באדערפעניש זיך אָפּשטעלן, ארומקוקן זיך, אויסדרייען צום טייך דעם קאָפּ... און, אגעוו, קיינעם פון די מענטשן, וואָס האָבן זי ארומגערינגלט, האָט דאָס ניט אויסגעזען ניט נאָרמאל.

מע וואָלט געקאָנט קלערן: מיילע, אז א מענטש באגאנוועט זיך אליין — וואָס דארף דאָס עמעצן ארן? אָבער צו אזא דערשיינונג דארף מען צוגיין פרינציפּיעל. מע טאָר ניט שטיין אין א זייט, וואָרעם ס'איז שווער זיך פאָרשטעלן, אז א מענטש, וואָס קאָן גלייכגילטיק דורכגיין פארביי עכטער נאטור־שיינקייט, פארביי אַן אויסערגעווײנלעכקייט, דורכגיין און דאָס ניט באמערקן, זאָל פייִק זיין ארויסצוּווייזן אנדערע שעפערישע אייגנשאפטן — דערפינדערישקייט, פאראנטוואָרטלעכקייט פארן קלאל, וואָס עס מאָנט איצט פון יעדער פערזענלעכקייט די צייט.

אלץ אינעם לעבן איז צוזאמענגעבונדן און איבערגעפלאָכטן. א מענטש דארף האָבן אַן אקטיווע לעבנס־פּאָזיציע. צום באדויערן, באגרייפן ווייט ניט אלע, ווי נויטווענדיק און לעבנסוויכטיק עס איז, ס'זאָלן זיך צוזאמענשליסן די אקטיווקייט פון יעדער פערזענלעכקייט באזונדער און פון דער גאנצער געזעלשאפט.

ניט לאנג צוריק זיינען מיר בייגעווען אין פערם אף אַן אלפארבאנדישן וויסנשאפטלעך־פּראקטישן סעמינאר איבער דער פּראָבלעם פון פּראָגנאָזירן די טיפּאָלאָגיש־געזעלשאפטלעכע אייגנשאפטן פון א פערזענלעכקייט. דאָס איז זייער א וויכטיקער און זייער אַן אינטערעסאנטער איניען. מיט עטלעכע יאָר צוריק, בייס א באגעגעניש מיט די פערמער ביבליאָגראפן, געווידמעט די פּראָבלעמען פון וויסנשאפטלעכער פאנטאסטיק און פוטוראָלאָגיע, האָט וועגן אָט דער פּראָגנאָז־פּראָבלעם גערעדט דער אָנפירער פון א קאטעדרע אינעם פערמער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן פּראָפעסאָר ז. אי. פיינבורג. דעמלט טאַקע האָט מען אים געפרעגט, וויאזוי ער באציט זיך צו דער פּראָבלעם פון פּלאנירן באשטימטע סאָציִאלע שטריכן פון א פערזענלעכקייט.

— כ'בין טיף איבערצייגט, — האָט געענטפערט דער געלערנטער, — אז א פּלאַן פון סאָציִאלער אנטוויקלונג איז פאר א פערזענלעכקייט פונקט אזוי וויכטיק, ווי פאר א גאנצן קאָלעקטיוו.

אויב זאָגן דעם עמעס, איז פאר אונדז פיינבורגס קאָנצעפּציע דעמלט ניט געווען זייער קלאָר. וואָס קאָן מען פּלאנירן פאר א פערזענלעכקייט? ווער וועט די פּלענער פארווירקלעכן? און וויאזוי וועט זיך באציען צו דעם די פערזענלעכקייט גופע? איצט זיינען דאָ אלע (און אויך אנדערע) וויכטיקע פראגעס באהאנדלט געוואָרן אפן סעמינאר, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט דער זעלבער ז. אי. פיינבורג, די מיטארבעטער פון זיין לאבאָראטאָריע און די סאָוועטישע סאָציִאָלאָגישע אסאָציִאציע. אינעם סעמינאר האָבן אָנטיילגענומען וועלט־בארימטע ספּעציִאליסטן אף דעם דאָזיקן געביט — פּראָפעסאָרן, דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן: דער קולטוראָלאָג מ. ס. קאהאַן, דער סאָציִאָלאָג וו. א. יאראָוו (בײדע אָנפירער פון קאטעדרעס אינעם לענינגראדער אוניווערסיטעט), אי. וו. בעסטוזשעוו־לאדא, אַן אָנגעזעענער געלערנטער פונעם אקאדעמישן אינסטיטוט פאר סאָציִאָלאָגישע פאָרשונגען (מאָסקווע), ווי אויך געלערנטע פון לוואָוו, ראָסטאָוו און פון אנדערע שטעט.

די פּראָבלעם האָט זיך ארויסגעוויזן פאר גאָר־גאָר ניט קיין פּראָסטער. פארשיידענע מיינונגען, ווייט ניט קיין גלייכע, האָבן זיך פארמאָסטן אין א הייסן וויקועך.

— פּלאנירן די סאָציִאלע אנטוויקלונג פון א פערזענלעכקייט איז אומבאדינגט נייטיק, — האָט פארטיידיקט זיין שטאנדפּונקט פּראָפ. פיינבורג. — די פערזענלעכקייט — דאָס איז א געזעלשאפט־ציל, און די פּלאנירונג איז איינער פון די סיסטעם־צייכנס פון אונדזער געזעלשאפט. אָבער קעדיי צו באקומען א פאָרשטעלונג, צו וואָס עס וועט ברענגען דאָס פארווירקלעכן פון אונדזערע פּלענער, מוז מען קענען פאָרויסזאָגן, וויאזוי אָט די פּלענער וועלן זיך

אָפּרופֿן אַף דער פּערזענלעכקײַט גופֿע (אָט, לעמאָשל, דאָס איבערגיין אַף אַ פֿינפֿטאָגיקער אַרבעטס־וואָך האָט צוגעזאָגט אומבאַדינגט גוטס. ווירקלעך, ס׳איז הויפּטזאַכלעך טאַקע אַזוי, אָבער אין אייניקע פֿאַלן האָט עס געבראַכט צום פֿאַרגרעסערן דאָס שיקרעס...).

די מענטשהײַט בלײַבט ניט שטיין אין איר אַנטוויקלונג אַף אַן אָרט. און קעדיי ריכטיק דערציִען דעם יונגן דאָר, דאַרף מען באַצײַטנס, שוין הײַנט, וויסן גענוי, וועלכע קריטעריִען וועט דאַרפֿן אַנטשפּרעכן דער קינפֿטיקער מענטש — מאָרגן, אין אַ יאָר צוואַנציק, לעמאָשל, אַרום, צום 2000־טן יאָר. ווער נעמט זיך הײַנט אונטערצוגעבן אַ ריכטיקן ענטפֿער אַף אַזאַ פֿראַגע? מע זאָגט, ס׳איז פֿאַראַן נאָר אַ סוואָרע, אַז אַזוינס איז פֿון פֿריִער אוממעגלעך צו וויסן... איז אָט, קעדיי אויסקלאָרן אויך אַזאַ פֿראַגע, צונויפֿמענשטעלן און פֿאַרגלײַכן די שטאַנדפּונקטן, האָבן די סאָציִאָלאָגן זיך צונויפֿגענומען אַף זייער סעמינאַר אין פֿערם. וועגן וואָס זשע האָט מען גערעדט אינעם קאָנפֿערענץ־זאַל?

— פּלאַנירן די סאָציִאַלע אַנטוויקלונג פֿון אַ פּערזענלעכקײַט איז אין אַלגעמיין ניט עטיש, — ווידערשפּרעכן פּראָפֿ. פֿיינבורגן זײַנע אָפּאָנענטן.

— צו סאָציִאַלער פּראָגנאָזירונג בכלל מוז מען זיך באַציִען ביז גאָר פֿאָרזיכטיק, — וואָרנט דער פּראָפֿעסאָר בעסטוזשעוו־לאַדאַ. — אַ גראָדליניקער, קאַטעגאָרישער פּראָגנאָז אַפֿן סאָציִאַלן געביט פֿירט צו דעמאָראַליזירונג פֿון דער פּערזענלעכקײַט. דאָס פֿאַרשטייען אַפֿילע די פּאָשעטע טרעפֿערקעס. זיי לאָזן שטענדיק איבער אַ גענוג אָרט פֿאַר פֿאַרשיידענע בקירעס.

— דער סאָציִאַלער פּראָגנאָז פֿון טיפּאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ פּערזענלעכקײַט מוז זיך אָנהייבן פֿון שאַפֿן אַ מאָדעל פֿון אַן אידעאַלער פּערזענלעכקײַט, — האָט פֿאָרגעלייגט זײַן וואַריִאַנט דער פּראָפֿעסאָר יאַראָוו, און דער קאַנדידאַט פֿון סאָציִאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן וולאַדימיר איסאַקאָוויטש הערטשיקאָוו האָט געוואָרנט:

— ס׳זיצן שוין הײַנט בײַ די שול־טישן יענע, וועמען עס שטייט פֿאַר אָנצוקומען אַף אַרבעט אינעם צוויי־טויזנטיקן יאָר. קעדיי ריכטיק צונויפֿשטעלן אונדזערע פּלענער אַף דער פּערספּעקטיוו, מוזן מיר שוין איצט, ניט אָפּלייגנדיק, באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג, כאָטשבי לעערעך, וואָס פֿאַר אַ מענטשן זיי וועלן זײַן!

דער מיינונגס־אויסטויש האָט געעפֿנט די אויגן אַף אַ היפּשער צאָל פּראָבלעמען פֿון אונדזער ווירקלעכקײַט, וועלכע וואַרטן אַף זייער רייִ דערלייזט צו ווערן. איינצײַטיק האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז בענעגייע געוויסע פֿראַגן זײַנען די געלערנטע לעסאַטע ניט געקומען צו קיין אײַנהײַטלעכן העסקעם, באַזונדערע מיינונגען האָבן אויסגעזען רוי, ניט באַשטימט. און טאַקע, קיין אידעאַלע מאָדעל פֿון דער קינפֿטיקער פּערזענלעכקײַט, זאָל זײַן אַפֿילע אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט, איז נאָך דערווײַל ניט געשאַפֿן. און די ווירקלעכקײַט מאָנט! אונדזער איצטיקער מענטש, ווי מע זעט, שטייט אָפּטמאָל שוין אָפּ פֿון די הײַנטיקע באַדערפֿענישן — וואָס זשע פֿאַר אַ דאָר קאָן ער צוגרייטן אַף זיך אַליין צו פֿאַרבײַטן?

לאָמיר אָט די פּראָבלעמאַטישקײַט מיט איר גאַנצער שטרײַטבאַרקײַט פֿון באַזונדערע שטאַנדפּונקטן איבערלאָזן פֿאַר ספּעציִאַליסטן, און דערווײַל זיך האַלטן בײַ דעם שוין אויסגעקלאָרטן.

לאָמיר ווידעראַמאָל דערמאָנען ווי וו. אי. הערטשיקאָוו האָט געטײַנעט, אַז מע דאַרף שוין איצט וויסן, וועלכע זיי וועלן זײַן, די האָרעפּאַשניקעס פֿונעם קומענדיקן יאָרהונדערט. אין אַ געוויסער מאָס איז שטעלן די פֿראַגע אַזוי — אַ מוסטער פֿון אַ געברויכערישער באַציִונג צו דער פּראָבלעם, וואָרעם זײַן וועלן זיי, אָט די האָרעפּאַשניקעס, אין דער מערהײַט בעליסאָפּעק אַזעלכע, ווי מע וועט זיי דערציִען. אָט ווען מע דרייט איבער די פֿראַגע און מע וויל זיך דערוויסן, וויִאַזוי דערציִען דעם קומענדיקן דאָר, אַז ער זאָל באַרעכטיקן די פֿאָדערונגען פֿון זײַן צײַט — דאַן... דאַן קומען מיר ווידער צום זעלבן: וואָס זשע דאַרף מען טאָן?

זאָגן דעם עמעס, האָט אונדז דער סעמינאַר פֿון די סאָציִאָלאָגן אויסגעזען ווי אַ פֿאַרכאַפּנדיקע פֿאָרשטעלונג. אינטערעסאַנט איז געווען צו באַאָבאַכטן, וויִאַזוי אַף די פֿאַרשאַרפֿטע פֿראַגעס האָט מען שוין קיין ענטפֿער ניט געקאָנט געפֿינען, און אין אַזאַ פֿאַל האָט מען געגעבן דאָס וואָרט דעם פּראָפֿעסאָר מאָיסיי קאַהאַן.

דער גאַסט פֿון לענינגראַד האָט געשפּאַנט צו דער בינע — אַ שלאַנקער, אַ בראַוונער, ניט געקוקט אַף די יאָרן, אַ טיפּישער אינטעליגענט פֿון דער עפּאָכע פֿון דער וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. דער אײַנדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אַפֿן עולם, איז געווען אַ באַצויבערנדיקער.

וואָס זשע האָט פֿאָרגעלייגט דער פּראָפֿעסאָר? קורץ רעזומירן זײַן רעדע וואָלט מען געקאָנט מיטן אַלטן ייִדישן פֿאָלקסווערטל: „אויב מע קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער“. אָבער בײַ אים האָט דאָס ניט געטראָגן אַף זיך קיין שטעמפּל פֿון געצוווּנגענקײַט, קאַפּיטוליאַציע. פֿאַרקערט, זײַנע אידייען האָבן אויסגעזען פֿריש, זיי האָבן אויסגענומען מיט קלאָרקײַט, און דעריקער מיט פֿאַרגאַנצטקײַט.

פּראָפֿעסאָר קאַהאַנס שטאַנדפּונקט איז אַ פֿויעל־יויצע פֿונעם באַגרײַפֿן די אָביעקטיווע

צוועקמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג. מיר קאָ־נען ניט וויסן, אין וואָס פאַר א מאָס ס'דאַרפן זיך אנטוויקלען בא דער קינפטיקער פערזענ־לעכקייט אירע מײַלעס, דערפאַר אָבער איז גענוי פעסטגעשטעלט, אז די אנטוויקלונג פון דער מענטשן־געזעלשאַפט איז געקניפּט און גע־בונדן מיט דער אַלגעמיינער אנטוויקלונג פון אַלע אירע מיטגלידער, און די אינטענסיווקייט פון דער אנטוויקלונג איז אָפּהענגיק דערפון. כוץ דעם, ווערט די אנטוויקלונג באַם סאָציאַ־ליזם ביכלאַל דעפינירט מיט דער באוווסטזיני־קייט און מיט דער אקטיוויטעט פון די מאַסן אין א גרעסערער מאָס, איידער אין די פאַריקע פאָרמאַציעס, און דאָס פאָדערט פון יעדער פערזענלעכקייט אין אונדזער געזעלשאַפט א ווי ווייט מעגלעך העכערן קולטורעלן ניוואָ.

אויב ס'איז אזוי, איז דאָ דאָס סאמע אָרט אויסצוקלאָרן נאָך אזא וויכטיקע פראגע: צי זײַנען פאראן אין רעשוס פונעם קלאַל אזוינע קריטעריען, וואָס זאָלן דערלויבן פארגלײַכן דעם שטאַפּל פונעם קולטורעלן ניוואָ בא פארשיי־דענע פערזענלעכקייטן? ענטפערט דערויף מ. ס. קאהאן באשטימט: יאָ, פאראן. ניט פרעטענדירנ־דיק אף קיין אויסשעפּלעכקייט, לייגט ער פאָר פינף פונקטן, לויט וועלכע א מענטש קאָן בא הײַנטיקן טאָג אין דער פולער מאָס אָפּגעשאצט ווערן אין פראַט פון קולטורעלקייט:

— וואָס און וויפל די פערזענלעכקייט ווייסט;

— וויאזוי און וואָס זי שעצט;

— אף וואָס זי איז פייִק און וויאזוי זי נוצט אויס אירע פייִקייטן;

— וויאזוי און מיט וועמען זי קאָנטאקטירט זיך;

— וועלכע קינסטלערישע באדערפענישן זי האָט און וויאזוי זי באפרידיקט זיי.

איין באדינג דאַרף דאָ אויסגעפּילט ווערן — די פינף פאָזיציעס מוזן גענומען ווערן אין אכט אַלע צוזאמען.

פונקט ווי בלומען־בלעטלעך בא א קוויט בילדן איר שיינקייט, ווי קאַנטן בא א קריסטאַל שפּיגלען אָפּ זײַן אינערלעכן מעהוס, אזוי ווייזן ארויס די געבראַכטע באדינגונגען דעם שטאַפּל פונעם קולטורעלן ניוואָ פון א פערזענלעכקייט, מאכן בוילעט און אָנזיכטיק, וואָס אזוינס זי שטעלט מיט זיך פאָר.

יעדערער קאָן געוויס ברענגען א היפּש ביסל בײַשפּילן פון קולטוראַזיקייט: דער איז א גראָבער־יונג, און יענער איז א ניט דערצוי־גענער; איינער ווייסט ניט, ווו אײַן און ווו אויס, און א צווייטער איז גלאַט אַן אמהאָרעץ. אָבער מע קאָן נאָך הײַנט אויך זען, ווי פארשווינען מיט אזא קליינבירגערלעכער מאָראַל, ארומגע־האנגענע מיט גאָלד און מיט צירונג, זעצן זיך אויס אף די פאָדערשטע בענק אין באַלעט און אף אנדערע פארשטעלונגען, און זיי זײַנען פול־קאָם איבערצײַגט, אז דאפקע זיי זײַנען די עכ־טע קולטור־טרעגערס אין דער געזעלשאפט. וואָלט מען געקאָנט זאָגן: כאַפּט זיי דער וואָנט־מאכער, זאָלן זיי טרייסטן מיטן געדאנק פון זיי־ער איידלקייט איינער דעם אנדערן, אויב ס'דערוואַרעמט זיי און עס טוט זיי האנאָע. איז אָבער די מײַסע פיל ערנסטער. זיי נעמען זיך שאצן דאָס ארומיקע לעבן, זיי שאפן א געזעל־שאפטלעכע מיינונג. מיט זייערע באמיִונגען ווערן דערהויבן ביזן הימל באנאַלע בעסטסע־לערס, אויסגעלאסענע לידלעך און קאקאפאָנישע מוזיקאַלע שטיק, וועלכע אנטשפּרעכן זייער „מאָראַל“.

אָן א שיר וויכטיק איז אויך אָט וואָס. ס'איז אָנגענומען, אז בא הײַנטיקן טאָג דאַרף א מענטש זײַן פראגמאטיש, ראציאָנעל. ער דאַרף זײַן א ספּעציאַליסט אין זײַן פאך. און אין דער זעלבער צײַט האלטן איניקע, אז זײַנע באציִונ־גען מיט דער קונסט מעג מען באגרענעצן מיטן באזוכן א מאָדערנע אויסשטעלונג, וווהין אַלע שפּארן זיך, מיט דורכבלעטערן א ביכל — אויך דאָס, וואָס אַלע לייענען. אזא צוגאנג בארויבט דעם גײַסט, און מע באמערקט אליין ניט, ווי מע ווערט א קנעכט פון דער מאָדע.

און ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, קערן מיר זיך ווידער אום צו דער פּרוּוו פון כאבאראָווסק: ווער זשע וועט איר העלפן זיך אויסהיילן פון קולטוראַזיקייט? ווער וועט באווײַזן אָט דער פּרוּוו נאָך איין עכטע שקיִע, העלפן איר ניט צו פארלירן „דאָס פערעלע פונעם אוצער“, וועל־כער האָט איר א שײַן געטאָן אפן ברעג פון דער אוואטשינער בוכטע? דוכט זיך, אז דאָס איז ניט פון די הארבע שײַלעס. וואָס הייסט ווער? די געזעלשאפט האלט אָפן טיר־און־טויער פון אירע אומגעהייערע רײַכטימער: מוזייען, אויסשטעלונגס־זאלן, טעאטער־לאָקאלן, קינאָ־זאלן, ביבליאָטעקן. די אומשאצבארע שיינקייטן פון דער רײַכער נאטור זײַנען דערגרייכבאר פּראקטיש פאר יעדן. נאָר די מײַסע איז אין דעם, וואָס בא א געוויסן ניוואָ פון קולטורע־לער אנטוויקלונג איז פאראן א געפאר צו ווערן א קאָרבן פון א פאראדאָקסאַלער „קראנקייט“: א מענטש קוקט, נאָר ער זעט ניט, — ער וויל ניט זען! אזוי קאָן מען אויך האלטן אין האנט א ביכל און דאַרט ניט אויסלייענען גאָרניט.

אָנשפּיגעווען א מענטשן מיט אינפאָרמאַ־ציע איז בא הײַנטיקן טאָג גאָר פון די קליינע קונצן. מער־ווייניקער דערפאַלגרייך ספּראַוועט זיך מיט דעם די מיטלשול, די הויכשול, די טעלעוויזיע. די פייִקייט צו קוקן און טאָקע זען,

הערן און טאקע דערהערן, ריכטיק אָפּשאצן דאָס געזעענע און דערהערטע, דעראָבערן פאר זיך אַן אקטיווע לעבנס־פּאָזיציע — דאָס אַלץ מוז מען זיך לערנען, ווי מע זאָגט, נאָך פונעם וויגעלע באָך.

דאָס דערציִען אין זיך די קולטור — אין איר ברייטן זין — דויערט בא א מענטשן דאָס גאנצע לעבן. עס קומט פון דער מישפּאָכע? יאָ. פון דער שול? געוויינלעך. פון דעם קאָלעקטיוו? אוודע. א קולטורעלער מענטש הייבט זיך אָן בא זיך אין דער היים. און אויב די „טוירע" פונעם שול־פּעדאגאָג וועט זיך אין דער היים אָנשטויסן אף א טויבער וואנט, וועט קיין טאָלק ניט ארויס. ס'מוז געשאפן ווערן א מין אַלגעזעלשאפטלעכע טאָטאלע באוועגונג פאר קולטורעלער אנטוויקלונג.

ווי מע זאָל דאָס טאָן, זייַנען פאראן אָן א שיר אייצעס. ניט ווייניק פון זיי זייַנען שוין אפּראָבירט אין פארשיידענע ערטער, און זיי גיבן אויסגעצייכנטע רעזולטאטן. פאָלקס־מוזייען און פאָלקס־אוניווערסיטעטן, אָרטיקע „טרעטיאַקאָווקעס" און מוזיקאַלע שולן אף געזעלשאפטלעכע יעסוידעס. דעקאדעס פון ליטעראטור און טעאטער־קונסט. פאָלקס־פילהארמאָניעס און נאָך א סאך וויכטיקע אופטועז. דאָס אַלץ איז גוט. אָבער דערווייַל פעלט זיי אויס א סיסטעם, פונקט אזא הארמאָנישע, ווי, לאָמיר זאָגן, די סיסטעם פון פארטייִיש־פּאָליטישער און קאָמיור־גישער לער. אזוי אָדער אנדערש, נאָר דאָס וועט מיט דער צייַט קומען אומבאדינגט.

די גראנדיִעזע פּראָגראם פון וווינונגס־בויונג, וועלכע ס'פארווירקלעכט די סאָוועטישע רעגירונג, קעדיי צו פארבעסערן די לעבנס־באדינגונגען פון דער באפעלקערונג, האָט געשאפן א נייַע סאָציאַלע פּראָבלעם: די ווויל־אייַנגעאָרדנטע דירעס באפרייַען דעם מענטשן פון פיל זאָרגן, וואָס ער האָט פריִער געהאט. מע האָט אופגעהערט צו הייצן די הרובע, זיך זאָרגן פאר האָלץ און פאר קוילן, מע דארף ניט ארייַנטראָגן און ארויסטראָגן וואסער אאזו. ווו זשע טוט מען אהין די ארויסבאפרייַטע צייַט? אָט די פראגע האָט אויך באריִרט פּראָפ. פיינבורג אפן סעמינאר. מיר שטויסן זיך דאָ אָן אין א נייַעם אספּעקט פון דער זעלבער פּראָבלעם: אין דאָזיקן פראט איז באזונדערס וויכטיק צו זייַן קולטורעל! אויב א פייַנע דירע — איז אומבאדינגט זי אויסשטאטן מיט אויסטערליש מעבל, מיט זאכן, וועלכע דער באלעבאָס האָט געזען בא א שאָכן, אָבער אזוי, אז יענער זאָל אים מעקאנע זייַן... א קליינבירגער זאָרגט זיך, אז בא אים זאָל אַלץ אויסזען כאָטש א ביסעלע בעסער, אידער בא די אנדערע. מע זוכט מיטלען צו פארפירן פרייַנטשאפט מיט „נוצלעכע" מענטשן, מע שנאָרערט ארום אין קראָם, ביז מע זוכט אויס עפּעס „מערקווירדיקס" — א דעפיציט אף ארייַנלייגן די מעזומאָנים, מע קויפט אָן איבעריקן כייפעץ, א קרישטאָלענע טאָץ אף ארייַנשטעלן אין שאפע...

נייִן, מיר זייַנען, כאָלילע, ניט קיין אסקעטן. עכטע קולטור זאָגט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון עכטער שיינקייַט. נאָר די קולטורלאָזיקייַט זוכט אין יעדער שיינער זאַך בלויז איין מאגישע ווערט: די פרייַז. דאָס לעבן באווייַזט, אז פאר דעם קולטורעלן מענטשן צעשפּרייט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער די גרויסע און שיינע וועלט, וווּ עס שטייט אים ערשט פאָר סייַ די פרייד צו אנטפּלעקן פאר זיך, לעמאָשל, די שיינקייַט פון א ווונדערלעכן זון־פארגאנג, סייַ דאָס נאכעס צו שענקען אזא זון־פארגאנג אַן אנדער מענטשן און טיילן מיט אים די פרייד פון באוווּנדערונג.

קימא גריידינא

עס פליט פאָרויס אונדזער פאַראָוואָז

קעדיי דערמאָנען וואַלענטינע דירעקטאָרסקעס ליכטיקן נאָמען, האָט איר טאָכטער לערע יאָר־יערלעך אײַנגעאָרדנט אָן אָנדענק־אָוונט, און זי איז געזעסן און געוואַרט אַף די מענטשן, ווען עס וועט ניט אונטערפירן דער זיקאָרן און זיי וועלן קומען. ס'האָבן זיך געיאַווועט וואַלענטינע אַלעקסייעווגעס געוועזענע טאַלמידים, שוין ווײַט ניט קיין יונגע מענטשן. באַם טיש, אײַנײַנעם מיט מיר, איז געזעסן מאָנקע גורעוויטש.

— אין טיומען וועט אויך זײַן אַזאַ באַגעגעניש, — האָב איך אים געזאָגט אינדערשטיל.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאָנקע גורעוויטש איז ניט לאַנג צוריק געווען אין טיומען, און ער האָט דאָרט אַ סאַך באַקאַנטע. כוץ דעם, האָט ער אין טיומען אָרגאַניזירט אַ סעמינאַר פון יוּוועגאַלאָגיע.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָב איך געפרעגט.

— פאַראַן אַ וויסנשאַפט — געראָנטאָלאָגיע, וועלכע פאָרשט, וויאַזוי צו פאַרלענגערן דאָס לעבן. מיר, ווידער, האַלטן, אַז פראָסט פאַרלענגערן דאָס לעבן איז ניט קעדײַ, מיר ווילן זיך דערשלאָגן, דער מענטש זאָל זײַן געזונט, פולווערטיק, אַרבעטספּײַיק, מע זאָל פון אים ניט וועלן פּאָטער ווערן ווי פון אַ צעבראָכענער קיילע. און מיט אָט דער פראַגע פאַרנעמט זיך אונדזער סעמינאַר. קום צו גיין אין קלוב פון די מעדיקער אַף גערצען־גאַס, יעדער לעצטער שאַבעס אין כוידעש איז אונדזער טאָג. דאָרט וועט דיר קלאָר ווערן, וואָס פאַר אַ וויסנשאַפט יוּוועגאַלאָגיע איז...

מאָלאָדיעץ, גורוויטש! איך פאָר קיין טיומען, כ'וועל זיך דאָרט דערוויסן וואָס עס ווערט געטאָן, קעדײַ צו פאַרהיטן דאָס געזונט אַף אַ לאַנג לעבן!

בײַס דער מילכאָמע איז טיומען געווען אַ קליינע, שטילע, אַפילע ניט קיין שטאָט, נאָר אַ שטעטל. לאַנגע כאָדאָשים איז עס געווען פאַרקוטעט אין שניי און אײַנגעוויגט אין אַזאַ שטילקײַט, אַז יעדער שאָרך האָט זיך געהערט. עס פלעגט אַמאָל דורכקלינגען אַ גלעקל אַף אַ קליין סיבירער פערדל, וואָס האָט געשלעפּט איבערן ווינטערדיקן וועג אַ פאָר קלעצער. אינאָוונט, ווען די בלוי־ווײַסע לאַנגע רויכן פון די קוימענס פלעגן זיך אַ הייב טאָן צו די שטערן און ערגעץ־ווו האָבן דורך די פּראָסטיקע שויבן אַ בלינצל געטאָן די געלבלעכע פײַערן, ווי בעלמעס, — פלעגן אַפילע די הינט בלײַבן שטום, ווי זיי וואָלטן געסטאַרעט זיך פאַרהיטן זייערע הונגעריקע העלדזער.

איצט אָבער שלאָגט דאָס לעבן אין טיומען שטראָמיק, אײַליק און אומגעצוימט.

די פאָיע פונעם האָטעל „וואָסטאָק", וווּהין איך קום שוין דאָס ווײַפלטע מאָל, איז אָנגעשטאָפּט מיט געסט. כ'האָב ניט באַוויזן אַריבערשפּאַנען די שוועל, ווייס איך שוין, אַז אין טיומען איז אַ פעסטיוואַל פון ליאַלקע־טעאַטערס, וועלכע זײַנען אַהער געקומען פון דער אוראַלער זאָנע.

— כאַווײרים! — ווערט אַזש הייזעריק דער אַדמיניסטראַטאָר, — ס'איז אַ פעסטיוואַל אין טיומען, איר פאַרשטייט? דער האָטעל איז אָנגעפּאַקט, און עס שטייען נאָך אין דער ריי טשעליאַבינסק, אופא און אָרענבורג!

וואָס זשע זאָל איך טאָן, איך בין ניט קיין אַרטיסטקע. נאָר די אַדמיניסטראַטאָרשע קוקט אַף מיר מיט נײַגער און, דאַנקען גאָט, זי האָט מיך דערקענט. זי שמייכלט:

— נו, פאַר אײַך וועט מען שוין עפּעס מוזן צוטראַכטן, איר זײַט דאָך קימאַט אָן אייגענע.

האַקלאַל, אין טיומען — אַ פעסטיוואַל, און ער הייבט זיך טאַקע אָן מאָרגן. דאַרף איך גיין אַף דער שטילער, געמיטלעכער קיראָוו־גאַס, ווו עס געפינט זיך דער טיומענער געגנטלעכער ליאַלקע־טעאַטער, כאָטש עס פעלט מיר אַזוי

דער ליאַלקע־טעאַטער, ווי מײַנע צאָרעס. כ'האָב גענוג וואָס צו טאָן. די ערשטע זאַך דאַרף איך באַזוכן די סטאַנציעס, וואָס פּאָמפּען איבער נאַפט און גאַז; צווייטנס, א טאָפּ טאָן דעם סאָציאָלאָגישן קלימאַט, וואָס פאַר א פרישינקע אונטערנעמונגען זײַנען דאָ געשאַפן געוואָרן און מיט וואָס עס וועט מיר טרייסטן די געזונט־פאַרהיטונג. אין דער יוּווענאָלאָגיע־פּראָגראַם גייט דאָך דאָס אַלץ אַרײַן. די ליאַלקעס וועט מען, אַפּאַנעם, ניט קאָנען אַרויסוואַרפן פון דער פּראָגראַם, וואָרעם אויב ספּאָרט, פּעדאַגאָגיק, פילאָסאָפיע, פסיכאָלאָגיע, קיבערנעטיק נעמען אָן אָנטייל אין יוּווענאָלאָגיע, קאָן דאָך דער טעאַטער ניט בלײַבן אין א זײַט.

א פעסטיוואַל, ווי אַלע פעסטיוואַלן. כ'וועל פּאַשעט אָפּמערקן, אַז איך בין דאָרט געוועזן, און איצט, ליבע לייענער, לאָמיר אַרײַנקומען אין דער שול נום. 25, וווּהין עס ציט מיך אַלע מאָל, ווען איך באַזוך אָט די שטאָט. דער לערער פון פיזקולטור פּאַוועל איאָנידיס האָט אין די סאַמע שרעקלעכע הונגעריקע און פּראָסטיקע מילכאָמע־טעג דורכגעפירט מיט די קינדער א העלדישן קראָס. הײַנט־צו־טאָג דאַכט זיך, אַז דאָס איז געוועזן אוממעגלעך. ווען איך דערמאָן זיך דעם באַוווּסטן קראָס טיומען—אישים—טיומען אין 1943 יאָר, כאַפּ איך א ציטער — דאָס איז דאָך דרײַ הונדערט מיט פופציק קילאָמעטער! דערבײַ דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם סיבירער ווינטער מיט די אומדערטרעגלעכע פרעסט. איינעם מיטן לערער איאָנידיס האָבן די שילער פּײַערלעך זיך געלאָזט אין וועג. די גאַנצע שול האָט געוואַרט אַף זייער צוריקקומען מיט אומגעדולד. ס'איז ווערטל צו זאָגן — סיבירער וויוגעס! פון די מעטעאָראָלאָגישע „נעוויעס" האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, די לעצטע טעלעגראַמע איז געקומען פון זאַוואָדאָוקאָווסק — און דאָס איז א העלפט וועג פון אישים. פריִער א טעלעגראַמע, און דערנאָך א מעשוגענע וויוגע... אין יענע צײַטן האָבן העליקאָפּטערס ניט געשפּירט נאָך די ספּאָרט־מאַרשרוטן... איצט, אין אַזויפיל יאָרן אַרום, פאַרשטייען מיר, אַז אונדזערע שילער פונעם נײַנטן קלאַס, וועלכע זײַנען אַוועק אין קראָס, זײַנען געוועזן עמעסע העלדן. זיי זײַנען דערגאַנגען ביזן צאָפן־פּאָליוס, ניט אַרופגעקלעטערט אַפן שפּיץ פון עווערעסט, אָבער מע דאַרף דאָך געדענקען יענע הונגערייקע אומבאַראַכמאָנעסדיק־פּײַנלעכע מילכאָמע־יאָרן און די לײַכטע בגאָדים, וואָס די ספּאָרטלער האָבן געהאַט.

א שילערן פונעם פינפטן קלאַס איז געשטאַנען אַף דער בינע, וואָס איז געוועזן צונויפגעקלאַפּט פון עטלעכע ברעטער, און איר הויך יונג קאָל האָט געמאָלדן:

— אונדזערע מוטיקע, העלדישע, טײַערע לייזשניקעס זײַנען סאָפּקאָלסאָף דאָ! — זי איז געוועזן אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט ניט געקאָנט אויסשרײַען ווי געהעריק „הוראַ!".

— הוראַ! — האָבן געשריִען די קינדער.

— זאָלן לעבן אונדזערע העלדן!

אָט אַזוי זײַנען געלויבט געוואָרן די שילער פונעם נײַנטן קלאַס, וואָס זײַנען בײַגעקומען דעם שווערן וועג. דער לעצטער האָט זיך אומגעקערט פּאַוועל איאָנידיס.

— אָט איז אונדזער לערער פּאַוועל אַלעקסאַנדראָוויטש! א לויב פּאַוועל אַלעקסאַנדראָוויטשן! זאָל ער אַלע מאָל זײַן אַזוי יונג!

יאָ, מע דאַרף געדענקען, וואָס פאַר א צײַט ס'איז געוועזן. עס איז געגאַנגען די מילכאָמע, ס'זײַנען אומופהערלעך געפאַלן אונדזערע יונגע, קרעפטיקע, בליִענדיקע מענטשן. פונדעסטוועגן זע איך, אַז די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, זײַנען נאָך הײַנט קרעפטיק, לעבנסלוסטיק, שעפעריש און פולווערטיק. א מוסטער איז אַרקאַשע שטשאָקאָטאָוו, דער איצטיקער דירעקטאָר פונעם טיומענער מאַשינבוי־טעכניקום. ער איז נאָך גאַנץ יונג, ס'רינגלען אים טאָמיד אַרום די קינדער פונעם טעכניקום, זיי ווילן זײַן ענלעך אַף אים.

כ'האָב זיך דערוואַרט מײַן ריי און בין אַרײַנגעגאַנגען אין שטשאָקאָטאָווס אַרבעטס־קאַבינעט. אַרקאַשע האָט געהאַלטן אין אונטערשרײַבן פּאַפּירן. ער האָט ניט געזען, ווער עס איז אַרײַן. קאָן זײַן, ער האָט געטראַכט, אַז עפּעס א מאַמע איז געקומען בעטן פאַר איר קינד (איך בין פּונקט אַרײַנגעפאַלן אין דער צײַט, ווען ס'זײַנען געגאַנגען די אופנאַם־עקזאַמענעס).

נאָר אָט האָט ער אונטערגעשריבן די פּאַפּירן, אויפגעהויבן די אויגן, מיך דערקענט, א שפּרונג געטאָן יונג און ענערגיש. דער זעלבער שמייכל, דער זעלבער בליק, נאָר שטשאָקאָטאָוו איז שוין, ווי מע זאָגט, אַן אויסגעשולטער אַדמיניסטראַטאָר. ס'זײַנען אַוועק גענוג יאָרן!..

— וואָס מאַכסטו, אַרקאַשע, וואָס פאַר א פּעדאַגאָגיש געוועער ניצסטו איצטער?

— דו ווייסט דאָך, די הויפּט־זאַך איז צוטרוי. וואָס מער צוטרוי. אָן דעם וועט קיין טאָלק ניט זײַן.

מיר האָבן זיך צערעדט. אַרקאַשע האָט הייס און אָפנהאַרציק אַנטפּלעקט פאַר מיר זײַנע פריידן און דײַגעס:

— פאַר די יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, זײַנען פון אונדזערע כעוורע געוואָרן גוטע ספּעציִאַליסטן. זיי דאַנקען דעם טעכניקום, און מיר שטאָלצירן מיט זיי. איצטער עפנט זיך אין טיומען א נײַער טעכניקום, א ספּעציִעלער — אַף צוגרייטן ספּעציִאַליסטן נאַפטלער. דו ווייסט, וואָס די נאַפטלער טוען? זיי שלעפּן איבער אונדזערע ספּעציִאַליסטן צו זיך. איך שלאָף ניט די נעכט. וואָס טוט מען?

— איר רעדט וועגן דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון „קורגאַנפריבאָר"? — שמייכלט וויקטאָר איוואַנאָוויטש ריאַבקאָוו, איינער פון די סעקרעטאַרן אין טיומענער שטאָט־קאָמיטעט, וועלכער העלפט מיר אַלע מאָל זיך באַקאַנען מיטן הײַנטיקן טיומען.

איך ווייס, ער האָט אין זינען טאַראַנאָוון, יעווגעני וואַסיליעוויטשן, דעם מענטשן, וועל־

כער איז מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַן אינזשעניער געוואָרן דירעקטאָר פֿון אַ זאַוואָד און ס'איז אים אײַנמיטנדערינען אײַנגעפֿאַלן פּאַרטיידיקן אַ דיסערטאַציע אין אינסטיטוט פֿאַר פּסיכאָלאָגיע פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּססר. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער אין „קורגאַנפּריבאָר" דורכגעפֿירט אַן אַלפֿאַרבאַנדישע קאָנפֿערענץ פֿון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע.

— כ'וועל זיך באַמיִען צו זען טאַראַנאַוון, — ענטפֿער איך ריאַבקאָוון, — נאָך טיומען פֿאָר איך קיין קורגאַן.

ריאַבקאָוו האָט זיך פֿאַרינטערעסירט מיט מײַנע פּלענער. טיומען און קורגאַן פֿאַרמעסטן זיך דאָך. ס'קאָן זײַן, אַז דעריקער אין אָט דער פֿאַרמעסטונג איז עקאָנאָמיע און פֿאַרגיכערטע פּלענער. איך אָבער טראַכט וועגן אַנדערע זאַכן — וועגן די לעבנס־אַספּעקטן, וועלכע פֿאַרהיטן דאָס געזונט, די פּולבלוטיקע שעפֿערישקייט בײַ אַלטע מענטשן. ריאַבקאָוו אייצעט מיר זיך באַגעגענען מיט לערנערן, אויך אַ דאָקטאָר פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן. מע פֿאָרט צו אים זיך אָפּערירן פֿון דער גאַנצער געגנט.

— איר זאָגט לערנער, גידעאָן? איך קען אים. מוסקאָ, נאַדעזשדע געראַסימאָוונע האָט ערשט נעכטן וועגן אים גערעדט.

— אַז ער איז באַלוינט מיטן אָרדען פֿון רויטער אַרבעטס־פֿאָן ווייסט איר? און אַז ער איז אַ פֿאַרדינסטפֿולער דאָקטער פֿון רספּסר ווייסט איר אויך?

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן? טאַקע וועגן דעם האָבן מיר געשמועסט מיט נאַדעזשדע געראַסימאָוונען. ער האָט דאָך אויך געענדיקט אונדזער 25־טע שול אין זיבן־און־פֿערציקסטן יאָר. און נאָך דעמלט האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ באַרוף זיך אויסצוקלײַבן. אַ גאָלדענע מעדאַל האָט ער געקראָגן, ווען ער האָט געענדיקט די צען קלאַסן, און ער איז גלײַך אוועקגעפֿאָרן אָנקומען אין מעדינסטיטוט. ס'איז געווען אַ צײַטעלע, שוין איינמאָל אַ צײַטעלע!.. נאַדעזשדע געראַסימאָוונע איז אומגעלאָפֿן צונויפֿנעמען בײַ אַלע לערערס אונטערשריפֿטן אויף דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס מע האָט געגעבן לערנערן. ס'איז געווען אַ ניט געוויינלעכע כאַראַקטעריסטיק, אַ גאַנצע מעגילע! וואָס פֿאַר אַ מוסטערהאַפֿטער שילער און כאַוווער ער איז, וואָס פֿאַר אַן איבערגעגעבענער פֿרײַנט, ווי באַגאַבט ער איז פֿון דער נאַטור. און מע האָט לערנערן טאַקע אָנגענומען אין מעדינסטיטוט. נאַדעזשדע געראַסימאָוונע האָט מיר דערציילט:

— איך געדענק, ווי איצטער, וואָרט בײַ וואָרט יענע כאַראַקטעריסטיק. אַזאַ כאַראַקטעריסטיק האָט געדאַרפֿט נעמען פֿאַרן האַרצן די סאַמע גרעסטע ביוראָקראַטן. שוין נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט, באַגעגן איך אים, טו אַ קוק, עס פֿינקלט אויפֿן רעקל אַן אָרדען. פֿאַרשטייט זיך, באַגריס איך אים, און ער: „אין דעם אָרדען האָט איר אַ כיילעק. עס האָבן זייער כיילעק אַלע לערער און דערציִער, וועלכע האָבן געגלייבט אין זייערע טאַלמידים". דערנאָך בייגט ער זיך אַן און פֿאַלט צו צו מײַן האַנט, — און זי האָט געלאָזט אַ טרער...

פֿון ריאַבקאָוון בין איך טאַקע גלײַך אוועקגעפֿאָרן אין שטאָטישן שפּיטאָל צום דאָקטאָר פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן, דעם פֿאַרדינסטפֿולן דאָקטער פֿון רספּסר גידעאָן יאַקאָוולעוויטש לערנער. איך וויל זיך זען מיט אים. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, ער זאָל מיך ניט דערקענען. די שילער פֿון די עלטערע קלאַסן געדענקען שטענדיק זייערע כאַווײרים.

אָט איז דער שטאָט־שפּיטאָל, אויף מאַריטעמעלניקײַטע־גאַס. מע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָקטער לערנער איז דאָ אַלע טאָג פֿון אַכט אינדערפֿרי. כּוץ דעם, וואָס ער איז אַ קאָנסולטאַנט, מאַכט ער ערנסטע אָפּעראַציעס, פֿירט אָן מיט אַ קורס אין טיומענער מעדינסטיטוט און איז דער הויפּט־אוראָלאָג פֿון דער טיומענער געגנט.

כ'האָב אָנגעקלאַפּט.

— גייט אַרײַן.

ער קוקט אויף מיר, שמייכלט — ס'הייסט, אַז ער האָט מיך דערקענט.

— ווי זשע, — רופֿט ער זיך אָפּ, — איר זײַנט דאָך געווען אין שול דער הויפּט־אַרויסגעבער פֿון אונדזער וואַנט־צײַטונג... איר דאַרפֿט עפּעס, איך קאָן אײַך מיט עפּעס דינען? גוט, וואָס איך בין ניט אוועקגעפֿלויגן.

איך פֿרעג ניט צוליב וואָס און וווּהין ער פֿליט. דער צאַפּן איז גענוג גרויס. אויב מע וועט דאַרפֿן אַן עקסטרע אָפּעראַציע, איז גלײַך פֿונעם קאַבינעט — אין העליקאָפּטער. דאָ איז אַזוי אײַנגעפֿירט, אַלע ספּעציאַליסטן וויסן דאָס. ס'איז אַ געוויינלעכער, עלעמענטאַרער איניען.

דערווײַל האָבן מיר זיך גענומען דערמאָנען וועגן דער שול, וועגן נאָך איניאָנים. גידעאָן יאַקאָוולעוויטש האָט זיך צערעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער:

— זעקס יאָר נאָכן אינסטיטוט האָב איך געאַרבעט אין טאַבאָלסקער ראַיאָן. בייס איך כאַפּ זיך איצטער אַראָפּ אַהין, מוז איך מיט אַלעמען, איך יעדער שטוב עסן. טאָמער זאָג איך זיך אָפּ, איז מען באַאוולט. און ס'איז אומעגלעך אײַנצורײדן די מענטשן, אַז דאָס איז איבער מײַנע קויכעס. איך קאָן אין יעדער שטוב ניט עסן קיין מיטיק. אָבער עס ציט מיך צו יעדער שטוב, כ'האָב ליב די מענטשן. דאָרט האָב איך זיך אויסגעלערנט אַרבעטן, ווײַל זיי האָבן מיר געגלייבט און געטרויט.

מע האָט געגלייבט דעם מענטשן, פֿאַר אַזאַ צוטרוי איז קעדײַ אַלץ אוועקצוגעבן. עס ווערן אַזש ברייטער די פּאַראַמעטרען פֿון דײַן אייגענער יוגנט. אַזוי גייט דאָס לעבן. ס'זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס זײַנען פֿייִק נאָר צו נעמען, און אָט די נעמערס זײַנען עגאָיִסטן פֿון דער העכסטער מאַדרייגע. ס'זײַנען אָבער דאָ אַנדערע, וועלכע גיבן, און גיבן... לאָזן אַזש פֿאַר זיך גאָרנישט ניט איבער. און אינדערעמעסן ווײַזט זיך אַרויס, אַז די, וואָס נעמען און נעמען, קאָנען קיינמאָל צו זאַט זיך ניט אָנעמען מיט אַלץ. און די, וואָס גיבן, ווערן זייערס גראָד

קריגן. דאָס אוועקגעגעבענע וועט זיך צו זיי אומקערן קייפל קיפלאַיִם!

נאָר דאָס פּאַריקע מאָל, ווען איך בין דאָ געווען, איז אזא מין שמועס פאָרגעקומען בא מר מיט יִסראַעל לאַיעווסקין. ער האָט דאַן פּינקטלעך געזאָגט:

— טאָמער, כאַלילע, מיינסטו, אַז דיר איז עפּעס ניט דערגעבן געוואָרן, וועט דיַין נעשאָמע קיין רו ניט האָבן. ביסט א פאַרפּאַלענער מענטש! ווילסטו האָבן רו פאַר דיַין נעשאָמע — אַרבעט, גיב וואָס מער אוועק. אויב דו וועסט געבן פונעם גאַנצן האַרצן, וועט זיך אַלץ אומקערן צו דיר.

א מאָדנע זאַך... יִסראַעל לאַיעווסקי און זיַין ברודער יויסעף אַרבעטן דאָך גאָר אין אַן אַנדער געביט, זיי זיַינען מעכאַניקער. דאָקטער לערנער היילט מענטשן, און פונדעסטוועגן שטייען זיי אַלע דריַי, ווי אויף איין שטאַפּל. קוקט מען זיך צו בעסער, זעט מען, אַז צווישן זיי איז פאַראַן א סאַך געמיינזאַמס.

לערנער קוקט אין פענצטער, מיסטאָמע דערמאָנט ער זיך עפּעס. ס'איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, אַז ער האָט זיך גראָד וואָס צו דערמאָנען.

— די שווערע יאָרן, וואָס כ'האָב געאַרבעט אין א דאָרף פון טאָבאָלסקער געגנט, זיַינען די סאַמע טיַיערע אין מיַין לעבן. כ'בין געווען זעלבשטענדיק און האָב געפילט צו זיך פולשטענדיקן, אומבאַגרענעצטן צוטרוי. צוטרוי צו מיַין סייכל, צו מיַין פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט און דערצו — א גלויבן, אַז איך וויל נאָר גוטס טאָן. ביז איצטער קומען די מענטשן פון יענע ערטער צו מיר, און זיי האַלטן, אַז איך בין זייער לײַבלעכער דאָרפס-דאָקטער, וועלכער קאָן אויסהיילן אַלע קראַנקייטן און ענטפערן אף אַלע פראַגעס.

— וויאַזוי רעאַגירט איר אף דעם?

— איך באַמי זיך מיט אַלע קויכעס...

— כ'פאַרשטיי, אָבער איַיער ספער און איַיער איַינפלוס האָבן זיך באַדיַיטנדיק פאַרברייטערט. א גאַנצע געגנט איז ניט קיין ראַיאָן.

— איך וועל ניט לייקענען, כ'האָב טאַקע שטענדיק מוירע, כ'זאָל זיי ניט אַנטוישן. זיי מוזן זיַין איבערציַיגט אין מיַין איבערגעגעבנקייט צו זיי.

יעדערער פּילט אויס זיַין פליכט אַזוי, ווי אים איז עס אייגנטימלעך. אַזעלכע, ווי דער דאָקטער לערנער, זיַינען קיין סאַך ניטאָ. באַגאַבונג איניינעם מיט נעשאָמע־ברייטקיַיט — דאָס איז א זעלטענע און זייער א ווערטפולע מײַלע.

עמעצער קלאַפּט אָן אין טיר.

— יאָ, יאָ, גייט אַריַין!

גאָט מיַינער, וואָס פאַר א באַגעגעניש! באָריס! איך האָב זיך געקליבן צו אים, און אָט איז ער דאָ! באָריסקע קאַלאָמייצעוו!

— וואָס מאַכט מיַין טאַטע, גידעאָן יאַקאָוולעוויטש?

לערנער ענטפערט:

— נאָך דער אָפּעראַציע איז זיַין צושטאַנד נאָרמאַל. אויב עס וועט וויַיטער אַזוי גיין, וועלן מיר אים אין א וואָך אַרום אַרויסשריַיבן. פאַר זיַינע צוויי און זיבעציק יאָר איז ער — א העלד... עס פליט פאַרויס דער פּאַראָוואָז!

אַזא מין זאַך, נאָ דיר גאָר אַן ערנסטע אָפּעראַציע נאָך דער גאָלדענער כאַסענע... און דער גאָלדענער כאָסן האָט עס איבערגעטראָגן.

דאָקטער לערנער האָט פאַריכט די ברילן:

— זיי רויק, מיט דיַין טאַטע וועט זיַין אין אָרדענונג.

— און וואָס מאַכסטו? — פרעג איך באָרען.

מיר דוצן זיך, ער איז אויך געבוירן געוואָרן אין זיבן־און־פערציקסטן יאָר, בייס גידעאָן יאַקאָוולעוויטש איז אָנגעקומען אין מעדינסטיטוט. און ער, באָריס קאַלאָמייצעוו, איז אַן אינזשעניער, א בויער.

— וואָס בויסטו?

— א „גאַזאָוויק" בוי איך, דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס איז?

— וויַיז מיר דיַין באַלעבאַטישקיַיט.

— פאַרוואָס ניט, כ'וועל וויַיזן. דעם טאַטן איז בעסער. גידעאָן יאַקאָוולעוויטש האָט גוט אַרויסגעהאָלפן. פאַראַן מיט וואָס זיך צו פרייען!

אפן וועג צו דער אַנדרייעווער אָזערע איז דער וואַלד געשטאַנען ווי א וואַנט. איך געדענק, אַז אין דער אָזערע פלעגט מען כאַפּן די באַרימטע אַנדרייעווער קאַראַסן. מע האָט זיי געפירט אפן מאַרק אין זעק און זיי אויסגעטרייסלט אַזעלכע פאַרפרוירענע, אַז זיי האָבן אַזש געקלונגען. ניט נאָר די קאַראַסן, אַלץ איז געווען פאַרפרוירן, די פאַרפרוירענע מילך איז געשטאַנען אפן טיש, ווי וויַיסע טעלער — איינער אפן אַנדערן. דער וועג צו דער אָזערע, א ברוקירטער, האָט זיך געצויגן אַזש ביז יאַלוטאָראָווסק. טאַקע מיט דעם וועג זיַינען מיר געפאָרן קיין טיומען אין צוויי־און־פערציקסטן...

— פרילינג־ציַיט פלעגט דער וועג אַזוי צעקראַכן ווערן, ביז צו דער אָזערע האָט מען זיך געשלעפּט א גאַנצן טאָג. אַצינד איז מען שוין ניט צופרידן מיטן אַספאַלט אויך.

— דער וועג טויג אף קאַפּאָרעס, — וואָרטשעט דער שאָפער, — שוין לאַנג ציַיט אים פאַרברייטערן. — און אַליין יאָגט ער ווי א רועך. אַנטקעגן אונדז און פאַרביַי אונדז פליִען אויטאָבוסן, „קאָלכידעס" און „קיראָווצעס".

— אויך מיר א וועג, — זיפצט דער שאָפער, — מע דאַרף, אַז אונטן זאָל גיין א שיכט בעטאָן און פונויבן אַספאַלט...

ער טריַיבט אַזוי די מאַשין, אַז די סאָראָקעס שפּרינגען אַזש אונטער אפן וועג. סיבירער סאָראָקעס פילן זיך מיַיסטע באַלעבאָסטעס, די מאַשינעס שרעקן זיי ניט. זיי טוען נאָר א קוק מיט איין אייגל, און קערעווען זיך אָפּ.

איך פרעג בא באָריסן:

— ווו איז דיַין „גאַזאָוויק"?

— די קניאַזשעווער נאַפט־איבערפּאָמפּענדיקע סטאַנציע וועלן מיר באַלד פאַרביַיפאָרן.

און פון דאָרט איז שוין ניט ווײַט.

עס שמעקט שוין גוט מיט נאַפט, דערווײַל איז עס די ערשטע סטאַנציע אַף אונדזער וועג, אַן עמעסער זאַוואָד.

— און אָט דאָס איז די באַגאַנדינער קאָמפּרעסאָרנע סטאַנציע, — טוט באַריס אַ ווײַז מיט דער האַנט. — מיר זײַנען שוין צוגעקומען צו דער גאַז־מאַגיסטראַל.

באַריס קאָלאָמייצעוו פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איך בין אַזוי פאַרגאַפט. די מײַרעוור־סיבירער גאַז־רערן זײַנען איצט אומעטום באַוווּסט. אָבער דערזען זיי מיט די אייגענע אויגן איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַ צענטראַלע בוויונג פונעם פינפיאָר, זעקס גאַז־טרויבן, די לענג פון דרײַ ביז פינף טויזנט קילאָמעטער, אין אַלגעמיין העכער צוואַנציק טויזנט קילאָמעטער. דאָ קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַלע גאַז־אונטערנעמונגען אין מײַרעוור־סיביר. אַף יעדע הונדערט קילאָמעטער שטייען פּאָמפּע־ און קאָמפּרעסאָר־סטאַנציעס. כאָטש איך האָב שוין אַ ביסל באַנומען אַלע מאַסשטאַבן, קוק איך פאַרוווּנדערט אַף דער באַגאַנדינער סטאַנציע. דאָס איז אַ גרויסע אונטערנעמונג מיט אַ סאַך צעכן, קאַפּיטאַלע קאָרפּוסן פון אײַזן־בעטאָן, רעמאָנט־קאָרפּוסן און אַוואַריע־דינסט. און אין אַ זײַט, אָפּגערוקט פון די אונטערנעמונגען, געפינען זיך די וווינונגס־מאַסיוון פאַר די אַרבעטער. וויפל אַזעלכע סטאַנציעס־זאַוואָדן דאַרף מען אויסבויען פאַר אַלע זעקס גאַז־טרויבן!

אין פיר־און־זעכציקסטן יאָר בין איך געווען אַף דער בוויונג פון דער גאַז־מאַגיסטראַל „דרוזשבאַ". מע האָט זי געפירט פון דער טאָבאָלסקער זײַט, פון די ערשטע גאַז־לאַגערונגען באַ בעריאָזאָווע, פון די קומינסקער און טאַרמאַנסקער בלאָטעס. דאָס איז געווען דער סאַמע אָנהייב. די צוואַנציקיאָריקע פּראַקטיק האָט געבראַכט נוצן.

די אויסשפּראַך באַ באַריסן איז אַ סיבירער: ווו מע דאַרף פּאַסעך־אַלעף, זאָגט ער קאָמעץ־אַלעף, ווײַל דאָ אין סיביר איז ער געבאָרן געוואָרן.

— און ווו איז די אַנדרייעווער אָזערע? — דערמאָן איך זיך פּלוצעם.

— פאַרבײַגעשפּרונגען, — שמייכלט באַריס.

— וויאַזוי האָב איך ניט באַמערקט די אָזערע? זי איז אַזוי טיף, ווי געוועזן?

— האָב ניט קיין האַרצווייטעק, ס'וועט קומען אַ צײַט פאַר דער אָזערע אויך, — טרייסט מיך באַריס. — מע וועט זי אויסרייניקן, מאַכן טיפער, באַ די פיש וועט ווערן אַ בעסערע שטימונג...

איך טו אַ קוק אַף באַריסן. זײַן פּאָנעם איז פול מיט ענערגיע, פּונקט אַזוי, ווי אַמאָל. ער איז דאָך אַ זון פון זײַנע עלטערן. די מאַמע, בערטע לייבזאָן, האָט מיט פערציק יאָר צוריק געהאַט אַ שעם אַף גאַנץ אוקראַינע. זי איז געווען די ערשטע פרוי אַ סטאָליער. זײַן טאַטע, דאַוויד קאָלאָמייצעוו, איז אויך פון די ערשטע — אַ ראַבפאַקאָוועץ. יענע צײַטן זײַנען אויך געווען אַזעלכע, ווי אַצינד. אַשטייגער, אַ קאָמיו־גיש־געגנטלעכע בוויונג. מע האָט געזייט צוקער־בוריקעס...

באַריס רעדט וועגן טאַטע־מאַמע מיט קאָוועד:

— פופציק יאָר האָבן זיי אָפּגעלעבט אינייִנעם, פאַרטיי־וועטעראַנען. זייער גאָלדענע כאַסענע האָט געפּראַוועט די גאַנצע שטאָט, אַפילו די צײַטונגען האָבן וועגן דעם געשריבן. זיי זײַנען געגאַנגען דורך יאָרן, דורך דער ביטערער מילכאָמע. און נאָך דער גאָלדענער כאַסענע האָסטו ערשט אַן אָפּעראַציע! אַ ווערטל צו זאָגן — יווענאָלאָגיע! אינעם מענטשן שטעקט דאָך עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער ווייסט נאָך ניט וועגן דעם, עפּעס אַ געהיימניס פון דער נעשאָמע...

פונדערווײַטן האָבן אַ בלאַנק געטאָן אַליומינעווע געבײַדעס.

— דאָס זײַנען אַנגאַרן? — פרעג איך באַריסן.

— ניין, אַלע מיינען, אַז אַנגאַרן, נאָר דאָס זײַנען גאָר פי־שטאַלן. דאָ וועלן זיך אויפהאַלטן באַ פינף טויזנט קי, פערד, שאָף, פינף און צוואַנציק טויזנט כאַזיירים. פינף טויזנט העקטאַר ערד האָט מען אונדז שוין אויסגעטיילט.

— און ווו וועלן די מענטשן וווינען?

— זיי וווינען אין קאָטעדזשן, — און ער ווײַזט אַן אַפן יישעוו, וועלכן מע זעט ניט ווײַט פונעם וואַלד.

— אַף הײַזער פאַר די מענטשן האָט מען אַסיגנירט ספּעציעלע סומעס?

— ניין, אַלץ פינאַנסירט זיך צוזאַמען.

— דאָס פּרובירט מען אַזוי? אין ווירטשאַפט אַזאַ איז פאַראַן אין דער געגנט?

— וואָס רעדט איר? אין דער געגנט זײַנען דאָ ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן אייגענע מילכזאַוואָדן, אייגענע זאַוואָדן, ווו מע רויכערט וווּרשט און אַנדערע פלייש־פּראָדוקטן. אָט, אַשטייגער, די אורענגאָיער, בעריאָזאָווקער, קאָמסאָמאָלסקער, סורגוטסקער ווירטשאַפטן. וואָס מיינט איר — בלויז די גאַזאָוויקעס בויען? באַהילפיקע ווירטשאַפטן בויען די נאַפטלער, די געאָלאָגן...

שטעל איך אַ קלאָץ־קאַשע:

— די מענטשן כאַפּן מיסטאָמע אַ גוטן ציטער אין די קאָטעדזשן, ס'איז דאָך סיביר.

— נאָך גוט, וואָס איר ווייסט, אַז ס'איז סיביר, — שמייכלט באַריס, — מיר פאַרגעסן אויך ניט אין דעם. טאַקע דערפאַר בויען מיר הילצערנע געבײַדעס. דער קאָמבינאַט פון געהילץ־באַאַרבעטונג מאָנטירט צווייגאָרנדיקע הײַזער אַף זעכצן דירעס. דרײַפאַכיק ווערן פאַרגלאָזט די פענצטער.

...יאָ, עס פליט פאַרויס דער פאַראָוואָז.

איך וועל גורוויטשן זאָגן דעם איקער. עפּעס־וואָס פאַרשטיי איך שוין אין זײַן וויסנשאַפט. מע קאָן ניט פאַרהיטן לאַנגיאָריקע שעפערישקײַט און יונגקײַט, אויב באַ אַ מענטשן נעמט מען צו דעם כאָלעם.

כאַים מעלאַמוד

לעבעדיקע גרוסן

איך הער ניט אויף צו בענקען נאָך מײַן יִשעוו, וועלכע זײַנען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. איך בענק נאָך די ניט דערבויטע הײַזער, ניט געדעקטע דעכער און ניט אָנגעגלאָזטע פֿענצטער. איך בענק נאָך יענע טשמעליענדיקע היצן און ברענענדיקע פֿרעסט, נאָך יענע זליוועס און זאַווייען, נאָך אַלץ, וואָס איז געווען פֿול מיט נײַעם אויפֿקום און מיט ליכטיקן אויפֿבוי. געוויס ליגט איך דעם די בענקעניש נאָך מײַן אייגענער צוואַנציק־יאָריקײַט, ווען דאָס לעבן איז געווען פֿול מיט טרוים און מיט דראַנג, מיט ליבעס און רויגעזן, פֿול מיט בלענדנדיקער צוקונפֿט.

איך זע מײַן יִשעוו אין כאָלעם. אָפֿט דוכט זיך מיר אַפֿילע אויף דער וואָר, אַז איך הער די שטימען פֿון די יִשעוויניקעס — קלינגענדיקע און פֿאַרדומפּענע, ווײנענדיקע און לאַכנדיקע. אַ מין צעקאַליעצעטער געמיש פֿון הונדערטער שטימען, וואָס קלינגט ווי אַ מעכטיקער ווידערקאָל פֿון די פֿאַרשוווּנדענע צײַטן. אַמאָל איז דאָס מילד און ווייך, ווי אַ וואַרעם פֿרילינגדיק יאַם־ווינטעלע, און אַמאָל איז דאָס שאַרף, גלײַך די בײַטש פֿון אַ פֿאַסטעך וואָלט אַ שניט געטאָן די באַגינענדיקע לופֿט.

און ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז יעדעס ווידערקאָל פֿול מיט רעגונג, מיט גוטע דערמאָנונגען. איך דערקען יעדע שטים באַזונדער און דערזע פֿאַר זיך די מענטשן, ווי לעבעדיקע. אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל, ווען ס'האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן און אַ לאַנג שוין ניט געהערטע שטים האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— דערקענסט מיך?

— אוי, די מינצעכע! — האָב איך אויסגעשריִען.

— נו, יאָ, די מינצעכע, — האָט די שטים באַשטעטיקט. — אַלע זאָגן, אַז איך בין שטאַרק ענלעך אויף מײַן מאַמען. דאָס בין איך, סאָניע.

— ווי זשע קומסטו קיין טשערנאָוויץ?

— איך פֿאָר אַרום צוגעסט. געווען בא מײַן זון אין יאַקוטסק, בא מײַן אייניקל אין בראַטסק, בא מײַן ברודער אין מורמאַנסק. האָב איך באַשטימט אַ פֿלי טאָן אויך קיין טשערנאָוויץ. איך האָב דאָ אַ שטיקל קאָרעוו, איסאַק קראָכמאַל.

— איסאַק קראָכמאַל איז דײַן קאָרעוו?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? עפּשער מער פֿון אַ קאָרעוו. דאָס איז, ווי די מאַמע האָט גערעדט, די צווייטע טעג יאָמטעוו.

— איז קום זשע אַרײַן וואָס גיכער!

— מיר וועלן קומען, אַוואַדע וועלן מיר קומען.

אָנהייבנדיק פֿון דער דאָזיקער מינוט, בין איך שוין מיט מײַן גאַנצן וועזן געווען אין יִשעוו, און דאָס קאָל פֿון דער מינצעכע האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלינגען אין מײַנע אויערן. איך שטיי נעבן זייער שטוב, אַרום וועלכער ס'איז שטענדיק געווען ראַשיק. די מינצעכע האָט געהאַלטן דעם סעפּאַראַטאָר, און צוויי מאָל אין טאָג, גאַנצפֿרי און פֿאַרנאַכט, זײַנען בא איר שטוב זיך צונויפֿגעקומען אַלע פֿרויען איבערצוווייען די מילך און אויסטוישן זיך מיטן ביסל נײַס. איך האָב שוין אַמאָל געשריבן וועגן דער מילכיקער פּאָטשט, אַדאַנק וועלכער מע האָט זיך דערוווּסט וועגן אַלע נײַסן אין דער וועלט. שטיי איך שוין אונטערן אָפֿענעם פֿענצטער, און ס'האָט מיר גלײַך אַ שמעק געטאָן מיט פֿרישער סמעטענע, מיט איבערגעשטאַנענער

זויערמילך און מיט נאָרוואָס אויסגעוואַשענע ווינדעלעך. אַ געשמאַקער געמיש פֿון לעבעדיקער זויערקייט, וואָס רופֿט שטענדיק אַרויס אַ געזונטן דורשט. נאָר דאָס איז ניט שרעקלעך. דער אַרטעזיאַנישער ברונעם איז דערנעבן, און אונטערן פֿענצטער שטייט שטענדיק אַ פֿולער עמער מיט פֿרישער און קאַלטער וואַסער. געקומען איז די מינצעכע אַפֿן יישעוו מיט אַ האַלב טוץ קינדער, און זי האָט דאָ אויך יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד...

און אָט זיצן זיי ביידע אַנטקעגן מיר. סאָניע און דער, וועמען די מינצעכע האָט אָנגערופֿן „די צווייטע טעג יאָמטעוו״ — איסאַק קראָכמאַל.

בייס מײַנע דעמאָלטיקע צוואַנציק יאָר האָט סאָניע, דאָס אויסגעדאַרטע פּופּצניאָריקע מיידעלע, אויסגעזען גאָר ווי אַ קינד און איז געווען אויסער מײַנע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן. איצט איז דער כילעק שוין ניט אַזאַ גרויסער. זי איז טאַקע ענלעך אַף איר מאַמען: דאָס זעלבע לענגלעכע פּאָנעם און פֿאַרשפּיצטע נאָז, די זעלבע שאַרפֿע, מענערישע שטים, נאָר... פֿיל עלטער. און אין אירע אויגן לייען איך געוויס דאָס, וואָס זי לייענט אין מײַנע: אונדזער געמיינזאַמע בענקעניש און אונדזער ביידנס פֿאַרלאַנג זי אויסלאָדן דורך דערמאָנונגען. מיר ביידע זײַנען איינער פֿאַרן אַנדערן אַ לעבעדיקער גרוס פֿון יענע ווײַטע צײַטן.

— מײַן הילעלן געדענקסטו דאָך? — טוט זי אַ פֿרעג.

פֿאַרשטיי איך שוין, אַז אין דער ערשטער ריי וויל זי דערציילן וועגן איר מאַן, וועלכער איז פֿריִער געווען אַ טראַקטאָריסט אין סלאַדקאָוואָדנע, אַ קילאָמעטער דרײַ פֿון אונדזער יישעוו, און דערנאָך, שוין ערעוו דער מילכאָמע — פֿאָרזיצער פֿונעם קאָלווירט אין אַן אַנדער דאָרף, אין נײַדראָוועקע. דאָס אַלץ איז פֿאַר איר זייער וויכטיק, ווײַל זי וויל דערציילן וועגן איר ווײַטער אַמאָליקער ערשטער און לעצטער ליבע.

ס'איז געשען אַזוי. ביז אים איז דער פֿאָרזיצער פֿון נײַדראָוועקער קאָלווירט געווען זײַן עלטערער ברודער מאָטל בערדישעוו. נאָר ווען מע האָט מאָטלען באַשטימט אַלס דירעקטאָר פֿון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, האָט יענער איבערגעגעבן דעם קאָלווירט אים, הילעלן, ווי אַ מין כאַזאָקע. וועגן מאָטלען, מיט וועמען מיר זײַנען אין איין טאָג אַוועק אַפֿן פֿראָנט און דורכגעמאַכט אַ שווערן, ביז גאָר שווערן שטיק וועג, ווייס איך אַלץ. מיט הילעלן איז געשען גאָר אַנדערש. אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַוועקגיין אַפֿן פֿראָנט און אויך זיך עוואַקויִרן. ער האָט געאַרבעט אין פֿעלד ביז אָנהייב אָקטיאַבער, ווען די דײַטשן זײַנען שוין געווען עטלעכע קילאָמעטער פֿון נײַדראָוועקע, און די קאָלווירטניקעס האָבן זיך קוים אַרויסגעקליבן פֿון דאָרט.

ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע פֿון וואַנדערונגען און איבערלעבונגען, ביז זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַף יענער זײַט וואָלגע און אָפּגעשטעלט זיך אין אַ גרויס דאָרף פּאַלאַסאָווקע. הילעל האָט געמאָלדן:

— אָט דאָ בלײַבן מיר. מאָרגן גיי איך אין ראַיקאָם און שטעל זיך אַפֿן פּאַרטיי־דיסקאָנט, אויך אין וואָיענקאָמאַט...

אַלע בערדישעווס זײַנען שוין אַפֿן פֿראָנט, און ער האָט געטרוימט וועגן דעם זעלבן, אָבער אין ראַיקאָם האָט מען געפּאַסקנט אַנדערש. טראַקטאָרס זײַנען פֿאַראַן גענוג, נאָר עס פֿעלן טראַקטאָריסטן. ניט אַלץ איז אויפֿגעאַקערט און ניט אַלץ איז פֿאַרזייט. דאַרף הילעל זיך אַוועקזעצן אַפֿן טראַקטאָר. דערנאָך וועט מען זען. ווען אַלע אַרבעטן זײַנען שוין געווען אָפּגעטאָן, האָט מען אים ווידער געהייסן:

— נעם צונויף אַ פּאָר צענדליק מיידלעך און לערן זיי אויס אַרבעטן אַפֿן טראַקטאָר. וועסט זײַן זייער בריגאַדיר.

— און וואָס וועל איך זאָגן נאָך דער מילכאָמע? מיט מיידלעך קאָמאַנדעוועט?

אַף דעם האָט מען אין רײַקאָם פֿון דער פּאַרטיי געענטפֿערט גאַנץ קאַטעגאָריש:

— דאָ איז אויך אַ פֿראָנט.

זיי האָבן זיך אײַנגעפֿונדעוועט אַפֿן נײַעם אָרט — מיט אַ שטוב, מיט אַ קו און מיט שווערער פֿויערשער האָרעוואַניע. ער, הילעל, אַפֿן טראַקטאָר און זי, סאָניע...

— ווײַ, וואָס האָב איך ניט איבערגעפּרוּווט אין יענע יאָרן. געווען אַ קאָניוך און אַ פּאַסטעך, געזייט און געשניטן, געדראָשן און געפֿירט די שטרוי פֿונעם סטעפּ, געריטן אַף פֿערד, אַף אָקסן און אַפֿילע אַף קעמלען. דערנאָך געוואָרן בריגאַדיר. יאָ, מײַן הילעל אַ בריגאַדיר איבער די מיידלעך און איבער אַלע איבעריקע ווײַבער. און וויפֿל זיך אָנגעשריגן, און וויפֿל זיך אָנגעוויינט...

אַפֿילע איצט אויך, אָט וויינט זי און אָט לאַכט זי. אַלץ איז בײַ איר איבערגעמישט, ווי דאָס ריידן אַליין. פּלוצלינג דערמאָנט זי זיך, וויאַזוי זי האָט זיך פֿאַרליבט אין הילעלן, הילעל אין איר, און זײַן מאַמען איז ניט געפֿעלן געוואָרן דער שידעך.

— וואָס דאַרפֿסטו האָבן אַן אָרעמע פּערעסעלענקע? — האָט זי געטײַנעט.

שפּעטער שוין, אין די מילכאָמע־יאָרן, ווען די שוויגער האָט געזען, סאַראַ ברען אָט די סאָניע איז, סײַ אין שטוב און סײַ אין קיך, סײַ אין פֿעלד און סײַ אין שטאַל, האָט זי איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— הערסטו, טאָכטערוניע, מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן...

מיט די שטוב־זאַכן האָבן מערסטנטייל זיך פאַרנומען ביידע שוויגערס. הילעלס מאַמע, עלקע, און סאָניעס מאַמע, וועמען מע האָט אַלע יאָרן גערופן די מינצעכע — דווירע. אָפּט פּלעגט צו זיי איך שטוב פאַרבלאָנדזשען עמעצער פונעם נײַזלאָטאָפּאָליער ראַיאָן, הילעלס אַ פרײַנט, צי גלאַט אַזוי אַ באַקאַנטער, אַפילע אַן אומבאַקאַנטער, אַ פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט, נאָרוואָס פון שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָ וווינען זעמליאַקעס, און יעדערן האָט מען געדאַרפט אַרומוואַשן, אָנהאָדעווען און אונטערהיילן, כאָטש ניט שטענדיק איז געווען מיט וואָס. די הויפּט־שפּײַז איז באַשטאַנען פון דעם דריבנעם קאָרן, וואָס מע האָט אָנגעשאַרט אַף פּוסטע בוידעמער — ווען מע רייניקט עס אָפּ און מע שווענקט עס אויס אין עטלעכע וואַסערן, קאָן מען דערנאָך אָפּקאָכן ניט קיין שלעכטע קאַשע. און אַז מע האָט נאָך אַ גלאָז מילך דערצו...

איך איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג, אין צוויי־און־פערציקסטן יאָר, האָט אָנגעטראָגן צו זיי אַן אויסגעדאַרטן סאָלדאַט, אַן אויסגעשריבענעם פונעם שפּיטאָל. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס, ס'איז אים אַפילע שווער געווען אויסרעדן אַ וואָרט. פאַרוואָס איז ער געקומען גראָד צו זיי? עפּשער דערפאַר, ווײַל דער סאָלדאַט האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טראַקטאָריסט. איז ער געקומען צום בריגאַדיר.

— אָט האָסטו דיר, — האָט אַ זאָג געטאָן די מינצעכע. — די צווייטע טעג יאָמטעוו. נו, טו זיך שויך אויס, וועלן מיר זיך אַ נעם טאָן פאַר דײַנע ביינער.

ווען סאָניע דערציילט דאָס אַלץ איבער, ווייסט זי אַליין ניט, וואָס זי זאָל פריִער טאָן — לאַכן צי וויינען. טוט זי ביידע זאַכן מיטאַמאָל.

אָט דאָס האָט איר אײַך, — טוט זי אַ ווײַז אַף איסאַקן, — די צווייטע טעג יאָמטעוו.

וועגן איסאַק קראָכמאַלן האָב איך ניט איין מאָל געשריבן אין דער אָרטיקער פּרעסע אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן; ער איז געווען איינער פון די באַוווּסטע מעכאַניזאַטאָרס אין דער טשערנאָוויצער געגנט, און אַלע מאָל, ווען מע האָט געדאַרפט נעמען זיך פאַר אַ נײַער זאַך, פאַרן סאַמע שווערסטן און קאָמפּליצירטסטן, איז דער ערשטער געווען איסאַק קראָכמאַל. פריִער האָט ער געאַרבעט אַלס הויפּט־מעכאַניקער פון דער טשערנאָוויצער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, דערנאָך לויטן אייגענעם ווילן אוועק אין אַ קאָלווירט, געוואָרן בריגאַדיר פון דער טראַקטאָר־בריגאַדע און אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע דערפינדערישקײַט, אינזשעניערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקייטן, אויסגעלערנט און דערצויגן עטלעכע דוירעס קאָלווירטישע מעכאַניזאַטאָרס, געשאַפן און אויסגעשטאַט קאָלווירטישע רעמאָנט־וואַרשטאַטן. מיט איין וואָרט, ער איז אַ מענטש, וואָס איז איבערגעגעבן זײַן אַרבעט מיט לײַב און לעבן. פון די נאָענטע און ווײַטע קאָלווירטן איז מען געפאָרן צו אים זיך לערנען, איבערנעמען זײַן דערפאַרונג. און סאַמע דער איקער — ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ טיפע און פּיליאָריקע ליבע און אַכטונג פון הונדערטער קאָלווירטניקעס.

האָב איך געשריבן וועגן אַ יונגנמאַן פונעם בעסאַראַבער דערפל גריניאָוצע, וועלכער האָט אָנגעהייבן פונעם איין־און־פערציקסטן יאָר זיך אָנגעהויבן לערנען אין דער שול פון מעכאַניזאַטאָרס, און ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען אים שוין געהאַלטן פאַר אַ טראַקטאָריסט. איך האָב דערציילט, וויאַזוי עס האָט אים פאַרוואָרפן אַף יענער זײַט וואַלגע, ווו גוטע מענטשן האָבן אים פּאָשעט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן. איך האָב געענוי באַשריבן דאָס בילד, וויאַזוי ער, אַן אויסגעצערטער און אָפּגעשוואַכטער, האָט געפּרוווט לאָזן דעם טראַקטאָר, זיך אַ נעם געטאָן פאַרן הענטל, אַ דריי געטאָן עס, נאָר דער דריי איז געווען צו אַ שוואַכער, האָט זיך דאָס הענטל אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט, אַ זעץ געטאָן אים אין אויגצעמאַזיקט די ליפּ, און מע האָט אים געמוזט אוועקפירן אין שפּיטאָל. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זײַן פּראַקטיק אַלס טראַקטאָריסט. די שפּורן פון יענעם קלאַפּ זײַנען געבליבן בא אים אַף שטענדיק, מע קאָן זיי באַמערקן אויך איצט. איך האָב נאָר ניט געוווּסט, אַז די גוטע מענטשן, וועלכע האָבן אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, זײַנען געווען מײַנע לאַנדסלײַט און אַז יעדן טאָג האָט אים געוואַשן דעם קאָפּ און אויסגעזייפט זײַנע אַרויסשפּאַרנדיקע ריפּן טאַקע זי, סאָניע. וועגן דעם האָבן זיי מיר דערציילט ערשט איצט, ווען זיי זײַנען ביידע געזעסן בא מיר אין שטוב.

עס מעגן דורכגיין יאָרן, גאַנצע יאָרצענדליקער, נאָר דאָס איבערגעלעבטע וועט קלינגען מיט פרישן ווייטעק, ווי אַ ניט פאַרהיילטע וווּנד, ווי אַ פאַרטויבנדיקער קנאַל פון אַ נאָרוואָס אופגעריסענער באָמבע. און דיר וועט זיך אַלעמאָל דוכטן, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט דיר אַליין, ווײַל דו האָסט אויך איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס.

אַלץ האָט זיך באַקומען אומגעריכט און אומדערוואַרט. עס איז אַפילע קיין צײַט ניט געווען באַטראַכטן דאָס, וואָס איז געשען. ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז בעסאַראַביע געוואָרן סאָוועטיש, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן, פול מיט טרוים און מיט האָפענונג. ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט ער כאַסענע געהאַט און ערשט מיט דרײַ כאָדאָשים צוריק אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג. און אין איין אויגנבליק איז אַלץ צעשטערט געוואָרן. מע האָט זיי,

די קאָמיוגיסטן, די נאָך ניט געוואָרענע טראַקטאָריסטן, באַפֿוילן צעשמעטערן די טראַקטאָרס און אויסגיסן פֿון די פּעסלעך דעם ברענשטאָף. ווי אַלע איבעריקע קאָמיוגיסטן, האָט ער, איסאַק, געמאָלדן, אַז ער גייט פֿרײַוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט. און אָט שפּאַנען זיי שוין באַזונדער. ער — אין אַ קאָלאָנע מיליטער־לײַט און זײַן יונגע פֿרוי, די זיבעצניאָריקע קלאַרע — צווישן אַ צעפּלאָכטן אוילעם עוואַקויִרטע, מיט אַ קלומעקל ניט אויסגעטריקנט וועש אויף דער פּלייצע, דער גאַנצער נאַסן אירער. אַליין איז קלאַרע אויך אינגאַנצן נאַס, דורכגעווייקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, סײַ פֿונעם ניט אויסגעטריקנטן וועש און סײַ פֿון דעם אייגענעם שווייס. דאָס וועש, ניט קיין אויסגעטריקנטס, האָט זי פֿאַרלוירן בײַ אַ שרעקלעכער באָמבאַרדירונג.

האָט ער אָפּגעהאָרעוועט אין פּאַלאַסאָווקע, פֿריִער אַלס טראַקטאָריסט, דערנאָך אַלס בריגאַדיר פֿון אַ מיידלשער טראַקטאָר־בריגאַדע, און ערשט נאָך דער מילכאָמע אָפּגעזוכט זײַן קלאַרען און זיך אומגעקערט אין די אייגענע קאַנטן. די עלטערן און אַלע קרויווים האָט ער אויך אָפּגעזוכט... אין איין גרויסן קייווער.

זיי, די בערדישעווס, האָבן אויך געוואָלט זיך אומקערן אַהיים. ס׳האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָכן קאָלווירט, נאָך די כאָרעוו געוואָרענע ייִדישע דערפֿער און ס׳האָט זיך געוואָלט צולייגן די הענט אויף אופֿבויען זיי. נאָר אין ראַיקאָם האָט מען געזאָגט: אַ קאָמוניסט דאַרף זײַן דאָרט, וווּהין עס שיקט אים די פּאַרטיי. אָט איז אַ גרויסער ראַטווירט דערנעבן, און קיין קאַדרען זײַנען ניטאָ, איז הילעל געקומען אַהיים און געמאָלדן:

— סאָניע, מיר בלײַבן היגע. און שוין ניט ווי עוואַקויִרטע. מע דאַרף אָנהייבן בויען אַן אייגענע שטוב. דו ווייסט, ווי מע מאַכט לאַמפּאַטש?

— אַ קונץ אַ גרויסע, — האָט זי אָפּגעענטפֿערט, דערמאָנענדיק זיך יענץ שוין ווײַטע יאָר, ווען זיי האָבן געבויט זייער שטוב אין דעם נײַעם ייִשעוו. — מע גראָבט אויס אַ גרוב, דערנאָך גראָבט מען ליים, מע מישט זי איבער מיט פּאָלאָווע, מע גיסט אָן אַ סאַך וואַסער און מע נעמט קנעטן. און ווײַטער...

— איז דאָך אַוואַדע גוט. גרייט צו לאָפּעטעס. מאָרגן וועלן מיר אָנהייבן גראָבן.

פֿון דעמלט זײַנען אַוועק גאַנצע פֿינף און דרײַסיק יאָר. פֿריִער איז ער געווען פּאַרוואַלטער פֿון אַן אָפּטיילונג, דערנאָך פּאַרטרעטער פֿונעם דירעקטאָר, און אַרײַנגעלייגט אין דעם ראַטווירט האָט ער די גאַנצע ליבע זײַנע, די גאַנצע לײַדנשאַפֿט פֿון אַ פּויער, אַלץ, צו וואָס ער איז געוווינט געווען פֿון דער קינדהײַט. און אין דער פֿולער מאָס האָט ער אויסגענוצט דערבײַ דאָס, וואָס ער האָט פֿאַר זיך דעראָבערט, זײַענדיק אַ טראַקטאָריסט און אַ קאָלווירט־פּאָרזיצער. אייניקע האָבן געשטויבט און אַנדערע האָבן זיך געשראָקן: וואָס הייסט זייען אַרבעס צווישן קוקורוזע? מע מעג דען אויסלייגן דעם סילאָס אין אייבערשטע בורטעס? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מע זאָל דעם פֿאַר פֿאַרזייען מיט פּאַפּעשוי? נאָר ער האָט זיך געטאָן זײַנס, און דערוויזן, אַז גערעכט איז דער זיגער. אויב עס האָט אַמאָל אין פֿרילינג געהאַלטן בײַ אַן אויסרייד, איז דאָס אין האַרבסט געקומען צו אַ באַלוינונג. צוויי אָרדענס פֿון דער רויטער אַרבעטס־פֿאָן, און אָרדען „ערן־צייכן", אַ מעדאַל צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פֿון לענינען...

ער האָט אָפּגעהאָרעוועט ניט קיין גרינג לעבן. געהאַט גענוג פּויערשע דײַגעס, טאָמיד געהאַלטן אין איין טרעפֿן, וויִאַזוי עס וועלן אויסזען די נאָענטסטע טעג, דער קומענדיקער זומער, צי וועלן די גוס־רעגנס, די סוכאָווייען ניט פֿאַטערן די שווערע מי. און עס מאָלט זיך מיר, אַז אַלע ווינטן און זאַווייען, אַלע היצן און קעלטן האָבן איבערגעלאָזט אויף זײַן איבערגעסאַרפּעט פּאָנעם טיפֿע קנייטשן, יעדעס יאָר אַ נײַעם קנייטש, ווי די קאַרבן אויף אַן אַלטן דעמב.

און שוין... איצט קאָן סאָניע זיך אָנווייַנען, וויפֿל זי וויל. אַ רייך געווייך מיט ריינע טרערן.

— גענוג, — האָט זיך אָנגערופֿן איסאַק קראָכמאַל. — מאָרגן פֿאָרן מיר אַלע צו מיר אויף דער דאַטשע, וועלן מיר פֿאָרזעצן אונדזער שמועס. נאָר אָן טרערן...

ווען מע האָט אויסגעטיילט פֿאַר זיי, אַ גרופּע ענטוזיאַסטן, אָן ערד־שטעטל אויפֿן הויכן באַרג צעצינאָ הינטער טשערנאָוויץ מיט אַ ליימיקן און שטיינערנעם באָדן, האָבן אייניקע גלײַך געוואָלט זיך אָפּזאָגן.

— דאָ וועט גאָרנישט ניט וואַקסן.

— ניטאָ קיין שלעכטע ערד, — האָט אײַנגעטײַנעט איסאַק קראָכמאַל, — פֿאַראַן שלעכטע באַלעבאַטים. אָט וועט איר זען.

איצט איז שוין פֿאַראַן וואָס צו זען. דער ליימיקער, שטיינערנער באַרג איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דורכוויסיקן סאָד, וועלכער באַשטייט פֿון פֿיל קליינע סעדלעך. אין זיי האָבן אונדזערע טשערנאָוויצער אַרײַנגעלייגט ניט וויניק מי און ניט וויניק ליבע. איסאַק קראָכמאַלס סעדל און דאָס טורעמל אינדערמיט איז פֿון גאָר אַ באַזונדער מין. יעדעס ביימעלע, יעדעס גרעזעלע, יעדע בייט און יעדער געוויקס — די שוואַרצע ווײַמפּערלעך און די גרינע פּעטרישקע, די גלאַנציקע אוגערקעס און די רויטלעכע פּאָמידאָרן, די צעצווײַגטע נידעריקע עפּלביימער און די הויכע באַרנביימער, ווי דאָס טורעמל אַליין, טראָגט אויף זיך די אײַנגע-

וואָרצלטע שטריכן פון איסאַק קראָכמאַלס כאַראַקטער: יעדע גרויסקייַט און יעדע קלייני־קייַט — אַלצייַנס דערוואָרבן מיט לייַב און לעבן.

סאָניע פאָרעט זיך אַף דער דאַטשע ווי אַן עכטע באַלעבאָסטע. זי איז שטאַרק פאַרהאַרעוועט, אַ ביסל פאַרשוויצט אויך, זי רייַסט אַרויס דאָס ווילדגראָז צווישן די בייטן און שרייַט אַפילע אָן אַף איסאַקן, ווען ס'דוכט זיך איר, אַז ערטערווייַז איז ניט אַזוי ווי מע דאַרף. עס זעט אויס, אַז זי פילט זיך נאָך אין יענע ווייַטע יאָרן, ווען זי האָט געוואַשן דעם קאָפ, געריבן די פלייצע יענעם אויסגעדאַרטן יונגנמאַנטשיק, און ער, אין קורצע הייזעלעך, אַרויסגעשטעלט דער זון דאָס גאַנצע לייַב, רויטלט זיך אַ ביסל, אויב, פאַרשטייט זיך, מע קאָן באַמערקן די רויטקייַט אַף זייַן פאַרברענט פאָנעם. ער אַליין איז אויך דאָרטן אין יענע ווייַטע צייַטן, און עס פילט זיך, אַז זיי ביידן איז דאָרט גוט און היימלעך, ווייַל זיי דערפילן באַשייַמפערלעך, אַז מענטשלעכס און מעסירעסנעפעשדיקס איז דויערהאַפטיק, ווערט ניט פאַרגעסן און ווערט ניט אויסגעזופט. זיי איז גוט, וואָס מיט די דערמאָנונגען איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך, פאַרקערט, זיי קאָנען דערמיט שטאָלצירן. קלאָרען איז אויך גוט. זי באַקוקט זיי ביידן, פאַרטאָנענע אין זייער אמאָליקייַט, און דאָס, וואָס זי האָט שוין געוווּסט פון פריִער, שווימט אויף אַרויס פאַר איר, ווי אַ לעבעדיקער גרוס פון יענע ווייַטע צייַטן.

דאָ אַף דער דאַטשע איז סאָניע גאָר אַן אַנדערע, ניט אַזאַ ווי נעכטן. זי איז שטאַרק אויפגעלעבט, פיל מונטערער און פרייַלעכער, און אַלעמאָל זינגט פון איר אַרויס אַן אַנדער לידעלע, אַ יִדיש לידעלע, פון יענע, וועלכע מיר האָבן געזונגען אין יִשעוו. עפשער איז דאָס דער־פאַר, וואָס נעכטן האָט זי זיך גוט אויסגעוויינט, און עפשער דערפאַר, וואָס דאָ צווישן די ביימער און בייטן, מיט דער סאַפּקע אין האַנט, האָט זי זיך דערפילט אין איר אייגענער ליבער וועלט, וועלכע איז פון קינדווייַז פאַרבונדן מיט זייען און פלאַנצן, מיט כאָוועןגערעטעניִשן.

— איר ווילט אוואַדע וויסן וועגן מייַנע קינדער, — טוט זי אַ זאָג, צוקומענדיק צום טישל, וואָס נעבן טורעמל.

און אַזוי, רייק־פויעריש, נעמט זי אַראָפ דאָס טיכל פונעם קאָפ, ווישט מיט דעם אָפ דעם שווייס פונעם פאָנעם און רעדט אַרויס האַלב־אָפשפּעטנדיק, האַלב באַרימעריש:

— וואָס זאָל איך אייַך זאָגן? זיי שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס...

איך דאַרף זיך אָנשטויסן, אַז אַלץ וועט באַלד פאַרטייַטשט ווערן, און געוויס וועט דאָס זייַן פאַרבונדן טאַקע מיט גאָלד.

דער עלטסטער זון, גרישע, האָט אין אַסטראַכאַן געענדיקט אַן אווטאָ־טעכניקום. ער איז אין אַלע הינזיכטן געראָטן אין זייַן טאַטן. פאַרליבט אין טעכניק, אין יעדן מאַשינדל. דערייַקער, ער איז פון יענע כעווּרע, וואָס האָבן ליב צו האָרעווען. ווען מע האָט אים געשיקט אַף אַרבעט קיין יאַקוטסק, האָט ער אַפילע ניט געטראַכט, אַז זייַן אַרבעט וועט זייַן פאַרבונדן מיט געאָלאָגיע און אַז ער וועט דאָס גאַנצע לעבן זוכן און דאָביוען גאָלד. געקומען איז ער אַהין נאָך אַ יונג באָכערל, און ווען מע האָט אים פאָרגעלייגט אַרבעטן אין אַ געאָלאָגישער עקספּעדיציע, האָט ער דאָס אָנגענומען מיט אינטערעס. אַבי האָבן צו טאָן מיט מאַשינעס. פריִער איז ער געווען אַ מעכאַניקער, דערנאָך געוואָרן דער שעף פון די רעמאָנט־וואַרשטאַטן, און איצט, שוין פיל יאָרן — פאַרטרעטער פונעם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער עקספּעדיציע. אין יאַקוטסק כאַסענע געהאַט, ער האָט שוין דערוואַקסענע קינדער, די פרוי איז אויך אַ געאָלאָג.

אַזוי האָבן די בערדישעווס אָנגעהויבן שאַפן אַ דינאַסטיע פון געאָלאָגן, דעריקער טאַקע פון גאָלדזוכער און גאָלדגרעבער.

דעם עמעס זאָגנדיק, איז דאָס הילעלן געווען ניט אינגאַנצן צום האַרצן. ווען גרישע איז אָנגעקומען אין אווטאָ־טעכניקום, האָט דער טאַטע געמיינט, אַז ער וועט אויך זייַן פאַרבונדן מיט ערד־אַרבעט. ווען ער איז געוואָרן אַ גאָלדזוכער האָט מען אים אַ ביסל אויסגעמוסערט:

— מיר זייַנען דאָך פויערים. אונדזער זאַך איז באַאַרבעטן די ערד.

— מע דאַרף וויסן אויך דאָס, וואָס אונטער דער ערד טוט זיך...

דער צווייטער זון, פעדיאַ (אַ נאָמען נאָך הילעלס שוועסטער פייגע), האָט געענדיקט דעם אינדוסטריִעלן טעכניקום אין וואָלגאָגראַד, געוואָרן אַ מייַסטער אַפן מאָטאָר־זאַוואָד. ער איז געווען זייער גוט אייַנגעאָרדנט, נאָר גרישע האָט אים איבערגערעדט צו זיך. אין יאַקוטסק אַרבעט ער אַלס אינזשעניער אין דער זעלבער געאָלאָגישער עקספּעדיציע.

מיטן דריטן זון, דעם סאַמע יִנגסטן, מיט עדיקן, האָט זיך באַקומען שוין אַנדערש. אַלץ איז געווען באַצייַטנס אויסגעפּלאַנירט און פאָרויסבאַשטימט אַזוי, אַז ער זאָל אַרייַן אין דער פאַמיליע־דינאַסטיע פון געאָלאָגן. אָנגעקומען איז ער אין סאַראַטאָווער אוניווערסיטעט אַף דער געאָפיזישער אָפּטיילונג. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, צוערשט געאַרבעט אין אַסטראַכאַן אַלס אָנפירער פון אַ געאָפיזישער פאַרטיע און דערנאָך... פאַרשטייט זיך, אַז גרישע האָט אים אַריבערגעשלעפּט צו זיך קיין יאַקוטסק (צוויי געאָלאָגן מיטאַמאָל, עדיקס פרוי לודמילאַ איז אויך אַ געאָלאָג).

פונעם בערגל, אַף וועלכן עס געפינט זיך איסאַק קראָכמאַלס דאַטשע, זעט מען אַלץ אַרום זייער ווייַט. אונטן ליגט אַ טאָל, פון וועלכן עס קוקן אַרויס אַף דער שיינער וועלט דערפער

און כוטערס, און דאָרט האַלטן אין איין מינען זיך פאַרשיידענע פאַרבן: פון דער טונקל־גרינער קוקורוזע, פון די צעבליטע זון־רויזן, פון די קוטשעריאַווע בורעקעס און פון די געל געוואָרענע ווייצענע פעלדער. קעגן דער זון גלאַנצן טײַכלעך און אָזערעס מיט זייערע באַגילדעטע דריבנע כוואַליעלעך. דער טאָל ציט זיך העט ווײַט, ביז יענער באַוואַלדעטער וואַנט, וואָס שפּאַרט אונטער דעם הימל. דאָרט הייבן זיך אָן די עמעסע קאַרפּאַטן.

סאָניע האָט זיך שוין געקליבן ווידער אַוועק צו אירע בייטן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע שנורן און אייניקלעך און גענומען אויסדערציילן זייער גאַנצן ייִכעס און אַלע זייערע מײַלעס. געווויס האָט זי געוואָלט זיך אויך אַ באַרים טאָן: ווויהין עס זאָל ניט פאַרטראָגן די זין מיט די שנורן, אַף קימפּעט קומען זיי אַלע צו איר קיין פאַלאַסאָווקע. און אַלע אירע אייניקלעך — ווער עס ענדיקט שוין אַן אינסטיטוט, ווער עס גייט אין שול און ווער עס האַלט ערשט באַם קינדערגאָרטן — זײַנען געבוירן געוואָרן אין פאַלאַסאָווקע, און זי, סאָניע, די גוטע און מיזאַמע באָבע האָט זיי אויסגעניאַנטשעט. און אַלע אורלויבן, אַלע אימעני־נעס פּראַוועז זיי אויך באַ איר. און ווען באַ עדיקן איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, האָט מען דעם אַ נאָמען געגעבן איגאָר...

מיסטאָמע האָט זי געוואָלט דערציילן וועגן גאָר עפּעס אַנדערס, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט אָט דעם אייניקל, נאָר איך האָב גלאַט אַזוי, פון הוילער נײַגעריקײַט אַ פרעג געטאָן:

— וועמעס נאָמען האָט איר עס איבערגעדרייט אַף איגאָר?

— נו, דאָס איז אַ באַזונדער געשיכטע. און מיר האָבן דאָ גאָרנישט ניט איבערגעדרייט. די באַזונדער געשיכטע איז אַזאַ: ווען עדיק האָט זיך געלערנט אין סאַראַטאָוו, האָט ער געוווינט באַ איינער אַ רוסישער פרוי — וואַלענטינע קאָנסטאַנטינאָוונא ווערבאָווא. מיט איר זון, איגאָרן, האָט עדיק זיך געלערנט אַף איין קורס. איר מאַן איז אומגעקומען אַפן פראָנט, און איגאָר איז געווען איר איינציקע טרייסט. אַ האַרציקע רוסישע פרוי, האָט זי איר מוטערלעכע ליבע אַריבערגעטראָגן אויך אַף עדיקן, אים געהאָדעוועט און אָפּגעהיט ווי אַן אייגענעם זון. דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק. שוין געענדיקט דעם דריטן קורס, איז איגאָר דערהאַרגעט געוואָרן פון אַן עלעקטרישן קורצשלוס בײַס עפּעס אַן אויספּרווו. סאָניע איז געווען אַף זײַן לעווײַע. ווען זיי האָבן זיך גוט אויסגעוויינט באַם געזעגענען זיך, האָט וואַלענטינע קאָנסטאַנטינאָוונא זיך אָנגערופן:

— איך וויל אײַך בעטן... עדיק איז באַ מיר ווי אַן אייגן קינד, אַז ער וועט כאַסענע האָבן און באַ אים וועט געבוירן ווערן אַ ייִנגעלע, זאָלט איר אַ נאָמען געבן דעם קינד נאָך מײַן איגאָרן. דאָס וועט זײַן פאַר מיר די גרעסטע טרייסט...

עדיק האָט כאַסענע געהאַט, זײַן לידע האָט געבוירן אַ ייִנגעלע, און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. איגאָר פאַרמאָגט דרײַ באָבעס... וואַלענטינע קאָנסטאַנטינאָוונא קומט אָפּט צוגאַסט און שטענדיק מיט אַ פולן קויש מאַטאָנעס פאַר איר אייניקל.

ניט פאַרענדיקט איין געשיכטע און אָנגעהויבן אַן אַנדערע, איז סאָניע אַוועק צום ברעג פונעם סעדל, אָנגעריסן אַ פולן טעלער שוואַרצע ווײַמפּערלעך און ווידער צוגעקומען צום טישל. נאָך פונדערווײַטנס האָט מען געזען, ווי איר פּאָנעם שמייכלט, די אויגן גלאַנצן און ס'ווילט זיך איר זייער דערציילן וועגן דעם, פון וואָס עס איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גוט אַפן האַרצן.

— איך קוק פונדאַנען אַף די ווײַטע קאַרפּאַטן און דערמאָן זיך אין יאַקוטסק...

דאַרף מען שוין קיין פראַגן ניט שטעלן. ס'איז קלאָר, וואָס זי מיינט.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? יאַקוטסק איז אין יאַקוטיע, און יאַקוטיע איז אין סיביר, און סיביר, ווייסט איר דאָך אַליין, איז סיביר...

דאָס איז, אייגנטלעך, דער קורצער אַרײַנפיר צו דעם, ווי־אַזוי זי איז געפאָרן צוגאַסט צו אירע זין און ווי־אַזוי מע האָט זי דאָרט באַגעגנט.

— מע איז אַרויסגעפאָרן צום אַעראָדראָם אַף עטלעכע מאַשינעס. די זין, די שנורן, די אייניקלעך. און קווייטן, קווייטן. ווי קומען קיין יאַקוטיע אַזויפיל קווייטן? איין זאַך איז מיר געווען מאָדנע: עדיק איז ניט געקומען.

— ווו איז עדיק? — פרעג איך.

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, — ענטפערט מיר גרישע, — ער וועט קומען מאָרגן. מיר האָבן אים אַרויסגערופן...

— פונוואַנען האָט איר אים אַרויסגערופן?

— פון דאָרטן, ווו ער זוכט.

— וואָס זוכט ער?

— וואָס הייסט וואָס? גאָלד זוכט ער.

— נו און איר? איר זוכט דען ניט קיין גאָלד?

— מיר, מאַמע, קומען שוין אַף גרייטן. מיר דאַביוועז דאָס גאָלד. מע דאַרף עס אויסגראָבן, איבערזיפּן און איבערשווענקען...

זי פאַרשטייט שוין, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער איניען. דאָס איז ניט קיין ווייץ, ניט קיין פּאַפּשוי און ניט קיין אַרבעס. אויספרעגן איז דאָ ניט שײַעך. נעמט זי באַקוקן אירע גאָלד־

גרעבער און באַמערקט צום וויפֿלטן מאָל, אַז גרישע, לעמאַשאַ, איז מער ענלעך אויף אַ פּויער, איידער אויף אַ גאָלדגרעבער, מיטן פעסטן און ברייטן שפּאַן, מיט דער באַדאַכטקייט, מיטן קאַרגן שמייכעלע. קוקט זי אויף אים און עס הייבט איר אָן קלעמען דאָס האַרץ: ווי, וויי! אַ קאַפּיע פון הילעלן!

ניין, מיט קיין טרערן דראָעט עס ניט. באַלד וועט זי דערציילן וועגן דעם רייך־געדעקטן טיש, וועגן די קונציקע יאַקוטסקער מייכאָלים, צווישן וועלכע איר האָט אַפילו, אויב איר ווילט, אַ שטיק געבראָטן בערן־פלייש. מע האָט געגומען צו קויסעלעך לעקאַווּעד דער מאַמען, לעקאַווּעד אירע גאָלדגרעבער, לעקאַווּעד אַלע געסט, און אויף מאָרגן, טאַקע נאָך גאָר פרי, די סיבירער זון האָט ערשט געקליבן זיך אויפגיין, האָט גרישע זי אויפגעוועקט.

— מאַמע, — זאָגט ער, — לאָמיר אַפּגיך איבערבייסן און אַרויספאָרן. די מאַשין וואַרט שויך, און דער וועג איז אַ ווייטער. אהין, וווּ מע שווענקט אַרויס דאָס גאָלד.

פאָרן איז געווען ווייטלעך. צו אַ טייכל, צי עפּשער איז עס אַ ריטשקעלע, וווּ דאָס וואַסער איז פול מיט גאָלדענע זאַמדעלעך. איר ווייסט, וואָס הייסט דראַגעס? סאַניע האָט ביז דעמאָלט אויך ניט געוווּסט. און אויב זי זאָל נעמען אייך אויסמאָלן די טעכניק, וואָס אַרבעט איצט אויף די גאָלד־גרובנס, וועט איר סיַיוויי ניט פאַרשטיין. סאַניע אַליין האָט אויך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר ניט אין דעם גייט עס.

— מיין גרישע האָט מיר בייסמייסע דערציילט, וויפל גאָלד מע האָט דאַבּיוועט אַמאָל און וויפל איצט, וויפל מע האָט געקראָגן אין פאַריקן פינפיאָר, און וועלכע פלענער זיי האָבן איצט. ער האָט געשאָטן מיט ציפערן און געוויס דערציילט מיר אַזעלכע זאַכן, וועלכע זיינען אַ מעלוכישער סאָד. נאָר פאַר אַ מאַמען איז דען פאַראַן סוידעס? כוץ דעם, האָט ער זיכער פאַרשטאַנען, אַז איך וועל דאָס סיַיוויי ניט פאַרגעדענקען. גרישע דערציילט, פעדיע שאָקלט מיטן קאָפּ, און איך טראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. „און ווידיק איז ווייט פונדאַנען?" — פרעג איך באַ גרישען. „ניין, — ענטפערט ער, — איינגאַנצן פיר הונדערט קילאָמעטער. נאָר איך האָב אים נעכטן אַרויסגערופן דורך דער ראַדיאָ"... שטיי איך און קוק זיך אַרום, וווּהין האָט עס פאַרטראָגן מיינע זין. עטלעכע הונדערט קילאָמעטער איז באַ זיי אַ שפּילעכל, און מע שמועסט זיך דורך נאָר מיט דער ראַדיאָ. עס וואַרט מיר אַ ביסל קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, און איך טו אַ פרעג:

— זאָג מיר, גרישע, איר אַליין האָט אויך עפּעס דערפון? — ער האָט, אַפּאַנעם, ניט פאַרשטאַנען מיין פראַגע און אָפּגעענטפערט פון אַן אַנדער זייט:

— מיר האָבן אַ גרויסן פּלאַן.

— נו, און כוץ דעם פּלאַן?

— מיר גיבן כוץ דעם פּלאַן אויך.

— וויל איך טאַקע וויסן, וואָס באַקומט איר דאַן?

— פּרעמיעס, מאַמע, פּרעמיעס!

— און כוץ די פּרעמיעס?

— אויב שויך גאָר־גאָר, אַז עס גיט אַמאָל אַ שפּיל דאָס מאַזל... גאָלדגרעבער גלייבן שטאַרק אינעם מאַזל, — באַקומט מען אָרדענס אויך.

— איך מיין אָבער... טאַקע גאָלד, דאָס גאָלד אַליין, מיין איך...

— אוי, מאַמע, דו רעדסט עפּעס מאָדנע זאַכן...

אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעטייַנעט. אייגנטלעך, האָב איך דאָס פריִער אויך פאַרשטאַנען: גאָלד איז דאָס זעלבע, וואָס ווייץ, פונקט ווי ווייץ איז אויך גאָלד. און קוילן איז גאָלד און בוימוואָל איז גאָלד. אָט האָט איר אייך די געשיכטע וועגן מיין פאַמיליע גאָלדגרעבער. זיך געריכט אַמאָל אַזוינס אויף די בערדישעווס?

די זון איז נאָך ניט פאַרגאַן, נאָר עס האָבן זי פאַרדעקט די געדיכטע וועלדער פון די קאַרפּאַטן. פון דאָרט האָט אָנגעהויבן אַרויסוועבן זיך אַ גרויער נעפּל. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער, געגרוקט זיך נעענטער, פאַסנווייז, ווי מע וואָלט אים געשניטן אויף שטיקער, און פון זיך אַליין איז אויפגעקומען אַ פייַכטע קילקייט, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבן פונעם ברייטן טאָל, פון די דערפער און טייַכלעך, זיך געהויבן באַרג־אַרויף, צו אונדז. סאַניע איז אָן שום פאַרבינדונג אַריבערגעשפּרונגען פון איין געשיכטע צו דער צווייטער און איצט שוין דערמאָנט איר שוועסטער ראָזע פון אַסטראַכאַן, וווּהין זי האָט זיך אויך ניט לאַנג צוריק אַריבערגעקליבן.

— מיין ראָזע האָט געענדיקט אַ ייִדישע שול און איז געווען פאַר דער מילכאָמע אַ ייִדישע לערערין, און איצט האָט זי אַלץ פאַרגעסן. איך האָב אין קיין ייִדישער שול זיך ניט געלערנט און געדענק אַלץ. אַלע לידלעך אַפילו.

און קעדיי דערוויַיזן, אַז זי געדענקט טאַקע, האָט זי אָנגעהויבן זינגען:

איין אַ וועלדל באַ אַ טייַכל
פאַשעט געגנדזעלעך אַ מיידעלע אַ שיינס...

מיר אַליין האָט דאָס לידעלע דערמאָנט פּיל אַזוינס, פון וואָס דאָס האַרץ הייבט אָן ווייטעקלעך צו קלעמען און פון וואָס די בענקעניש נעמט דורך דאָס גאַנצע וועזן. האָבן מיר שוין געזונגען אינאיינעם:

אילײַ, אילײַ, אילײַ, אילײַ,
גייט זשע, גענדזעלעך, אהיים, אהיים, אהיים...

עס האָט זיך דערמאָנט אַ פאַרנאַכט, וועלכער האָט ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט יאַקוטיע, ניט מיט די קאַרפּאַטן און ניט מיט די טשערנאָוויצער דאַטשעס — מײַן אייגענער פאַרנאַכט אין יישעוו, ווען פונעם סטעפּ קערט זיך אום די טשערעדע און אינאיינעם מיטן דורשטיקן רעווען פון די קי, מיטן קלינגען פון די עמער און מעלקשעפלעך הילכן איבערן גאַנצן יישעוו פּאַשעטע, אומפאַרגעסלעכע יידישע לידער.

— ראַזע! — האָב איך איבערגעכאַזערט דעם נאָמען פון סאָניעס שוועסטער און דערמאָנט זיך אין דער גאַנצער מינצעכעס כאַווריע. — און פּאַר ראַזען זײַנען געווען פּאַליע און ריווע...

— און דערנאָך גיי איך! — האָט סאָניע אונטערגעכאַפּט, — דערנאָך גייט אַבראַשע, קאַטיע, מאַניע און אונדזער מיזיניקל איזיע. ער איז אויך געבוירן געוואָרן אין יישעוו. איר זאָלט איצטער אַ קוק טאָן אויף אים. איך בין ניט לאַנג געווען בא אים אין מורמאַנסק. ער האָט געענדיקט די העכסטע יאַם־שול און פאַרוואַלטעט איצט מיט אַן אַפּטייל אינעם מורמאַנסקער האַפן. אַן עכטער מאַטראָס!

און אויב דערציילן וועגן אַלעמען, ווען מיר האָבן בארוואָס אויסגערעכנט, וועגן יעדערן מיט זײַן וועג, מיט זײַן גוירל, מיט אַלץ דעם דורכגעלעבטן, דערגרייכטן און ניט דערגרייכטן, מיט דעם פרייד און טרויעריקן, — דאַרף מען אָנשרײַבן עטלעכע פאַרצייכענונגען.

איסאַק קראַכמאַל באַקוקט דעם טאָל, אין וועלכן דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטעלע האָט צערודעוועט די שוין צײַטיקע זאַנגען און רעדט אַרויס מיט אומרו:

— מאָרגן דאַרף מען צופאָרן אין קאָלווירט. דער שניט הייבט זיך אָן.

— איר זײַנט דאָך שוין לאַנג אויף פּענסיע, — האָב איך זיך פאַרכידעשט.

— אָבער דער שניט!

איך כאַפּ זיך, אַז איך אָט דער פאַרצייכענונג האָב איך איבערגעמישט און איבערגעפלאָכטן געשיכטעס וועגן צוויי פאַרשיידענע פאַמיליעס, וועגן פאַרשיידענע מענטשן, וועמענס לעבן איז פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע קאַנטן. נאָר איך דעם בין איך ניט שולדיק. דאָס לעבן אַליין האָט איבערגעפלאָכטן די דאָזיקע געשיכטעס. און עפּשער באַשטייט דער איקער אין דעם, וואָס בא פּיל פאַרשיידנס, ביז גאָר פאַרשיידנס איז פאַראַן אינעם לעבן פון אונדזערע מענטשן פּיל ענלעכס.

ווי יעדער ערד־אַרבעטער, ציילט קראַכמאַל זײַנע יאָרן לויט דעם, וויפל ער האָט געזייט און וויפל מאָל געשניטן. איך מעשעך פון אַ סאַך יאָרן, סײַ זומער, סײַ ווינטער, זײַנען די טעג אַלציינס לאַנג, ווײַל זיי הייבן זיך אָן נאָך באַנאַכט און ענדיקן זיך שפּעט אין אָוונט. און אַפילו איצט זעט איסאַק קראַכמאַל אין כאָלעם די ערד, יעדעס בערגעלע און יעדעס טאָלעכל, וועלכע ער האָט טויזנט מאָל אויסגעשפּאַנט.

און אָט איז נאָך אַ טאָג, שוין אַ האַרבסטיקער. איבער די בוקאָווינער בערג און טאָלן בלאָנדזשען אַרום גריין־געלע נעפּלען, די צוגעקליבענע פעלדער ליגן פאַרטײַעטע, דרעמלען קעגן דער אָפּגעשוואַכטער און אַ ביסל אָפּגעקילטער זון, און בלויז אויף די בורעקעס־פּלאַנטאַציעס איז טומלדיק און ראַשיק. אהין זײַנען מיר עס געפאָרן אויף איסאַק קראַכמאַלס „וואָלגע". דאָרטן האָט מען אויף אים געוואַרט, ער דאַרף דאָרט דערהערן יעדן טראַקטאָר און יעדן קאָמבײַן, אָנטאַפּן וואָס יעדערן פעלט. פירט ער זיך דאָרט אויף, ווי אַ מענטש, וואָס האָט רעכט אָנווײַזן, אײַנצענען און אַפילע זאָגן אַ ביסעלע מוסער. און זיי, די יונגע, און אויך די שוין ניט יונגע מעכאַניזאַטאָרס, נעמען אויף זײַנע אײַצעס, זײַן הילף און זײַן מוסער מיט אַפּשײַ. זיי וויסן גוט, אַז פאַר אַ נויט וועט ער אַליין נעמען אין האַנט אַ שליסל, אַרונטערקריכן אונטערן טראַקטאָר, אָדער אַרײַנקריכן אין קאָמבײַן און אויסגעפינען דאָרט אַזוינס, וואָס פאַר זיי איז דאָס דערווײַל אַ סאָד.

איך האָב געמוזט מיט די אייגענע אויגן אַ קוק טאָן נאָך אויף צוויי ערטער, ווו ס'זײַנען פאַראַן שפּורן פון זײַן טעטיקײַט. אין איין אָרט, טאַקע גלײַך הינטערן דאָרף, האָט ער אײַנגענעם מיט זײַנע מעכאַניזאַטאָרס געשאַפן אַן אָזערע, די כוואַליע זאָלן האָבן ווו אויסבאָדן זיך נאָך דער אַרבעט. איצט באָדן זיך אַ גאַנצן זומער קליין און גרויס, און אַלע רופן אָן דאָס מעכײַעדיק ערטעלע — קראַכמאַלס אָזערע.

און אין אַ צווייט אָרט, דאָס איז געווען נאָך פריִער, האָט ער צונויפגענומען זײַנע טראַקטאָריסטן, און צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון לענינען פאַרפלאַנצט הונדערט יונגע טאָפּאָלן. איצט איז דאָס שוין אַ היפּשע אַלייע, מע זעט זי אָן נאָך פונדערווײַטנס. און אַלע אין דאָרף רופן זי אָן — קראַכמאַלס אַלייע.

בא אים איז צווישן אַלע זײַנע באַלוינונגען פאַראַן איינע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט יענע אומפאַרגעסלעכע טעג — אַ מעדאַל, געווידמעט לענינס הונדערטסטן געבורטסטאָג.

אלעקסאנדער ליזען

איבערגעגעבנקייט

אין איינעם א שיינעם סענטיאבער־פרימאָרגן איז מירע ווילענסקע געגאנגען, ווי געוויינלעך, אין פאָליטעכנישן אינסטיטוט. ס'איז געווען א פרעכטיקער טאָג פון דעם בארימטן לוואָווער גאָלדענעם הארבסט. די זון האָט געהאָרעוועט זומערדיק־הייס, צעטריבן דעם ארומיקן נעפּל, איבערגעלאָזט נאָר איינציקע ווייסע כמארעלעך, וועלכע האָבן באזונדערס רעליעף אונטערגעשטראָכן די לויטערע בלויקייט פונעם הימל. דורכזיכטיקע שפּינוועבס־פעדעם שוועבן אין דער לופט, א לייכט ווינטל טרייבט זיי און שפּילט זיך מיט זיי...

— שטעלט זיך אָפּ א ווײַלע, מירע רוווימאָוונע! איר זייַנט טאקע א קאנדידאט פון וויסנשאפטן, אייער קאָפּ איז טאקע שטענדיק פארטומלט מיט ביז גאָר קאָמפּליצירטע כימישע פאָרמולעס, נאָר זייט זיך מאטריעך און ווערט ווידער אף א ווײַלינקע א קינד. אָט גייט איר דורך א שטיקל גאניידן, וואָס אמאָל האָט דאָס געהייסן יעזויטן־פּארק, נאָכדעם — קאָסטיושקאָ־פּארק, און איצטער — איוואן פראנקאָ־פּארק. אלטע ביימער, געדיכטע קרוינען, אזעלכע געדיכטע, אז זיי פארשטעלן דעם וועג אפילע פאר די דינינקע זונען־שטראלן, און די בלעטער — אלע גרינע, קיין איין געלע זעט מען נאָך ניט — זיי זייַנען פייַכטלעך פון די רעשטן טוי און נעפּל.

כאפּט א קוק אף זיך, טייַערע! אָבער טאקע באלד, איצט, מאָרגן וועט זייַן שפּעט, איצטער האָט איר נאָך ביידע אויגן. מאָרגן וועט פארבלייַבן נאָר איין אויג. און דאָס אויך — דאָס לינקע, וואָס פארמאָגט בלויז זיבעציק פּראָצענט ריִע. דאָס רעכטע, דאָס הונדערטפּראָצענטיקע, וועט איר נאָך הייַנט אָנווערן.

גייט, הייסט עס, אין איינעם א שיינעם הארבסט־פרימאָרגן מירע ווילענסקע, ווי געווינלעך יעדן טאָג, אין איר לאבאָראטאָריע בא דער קאטעדרע פון אָרגאנישער כימיִע פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, מיט וועלכער זי פירט אָן. דאָס איז „די פּראָבלעמישע לאבאָראטאָריע פון נייַע שטאָפן". פּראקטיש הייסט עס, אז די לאבאָראטאָריע דארף אויסזוכן נייַע כימישע רויוואַרג פאר דער אינדוסטריִע, פאר דער לאנדווירטשאפט און אפילע, אשטייגער, פאר אונדזער געזונט, פאר די ווונדערלעכע רעפּועס, וועלכע העלפן באזיגן די קראנקייַטן.

כימיִע פארנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין אונדזער הייַנטצייַטיק לעבן.

כימיִע איז א באמיסטיקונג. דעם גוירל פון דער גערעטעניש באשטימט אין א גרויסער מאָס די באמיסטיקונג פון אונדזערע פעלדער, און דאָס באטייַט — די שעפע פון פּראָדוקטן פאר דער באפעלקערונג. די דערפאָלגרייַכע אויספירונג פון דער גראנדיִעזער צעניאָריקער דערנערונגס־פּראָגראם.

כימיִע איז בוי־מאטעריאלן, וואָס פארבייַטן גאנץ אָפט אייַזן און שטאָל. זיי זייַנען א סאך גרינגער פון אייַזן און פון שטאָל און צומאָל פעסטער פון זיי.

כימיִע איז קאוטשוק — גומי, שינעס פאר אווטאָמאָבילן פון קאָלערליי מינים, וועלכע קורסירן איבער די ענדלאָזע ראכוועסן פון אונדזער לאנד.

כימיִע איז פּלאסטמאסעס. זיי זייַנען, ווי געזאָגט, גרינגער פון שטאָל, נאָר אָפט פעסטער. זיי קאָנען זייַן דורכזיכטיקער פון גלאָז, אָבער א סאך זיכערער. זיי זייַנען אי פעסט, אי עלאסטיש. פון זיי מאכט מען ביז גאָר פארשיידנארטיקע פאבריקאטן, אָנהייבנדיק פון פּאָשעטע שטייגער־זאכן און ענדיקנדיק מיט דער סאמע קאָמפּליצירטער קאָסמאָס־אפּאראטור.

כימיִע איז קינסטלעכע סינטעטישע פעדעם: קאפּראָן, סילאָן, פּערלאָן, ניילאָן, ניטראָן, לאווּ־

סאַן, וויסקאָזע, אַצעטאַטיש זייַד. ס'איז שיינע קליידער, באַקוועם שוכוואַרג. ס'איז פייַנע שפּי־לעכלעך פאַר אונדזערע קינדער.

כימיִע איז הונדערטער מעדיקאַמענטן, אַלערליי אַנטיביִאָטיקעס, וויטאַמינען, זאַלבן, עמולסיִעס, אַעראָזאָלן, פּלאַסטערס, פון קאַפּראָן און ניילאָן מאַכט מען צייך־ און אויגן־פּראָטעזן, רעדעלעך צו פאַרבייַטן די קאַליע געוואָרענע געפעסן, האַרצקלאַפּעס...

די גרויסע מייַלע פון כימיִע באַשטייט אין דעם, וואָס רויוואַרג פאַר איר איז פאַראַן אַף אונדזער פּלאַנעטע אין אַן אומבאַגרענעצטער מאָס. לופט, וואַסער, גאַזן, זאַמד, קאַלכשטיין; אָפּפאַלעכצן פון נאַפט, קוילן, געהילץ און נאָך, און נאָך — אַלץ גייט אין קאָן. און פון דער צווייטער זייַט, איז כימיִע בעקויעך צו דערלייזן די פּראָבלעם, וועלכע איז וויכטיק ניט נאָר פונעם שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפטלעכער עקאָ־נאָמיִע, נאָר אויך לעטויוועס דער זאָרגפולער באַציִונג צו דער נאַטור — די פּראָבלעם פון קאָמפּלעקס־אויסניצונג פון רויוואַרג אָן שום אָפּפאַלן.

שאַפן (אַף כימיִע־לאָשן הייסט עס „סינטע־זירן”) א נייַעם מאַטעריאַל איז ביז גאָר א קאָמ־פּליצירטער איניען. הונדערטער עקספּערימענטן! פון זיי — די גרעסטע מערהייַט, ניט קיין גע־לונגענע, וואָס אַוואַדע פאַרשאַפט עס צאַר און אַגמעסנעפעש.

טאַקע מיט אַזעלכע עקספּערימענטן פאַר־נעמט זיך די לאַבאָראַטאָריע פונעם פּאָליטעכ־נישן אינסטיטוט, מיט וועלכער מירע ווילענ־סקע פאַרוואַלטעט. איר ווערט דאָ איבעראַשט פון די קאָלערליי מאַכשירים — א בונטן געמיש פון אַלטע און אוראַלטע, וועלכע זייַנען געוועזן באַוווּסט נאָך בימיי אַלכימיקער, און נייַע און נייַסטע, מאָדערנע, ערשט געבוירענע. רעאַק־טאָרן פון טערמאָ־שטאַנדהאַפטיקן גלאָז, אין זיי סינטעזירט מען נייַע כימישע שטאָפן. קאָלבעס פון פאַרשיידענער גרייס, אייַז־קעלטערס. אַפּאַ־ראַטור, וואָס דיסטילירט, גלאָז־טרייַבלעך, פּרוּ־ביר־טרייַבלעך, רעטאָרטעס, לייקעס, פילטערס, און, פאַרשטייט זיך, א וואָגשאָל מיט געוויכט, אָנהייבנדיק פון א צענטל גראַם און ביז... ביז וויפל מע דאַרף.

— אין וואָס באַשטייט דער טאָך פון א רע־אַקציע? — פרעג איך ווילעסקען.

זי ענטפערט א קאַפּעלע מענטאָריש:

— דורך דער רעאַקציע ווערן פאַרוואַנדלט איינע שטאָפן אין אַנדערע, און זיי אונטער־שיידן זיך פון די געגעבענע סייַ לויטן באַ־שטאַנד, סייַ לויט זייערע אייגנשאַפטן.

— וויִאַזוי זשע קומט פאָר די דאָזיקע פאַר־וואַנדלונג?

— די מאָלעקולעס פון די שטאָפן בייַטן זיך מיט אייניקע אַטאָמען.

איך קוק אַף דער קאָלבע פונעם רעאַקטאָר, און מיר ווייַזט זיך אויס, אַז עפּעס האַלט אין איין שוועבן, שעמערירן און זיך קנוילן. און פון אָט דעם כאַאָס ווערט געבוירן א נייַער שטאָף. מיט דעם דאָזיקן קלוימערשטן כאַאָס קאָן מען אָנפירן.

אַן רעזולטאַט פון דער רעאַקציע באַקומט מען דעם גרונט־פּראָדוקט, אָבער אויך זייַטי־קע — דאַרף מען באַזאָרגן, עס זאָל זיך באַקומען וואָס מער גרונט־פּראָדוקטן און וואָס ווייני־קער זייַטיקע. און דאָס באַשטימט טאַקע דעם אָפּטימאַלן ניוואָ פון דעם דורכגעפירטן סינטעז. כוץ דעם, איז אָפּטיילן דעם גרונט־פּראָדוקט פון די זייַטיקע אויך ניט קיין לייַכטע פּראָבלעם.

בייס מיר שמועסן מיט ווילענסקען, דער־הערט זיך פּלוצעם אַן אופגערעגטער אויסגע־שריי:

— גייט אַוועק פונעם רעאַקטאָר! אָבער וואָס גיכער!

דאָס באַפעלט ווילענסקעס מיטהעלפערן — גאַלינע אַלעקסאַנדראָוונאַ.

וואָס איז געשען? די טעמפּעראַטור איז פּלוי־צעם שאַרף אונטערגעשפּרונגען.

זייַנען זיי ביידע, ווילענסקע און פּעטראָוו־סקאַיאַ, צוגעלאָפן צום אייַז־קעלטער, אַרויסגע־כאַפּט פון דאָרט אייַז, צעברעקלט עס אין א שטייסל, אָנגעשאָטן א פולע שיסל און אַוועק־געשטעלט אונטערן רעאַקטאָר. דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן מאַמעש אין געציילטע רע־געס. כאָטש די טירלעך פון דעם אָפּצוג־שראַנק, ווו עס קומט פאָר די רעאַקציע, זייַנען געמאַכט פון אָרגאַניש גלאָז, וואָס פּלאַצט ניט, איז די געפאַר סייַווי־סייַ גרויס, און די כימיקער־עקס־פּערימענטאַטאָרן מוזן זייַן שטענדיק פאַרזיכ־טיק, איבערהויפּט, ווען מע האָט צו טאָן מיט סופּעראָקסידן, וועלכע זייַנען אויסערסט ניט סטאַביל און האָבן א געפערלעכע נייגונג צו שטורעמדיקער רעאַקציע.

מירע ווילענסקע האָט פינף און דרייַסיק יאָר געהאַט צו טאָן מיט סופּעראָקסידן.

זי האָט זיך פאַרנומען מיט זיי נאָך דעמלט, ווען זי איז געווען א פּאָשעטע לאַבאָראַנטקע פון דער קאַטעדרע פון אָרגאַנישער כימיִע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער באַוווּסטער גע־לערנטער טימאָפיי איוואַנאָוויטש יורזשענקאָ, ווען זי איז אַליין געוואָרן אַן אָנפירערין פון דער דאָזיקער וויכטיקער לאַבאָראַטאָריע, האָט זי פאַרעפנטלעכט עטלעכע צענדליק וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן און פאַרשונגען, באַקומען אַרום צען צייַגענישן וועגן דערפינדונגען, וועלכע זי האָט געמאַכט צוזאַמען מיט אירע קאָלעגן, אָנ־

געשריבן א דיסערטאַציע און געוואָרן א קאַנ־דידאַט פון כימישע וויסנשאַפטן. אגעוו, איז די טעמע פון איר דיסערטאַציע טאַקע געווען „דער סינטעז און די אויספאָרשונג פון אייניקע טיפּן פון אָרגאַנישע סופּעראָקסידישע פאַרבינדונגען".

איז וואָס באַשטייט די דאָזיקע פּראָבלעם?

— כימיע, ווי אַלע וויסנשאַפטן, איז בא אונדז ניט אָפּגעריסן פונעם פּראַקטישן לעבן און פון די פּראַקטישע באַדערפענישן. פאַרקערט, זי איז ענג פאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמיק, מיט דער ווירטשאַפט פונעם לאַנד. דעריבער פאַר־נעמט מען זיך צום אַלעם ערשטן מיט דעם, וואָס עס קאָן אויסגענוצט ווערן אין אַלערליי געביטן פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירט־שאַפט.

ס'איז זייער א שווערע האַלאָכע איבערדער־ציילן דעם גאַנג פון די רייך וויסנשאַפטלעכע אידייען, נוצנדיק די גאַנצע קאָמפּליצירטע טער־מינאָלאָגיע און די „פּילגאָרנדיקע" פאָרמולעס. קורץ איז דער טאַמציס פון דעם אזא: דורך א לאַנגער קייט פון סינטעזן פון סופּעראָקסידן שטייט פאָר צו דערפינדן א נייעם סאָרט פון קינסטלעכן קאַוטשוק, וואָס וועט זיין בעסער טעכניש און וואָלוועלער עקאָנאָמיש פון דעם, וועלכער ווערט פּראָדוצירט איצטער.

שוין אַליין די אידיי — אויסנוצן סופּעראָק־סידן אַלס איניציאַטאָרן פון פּאָלימעריזאַציע האָט אַרויסגערופן א סאַך דערווידערונגען, און דער ענגלישער געלערנטער כאַוקינסאָן האָט פּרינ־ציפּיעל אויסגעשלאָסן אזא מעגלעכקייט. פונ־דעסטוועגן...

יאָ, ווען ניט דער דאָזיקער „פונדעסטוועגן", דאָס גלויבן און די אומגעוואַקלטע איבערצייגט־קייט, וואָלטן עפּשער א סאַך דערפינדונגען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מירע ווילענסקע האָט אַנטדעקט אירע פייי־קייטן אַלס א גוטער אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַ־גאַנדיסט פון דער דערפינדונג, וואָס זי האָט געמאַכט צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר יורזשענקאָ. זי האָט זיך ניט גערעכנט מיט גאָרנישט, גע־פאָרן אין קאָמאַנדירונגען אין פאַרשיידענע אינ־סטיטוטן, זאַוואָדן, אַנשטאַלטן, אומעטום דעמאָנ־סטרירט די ניי־געבוירענע פליסיקייט, נאָכאַ־מאָל און אָבעראַמאָל דערווייזן אירע מיילעס.

וואָס איז שייך דעם פּראָפעסאָר יורזשענ־קאָ, האָט ער פּיירלעך אויסגערופן, ווען ער האָט דערזען די ניי־סינטעזירטע פליסיקייט:

— רייך, ווי א טרער פון א פרוי!

וואָס האָט ער געוואָלט מיט דעם זאָגן? עפּ־שער האָט ער געמיינט ווילענסקעס טרערן, וועלכע פלעגן אַראָפּרינען אין צייט פון ייִעש און פאַרביטערטקייט. אַלץ איז געווען. און טרערן אויך.

מירע ווילענסקע אין דער לאַבאָראַטאָריע

— איירע איינדרוקן? — פרעגט ווילענסקע.

— מערקווירדיק! — רוף איך אויס. ניט צו־ליב העפלעכקייט, נאָר גאַנץ אָפנהאַרציק.

מענטשן גייען מיט כיישעק אין טעאַטער, קינאָ, אין מוזייען. איז דען ניט פונקט אזוי אינטערעסאַנט צו זען, ווי אין רעזולטאַט פון א פּראָצעס, וואָס הייסט כימישע רעאַקציע, ווערט געבוירן אין פּייער און אין אייז א שפּאָגל־נייער שטאָף, וואָס די וועלט און די נאַטור האָט וועגן דעם ניט געוווסט, און דער שעפער איז ניט גאָט, נאָר א מענטש, א פרוי, א באַ־גאַבטע און געוואַגטע פרוי, וועלכע האָט דאָס אויסגעטראָגן ניט ניין, נאָר עפּשער ביין מאָל ניין כאַדאָשים?

ווילענסקען ווייַזט זיך אויס, אז מיין באַגיי־סטערונג איז איבערגעטריבן, און זי זאָגט מיט א באַשיידענעם שמייכל:

— לאָמיר זיך אַראָפּכאַפּן קיין ראָוונע אף דעם כימקאָמבינאַט, וועט איר שוין דאָרט גע־וויס באַנעמען, וואָס פאַר א באַדייטונג עס האָט די היינטצייטיקע כימיע...

געזאָגט און געטאָן. אף מאָרגן זיינען מיר שוין געווען אין ראָוונע. דער קאָמבינאַט געפינט זיך אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט. ער פּראָדוצירט באַמיסטיקונג. וועגן דעם גיט צו וויסן א גרויסער פּלאַקאַט אף דער וואַנט: „די גערעטעניש הייבט זיך אָן בא אונדז אין צעך!"

— אונדזער צעך לאָזט אַרויס אַמאָניקאַלישע סעליטרע, — זאָגט דער מייסטער פונעם ערשטן אומבייט ראָסטיסלאַוו אורבאַנאָוויטש.

לויטן אויסזען איז אורבאַנאָוויטש א רויִקער מעיושעוודיקער מענטש. דאָס פרייט מיך. פרעג איך אים:

— איר קאָנט אונדז באַווײַזן וויאַזוי די דאָזיקע סעליטרע ווערט בא אײַך געבוירן?

טוט ער א שמייכל, און דער שמייכל איז ייִנגער פון אים.

— כ׳קאָן. אויב בעקיצער.

מיר קלעטערן איבער פאַרדרייטע מעשופּעדיקע אײַזערנע טרעפּ אף א טורעם, וואָס ער טאַקע איז דער צעך, ווו מע מאַכט אמאָניקאַלישע סעליטרע. באַטאָג און באַנאַכט, אָן אופהער, קנוילט זיך פון דעם דאָזיקן טורעם א „רויך״, וועלכער איז אינדערעמעסן ניט קיין רויך, נאָר א געמיש פון דאַמף און לופט. ראָסטיסלאַוו פּעדאָסייעוויטש דערציילט אונדז בעשאַסמײַסע קורץ און וואָגיק וועגן דעם אומופּהערלעכן פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אינווייניק אינעם טורעם אווטאָמאַטיש, ביז עס דערזעען די ליכטיקע שײַך ווײַסע גראַנולעס, ענלעכע אף גרײַפּעלעך.

ווען מיר לאָזן זיך אראָפּ צוריק מיט די אײַזערנע פײַכטע און גליטשיקע טרעפּ, טוט מיר אורבאַנאָוויטש א צי פאַרן ארבל און פירט מיך צו שווײַגנדיק צו א קליין טונקל פענצטערל אין דער מיט פון דעם טורעם. איך פאַל צו מיט די אויגן צום פענצטערל. צוערשט האָב איך גאָרנישט ניט געזען. נאָר ווען כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין די טונקעלע אינגעווייד פון דעם סוידעספולן טורעם, האָב איך דערזען א דורכויסיקן גערזאָד. א קליינע אָזערע האָט געברויזט, געזאָטן און געפינעט זיך. ווײַסע שפּריצן זײַנען געפלויגן אינדערלופטן, געשטיגן און אנידערגעפאַלן צוריק. אַן אומפאַרגעסלעכע זעונג, וואָס מע וואָלט עפשער געקאָנט פאַרגלײַכן מיט א קליינטשינקן גייזער. א גייזער איז אָבער א דערשײַנונג פון דער נאַטור, און אָט דאָס איז א פּרעכטיקע שאַפונג פון דעם מענטשלעכן סייכל.

און איצטער מוזן מיר זיך אומקערן צו יענעם גוירלדיקן סענטיאַבער־טאָג — א גוירלדיקן און א פּרעכטיקן. ס׳איז געווען א טאָג פון זון און פון גאָלד, א גאָלדענער הארבסט־טאָג.

אָנגעהויבן האָט ער זיך, ווי געוויינלעך, מיט א באַליבטער ארבעט, מיט א מונטערער שטימונג. צוזאַמען מיט אַן אספּיראַנט האָט מירע ווילענסקע דורכגעפירט א סינטעז פון נאָך איין מין סופּעראָקסיד. נאָכדעם האָט מען אָפּגערייניקט דעם סופּעראָקסיד לויט א מעטאָדיק, וואָס מע ווענדט אָפּט אָן — דיסטיליאַציע אין וואַקוום. ווילענסקע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און באַשריבן דעם נאָרוואָס דורכגעפירטן עקספּערימענט, און דער אספּיראַנט האָט אָפּגעשלאָסן די וואַקוום־אײַנריכטונג. (כ׳מיין, ס׳איז קעדײַ אונטערשטרײַכן, אז מיטן וואַקוום באַנוצט מען זיך, קעדיי צו פאַרקלענערן די טעמפּעראַטור צוליב געפאַרלאָזיקײַט). נאָך דער דיסטיליאַציע האָבן זיך באַקומען עטלעכע פראַקציעס (טיילן) פון דעם פּראָדוקט, און אין קאָלבע איז פאַרבליבן עפּעס א רעשט. פרעגט דער אספּיראַנט:

— וואָס דאַרף מען טאָן מיטן רעשט?

ווילענסקע הייבט זיך אוף פון אָרט, גייט צו צום שראַנק, רוקט אָפּ די שטאָרע פונעם אָפּצוג־שראַנק (די שטאָרע איז געמאַכט פון אָרגאַניש גלאָז, וואָס ברעכט זיך ניט, אלץ צוליב געפאַרלאָזיקײַט). זי באַווײַזט קוים צורירן זיך צום קאַפּיליאַר (א שמאָל גלעזערן רערל, דורך וועלכן עס דרינגט ארײַן די לופט און ס׳קומט פאָר דער דיסטיליאַציע־פּראָצעס) פון דער קאָלבע, קעדיי אָנעמען א פּראָבע פון דעם רעשט, — און פּלוצעם פּלאַצט עפּעס אוף, ווי א דונער! זי דערפילט א שאַרפן ווייטעק און פאַרמאַכט אינטויִטיוו די אויגן.

דער געהילך האָט זי פאַרהלושעט, און זי האָט גאָרנישט ניט געהערט, גאָרנישט ניט געזען. זי האָט נאָר דערפילט, ווי בלוט רינט פונעם פּאָנעם און פון די הענט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך דערשלעפּט צו דער ראַקאָווינע, אָנגעטאַפּט דעם קראַן, אים אופגעדרייט און אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעם. יעדע סעקונדע האָט זיך געצויגן אומגעהייער לאַנג, און ווען זי האָט מיט אָנשטרענגונג אופגעעפנט די אויגן, האָט זי דערזען, ווי בלוט גיסט זיך איבער דער ראַקאָווינע. דערזען האָט זי עס אָבער מיט איין אויג, מיטן לינקן. דאָס רעכטע איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. א רויט־העלע שײַן האָט א בלישטשע געטאָן און איז גלײַך אויסגעלאָשן געוואָרן. אף אייביק.

מיטאַרבעטער זײַנען געקומען צו לויפן פון אלע שטאָקן און פון אלע צימערן און זי ארומגערינגלט. זאָגט זי צו זיי זאַכלעך: „נעמט, צעפירט פּערהידראָל, וואַשט דורך די ווונדן, שטעלט אָפּ דאָס בלוט, רופט ארויס די „גיכע הילף״ און קלינגט אָן מײַן מאַן...״

די „גיכע הילף״ האָט אָפּגערייניקט די ווונדן, איבערגעבונדן די אויגן, געבראַכט א טראָגבעטל. דער דאָקטער, וועלכער האָט דעזשורעט אין קליניק, א דאָצענט, האָט באַטראַכט אירע אויגן און געזאָגט מיטפילנדיק, אז דאָס רעכטע אויג און דאָס פּאָנעם זײַנען שטאַרק צעשעדיקט מיט גלאָז־שפּליטערס.

די אָפּעראַציע האָט געדויערט אָנדערהאַלבן שאָ. נאָכדעם האָט מען איר פאַרבונדןביידע אויגן, און צען טעג האָט זי געמוזט ליגן און זיך ניט א ריר טאָן. ליידער, איז ניט געלונגען צו ראַטעווען דאָס רעכטע אויג.

כאָטש פון יענער צײַט איז שוין אריבער א גאַנצער צענדליק יאָר, פילט מען נאָך איצט

דעם נאָגנדיקן ווייטעק פון די צען טעג אין איר יעדן וואָרט.

— אין דעם פאַרנעפּלטן באַוווסטזייַן איז אופגעשווומען א פאַכעד פאַר דער צוקונפט. א פאַרצווייפלטע, האָב איך געפּרווט זיך פאָרשטעלן מייַן קינפטיק לעבן אָן איין אויג, אָן דעם בעסערן. צי וועל איך זייַן בעקויעך פאַרזעצן מייַנע פאָרשונגען און עקספּערימענטן?

די רעגעס ציִען זיך פּאַוואָלינקע, ווי קעמלען אין מידבער, און צוזאַמען מיט זיי — קלערעניש, צוזאַמענגעקייטלטע יאָרן. שטעלן זיך אויס אין איין ריי, און די פרוי מיטן באַנדאַזש אף די אויגן זעט זיי קלאָר און דייַטלעך.

פריִער פאַר אַלץ — די קינדער־יאָרן. די צוואַנציקער יאָרן.

האָמעל. די ערשטע רויטע גאַס. ניט געקוקט אף דעם, וואָס זי איז א רויטע און דערצו נאָך די ערשטע, איז דאָס א שטילע געסל. זעלטן־ווען טאַראַכקעט דורך א פור, דאַן הייבט זיך אוף אינדערלופטן א געדיכטער שטויב, אַזא געדיכטער, אַז מע זעט ניט די שטיבער אף דער אנטקעגנדיקער זייט.

צוויי שטיבער אין איין הויף. פיר מישפּאָכעס. די קינדער פון די מישפּאָכעס האָבן געלעבט גוטשכייניש. אין הויף איז געווען אַן אַלגעמיין סעדל, פלעגן זיי זיך דאָרט שפּילן, און מירעלע איז געווען די קלענסטע צווישן זיי. א דערמאָנונג — און עס ווערט איר עטוואָס גרינגער אפן האַרצן. ליכטיקער אפילע. אין געמיינזאַמען סעדל פון דעם געמיינזאַמען הויף אף דער ערשטער רויטער גאַס נעמען זיך צונויף קינדער און מע קויפט פאַר געמיינזאַם געלט א געמיינזאַם שיפל. מע ברענגט עס צו טראָגן מיט א פייַערלעכן טאַראַראַם אין הויף, מע פאַרבט עס געמיינזאַם אָפּ מיט רויטער פאַרב, און נאָכדעם שיפּלט מען זיך אף דעם געמיינזאַמען שיפל איבערן טייַך איפּוט — א צופלוס פון דעם באַוווסטן סאָזש. דאָס קליינע מירעלע וויל זייַן ענלעך אף די עלטערע יינגלעך. איינמאָל, אינמיטן טייַך, שפּרינגען אַראָפּ פון שיפל די יינגלעך. שפּרינגט מירעלע אויך. דער כילעק איז נאָר אין איין קלייניקייַט: די יינגלעך האָבן געקענט שווימען, און מירעלע — ניט. האָט זי זיך אָנגעהויבן באַמבלען אינעם וואַסער, שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. ס'זייַנען געקומען צו לויפן אַלע פיר מאַמעס פונעם הויף, פיר אַנעס: אַנאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַנאַ סטעפּאַנאָוונאַ, אַנאַ דאַווידאָוונאַ (מירעלעס מוטער) און אַנאַ איגנאַטיעוונאַ. דעמלט, און אויך שפּעטער, פלעגט די מוטער מוסערן מירעלען:

— וואָס הייסט א קינד שפּרינגט אין וואַסער אינמיטן טייַך, ניט קענענדיק שווימען?

ענטפערט איר דאָס מיידעלע:

— ווען איך זאָל דעמלט ניט אַראָפּשפּרינגען, וואָלט איך זיך ניט אויסגעלערנט שווימען...

אַלע פיר אַנעס האָבן ליב געהאַט קווייטן. זיי פלעגן פאַרזעצן די בייטן מיט פּרעכטיקע בלומען, וועלכע האָבן באַצירט דעם הויף. זונטיק אינדערפרי גייען די פרויען ארויס פון שטוב זיך קווקן מיט די ערשט צעבליטע קווייטן. אפדערנאַכט נעמט מען פרעגלען אייַנגעמאַכטס אף צונויפגעלייגטע ציגל. אויך אין הויף. ביז הייַנט פילט מירע דעם דופטיקן געמיש פון בלומען און פון אייַנגעמאַכטס.

פון די פיר אַנעס איז פאַרבליבן אין זיכּאָרן, כוץ דער מוטער, די פערטע, וועלכע האָט געהייסן אַנטאָנינע, אַנטאָנינאַ איגנאַטיעוונאַ יעפרעמאָווא, אָדער פּאָשעט „טיאָטיאַ טאָניאַ“.

עס האָט איר אָפּגעגליקט אין לעבן, מירען — זי האָט א מאַזל אף גוטע מילדע מענטשן. אין דער קינדהייַט — די מומע טאָניע. בעשאַס דער מילכאָמע — אירא יעגאָראָוונאַ. אין אינסטיטוט — פּראָפעסאָר נעסמעיאַנאָוו, דער קינפטיקער פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. ער איז געווען פאַר איר ווי א לייַכטטורעם. אף דער אַרבעט — פּראָפעסאָר יורזשענקאָ און גאַלינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פּעטראָווסקאַיאַ.

יאָ, איז וועגן דער מומע טאָניע. א גוטהאַרציקע רוסישע פרוי געווען. א גוט האַרץ האָט זי געהאַט, אַז גאָרנישט האָט ניט געקאָנט עס פאַרביטערן. דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט, און זי האָט אַליין אויסגעכאָוועט צוויי זין, וועלכע זייַנען ביידע שפּעטער, בעשאַס דער מילכאָמע, אומגעקומען. א לערערן לויט דעם פאַך, האָט זי געמוזט, קומענדיק צו פאָרן קיין האָמעל, זיך אייַנאָרדענען אף קאַנטאָרישער אַרבעט. זי האָט ליב געהאַט די קינדער פונעם הויף, זיי געלייענט ביכלעך און דערציילט מייַסעס. אָפּט פלעגט זיך מירעלע אַרייַנכאַפּן צו דער מומע טאָניע. טאַקע זי, אַנטאָנינאַ איגנאַטיעוונאַ, האָט אויסגעלערנט דאָס מיידעלע לייענען און שרייַבן, און ווען ס'איז געקומען די צייַט און מ'האָט געשיקט מירעלען אין שול, האָט זי שוין פרייַ געלייענט און געשריבן. אויך שפּעטער, אפילע אין די העכערע קלאַסן, פלעגט מירע גאָרנישט ניט טאָן אָן דער מומע טאָניע. און זיי ביידע האָבן באַשטימט, אַז מירע דאַרף ווערן א כימיקער: זי האָט א גרויסן אינטערעס צו אָט דער וויסנשאַפט. טאַקע אַדאַנק אַנטאָנינע איגנאַטיעוונען — באַ איר זייַנען געווען ניט ווייניק טשיקאַווע ביכער וועגן כימיע, האָט מירע זיי אַלע איבערגעלייענט.

— דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען אַנטאָנינע איגנאַטיעוונען, — דערציילט ווילענסקע, — שוין נאָך דער מילכאָמע. זי האָט געוווינט

אליין, און אזוי ווי די זין זײַנען אומגעקומען, האָט זי געגעבן אַ פּריטולעק אַן איינזאַמער פרוי מיט אַ קליין קינד, זיי אָפּגעטראָטן איר בעט און אליין געשלאָפן אַף אַ קופערט.

זי האָט עס דערקלערט פּאַשעט און פּראָסט:

— מײַן לעבן ענדיקט זיך שוין, און דאָס לעבן פונעם קינד הייבט זיך ערשט אָן. ווער זשע איז בילכער?

— אינגיכן איז די מומע טאַניע געשטאָרבן. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם, ווען איך בין נאָכאַמאָל געקומען קיין האָמעל. האָב איך צונויפגעקליבן קוויטן אין אונדזער גאָרטן, אַנטאָנינע איגנאַטיעוונא האָט זיי אַליין, מיט אירע אייגענע הענט אויסגעכאָוועט, און כ׳האָב זיך אוועקגעלאָזט אַפן צווינטער...

אין 1939 איז מירע אַרײַנגעטראָטן אין מאָסקווער אינסטיטוט פון כימישער טעכנאָלאָגיע. אָרגאַנישע כימיע האָט אונטעריכט דער אַקאַדעמיקער אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש נעסמיאַנאָוו. זײַנע לעקציעס פלעגט ער באַגלייטן מיט פאַרכאַפּנדיקע עקספּערימענטן, און פאַר מירען איז דאָס געווען ווי אַ גרויסער יאָמטעוו. די לאַנגאַניקע ליבע צו כימיע האָט איצטער, אונטער דער ווירקונג פון נעסמיאַנאָווס לעקציעס, באַקומען אַ קאָנקרעטן אויסדרוק.

...דעם 22 יוני 1941 איז מירע געזעסן אין דער ביבליאָטעק און געגרייט זיך צום לעצטן עקזאַמען, און דעם דריטן יולי איז זי צווישן טויזנטער מאָסקווער קאָמיוגיסטן אַרויסגעפאָרן בויען שוץ־אײַנריכטונגען אין ראַיאָן צווישן רזשעוו און סמאָלענסק. דאָרטן האָט זי זיך באַפרײַנדעט מיט אירינע יעגאָראָוונע, מיט וועלכער ס׳איז ווײַטער פעסט פאַרבונדן איר גורל.

זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, אָבער לערנען זיך ווײַטער איז שוין ניט אויסגעקומען, ווײַל דער אינסטיטוט האָט זיך עוואַקויִרט. אירינע האָט פאַרגעלייגט מירען, זי זאָל פאָרן מיט איר קיין אוליאַנאָווסק, צו אירע עלטערן. אויב אַנטאָנינא איגנאַטיעווא איז געווען פאַר מירען ווי אַ צווייטע מוטער, איז אירינע געוואָרן איר געטרײַע שוועסטער. איין וועג — צוזאַמען. פאָרנדיק מיט אַן עשעלאָן פון פאַרווּנדעטע סאָלדאַטן, זײַנען זיי געוואָרן מעדיציניִשע שוועסטער. זיצנדיק באַנאַכט אַף דער באַרזשע, וואָס איז געשווומען איבער דער וואָלגע, האָבן זיי זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און געוואַרעמט איינע די צווייטע.

ביידע האָבן זיי געוווינט צוזאַמען אין אוליאַנאָווסק בא אירינעס עלטערן. מירעס מוטער און איר ברודער (דער פאָטער איז געווען אַפן פראָנט) האָבן זיך אויך עוואַקויִרט אַהער און געלעבט צוזאַמען אין אירינעס שטוב. שפּעטער, פרילינג 1942, האָבן זיי פאַרקויפט אַן אָנצוג פון מירעס פאָטער און פאָרן אויסגעלייזטן געלט געקויפט צוויי בילעטן קיין קאָקאַנד, קעדיי פאַרזעצן די לערע אין עוואַקויִרטן מאָסקווער כימיש־טעכנאָלאָגישן מענדעלייעוו־אינסטיטוט. ביידע זײַנען געוואָרן בלוט־דאָנערס. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן איינע די צווייטע און געטיילט זיך מיטן לעצטן ביסן. אין מאַרט 1943 האָבן זיי צוזאַמען מיטן אינסטיטוט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט זײַנען זיי זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט לויט דער פאַרטיילונג, נאָר דער בונד צווישן זיי, דורך בריוו, דורך קומען צוגאַסט איז פאַרבליבן ביז איצט.

מירע איז צײַטווײַליק איבערגעגאַנגען אַף פעדאַגאָגישער אַרבעט, געלייענט לעקציעס, אָנגעפירט מיט דער פּראַקטיק פון די סטודענטן. ס׳האָט זי אָבער שטאַרק געצויגן צו פאָרשונג, און אין צוויי יאָר אַרום האָט זי זיך צוריק אומגעקערט אין דער לאַבאָראַטאָריע.

איך זאָג איר:

— איר האָט זיך הײַנט פאַרגעסן אָפּרוען. שוין צײַט עסן מיטיק.

— נישקאָשע, דער מיטיק וועט ניט אַנטלויפן. ביפּראַט, אַז כימיקער קאָנען צוגרייטן אַ מיטיק טאַקע דאָ אין לאַבאָראַטאָריע, פון קינסטלעכער שפּײַז. אָט האָט דער אַקאַדעמיקער נעסמיאַנאָוו דערפונדן אַ קינסטלעכן רויג, און מע זאָגט, אַז דאָס איז אַפילו געשמאַקער פון נאַטירלעכן.

זי איז שוין אַלט זעכציק יאָר. פינף און דרײַסיק זײַנען אָפּגעגעבן דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

איך האָב גענומען איר האַנט און אַ קוש געטאָן. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון מײַן פאַרערונג פאַר אָט דער באַשיידענער ייִדישער פרוי.

נאָטע לוריע

אײַלט זיך טאָן גוטס

מיט מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש וואָלפֿן און זײַן מישפּאָכע, וועגן וועלכע איך האָב א פאַרלאַנג צו דערציילן אונדזערע לייענער, האָב איך זיך באַקאַנט נאָך דעם, ווי אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָפּגעדרוקט מײַן גרעסערע דערציילונג „די געשיכטע פון א ליבע". די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל האָט דעמלט באַקומען א סאַך בריוו פון לייענער. איך האָב אויך באַקומען בריוו אָף מײַן היימישן אַדרעס. געוויינלעך ענטפער איך יעדן, אָף וועמעס בריוו ס'איז אָנגעוויזן דער צוריק־אַדרעס. אויך דאָס מאָל האָב איך אָף אַלע בריוו געענטפערט, באַדאַנקט די לייענער, און די, וועמעס בריוו זײַנען געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט, האָב איך דערבײַ געבעטן אָנשרײַבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, וועגן זייער באַשעפטיקונג, וועגן וואָס מע וועט געפינען פאַר נייטיק.

אינגיכן האָב איך אָנגעהויבן באַקומען ענטפערס אָף מײַן באַקאָשע. פון די בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אונדזער לייענער הערץ קלעבאַנאָוו איז אַן אָנגעזעענער קאָנסטרוקטאָר פונעם טשעליאַבינסקער טראַקטאָר־זאַוואָד, ער האָט העכער דרײַסיק אָפּגעדרוקטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אַלט איז ער צוויי און פערציק יאָר, יידיש זיך אויסגעלערנט באַם טאַטן און באַם זיידן, לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד" רעגולער, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן נומער;

אַז מאַריע רעזניק איז אַן אינזשעניער־עלעקטריקער אָף א לענינגראַדער זאַוואָד, א ריי ווערק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זעצט זי איבער אָף רוסיש, קעדיי פאַרשאַפן פאַרגעניגן אירע קינדער און די נאָענטע פרײַנט;

אַז שאָלעם טריבעלסקי איז דער שעף פון אַן אָפּטייל אָף א גרויסן זאַוואָד אין טאָמסק, געלערנט אין אָדעסער יידישן מאַשינבוי־טעכניקום, דאָרט, ווו דער יידישער דיכטער בוזי אָליעווסקי האָט א געוויסע צײַט געלייענט לעקציעס און פאַרפלאַנצט באַ די צוהערער ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור. טריבעלסקי פאַרמאָגט אין זײַן היימישער ביבליאָטעק אַלע דערשינענע פאַר די לעצטע יאָרן ביכער פון די סאָוועטישע יידישע שרײַבער;

אַז מיכאיל וועטראָגאָן פון לוואָוו איז אַן אַלטער באָלשעוויק, געקעמפט מיט געווער אין די הענט קעגן די דעניקינצעס און פילסודטשיקעס, א פאַרטיי־טוער, איצט א פענסיאָנער, א שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד";

אַז נאָום קובלאַנאָוו — אַזאַ סורפּריז! — איז פון מײַן קליינינק בידנעם דערפל „האַלושקעס", וואָס האָט זיך געפונען אַראָפּ־בערגל, הינטער די הולײַפּאָליער מאָהילקעס, זיבן און דרײַסיק קילאָמעטער פון דער אײַזנבאַן. באַשע־רייזע דער אַלמאָנעס זון, מײַן כאַווער פון די ווײַטע קינדער־יאָרן: צוזאַמען מיט אים עטלעכע זמאַנים געגאַנגען אין כיידער, צוזאַמען געפּאַשעט פרעמדע קעלבלעך אין דער צאָמבער־באַלקע, געבאָדן רײַטנדיק דעם שאָכנס פערד (קיין אייגענע האָבן מיר ניט געהאַט) אין דעם אַרומגעוואַקסענעם מיט טשערעט גרינבלעכן סטאַוואָק, צוזאַמען איבערגעלעבט די פּלוצעמדיקע שרעקלעכע אָנפאַלן פון די מאַכנאָווצעס, צוזאַמען געבידעוועט, ניט פאַרענדיקט אַפילע די פּיריאָריקע האַלושקער שול, און אָט — בעעמעס אַזאַ וווּנדערלעכער סורפּריז, — באַשע־רייזעס, דער אָרעמער אַלמאָנעס זון נאָסן איז א קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, א דאָצענט אינעם דניעפּראָפּעטראָווסקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט, זײַנע ביכער דינען אַלס קוואַל פון וויסנשאַפט פאַר סטודענטן אין פיל הויכשולן באַם דערלערנען מעטאַלורגיע...

געענטפערט האָבן מיר אויך די אַנדערע לייענער, צו וועלכע איך האָב זיך געווענדט, אויסער איינעם, אויסער מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש וואָלפֿן, און מיר האָט זיך דאַפקע זייער

געוואָלט האָבן אויך פֿון אים אַן ענטפֿער, אַף ווײַל זײַן אָפּרוף וועגן דער „געשיכטע פֿון א ליבע" (אַן אָפּרוף אַף אכט זײַטן) איז אָנגעשריבן ביז גאָר אָריגינעל, מיט טיפֿן פֿאַרשטאַנד און מיט א דינעם געפֿיל פֿאַר ליטעראַטור.

זײַן ענטפֿער האָב איך דערהאַלטן שוין אײַנגאַנצן אומגעריכט אין א האַלב יאָר אַרום.

„אַנטשולדיקט מיר, — האָט געשריבן מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש, — וואָס איך ענטפֿער מיט אַזאַ פֿאַרשפּעטיקונג. אײַער בריוו איז אָנגעקומען, ווען איך בין ניט געווען אין מאָסקווע, און אונדזער 82־יאָריקע באָבע, זאָל געזונט זײַן, האָט אים ערגעץ אַוועקגעלייגט, און מאַכמעס איר שוואַכן זיקאָרן האָט מען אים ניט געקאָנט דערנאָך געפֿינען. זי האָט זייער איבערגעלעבט. ס'איז געווען פּאַשעט א ראַכמאָנעס אַף איר, און אַט הײַנט האָב איך דעם בריוו צופֿעליק געפֿונען".

פֿון מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשס בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ייִדישע ווערק האָט ער ניט געלייענט העכער פֿינף און דרײַסיק יאָר, מער פֿון פֿינף און דרײַסיק יאָר ניט געשריבן אַף ייִדיש, און זעלטן־ווען איז אים אויסגעקומען אַרויסצוברענגען א ייִדיש וואָרט. וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ער אַנומלטן זיך דערוווּסט פֿון א באַקאַנטן, געקראָגן דעם זשורנאַל, איבערגעלייענט „די געשיכטע" עטלעכע מאָל און בענעשאַמאָ אַכאַס אָנגעשריבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿונעם האַרצן"... ווײַטער שרײַבט ער: „איך בין א דאָקטער, קאַנדידאַט פֿון מעדיציניש־וויסנשאַפֿטן, פּאַרוואַלטער פֿון א פּסיכיאַטרישער קליניק, אוטאָר פֿון העכער הונדערט וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן אין געביט פֿון פּסיכיאַטריע. א טאַטע פֿון צוויי דערוואַקסענע קינדער. די טאָכטער איז א פּיאַניסטקע, געענדיקט דעם מוזי־קאַלן גנעסין־אינסטיטוט, אַרבעט אין דער מאָסקווער געגנטלעכער פֿילהאַרמאָניע, שאַפֿט אויך אַליין מוזיק. דער זון פֿאַרענדיקט אײַנגיכן דעם מאָסקווער מעדיצינישן אינסטיטוט. די פֿרוי איז א נעווראָפּאַטאָלאָג און אויך א דאָקטער פֿון קינדערשע קראַנקײַטן, נו, און די אַכ־רוינאָ, אַכרוינאָ כאַוויוואָ — די אַלטיטשקע באָבע אונדזערע, וועלכע האָט אַזוי באַלעבאַטיש באַהאַלטן אײַער בריוו, — איך בעט אײַך, האָט אַף איר קיין פֿאַריבל ניט, — באַהערשט שפּראַכן, קען גוט איוורית, זי האָט זיך געלערנט אין אַדעס בא ביאַליקן..."

לויט זײַן ביטע, האָב איך אים אָפּגעשיקט עטלעכע ביכער מײַנע. מיר האָבן זיך אָנגעג־הויבן איבערשרײַבן. מיט אינטערעס האָב איך געלייענט זײַנע בריוו, אין וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע דערשײַנונגען, אויך וועגן מײַן ראָמאַן „הימל און ערד". וועגן דעם ראָמאַן האָט ער געשריבן ניט פֿון זײַן אייגענעם נאָמען, נאָר, שטעלט אײַך פֿאָר, פֿון אונדזער אַלעמענס זיידנס — פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. א גאַנ־צער טראַקטאַט: וואָס וואָלט דער גרונטלייגער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט זײַנערצײַט זייער קלאָר אַרויסגעזאָגט שאָלעם־אַלייכעמען זײַן מיינונג, וואָס עס דאַרף מיט זיך פֿאָרשטעלן א ייִדישער ראָמאַן, — וואָס וואָלט דער זיידע געזאָגט איצט וועגן דעם הײַנטצײַ־טיקן ייִדישן ראָמאַן, וועלכער שילדערט גאָר א נײַ לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, א לעבן אין לאַכלוטן אַנדערע באַדינגונגען, אין גאָר נײַע מענטשלעכע צווישנבאַציִונגען...

זײַענדיק אַנומלטן אין מאָסקווע, האָב איך זיך געקליבן באַגעגענען מיט וואָלפֿן, נאָר ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. פּונקט דעמאָלט איז ער אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים — אַף א סימ־פּאָזיום, צי אַף א קאָנפֿערענץ, צי אַף א קוראָרט. אַזוי איז אַוועק א היפּשע צײַט.

דאָ ניט לאַנג צוריק, ווען איך בין געקומען אַף א פּלענאַרער זיצונג פֿון דער רעדקאָ־לעגיע, איז וואָלף געווען אין מאָסקווע. איך האָב אים אָנגעקלונגען, ער האָט מיך אײַנגע־לאַדן קומען טאַקע באַלד צו אים אַף דער אַרבעט.

פֿאַרנדיק צו מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן אין דער באַוווסטער פּסיכיאַטרישער קליניק אַף גאַנושקינס נאָמען, האָב איך פֿון זײַנע בריוו שוין געוווּסט, אַז ער איז א געבוירענער פֿון פּוילן, געענדיקט דאָרט א גימנאַזיע, צו באַרמיצווע גוט געקענט טאַנאַך און געמאָרע, דעמאָלט, צו דרײַצן יאָר, שוין פֿרײַ גערעדט אַף א ריי שפּראַכן. א שטאַרקע האַשפּאָע האָט אַף אים געהאַט זײַן גוטהאַרציקע באָבע ריווקע, וועלכע האָט אין אים פֿון קינדווײַז אײַנגעפּלאַנצט ליבע צו מענטשן, א געפֿיל צו טאָן גוטס און זײַן שטענדיק ערלעך.

זײַן באָבע ריווקע, דעם טאַטן, די מאַמע, די גאַנצע מישפּאָכע וואָלט האָבן די היטלע־ריסטן אין 1941־טן יאָר אַף א שוידערלעכן אופֿן אומגעבראַכט. מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש איז דעמאָלט אַלט געווען נײַנצן יאָר, ער האָט שטודירט מעדיצין. אַלפּי־נעס איז ער ביצל געוואָרן, אַריבער די גרענעץ, זיך דערקליבן ביז סטאַלינגראַד, דאָרט האָט מען אים פּריטו־ליעט, געהאָלפֿן אָנקומען אין מעדיצינישן אינסטיטוט, פֿאַרזעצן די לערע. אין 1942 יאָר גייט ער פֿרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, נעמט אָנטייל אין די שלאַכטן בא סטאַלינגראַד און איז שעף פֿון א סאַניטאַר־טייל ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע. אין 1955, שוין א מאַיאָר

פון מעדיצינישער דינסט, הויפּט־פּסיכיאַטער פון דעם בעלאָמאָרסקער מיליטערישן קרייז, דעמאָביליזירט ער זיך און פאַרנעמט זיך ווײַטער מיט דער גאָר ניט לײַכטער טעטיקייט פון א פּסיכיאַטער.

וועגן וואָלפן אַלס פּסיכיאַטער האָב איך שוין אויך געהאַט ידיעס. ניט פון זײַנע בריוו. אין די בריוו האָט ער וועגן דעם גאָרנישט ניט געשריבן.

ניט לאַנג צוריק, ווען איך בין געפאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך אין מײַן צוויי־ערטער־דיקער קופּע געטראָפן א דאַרלעכן מאַנצבל. ער איז געזעסן באַם טישל מיט א בוך, פאַרטיפט אין לייענען. דעם עמעס געזאָגט, בין איך פון אַזאַ שאָכן געווען ניט איבעריקס צופרידן. ס'האָט זיך געוואָלט, עס זאָל זײַן א מיטפאָרער, מיט וועמען מע קאָן זיך דורכריידן, פאַר־ברענגען, זיך דערוויסן עפּעס אינטערעסאַנטס.

איך בין אוועק אין דער שכייניסדיקער קופּע. דאָרט איז געווען א באַקאַנטער רעזשיסער פון דער אָדעסער קינאָ־סטודיע. מיר האָבן וויל פאַרבראַכט, און אַרום עלף אינאָוונט, ווען ס'איז שוין צײַט געווען זיך לייגן שלאָפן, האָב איך זיך אומגעקערט צו זיך אין קופּע. מײַן מיטפאָרער איז, ווי פריִער, געזעסן באַם טישל פאַרטיפט איבערן בוך.

מיר איז שוין פּשוט טשיקאַווע געווען צו וויסן, וואָס פאַר א ווערק האָט עס אים אַזוי פאַרכאַפּט.

— וואָס לייענט איר? — האָב איך א פרעג געטאָן, צוזעצנדיק זיך אַנטקעגן אים.

— איך לייען ניט, — האָט ער פאַרטראַכט געענטפערט, — איך הערלערן. ס'איז א וויסנ־שאַפטלעך ווערק, זייער א ווערטפולס.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט, און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מײַן שאָכן איז א קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, א פּסיכיאַטער.

— א פּסיכיאַטער? זייער אָנגענעם. איך שרײַב זיך איבער מיט א מאָסקווער פּסיכיאַטער.

— מיט וועמען? — האָט ער מיט נײַגער געפרעגט.

— פּסיכיאַטערן זײַנען אין מאָסקווע, מסתּמא, פאַראַן א סאַך. ניט אַלעמען קענט איר דאָך... איך שרײַב זיך איבער מיט וואָלפן.

— מיט מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן? — האָט ער, א דערפרייטער, ווי איך וואָלט אָנגערופן זײַנעם זייער א נאָענטן מענטשן, איבערגעפרעגט.

— יאָ, מיט מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן. איר קענט אים?

— א פראַגע! — האָט ער ניט אָן שטאָלץ אויסגערופן. — וועלכער פּסיכיאַטער אין רוס־לאַנד קען ניט וואָלפן? נו, ניט אַלע קענען אים פּערזענלעך, אָבער לויט די ביכער זײַנע, לויט זײַנע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. לאָמיר זיך באַקאַנען, — האָט ער אויסגעשטרעקט א וואַרעמע האַנט. — טיטאָוו יורי לוקיטש, הויפּט־דאָקטער פון א קליניק אין קאָסטראָמאַ. מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשס א שילער. א דאַנקבאַרער שילער, — האָט ער מיט האַרץ צוגעגעבן. — איר שרײַבט זיך איבער מיט אים? שוין א היפּשע צײַט? און פּערזענלעך נאָך ניט באַקאַנט? איז באַקאַנט זיך אומבאַדינגט. ס'איז א זעלטענער מענטש און א פּרעכטיקער פּסיכיאַטער. אין שפּיטאָל האָבן געלייענט לעקציעס גרויסע ספּעציאַליסטן, נאָר קיינער ניט אַזוי אָריגינעל, אַזוי טיף, ווי מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש. ער האָט אונדז געגעבן עכטע וויסנשאַפט. וואָלפס פיל שילער זײַנען קאַנדידאַטן פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, אָנגעזעענע פּסיכיאַטערס. פון א סאַך שטעט, פון פאַרשיידענע רעפּובליקן פאָרט מען, כּדי אָנקומען צו וואָלפן אין קליניק. טויזנטער קראַנקע האָט ער געשטעלט אויף די פיס. אונטער זײַן רעדאַקציע זײַנען דערשינען צען וויסנשאַפטלעכע בענדער וועגן פּסיכיאַטריע, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך אָנגעזעענע געלערנטע — פּראָפעסאָרן, דאָקטאָרס און קאַנדידאַטן פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן. ער איז דער אויטאָר פון די פּראָגראַמען אויף שטודירן מעדיצינישע וויסנשאַפטן פאַרן פּערסאָנאַל פון די קליניקעס. העכער צוויי צענדליק יאָר איז ער פאָרזיצער פון דעם מעטאָדישן ראַט, אָר־גאַניזאַטאָר פון שטאַטישע און רעפּובליקאַנישע קאָנפערענצן... — טיטאָוו האָט גערעדט מיט אינטערעס, ס'האָט זיך געפילט, אַז דער געשפּרעך וועגן וואָלפן פאַרשאַפט אים פאַרגע־ניגן.

— מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש איז דערצו זייער א באַשיידענער, א ליבער מענטש. — צו־זעענדיק, קאַנטיק, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט וועגן וואָלפן, האָט מיך פאַרכאַפּט, זעצט ער פאָר: — אַנומלטן איז מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש געקומען קיין קאָסטראָמאַ, ער האָט אונדז קאָנ־סולטירט. בעשאַס אַן איבערײַס האָבן מיר אים פאָרגעלייגט זיך דורכפאָרן צו די פעלדער און וועלדלעך, וועלכע רינגלען אַרום די קליניק. מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש איז געפאָרן אויף א וועלאָסיפּעד, אַזוי האָט זיך אים געוואָלט, און איך מיט עטלעכע דאָקטוירים — אויף א מאַשין. אין מיטן וועג, לעבן הויכן קאָרן, איז ער אַראָפּ פונעם וועלאָסיפּעד, געבליבן שטיין, גע־

קוקט פאַרגאַפט אַף דעם געראָטענעם באַגילדעטן פעלד, אַפן יונגן וועלדל, וואָס האָט זיך געטוקט אין גינגאָלד פון דעם זון-פאַרגאַנג... געבליבן אַזוי שטיל איז ער ניט פון מידקײַט. ער איז מאַמעש פאַרקישעפט געוואָרן פון דער געטלעכער שיינקײַט. און שטעלט אײַך פאָר — ער קוקט אַפן פלאַמיקן זון-פאַרגאַנג און זינגט. וואָס זינגט ער? לערמאָנטאָווס „וויכאַזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו"... ער זינגט מיט טיפן געפיל. אַזוי זינגט אַ מענטש מיט אַ ליכטיקער, שיינער נעשאָמע. אַף צוריקוועגס האָט ער אָנגעטאָן אונדז דעם פאַרגעניגן און הויך אַפן גאַנצן קאָל געזונגען רוסישע, ייִדישע, אוקראַיִנישע לידער...

איך האָב מאַמעש געשלונגען יעדעס וואָרט טיטאָווס, ער האָט עס געפילט, און, פאַרייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, פאַרגעזעצט:

— בעשאַס איך האָב אונטער זײַן אָנפירונג געאַרבעט איבער דער דיסערטאַציע און ווײַל עס זײַנען ניט געווען קיין פרײַע ערטער אין די האָטעלן, איז מיר אויסגעקומען צו נעכטיקן בא מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן, בא זײַן גאַסטפרײַנטלעכער מישפּאָכע. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געהערט, ווי מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש האָט געקלונגען די הערזשורנע דאָקטוירים און מעדשוועסטער אין דער קליניק, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן די קראַנקע, געייעצט, וועלכע רעפּועס און אין וועלכע דאָזעס געבן. און צו אים האָט מען פון דער קליניק געקלונגען אי שפּעט באַנאַכט, אי גאַנצפרי. כאָטש מע האָט אים געוועקט פון שלאָף, האָט ער אַלץ אופמערקזאַם אויסגעהערט, רויק דערקלערט, וואָס צו טאָן. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז באַנאַכט הייבט ער זיך אוף פון געלעגער און פאָרט אוועק אין דער קליניק. מיר האָט זייער אָפּגעגליקט. וואָס איך האָב זיך בא אים געלערנט און אַ געוויסע צײַט געאַרבעט באַנאַנד מיט אים.

טיטאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַפן האַנט-זייגער, און מיט אַ שטים, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק פאַר מיר, אויסגערופן:

— ס'איז דאָך שוין האַלב איינס, איר ווילט אוודאי שלאָפן!

— אײַך איז שוין אויך מיסטאָמע צײַט זיך אָפּרוען. בלויז איין מינוט נאָר, — האָב איך געבעטן, — וואָס פאַר אַ בוך האָט איר געלייענט? איר האָט געזאָגט, זייער אַ ווערטפולס...

— אָט זעט אַליין, — האָט ער סוידעספּול געענטפערט, דערלאַנגענדיק מיר דעם בוך, און כ'האָב דורכגעלייענט: „דרינגענדע מעדיצינישע הילף בעשאַס אייניקע שאַרפע צעשטערונגען פון דער צענטראַלער נערוון-סיסטעם. אויטאָר מ. ס. וואָלף".

— אָט דאָ, — האָט ער אַ ווײַז געטאָן אַפן פּאָרטפעל, — זײַנען נאָך עטלעכע ביכער זײַנע. ביטע, איר קענט אַ קוק טאָן...

כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: ווי גוט עס איז, וואָס אַ צופאַל האָט מיך צונויפגעפירט מיט טיטאָוון אין איין קופּע.

צו וואָלפן אין קליניק בין איך געקומען בעשאַס ער האָט זיך בא זיך אין קאַבינעט פאַרענדיקט שמועסן מיט אַ יונגינקער מעדשוועסטער.

אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, האַדרעספּאָנעמדיקער, מיט אַ שיינער שוועליורע איבערן הויכן לאַמדאָנישן שטערן, מיט טיף דורכדרינגלעכע, איבערגעפולטע מיט ליכטנדיקער ענערגיע אויגן, האָט ער אויסגעזען אַ סאַך ייִנגער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

— האָבן מיר זיך סאָפּקאָלסאָף באַגעגנט, — האָט ער זיך אָנגערופן אין אַ זאַפטיקן ייִדיש, — איך בין זייער גערן זיך באַגעגענען מיט שרײַבער, וועמענס ווערק זײַנען מיר צום האַרצן.

— און איך האָב טיפן אָפּשײַ צו מעדיקער, — האָב איך מיט דער פולסטער אופריכטיקײַט געענטפערט, — ס'איז באַוווסט, אַז ערדאַרבעטער, בויער, יאַמלײַט האַלטן, אַז זייערע פּראָפעסיעס זײַנען די עלטסטע, נאָר איינע פון די סאַמע עלטסטע איז דאָך אָן סאָפּעק די פּראָפעסיע פון מעדיקער. אַ מעדיקער קאָן זײַן, מיין איך, נאָר אַ מענטש מיט זייער אַ גוט האַרץ, בלויז אַזאַ, וועלכער האָט שטאַרק ליב אַנדערע מענטשן.

— ביכלאַל איז עס ריכטיק, — האָט מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש צוגעשטימט, — וועגן דעם האָב איך אָקאָרשט געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיט אַ נײַער מעדשוועסטער. זי האָט זיך דערלויבט ניט גאָר איידל ענטפערן אַ קראַנקער פרוי. אַזוינס איז אומדערלאָזבאַר. זינט די וועלט שטייט, נייטיקט זיך יעדער מענטש אין אַ גוט וואָרט, אין אַ ביסל וואַרעמקײַט, באַזונדערס אַ כוילע. אַ גוט וואָרט, זאָגט אַ פאָלקסווערטל, שטעלט אַף די פיס, אַ שלעכט וואָרט שלײַדערט אום. מיר היילן די קראַנקע ניט נאָר מיט רעפּועס און פּראָצעדורן, נאָר אויך מיט האַרציקער באַציִונג, מיט טיף מענטשלעכער אופמערקזאַמקײַט, מיט אַ גוט וואָרט...

איך האָב איבערגעפּירט דעם שמועס אַף דער פּסיכיאַטריע:

— קעדיי אויסהיילן א קראַנקן, דאַרף מען קודעמקאָל פעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז. פאַר א כירורג, מיך איך, איז עס א גרינגערע אופגאַבע, איידער פאַר א פּסיכיאַטער...

— איר זייַנט גערעכט, — איז ער מאַסקים געווען. — פינף און צוואַנציק יאָרהונדערטער, אָנהייבנדיק פון היפּאָקראַטן, האָבן דאָקטוירים אויסגעפאָרשט די קראַנקע, באַנוצנדיק זיך בלויז מיט די אייגענע הענט, מיט די אייגענע אויגן און אויערן, און אָט אַזוי האָבן זיי געשטעלט דעם דיאַגנאָז און באַשטימט רעפּועס. ס'איז אַדורך נאָך איין יאָרהונדערט און ס'האָט זיך זייער פיל געענדערט. דעם דאָקטער איז געקומען צוהילף כימיע און טעכניק. צו אונדז, פּסיכיאַטערן, האָט עס, ליידער, א קנאַפּע שייַכעס. מיר איז אויסגעקומען היילן פיל, זייער פיל קראַנקע, און יעדן קראַנקן — אַף א באַזונדער אופן. שוואַכקייַטן טרעפן צומאָל די זעלבע, נאָר די מענטשן זייַנען אַנדערע. יעדער מענטש דענקט, פילט, לייַדט און האָפט אַף אַן אייגענעם אופן. מע דאַרף גוט פאַרשטיין דעם כוילע. די פּראָפעסיע פון מעדיקער איז אַנערקענט אַלס סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע. קיין טאָעסן ווערן אונדז ניט פאַרגעבן. א פּסיכיאַטער דאַרף קענען לייענען דעם קראַנקנס צומאָל ניט קלאָרע געדאַנקען, באַנעמען זייַנע פאַרטייַעטע געפילן, זיך דורכדרינגען מיט זייַנע דינסטע קאָמפּליצירטסטע איבערלעבונגען. דאָס איז אַוודאי ניט לייַכט, נאָר דערפאַר, ווען עס גיט זיך אײַן, ווען די היילונג ברענגט צו א גוטן רעזולטאַט און דער פּאַציענט שרייַבט זיך אויס פון דער קליניק א געזונטער, סאַראַ גליק איז דאָס!

ס'האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן, און באַלד זייַנען אין קאַבינעט אַרייַן עטלעכע מעדיקער פון אַן אַנדער קליניק, קעדיי דורכפירן א קאָנסולטאַציע מיט וואָלפן. מאַיסי סאָלאָמאָנאָוויטש האָט זיך אַנטשולדיקט און געבעטן מיך קומען צו אים אַהיים היינט זיבן אַזייגער אינאָוונט, וועלכן מיר דעמלט קענען רויִק זיך דורכשמועסן.

אַרויס פון קאַבינעט, בין איך מיט א דאָקטער זיך דורכגעגאַנגען איבער דער קליניק. מיר איז אויסגעקומען צו זייַן אין מוסטערהאַפטע הייל־אַנשטאַלטן, נאָר אַזאַ פּינקטלעכע ריינקייַט, אַזאַ קלאָרע, זויבער־ווייַסע ציכטיקייַט, אַזאַ שיינקייַט, יאָ, שיינקייַט, האָב איך ניט געזען. גערעמע, ליכטיקע פּאַלאַטעס, פרייַלעכע פאָרהאַנגען אַף די פענצטער, באַלעבאַטיש פאַרבעטע בעטן, לעבעדיקע, דופטיקע קוויטן אַף צוגעקליבענע טישלעך. אינעם זאַל פאַר אָפּרו און פאַרווייַלונגען, פאַר אופנעמען קרויווים — קינסטלערישע בילדער אַף די ווענט, שאַפעס מיט סוווענירן, אויסגעמאָלטע, אויסגעשטריקטע, אויסגעניייטע, אויסגעטאָקטע מיט די הענט פון די זיך היילנדיקע, א פּאַרטעפּיאַנע אין רעשוס פון די, וועלכע קענען און ווילן שפּילן, א טעלעוויזאָר, א מאַגניטאָפאָן, א וואַנטצייַטונג מיט נאָטיצן און צייכענונגען פון די פּאַציענטן. אין א צווייטן זאָל זיצן בא א גרויסן טיש ציכטיק אָנגעטאָנענע פרויען און קלעפּן פאַרביקע קעסטעלעך. ס'איז א באַשטעלונג פון א פאַבריק. יעדן טאָג פאַרנעמען זיי זיך אין באַשטימטע שאָען מיט דער אָדער אַנדערער פּראָדוקטיווער אַרבעט. ס'איז אויך א היילונגס־פּראָצעדור. און אויך דאָ אַף די טישלעך — קוויטן, קוויטן, קוויטן...

דער דעזשורנע דאָקטער זאָגט מיר:

— יעדן טאָג צו אַכט אַזייגער אינדערפרי איז מאַיסי סאָלאָמאָנאָוויטש שוין דאָ אין דער קליניק. שאַבעס, אין אָפּרו־טאָג, אויך. ער האָט דאָ געשאַפן אַן אויסגעצייכנטן מיקראָ־קלימאַט, אַן אַטמאָספער פון גוטווילִיקייַט, פון עכטער אופריכטיקייַט. דאָס איז צו זען לויט די כאַווערישע באַציִונגען צווישן די דאָקטוירים, מעדשוועסטער, סאַניטאַרן און די קראַנקע...

אַרויסגעגאַנגען פונעם האָטעל „מאָסקווע" בין איך האַלב זיבן פאַרנאַכט, ריכטנדיק זיך, אַז איך וועל באַלד פאַקן א טאַקסי און באַווייַזן קומען צו וואָלפן אין דער באַשטימער צייַט. ס'האָט גערעגנט. לעבן האָטעל איז קיין טאַקסי ניט געווען. צענדליקער אויטאָמאָבילן מיט פּאַסאַזשירן האָבן זיך געטראָגן אונטער דעם רעגן איבערן פּראָספּעקט פאַרבייַ דעם האָטעל און זיך אָפּגעשטעלט בלויז אַנטקעגן דער רויטער שייַן פונעם סוועטאָפאָר. איך האָב זיך געלאָזט אַהין, געלאָפן פון איין מאַשין צו א צווייטער. אַלע זייַנען געווען פאַרנומען. אין דער לעצטער רעגע, איידער ס'האָט זיך באַוויזן די גרינע שייַן אין סוועטאָפאָר, האָב איך דערזען א מאַשין אָן פּאַסאַזשירן.

— מע קען? — האָב איך, האַסטיק עפענענדיק דאָס ערשטע טירל מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, א פרעג געטאָן.

— וווּהין דאַרפט איר? — האָט זיך אָנגערופן א יונגער באָכער אין ברילן.

— אַף כאַלטורין־גאַס...

דער באָכער האָט גוטמוטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אַן איבערגליקלעכער, האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין. זי האָט גלײַך זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און האַסטיק זיך אַוועקגעטראָגן. דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן, געקלאַפט איבערן דעכל, פאַרפלייצט מיט טראָפנס דאָס פאָדערשטע גרויסע גלאָז. איך בין געזעסן פונהינטן, ניט געוואַגט אויסריידן אַ וואָרט, קעדיי ניט אָפּווענדן באַם באָכער די אויפמערק־זאַמקײַט בעשאַס ער פירט די מאַשין אַף אַזאַ גיכקײַט. ער האָט אויך געשוויגן, געהערט די סימפאָנישע מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם אײַנגעשלאָסענעם מאַגניטאָפאָן. אינגיכן האָב איך באַמערקט, אַז מיר זײַנען שוין אַפן פרעאָבראַזשענסקער פלאַץ, און אַף וויפל מע האָט מיר געזאָגט, אַז די כאַלטורין־גאַס געפינט זיך גאָר נאָענט פונדאַנען, האָב איך אַ זוך געטאָן מיט די אויגן דאָס מאַשינדל, וואָס ווײַזט, וויפל געלט מע דאַרף צאָלן פאַר דעם פאָרן. ניט געפינענדיק עס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב זיך אַרײַנגעזעצט ניט אין אַ טאַקסי, נאָר אין אַ פריוואַטער מאַשין. דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס אין טאַקסי איז קלאָר, וויפל מע דאַרף באַצאָלן, און אין אַ פריוואַטער, ביפראַט מיר האָבן פריִער זיך ניט צונויפגערעדט, וועט מען דאַרפן באַצאָלן, וויפל דער באָכער וועט זאָגן. נו, מילע.

— וועלכן נומער אַף כאַלטורין־גאַס דאַרפט איר? — האָט דער באָכער אין אַ היפשער ווײַלע אַרום, אָפשטעלנדיק די מאַשין, אַ פרעג געטאָן.

— דעם פופצנטן.

— דעם פופצנטן? — האָט ער עטוואָס פאַרכידעשט איבערגעפרעגט, — מיר זײַנען באַם סאַמע פופצנטן נומער.

אַ צופרידענער, בין איך אַרויס פון דער מאַשין, אַרויסגענומען פון קעשענע דעם טײַסטער.

— וויפל קומט פון מיר? — האָב איך געפרעגט מיט אַ פריילעכער שטים, ער זאָל זען, אַז איך בין גרייט באַצאָלן, וויפל ער וועט זאָגן.

— מיר קומט פון אײַך גאָרנישט ניט, — האָט ער קורץ געענטפערט, אויסווישנדיק באַם אויטאָמאָביל דאָס פאָדערשטע גלאָז פון די פאַרבליבענע טראָפנס.

— זאָגט, וויפל? — האָב איך געבעטן.

ער האָט מיט אָפענעם פאַרדראָס זיך אָנגערופן:

— איך האָב אײַך דאָך געזאָגט, אַז ס'קומט מיר גאָרנישט ניט. איר דאַרפט דעם פופצנטן נומער? אָט איז ער, — האָט ער אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַפן דערבײַיִקן נײַנשטאָקיקן מויער, — גייט זיך געזונטערהייט.

די מאַשין איז אָפּגעפאָרן עטוואָס אין אַ זײַט, ער האָט אויפגעהויבן דעם קאַפאָט און גענומען דאָרט זיך פאָרען.

אַפן דריטן שטאָק האָב איך אָפגעזוכט וואָלפס קוואַרטיר און אָנגעקלונגען.

מע האָט, קאָנטיק, ניט געהערט. פון דאָרט האָבן זיך דערטראָגן מונטערע קלאַנגען פון אַ ראַיאַל, אַ געזאַנג, אַ טומל, אַ הילכיקער געלעכטער. איך האָב ווידער אָנגעקלונגען.

די טיר האָט געעפנט זייער אַ סימפאַטישע פרוי.

— איר זײַנט צו מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן? ביטע, קומט אַרײַן, — האָט זי גאַסטפרײַנט־לעך אײַנגעלאַדן. — סוסאַנע מאַיסייעוונאַ, מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשס פרוי, — האָט זי זיך פאָר־געשטעלט. — מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש האָט געקלונגען. געבעטן אים אַנטשולדיקן, ער איז געצוווּנגען פאַרהאַלטן זיך אַ ביסל אין דער קליניק... אַנטשולדיקט, באַ אונדז איז טומלדיק. געסט, ווי שטענדיק, — האָט זי מיט צופרידנקײַט אַ שמייכל געטאָן. — אויב איר ווילט, קומט אַרײַן אַהין צו זיי, וועט איר זיך באַקענען מיט אַן אינטערעסאַנטער זינגערין, מיט אַ מוזיקער, מיט אויטאָרן... ניין? איז קומט אַהער, — האָט זי מיך אַרײַנגעפירט אין אַ פײַן אויסגעשטאַטן צימער, — זעצט זיך, זײַט אַזוי גוט, צום טיש, אָט איז אַ פרישע „ליטעראַטורקע“ און באַלד וועט איר זובײַסן. איך וועל אײַך מעכאַבעד זײַן דערווײַל מיט פרישן געבעקס.

איך האָב באַדאַנקט, פאַרזיכערט, אַז איך האָב ערשט ניט לאַנג, איידער איך בין געפאָרן אַהער, געגעסן אין רעסטאָראַן פונעם האָטעל, נאָר זי האָט ניט געוואָלט אַפילע הערן.

— אין קיין שום רעסטאָראַן זײַנען אַזעלכע געבעקס ניטאָ. הײַנט איז באַ אונדז אַ טאָג פון דורכויס ייִדישע מײַכאָלים. טוט מיר אָן דעם פאַרגעניגן, — איר שיין, איידל פאָנעם האָט געלויכטן מיט מילדער גוטסקײַט און האָט מיר אויסגעוויזן זייער באַקאַנט. עפשער דוכט זיך מיר אויס? ניין, איך האָב זי ערגעץ געזען...

עס האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. זי האָט זיך אַנטשולדיקט און מיט לײַכטע טריט אַרויס.

יאָ, ערגעץ האָב איך זי געזען, אין דעם האָב איך ניט געצווייפלט. נאָר ווו האָב איך זי געקענט זען? ווען? איך האָב אָנגעשטרענגט דעם זיכּאָרן און באַלד זיך דערמאָנט: דאָס האָט

זי דאָך מיר ארויסגעהאָלפן אין אפטייק. זי, יאָ, זי... געווען איז עס מיט א יאָר אַנדערהאַלבן צוריק. א כאַווער מײַנער האָט זיך גענייטיקט אין א דעפיציטער רעפּוע. עטלעכע טעג האָב איך זיך פארנומען מיט דעם, געזוכט אין פארשידענע אפטייקן. סאָפקאָלסאָף האָב איך זיך דערוווּסט, אז אין דער אפטייק אף קיראָוו־גאַס איז די רעפּוע פאראַן, בין איך גלײַך אוועקגעפאָרן אהין. און מיט דער האָפענונג, אז איך וועל באַלד האָבן די רעפּוע פארן כאַווער, דערלאַנגט דער פארמאַצעווטקע דעם רעצעפּט. „דער רעצעפּט איז פארעלטערט, ער איז שוין ניט גילטיק", — האָט זי צו מיר געזאָגט, אומקערנדיק אים. אַן אָפּהענטיקער, בין איך אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטערל. ווו קריגט מען, קאָלזמאַן די רעפּוע איז נאָך דאָ פאראַן, א נײַעם רעצעפּט? כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. אין דער רעגע איז צו מיר צוגעגאַנגען א פרוי אין א שיינעם פוטער און געבעטן, כ'זאָל איר ווײַזן דעם ניט גילטיקן רעצעפּט.

— פאַר וועמען דאַרפט איר אָט די רעפּוע? — האָט זי געפרעגט.

— פאַר א כאַווער.

— וואָס איז מיט אים?

איך האָב איר געזאָגט, ניט פארשטייענדיק, צוליב וואָס זי פרעגט עס.

— איך בין א נעווראָפּאַטאָלאָג, — האָט זי פארטרוילעך געזאָגט, — די רעפּוע איז זייער א גוטע. קומט, — האָט זי מיך א רוף געטאָן.

מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. זי האָט ארויסגענומען פונעם פּאָרטפעל א בלאַנק פאַר א רעצעפּט און אויסגעשריבן די רעפּוע.

— איר שטייט דאָ, — האָט זי געזאָגט, — כ'וועל נעמען די רעפּוע פאַר אײַך.

— לעמײַ זאָלט איר זיך מאַטריִעך זײַן? א גרויסן דאַנק, וואָס איר זײַנט געווען אזוי גוט און אויסגעשריבן דעם רעצעפּט. נעמען וועל איך שוין אַליין.

— אײַך קאָן זי איצט, מעגלעך, ניט געבן. וואַרט צו... — זי האָט איבערגעלאָזן דעם פּאָרטפעל לעבן מיר און זיך געשטעלט אין דער ריי צום פענצטערל.

די ריי האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, מיר איז געווען זייער ניט אָנגענעם, וואָס זי איז זיך מאַטריִעך צוליב מיר.

„מיט וואָס, וויאַזוי באַדאַנקט מען זי?" — באַמערקט אין ווינקל א פּאַרפיומעריע־אָפּטייל, האָב איך געקויפט א שיינעם פלאַקאָן, און ווען זי האָט א שמייכלענדיקע מיר געגעבן די רעפּוע, האָב איך זי באַדאַנקט און דערלאַנגט דעם פלאַקאָן.

— דער פלאַקאָן קאָסט פופצן רובל, — האָט זי מיט אומצופרידנקײַט זיך אָנגערופן, — און די רעפּוע קאָסט אכט רובל און פופציק קאָפּעקעס. זײַט אזוי גוט, אויב איר האָט, גיט מיר, וויפל די רעפּוע קאָסט, און דעם פלאַקאָן וועט איר שענקען עמעצן אַנדערש.

איך האָב זי געפרוווט בעטן, זי זאָל מיר טאָן אָט די געפעליקײַט, באַר זי האָט אפילע הערן ניט געוואָלט.

— פארהאַלט מיך ניט, איך דאַרף נאָך באַזוכן היפש כאָלאָים, — זי האָט עס געזאָגט מיט גאָר אַן אַנדער שטים, מיט א טרוקענער, און איז ארויס פון דער אפטייק מיט אײַלנדיקע טריט, ווי זי וואָלט פון מיר אַנטלאָפן.

„ס'איז זי. איך האָב זי דערקענט, און זי מיך, קאָנטיק, ניט".

— סוסאַנע, — האָט א פרוי, ארײַנקוקנדיק אין צימער, א רוף געטאָן, און, ווײַזט אויס, זי דערזען אין קאָרידאָר, — ווער איז עס געקומען? — האָט זי מיט נײַגער געפרעגט, — מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש?

— סלאַוויק... סלאַוויק האָט זיך ארײַנגעכאַפּט אף עטלעכע מינוט, — האָט סוסאַנע מאָי־סייעוונע געענטפערט, — ניט געגעסן, ניט געטרונקען, געכאַפּט א סלאָיִקל מיט סמאָראָדינע און אוועקגעפאָרן געווירע ווערן אַן איינזאַמען אַלטיטשקן, וועלכן ער האָט געהיילט.

— יאָ, סלאַוויק איז אזא... אזא איז ער.

אין א ווײַלע ארום איז ארײַן די באַלעבאָסטע, אוועקגעשטעלט אפן פארשפרייטן טיש א טאַץ מיט ווערטוטלעך, טייגלעך מיט ניס, האָניק־לעקעך, כרעמזלעך... — בײַסט צו דער־ווײַל, ביז מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש וועט קומען, איך בעט אײַך...

— סוסאַנע מאָיסייעוונא, ס'איז פּאַשעט צו באַוווּנדערן, — האָב איך זיך אָנגערופן, — אָט האָב איך אינגאַנצן אומגעריכט ווידער זיך באַגעגנט מיט אײַך. און ווו? בא אײַך אין שטוב...

— און ווו פריִער? — האָט זי פארוווּנדערט געפרעגט.

— אין אפטייק אף קיראָוו־גאַס. איר האָט דעמלט מיר געטאָן א גרויסע טויווע, געהאָלפן קויפן א רעפּוע, איר געדענקט?

זי האָט א ווײַלע געפרוווט זיך דערמאָנען, נאָכדעם לײַכט א פיר געטאָן מיט די אַקסלען.

סוסאַנע מאָיסייעוונא וואָלף

„פאַר איר איז עס זיכער געווען ניט קיין נאָ־ווינע, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — קען דען א דאָקטער, וועלכער האָט צו טאָן יעדן טאָג מיט פיל פאַרשיידענע מענטשן, אַלעמען פאַרגעדענ־קען?”

— איך האָב אײַך גלײַך דערקענט. איר האָט דעמלט געזאָגט, אז איר זײַנט א נעווראָפּאַטאָלאָג.

— א נעווראָפּאַטאָלאָג... און א קינדער־דאָק־טער, — האָט זי צוגעגעבן. — שוין העכער פינף און דרײַסיק יאָר. איצט א פּענסיִאָנערקע, נאָר איך אַרבעט, ווי פריִער.

א פּענסיִאָנערקע? ס'האָט זיך ניט געגלייבט. זי האָט אויסגעזען יונג, זיך באַוועגט גרינג, ענער־גיש. געווען פול מיט לעבן.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז זי געווען א סטודענטקע פונעם מאָסקווער מעדיצינישן אינסטיטוט. איר טאַטע, א מײַסטער אף א זאַוואָד (געווען פריִער פאָרזיצער פונעם ערשטן ייִדישן קאָלווירט אין דאָרף קראַסנאַ אף אוקראַיִנע), איז אוועק אין אָפּאָלטשעניִע, ביידע ברידער — גלײַך אפן פראָנט, די איבעריקע מיטגלידער פון דער מישפּאָכע האָבן זיך עוואַקויִרט. און זי, די זיבעצניאָריקע סוסאַנע, איז פאַרבליבן אין מאָסקווע. לעכאַטכילע געגראָבן קעגנטאַנקען־ריוון, דעזשורעט באַנאַכט אף די דעכער, אונטערגעקליבן און אראָפּגעשלײַדערט פון דאָרט צינד־באָמבעס, וועלכע די „יונקערס” האָבן געשאָטן. שפּעטער אַרויסגעטראָגן פאַרוווּנדעטע פון אונטערן פײַער, געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף...

איך האָב געבעטן, זי זאָל נאָך דערציילן.

— וואָס נאָך? — האָט זי זיך פאַרטראַכט. — כ'הייב ניט אָן צו וויסן...

ס'איז אַרײַן די אַלטיטשקע, עטלעך און אכציקיאָריקע, ציכטיקע באָבע צילִיע שמו־ליעוונע.

— זײַט מיר מויכל, — האָט זי, באַגריסנדיק זיך טמימעסדיק, זיך אָנגערופן, — דאָס האָב איך אזוי גוט באַהאַלטן אײַער בריוו, אז מע האָט א האַלב יאָר אים ניט געקענט געפינען. ביז איצט קען איך זיך עס ניט מויכל זײַן... ערשט האָט געקלונגען מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש. געזאָגט, איך זאָל אײַך איבערגעבן, אז ער וועט אײַגיכן קומען. איר האָט געבעטן, האָב איך געהערט, שושאַנע זאָל דערציילן וועגן זיך, זי איז אזא, וואָס קאָן דערציילן בלויז וועגן אַנ־דערע. איך, דעם עמעס געזאָגט, האָב אויך ניט איבעריקס ליב, נאָר ווײַזן, וויבאַלד ס'איז שוין געקומען צו רייד, כאָטש עפּעס־וואָס, דאָס יאָ...

— צוליב וואָס, מאַמע? — האָט סוסאַנע מאָיסייעוונא זיך אָנגערופן.

צילִיע שמוליעוונע האָט א באַרויִקנדיקן בליק געטאָן אין איר זײַט, אַרויסבאַקומען פון דער אָנגעגלאָזטער שאַפע איר טאָכטערס אָן ערן־צייכן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכן זי האָט באַקומען פונעם סאָוועטישן וועטעראַנען־קאָמיטעט, דער טאָכטערס א מעדאַל „וועטעראַן פון מי”, אָן אַטעסטאַט, אין וועלכן עס ווערט באַשטעטיקט, אז סוסאַנע מאָיסייעוונע קאָזלאָווסקאַיאַ איז א דאָקטער פון דער ערשטער קאַטעגאָריע...

— קאָזלאָווסקאַיאַ? — האָב איך עטוואָס פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט.

— יאָ, קאָזלאָווסקאַיאַ איז מײַן מיידלשע פאַמיליִע, — האָט זי דערקלערט. — בא ייִדן טרעפט זיך, עמעס, זעלטן אזא פאַמיליִע...

— פאַרוואָס מיינט איר אזוי? איך בין געווען ניט לאַנג צוריק אף א קאָנצערט, מע האָט דאָרט אויסגעפילט הײַנטצײַטיקע לידער פון דער קאָמפּאָזיטאָרן קאָזלאָווסקאַיאַ. איר פאָטער־נאָמען איז פּונקט ווי בא אײַך — „מאָיסייעוונע”. איר ווייסט זי?

— אוודע וויס איך זי. — האָט זי קוים צו באַמערקן א שמייכל געטאָן, — און וואָס פאַר אָן אײַנדרוק האָט אף אײַך געמאַכט איר מוזיק?

— א פײַנע, לירישע מוזיק. עס פילט זיך, אז זי דרינגט אַרײַן אינעם אינהאַלט פון דעם פּאָעטישן ווערק. מיר געפעלט...

— אײַער מיינונג פרייט מיך, — האָט סוסאַנע מאָיסייעוונא זיך אָנגערופן, — אויב איר האָט ניט קעגן, וועל איך באַלד אײַך באַקאַנען מיט איר. נאַדעזשדע מאָיסייעוונא איז מײַן

טאַכטער... נאַדיע, — האָט זי, צוגייענדיק צו דער אָפענער טיר, א רוף געטאָן, — נאַדיושא, קום אַרײַן...

אף אזוינס האָב איך זיך ניט געריכט, כאָטש איך האָב פון מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשס בריוו געוווּסט, אַז זײַן טאָכטער האָט פאַרענדיקט די מוזיקאַלע גנעסין־שול און זי אַרבעט אין דער מאָסקווער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע, אַז זי איז א פּיאַניסטקע און שאַפט אַליין אויך מוזיק.

זי איז אַרײַנגעקומען — א וווּקסיקע, א שיינע, מיט א גוטמוטיקן שמייכל אפן באַגײַס־טערטן, עטוואָס פאַרפּלאָמטן פּאָנעם. מיר האָבן זיך באַקאַנט, און איך האָב איר געזאָגט, אַז כ׳האָב אין קלוב אף סאַקאָלניקי געהערט אירע זינג־לידער.

— איך בין דעמלט ניט געווען אין מאָסקווע, אַרויסגעטראָטן אף קאָנצערטן אין פאַרשיי־דענע שטעט... אויב איר פאַרלאַנגט, קאָנט איר קומען זונטיק אין פּאָליטעכנישן מוזיי. דאָרט וועט מען זינגען, צווישן אַנדערע, אויך מײַנע לידער. אײַנלאַדונגס־בילעטן וועל איך אי־בערלאָזן פאַר אײַך באַם אַדמיניסטראַטאָר.

פון קאָרידאָר האָט זיך דערטראָגן א פריילעכער טומל.

— די געסט קלײַבן זיך שוין אַוועקגיין, אַנטשולדיקט... — זי האָט זיך אופגעהויבן, — איך וועל גיין זיי באַגלייטן.

צוהאַלטנדיק עטוואָס בא דער זײַט די לאַנגע וועלוועטענע קלייד, איז זי אַרויס.

— קאַלזמאַן נאַדיע איז ניטאָ, וועל איך אײַך ווײַזן כאָטש עפּעס־וואָס פון אירע קאָמ־פּאָזיציעס, — האָט אײַליק זיך אָנגערופן סוסאַנע מאַיסייעוונע און באַלד אַרײַנגעטראָגן פון אַן אַנדער צימער א פּעקל זשורנאַלן, מוזיקאַלע זאַמלונגען, פּלאַסטינקעס.

איך האָב אַרײַנגעקוקט אין זשורנאַל „ניעוואַ", אין די זאַמלונגען „היינטצײַטיקער קאָמ־פּאָזיטאָר", אין אַנדערע אויסגאַבעס, באַטראַכט די פּלאַסטינקעס מיט אירע לידער, וועלכע עס פּילט אויס אף רוסיש, ענגליש, שפּאַניש, פראַנצויזיש די פאַרדינסטפולע אַרטיסטקע פון דער רוסלענדישער רעפּובליק לידמילע מאַסלאָווע, דער לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן ניגע פאַנטעלייעווע און אַנדערע, זיך באַקענט מיט דער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּראָגראַם אף די לידער פון דער פּאָעטעסע יעקאַטערינע שעוועליאָווע „מיט די וועגן פון פרײַנטשאַפט", וועלכע האָט געהאַט א גרויסן דערפּאָלג און איז אָפּגע־מערקט געוואָרן אפן קאָנקורס פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע. צווישן די פּלאַסטינקעס איז געווען אויך די פּלאַסטינקע, וועלכע פרידע בראַון האָט געבראַכט פון בערלין און געשאָנקען נאַדיען. אף אָט דער פּלאַסטינקע „פּרויען פון פאַרשיידענע לענדער", מוזיק פון נאַדעזשדע קאָזלאָווסקאַיאַ, האָט דער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער פרויען־פעדעראַציע גע־מאַכט אַן אופשריפט: „א דאַנק פאַר דער פּרעכטיקער מוזיק. פרידאַ בראַון, 1 מאַרט 1982 יאָר".

זייער א פײַנע מאַטאָנע! וואָס קאָן זײַן טײַערער פאַר א קינסטלער, ווי א הויכע אָפּשאַ־צונג פון זײַנס א ווערק?

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט.

— ס׳איז נאַדיע, — האָט סוסאַנע מאַיסייעוונע שטיל א זאָג געטאָן, אײַליק צונעמענדיק אַלץ, וואָס זי האָט מיר באַוויזן, — מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש איז שוין, דאַכט זיך, אויך גע־קומען...

זי איז אַרויס פון צימער, נאָך איר די באָבע, און באַלד איז עטוואָס אָן אײַנגעבויגענער, ווי ער וואָלט געטראָגן אף זיך פיל זאָרג, אַרײַן מיט א ברייטן באַרעכהאָבע מאַיסיי סאָ־לאָמאָנאָוויטש, זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט זיך פאַרהאַלטן — געווען א שווערער צופאַל מיט א קראַנקער.

— קומט, זײַט אַזוי גוט, — ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין א שכנישדיקן גרויסן, העל־באַלויכטענעם צימער, אַן אַרומגעשטעלטן מיט ביכער־שאַפעס, אין א ווינקל לעבן די פענצטער א ראָיאַל, און אינדערמיטן — א געדעקטער טיש מיט קאָלערליי מעכײַע שמעקנדיקע מײַכאָלים.

— וואַשט די הענט און זעצט זיך צום טיש, — האָט די באַלעבאָסטע געבעטן.

— טוט אונדז צוליב, — האָט די באָבע צוגעגעבן, אַוועקשטעלנדיק אפן טיש נאָך א מײַכל. — ביתי דל חדר ויפאר אך חום בו יש ופתוח לגר[1]. ס׳איז ניט מײַנע, ס׳איז ביאַליקס ווערטער. עמעס, אונדזער שטוב איז ניט קיין קליינע, עס פעלט אונדז, באַרעכהאַשעם, גאָר־נישט ניט. בא אונדז איז קאָל דיכוווי יויסע וועיויכל... טוט אונדז אָן דעם פאַרגעניגן — עסט, וואָס אײַך געפעלט, ס׳זײַנען דורכויס יידישע מײַכאָלים...

[1] מײַן שטוב איז א קליינע, אָן רײַכטום און פּראַכט, זי איז אָבער שטענדיק וואַרעם, און אָפן...

אפן טיש זײַנען געשטאַנען גע־פילטע פיש, געהאַקטע לעבערלעך, אַן עסיקפלייש, געבראָקטע אייער, אי־בערגעמישט מיט יונגע ציבעלעס און הינער־שמאַלץ, אַ טשאָלנט מיט גע־פילטע העלדזלעך, אַ מערן־צימעס מיט ראָזשינקעס, אַ געבלעטערטער קוגל אַף געלכלעך...

טאַקע, ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַזעלכע מײַכאָלים און פאַרוואָס טא־קע ניט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן דער באַלעבאָסטע און דער באָבען, וועלכע האָבן עס געגרייט?

מוישע וואָלף און זײַן זון מיראָסלאַוו

ווען מע האָט שוין אויסגעטרונ־קען צוביסלעך ווײַן פאַרן געזונט פון יעדן באַזונדער, האָט די באָבע דערהערט, אַז עס האָט זיך געעפנט די אַרײַנגאַנג־טיר.

— ס'איז סלאַוויק, זאָל געזונט זײַן, — האָט זי אויסגערופן, — ניט אָפּגערוט נאָך דער אַרבעט אַפילו אַ רעגע, אַ ניט געגעסענער אַוועקגעפאָרן מעוואַקער כוילע זײַן דעם איינזאַ־מען אַלטיטשקן, און פונקט צו דער צײַט געקומען...

ס'איז אַרײַן אַ יונגער שטאַלטנער באָכער אין ברילן, צאַרט אַרומגענומען די באָבע און מיט ליבשאַפט אויסגעקושט זי. ער האָט מיך ניט באַמערקט. איך אָבער האָב אים גלײַך דערקענט. דאָס האָט ער דאָך הײַנט, בעשאַס דעם שלאַקסרעגן, גוטווויליק מיך אַרײַנגענומען אין זײַן מאַשין, אָפּגעפירט מיך פונקט אַהער און קיין גראָשן ניט גענומען.

— באַקאַנט זיך מיט מײַן יורעש, דעם פּסיכיאַטער מיראָסלאַוו בען מוישע, — האָט מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש מיט צופרידנקײַט זיך אָנגערופן.

„ניט אומזיסט איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז די וועלט איז ענג, — האָב איך אַ טראַכט גע־טאָן, — גיי דערצייל, אַף וואָס פאַר אַן אויסטערלישן אופן איך האָב זיך באַקאַנט הײַנט מיט דער מישפּאָכע, מע וועט ניט גלייבן. מע וועט זאָגן, אַז איך האָב צוגעטראַכט. אָבער דאָך טרעפט, אָט ווי אין דעם פאַל, אַז עס קומט ניט אויס דעם מעכאַבער אויסצוטראַכטן...

דעם אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט אַלע צוזאַמען באַם געדעקטן טיש, נאָכדעם באַם ראָיאַל. מאַיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש איז געווען אין אַ גלענצנדער שטימונג, ער האָט געזונגען (באַ אים איז אַן אָנגענעמער טענאָר) ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע לידער, געלייענט מיט געפיל און טעמפּעראַמענט אַף אויסווייניק (ער פאַרמאָגט אַ זעלטענעם זיקאָרן) ביאַליקן, טשערניכאָוו־סקין — אַף העברעיִש, מיצקעוויטשן, טווימען — אַף פּויליש, טיוטשעוון, יעסענינען — אַף רוסיש, לעסיאַ אוקראַיִנקאַ, פראַנקאָן — אַף אוקראַיִניש, הײַנען — אַף דײַטש, פּערעצן, פרוגן, האָפשטיינען, שוואַרצמאַנען און לידער פון נאָך ייִדישע דיכטער.

צום ראָיאַל האָט זיך געזעצט סלאַוויק, און דער צימער איז פאַרפולט געוואָרן מיט מוזיק.

אונטערוויגנדיק זיך ענערגיש מיט צוגעמאַכטע אויגן אַפן ווייכן שטולכל באַם ראָיאַל, האָט מיראָסלאַוו אויסגעפּילט ייִדישע מעלאָדיעס, וועלכע ער, דער יונגער דאָקטער, האָט אַלײן פאַרפאַסט.

— מיראָסלאַוו קען ענגליש און אַנדערע שפּראַכן, און ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך אויסגעלערנט שרײַבן און לייענען ייִדיש, — האָט געזאָגט מיט האַנאָע די באָבע. — און אָט די בילדער, — האָט זי אַ וויַז געטאָן אַף די ווענט, — די פּייזאַזשן, נאַטיורמאָרטן און פּאָרט־רעטן האָט ער געמאָלט. דאָס איז זײַן האָבי...

פאַראַן קאָלערליי האָביס באַם יונגן דאָר. אייניקע צעטרענצלען די גאָלדענע צײַט אַף קלייניקײַטן. ניט אַלע. דער עטוואָס שעמעוודיקער סלאַוויק געפינט דעם גרעסטן פאַרגעניגן אין שאַפונג, אין מוזיק, אין מאָלערײַ, אין דער אַרבעט. „וואָס מער ער גיט זיך אָפּ זײַן אַרבעט, וואָס מער ער ברענגט נוצן מענטשן, אַלץ מער פילט ער, אַז ער האָט אַ ציל אין לעבן. אַ הייליקער קלאַל באַ אים, באַ דער גאַנצער מישפּאָכע: דאָס גייט פון דער גוטהאַר־ציקער באָבע ריווקע: אונדזערע ח״זל[1] האָבן אונדז פאַרזאָגט: — אײַלט זיך טאָן גוטס. אויב

[1] ח״זל — כאַכאַמיינו זיכרוינאָ ליבראָכאָ.

דו קענסט מיט עפּעס באַהילפיק זײַן אַ מענטשן — טו עס גלײַך, לייג עס ניט אָפּ אויף שפּעטער. אויב מע האָט דיך געבעטן טאָן אַ טויווע און דו האָסט צוגעזאָגט, — זע, אַז מע זאָל דיר נאָכאַמאָל ניט דאַרפֿן דערמאָנען וועגן דעם״.

דער עמעסער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמלט, ווען צום ראָיאַל האָט זיך אוועקגעזעצט נאַדעזשדע. אירע לענגלעכע פֿינגער האָבן פֿלינק און לײַכט זיך באַוועגט איבער די אונטערשפּרינגענדיקע קלאַווישן. זי האָט געשפּילט און גלײַכצײַטיק געזונגען, און אַלע, די גאַנצע מישפּאָכע — מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש, סוסאַנע, סלאַוויק, די באָבע — האָבן מיטגעזונגען אין אײַנקלאַנג מיט דער מוזיק. מע האָט געזונגען לידער, צו וועלכע נאַדעזשדע האָט געשאַפֿן מוזיק — „פֿרויען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער״, „אַ לעוואָנע־נאַכט אין דאָרעם־אינדיע״, „טרעפֿ אָפּן באַרג שיפּקאַ״, „יוגנט־ליבע״, „די פֿרויען־שטים פֿאַר שאָלעם״, מישע מאָגילעוויטשעס „דער ניגון״, דעם לידער־ציקל פֿון אַרן ווערגעליס „סימפֿאָניע פֿונעם וועג״.

דער היימישער קאָנצערט האָט זיך פֿאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, כאָטש זיי אַלע האָבן גאַנצפֿרי געדאַרפֿט אוועקגיין אויף דער אַרבעט (די באָבע אויך, זי באַלעבאַטעוועט אין שטוב).

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געטרוימט, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען מענטשן וועלן פֿונעם גאַנצן האַרצן זיך סטאַרען דינען איינער דעם אַנדערן. מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש און זײַן מישפּאָכע געהערן צו די, וועמענס זין פֿונעם לעבן איז טאָן גוטס מענטשן.

פֿאַרן געזעגענען זיך בין איך געזעסן מיט מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטשן בײַ אים אין קאַבינעט. אויך דאָ פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן שאַפֿעס מיט ביכער. צווישן זיי זײַנען אייגענע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק און ווערק פֿון געלערנטע און שרײַבער, מיט וועלכע ער איז באַפֿרײַנדעט. בעת איך האָב אַרײַנגעקוקט אין די ביכער און געלייענט די האַרציקע אויפֿשריפֿטן פֿון די אווטאָרן, האָט מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש דערציילט וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט מיכאָעלסן, קריינען, קאַסילן, מיט קינסטלער, קאָמפּאָזיטאָרן, געלערנטע. ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און האָט ערנסט געזאָגט:

— איר האָט הײַנט דערמאָנט וועגן גליק. איך ווייס ניט, צי ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ מענטש, וואָס איז דורכויס גליקלעך. יעדערער האָט זיך זײַנע פֿריידן און ליידן, זײַנע דײַגעס און זאָרגן... אויסשליסלעך פּערזענלעכע, אינדיווידועלע און פֿאַמיליע־זאָרגן, זאָרגן פֿונעם קאָלעקטיוו. איצט האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערע, אַן אַלמענטשלעכע זאָרג אויף אַלעמען, די זאָרג וועגן פֿאַרהיטן דעם קיום, דאָס לעבן אויף אונדזער פּלאַנעטע. מיר, דאָקטוירים, טוען אַלץ, וואָס אין אונדזערע קויכעס, קעדיי אויפֿשטעלן דאָס געזונט בײַ מענטשן, בייס ווילדע קויכעס דראָען זיי אומברענגען. זעקס הונדערט מיליאַרד דאָלאַר ווערן איצט יערלעך אויסגעגעבן אויף שאַפֿן מיטלען צו אומברענגען די וועלט. איז עס ניט קיין שוידערלעכער אומזין? ס׳איז שוין אָנגעזאַמלט אַזויפֿיל טערמאָ־אַטאָם־געווער, אַז אויף יעדן מענטשן פֿון אונדזער פּלאַנעטע פֿאַלט אויס צו פּופֿצן טאָן טרינ׳יטראָטאָלואָל, מע קען איצט אומברענגען די גאַנצע מענטשהײַט אין געציילטע, שאָען, אַפֿילע — מינוטן. די מענטשהײַט, דערין די דאָקטוירים און שרײַבער, דאַרפֿן טאָן אַלץ, קעדיי ניט דערלאָזן צו אַן אַטאָם־קאַטאַסטראָפֿע.

ס׳האָט אָנגעקלונגען דער דעזשורנער דאָקטער. מאָיסיי סאָלאָמאָנאָוויטש האָט אַ היפּשע ווײַלע רויִק זיך צוגעהערט, נאָכדעם שטיל געזאָגט:

— גוט... גוט, כ׳וועל באַלד קומען.

איך בין אוועקגעפֿאָרן אין האָטעל, ער — אין דער קליניק.

מאקס ריזאַנט

א בריוו פון טינדא

א גאנצן כוידעש בין איך ניט געווען אינדערהיים, איך האָב אָפּגערוט אף איינעם פון די קוראָרטן באם שווארצן יאם. צוריקוועגס איז מיר אויסגעקומען פליִען מיט אן אָפּשטעל, זיך איבערפּעקלען פון איין לופט־לײַנער אף אן אנדערן, און דער פלוג האָט זיך א ביסל פארצויגן.

געקומען אהיים, ניט באוויזן זיך ארומקוקן, א רעד טאָן מיט די אייגענע, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און איך האָב דערהערט מישע האָניקמאנס באקאנטע, עטוואָס הייזעריקלעכע שטים:

— ווען ביסטו געקומען?

— אַקאָרשט.

— און איך האָב שוין געמיינט, וועסט פאַרשפּעטיקן.

— ווויל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט, ווויל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפּעטיקט... מיר טאָרן ניט פארשפּעטיקן, מיר קומען צו דער צײַט. — האָב איך אים געענטפערט מיט א פּאָר שורעלעך פון אַרן קושניראָווס א באַרימטער ליד.

— מאָרגן, שאַבעסצונאַכטס האָבן מיר א סימכע, מײַן מיזיניק סאשע האָט כאַסענע, — האָט מישע מיר אָנגעזאָגט א פריידיקע נײַס. — זאָלסט מיט דער פרוי לעמאַנהאשעם קומען.

— מאַזלטאָוו דיר, מישע, זאָלסט האָבן גרויס נאַכעס פון די קינדער, — האָב איך אים צוגעווונטשן.

מישע — אזוי רופט מען אים סײַ אין דער היים, סײַ אף דער ארבעט. ניט מוישע און ניט מיכאיל, און ניט מיטן פאָטערנאָמען, נאָר פּאָשעט און פּראָסט — מישע, ווי אין דער יוגנט. כאָטש מיט איר האָט ער זיך שוין לאַנג צעשיידט, נאָך פארצווייאָרן האָט ער צעביטן דעם זעקסטן צענדליק, אָבער ער האַלט זיך ווי א יונגערמאַן.

איך געדענק, ווי נאָך דער מילכאָמע, ווען כ'האָב געארבעט אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן", האָט זיך אין דער דרוקערײַ באוויזן א דאַר יאַטל מיט א ניט גרויסן ברעזענטענעם טאַש אין דער האַנט, ער איז פלינק געלאָפן איבער די טרעפּ פון איין שטאָק אפן אנדערן, אופמערקזאַם ארײַנגעקוקט אין יעדן ווינקעלע, ווו עס האָבן זיך נאָר געצויגן עלעקטראָ־דראָטן, געפּאָרעט זיך מיט זײַן קלאַפּערגעצײַג בא די ראָזעטקעס, אײַנגעשרויפט אין די „פּאַטראָנעס" נײַע לעמפּעלעך. מע האָט געזען, אז דאָס יאַטל קען די מעלאָכע, א סוואָרע, אז ער האָט זיך געלערנט בא א גוטן מײַסטער.

שוין א היפּש ביסל יאָרן וווינט מישע האָניקמאַן מיט זײַן פרוי פּאָלינע און צווי זין, סאשע און ליאָניע, אין סאמארקאַנד. ער איז שוין דאָ אן אַלטער טוישעוו.

צווישן די שענסטע געבײַען אין שטאָט איז דער אעראָוואָקזאַל. בא 30 טויזנט טוריסטן קומען יעדן יאָר צו פאָרן קיין סאמארקאַנד, און זיי באוווּנדערן די פּראַכטפולע געבײַדע מיט אירע הויכע קאָלאָנעס און שיינע נאַציאָנאַלע אָרנאַמענטן אף די ווענט... און טאָמיד, ווען איך און מישע קומען אהער צו גייך, דערמאָנען מיר זיך, ווי מיר האָבן דאָ צוזאַמען געארבעט אף די רישטעוואַניעס, ווי שווער ס'איז געווען בויען אפן פּוסטן, פארזומפּיקטן אָרט, אונטער דער סמאַליענדיקער זון.

איך האָב דעמאָלט אָנגעפירט מיט א בריגאַדע מוליערס און ער, מישע האָניקמאַן, האָט זיך געייִסעקט מיט די עלעקטריקער. איך געדענק יענע טעג, ווען די בויונג איז שוין געגאַנגען צום סאָף. אפן בוי־פּלאַץ, ווי געוויינלעך אין אזא הייסער צײַט, איז געווען באזונדערס אופגעלעבט און ראַשיק. מע האָט געדאַרפט גענוי, אף א באַלעבאַטישן אופן, אַלץ ארומקוקן, פאַריכטן און אויסבעסערן דאָס, וואָס מע האָט פריִער פארזען און ניט געמאַכט. ארבעט האָט געקלעקט איבערן קאָפּ. האַקיצער, די אופנאַמקאָמיסיע זאָל קיין שום טײַנעס ניט האָבן.

און א סאַך איז געווען אָפּהענגיק פון די עלעקטריקער, ווײַל קאַלזמאַן זיי טוען ניט אָפּ זייערס, קאָנען גאָרנישט ניט טאָן די אנדערע

בריגאדעס. מישע האָניקמאַן מיט זײַנע כעוורע האָבן דאַן בעפּירעש באַוויזן, וואָס זיי קאָנען און ערלעך פאַרדינט אַן ערן־גראַמאָטע און אַ געלט־פּרעמיע.

דער טרעסט „סאַמאַרקאַנדסטראָי“ בויט פאַרשיידענע געבײַען צוליב די נויטבאַדערפעניש פון דער אײַזנבאַן, און אויך הײַזער אין שטאָט גופע און אין די אַרומיקע דערפער. שוין עטלעכע יאָר, איז האָניקמאַן דער הויפּט־ענערגעטיקער אין טרעסט. בויען בויט מען אַ סאַך. די ענערגעטישע ווירטשאַפט איז אַ גרויסע, די בוי־אָביעקטן געפינען זיך ניט אין איין אָרט. זיי זײַנען צעוואָרפן אַף הונדערט קילאָמעטער, און אומעטום דאַרף מען זײַן, וויסן גענוי, ווי עס גייט די אַרבעט, און וואָס די בויער נייטיקן זיך. מישע האָניקמאַן האָט גוטע באַהעלפער: פּראָראַבן, בריגאַדירן, מײַסטערס. פאַקן אים אין זײַן קאַבינעט איז ניט אַזוי גרינג. ער טראָגט זיך אַרום איבער די אָביעקטן.

אַנומלטן האָב איך זיך געטראָפן מיט אים אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי אינעם ייִשעוו פון די אײַזנבאַנער אַף דער בויונג פון אַ נײַ הויז. איך האָב געהאַט זייער אַ נייטיקן איניען, וואָס האָט געמוזט אין דעם טאָג געלייזט ווערן, און מישע האָט מיר צוגעזאָגט מיטהעלפן.

ער איז געשטאַנען לעבן עטלעכע אַרבעטער, און איך האָב באַלד אין אים דערקענט, אַז ער איז פון עפּעס אויפגעבראַכט.

— אָט אַ צאָרע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר.

— וואָס האָט געטראָפן?

— גאַנצפרי האָט מען פון דער באַזע באַדאַרפט צושיקן עטלעכע קאָמפּלעקטן עלעקטראָ־אויסשטאַטונג און ביז איצט האָט מען זיי ניט געבראַכט. אייביקע צאָרעס מיט די באַזאָרגער. איך מוז טייקעף פאָרן אַף דער באַזע.

איך האָב געפרוווט אים באַרויִקן: מאַלע וואָס עס טרעפט זיך, נאָר ער איז געווען אויסער זיך. ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין זײַן „גאַזיק“, און מיר פאָרן ביידע. אונטערוועגנס דערמאָן איך אים וועגן מײַן איניען, כאָטש איך ווייס, אַז עס איז ניט די צײַט איצט וועגן דעם צו ריידן.

— מיינסט, כ'האָב פאַרגעסן? — טוט ער צו מיר גוטמוטיק אַ שמייכל, און זײַן קאָס גייט אָפּ, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָרניט געטראָפן. אַזאַ איז ער. ווען ער איז אויפגעבראַכט, פלאַמען בײַ אים די באַקן. ער קאָן אַרויסגייען פון די קיילים, נאָר עס דויערט ניט לאַנג, און די ברייט־צעעפנטע אויגן גלאַנצן מיט האַרציקער וואַרעמקײַט, ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: „ביין, קוקט ניט אַף מײַן בייזקײַט“.

מישע האָניקמאַן נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ קליין פּאַפּירל און דערלאַנגט מיר:

— אָט האָסטו דיר, וואָס דו האָסט געבעטן. מע וועט דיר אין קאָנטאָר אויסשרײַבן אַלץ מיטאַנאַנדער, און אין טרעסט וועלן מיר טאַקע אַרײַנפאָרן מיט דיר אינאיינעם.

מישע פאָרט רויִק אַרײַן אַף דער באַזע און רודערט דאָרט אויף דעם גאַנצן אוילעם: די עלעקטריקער שטייען ליידיק, און ווער איז שולדיק, ווער וועט צאָלן פאַר דער אומזיסט־פאַרלוירענער צײַט? — די ווערטער זײַנען פאַלן, ווי שווערע שטיינער. דער הויפּט־דיספּעטשער, דער פאַרוואַלטער מיטן סקלאַד ווייסן ניט, וואָס צו ענטפערן.

— איר וועט דערפאַר צאָלן פון דער אייגענער קעשענע! — גיט ער שטרענג אָנצוהערן, און ער באַרויִקט זיך ניט, ביז מע שיקט ניט אַוועק די נייטיקע מאַטעריאַלן אַף דער בויונג.

מיט וועמען מע זאָל ניט ריידן אין טרעסט, רופט זיך איטלעכער אָפּ וועגן מישע האָניקמאַנען מיטן גרעסטן אָפּשײַ. וועט איר פרעגן פאַרוואָס? ניט נאָר ווײַל ער איז שוין דאָרטן אַ וועטעראַן און אַ גרויסער קענער פון זײַן פאַך, נאָר אויך דערפאַר, און עפשער טאַקע מערער פון אַלץ, ווײַל ער איז אַ ווילער, האַרציקער, צוגעלאָזטער מענטש. ער ווייסט, ווי צו אויסקומען מיט איטלעכן, העלפט אין אַ נויט אַלעמען, מיט וואָס נאָר ער קען. אויב ער העכערט אַמאָל דאָס קאָל, איז מען אַף אים ניט אין קאַס. מע בייזערט זיך ניט, ווײַל ער „גייט באַלד אָפּ“. סײַדן...

— סײַדן עס קריכט שוין איבערן האַלדז, — אַנערקענט ער אַליין, — און עס העלפן שוין ניט קיין שום מיטלען. ווי זאָגט מען עס: „יעדער גענעץ האָט אַ גרענעץ“.

נעמען, לעמאָשל, אַזאַ בייז, ווי דער „ביטערער טראָפּן“. זאָגן, אַז קיינער נעמט אים ניט אין מויל, וועט מען דאָך ניט גלייבן. מע נעמט דאַפקע יאָ. „אַ גלעזעלע לעכאַיִם שאַט ניט ביזן נײַעם“, — האָט מישע האָניקמאַן ליב צו שפּאַסן. אַף אַ סימכע, בײַ אַ יאָמטעוודיקן טיש מאַכט מען אינאיינעם אַ „לעכאַיִם“. ער גיסט זיך אָן לעכאַטכילע אַ קליין קעלישעקל און עס קלעקט אים אַף דער גאַנצער צײַט, וויפל מע זאָל ניט פאַרברענגען. און רייכערן רייכערט ער אויך ניט — פע! סאַם־האַמאָוועס, און מע צאָלט נאָך פאַר דעם מיט מעזומאָנים. — טײַנעט ער און קנייטשט מיט די אַקסלען. — מיילע, איין זאַך איז רייכערן, אָבער שיקערן, און נאָך בײַס דער אַרבעט? דאָס איז דאָך אַ פאַרברעכן!

אַנומלטן איז צו אים געקומען מיט אַ טײַנע דער פּראָראַב ערגאַש מאַמעדאָוו: סטײַטש, ער, האָניקמאַן, צעטרײַבט די מײַסטערס, וואָס פעלן אַזוי אויך אויס אין טרעסט. נו, איז וואָס, אַז אַ מענטש האָט אויסגעטרונקען, דאַרף מען זיך וואַרפן מיט אים?

— טײַערער ערגאַש, — האָט מישע רויִק דערקלערט, — קיין שיקורים, ווייסטו דאָך, פאַרלײַד איך ניט, פון זיי קאָן מען אַלץ דערוואַרטן. און דײַן, מישטיינסגעזאָגט, מײַסטער (ער האָט אָנגערופן די פאַמיליע) איז אַ באַלן טרינקען יעדן טאָג, און דערצו נאָך אַף דער אַרבעט. וואָס ווייסטו דערויף זאָגן?

דער פּראָראַב האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך כיטרע אונטערגעוווּנקען:

— מישע, עפשער וועסטו אים פאָרט מויכל זײַן? ער איז דאָך אַ „דײַניקער“... אויך אַ ייִד...

— נו, איז וואָס? — האָבן מישעס באַקן אופגעפלאַמט. — אַ נאַפּקעמינע, ווער ער איז. פאַר אַזעלכע ייִדן, וואָס מאַכן כוזעק פון זיך און פון אונדז אַלעמען, האַלט איך ניט. פאַר אונדזער געזעץ זײַנען מיר אַלע גלײַכע.

האַניקמאַן איז אײַנבאַשטאַנען אף זײַנס, און יענעם פאַרשוין האָט מען באַוויזן דעם וועג פון דער בריגאַדע, ווו ער איז געווען פאַרנומען. עס איז אויסגעקומען זיך געזעגענען מיט נאָך עטלעכע אַזעלכע דיסציפּלין-ברעכער. פון דעמלט אָן הערט מען ניט פון אַזעלכע מיִעסע זאַכן. דער „ביטערער טראָפּן" רעכנט זיך פאַר דער גרעסטער אווירע אין דער בריגאַדע עלעקטריקער.

דאָ ניט לאַנג האָב איך מישען געטראָפן אין גאַס. ער איז געווען ניט אַליין. מיט אים זײַנען געגאַנגען נאָך עטלעכע מענטשן. ער האָט עפּעס דערציילט זײַנע מיטגייער, און ווערליק דעם, ווי ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, געווען צעהיצט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער רעדט וועגן אַן אינטערעסאַנטער און ערנסטער זאַך. ער האָט מיך באַמערקט, און מיר האָבן זיך וואַרעם באַגריסט.

— איך וועל זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן, — האָט ער געגעבן צו וויסן זײַנע מיטגייער, און מיר זײַנען געבליבן זאַלבעצווייט.

— פונוואַנען גייסטו עס אַזאַ צעפּאַליעטער? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— אײַ, דו ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַ באַראַטונג עס איז געווען בא אונדז.

— אַדראַבע, וועסט מיר זאָגן, וועל איך וויסן...

— דער באַרימטער בויער ניקאָלײַ אַנאַטאָליעוויטש זלאָבין איז אַרויסגעטראָטן. דערציילט וועגן זײַן בריגאַדע, וואָס אַרבעט אף אַ נײַעם אופן.

ווײַזט אויס, די רעדע פונעם באַרימטן גאַסט האָט געמאַכט אף אים אַ גרויסן רושעם און ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מיר האָבן זיך שוין אַ לענגערע צײַט ניט געזען. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס הערט זיך בא אים אין שטוב, אָבער איך האָב געדולדיק אויסגעהערט אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט.

אין „זײַן" טרעסט האָט נאָך קיינער ניט געפּרוּווט אַריבערגיין אַרבעטן אפן אופן פון זלאָבינס בריגאַדע, און ער, מישע האַניקמאַן, וויל עס טאָן דער ערשטער.

— דו נעמסט אף זיך אַ גרויסע אַכרײַעס. און טאָמער וועט זיך ניט אײַנגעבן? — האָב איך אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג.

ער האָט אף מיר מאָדנע אַ קוק געטאָן מיט זײַנע ברייט-צעעפנטע אויגן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „וואָס, דו גלייבסט מיר שוין ניט? אַזויפיל יאָרן קענען מיר זיך שוין, און דו צווייפלסט?"

עס איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשע צײַט נאָך אָט דער באַגעגעניש. איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם שמועס. יעדערער האָט זיך זײַנע דײַגעס, אַבי געזונט.

אַנומלטן האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין טרעסט צו לייזן אַ פראַגע, וואָס האָט אַ שײַכעס צו מײַן אַרבעט, און אומגעריכט געטראָפן זיצן אין קאַבינעט מישע האַניקמאַנען.

— אַ גאַסט! — האָט ער זיך דערפרייט, דערזעענדיק מיך. — נו, דערצייל עפּעס נײַס. ווי פילסטו זיך?

— אַ דאַנק, האַלעווײַ אף ווײַטער ניט ערגער. און וואָס הערט זיך בא דיר?..

אין קאַבינעט איז אײַליק אַרײַנגעקומען אַ יונגע פרוי און דערלאַנגט האַניקמאַנען עפּעס אַ פּאַפּירל.

— ס'איז דאָס, וואָס איר האָט אינדערפרי געבעטן, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַ ווײַלע אַרײַנגעקוקט אינעם פּאַפּירל און צופרידן אַ שמייכל געטאָן צו מיר:

— האַ, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, און דו האָסט צוערשט ניט געגלייבט.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער רעדט און געקוקט אף אים אַ פאַרכידעשטער.

— געדענקסט יענעם שמועס אונדזערן וועגן אײַנגלידערן בא אונדז דעם פּאָדריאַד, ווי אין זלאָבינס באַוווסטער בריגאַדע. — ער האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ גראָבן העפט און מיר באַוויזן שוואַרץ אף ווײַס, ווי־אַזוי עס אַרבעט כאַטאַמאָוס בריגאַדע פון טאָג צו טאָג, פון כוידעש צו כוידעש. זלאָבינס אופן האָט זיך אײַנגעגעבן. די אַרבעט אין דער בריגאַדע גייט ריטמיש און עפעקטיוו, מע שטאָלצירט מיט דער בריגאַדע. ווי זשע אַנדערש? דאָס ערשטע „שוועלבעלע" אין טרעסט, ניט אַלץ איז נאָך גלאַט. עס טרעפן זיך נאָך שוועריקײַטן. — אַצינד, — גיט ער מיר צו וויסן, — טראַכטן מיר אַריבערפירן אפן נײַעם אַרבעטס-מעטאָד די אַנדערע בריגאַדעס.

ניט לאַנג צוריק האָט ער זיך אומגעקערט פון מאָסקווע, ער האָט דאָרטן קאָנטאַקטירט די פּלענער פונעם טרעסט אפן 1982 יאָר. מישע באַווײַזט מיר דאָס צעטל נײַ-בויונגען, וואָס דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן.

— אַזאַ פּערספּעקטיוו, אַזעלכע אופגאַבן! — קלערט ער מיר אוף מיט זײַן אייגנטימלעכער פאַר אים געניוקײַט. — דער אָטעם פאַרכאַפּט אַזש. ס'וועט זײַן איבער וואָס צו האָרעווען. קיין טאַנדעטנע אַרבעט, אַבי ווי, וועט ניט אָנגיין. באַזירן זיך דאַרף מען נאָר אף פּראָגרעסיווע מעטאָדן.

הײַנטיקע צײַטן, ווען דאָס לעבן איז אַזוי אָנגעזעטיקט מיט אָן אַ שיר איניאָנים און דײַגעס, סײַ אייגענע, סײַ געזעלשאַפטלעכע, איז ניט אַזוי לײַכט אָפּט גיין צוגאַסט. אין אַ וואָכעדיקן טאָג איז שוין אָפּגערעדט. ביז מע קומט נאָך דער אַרבעט אַהיים, ביז וואָס-ווען, פאַלט שוין צו די נאַכט און מע איז טאַקע בעפּיירעש מיד, און דאָ כאַפּט זיך נאָך אונטער אַ ווײַלע זאַך אין טעלעוויזאָר, ווילט זיך ביכלאַל אין ערגעץ ניט גיין. און אין אַ זונטיק-טאָג געפינט מען אויך וואָס צו טאָן. פאַר אַ וואָך צײַט קלײַבט זיך אָן אַ וויל ביסל שטוביקע אַרבעטן, און מיט די קינדער דאַרף מען דאָך אַוועדע זיך

זען. הײַנט ווי שפּילט מען זיך ניט א ביסל מיט די אייניקלעך? האקיצער, פרײַע צײַט איז בא איטלעכן אפּן שפּיץ מעסער, און עס ראטעוועט דער טעלעפאָן. מע טוט א קלונג און מע ווערט געוווירע וועגן אלץ מיטאנאנדער, מע האָט די זכיה צו הערן, אז מע איז, קיין אײַנהאָרע, געזונט און שטארק.

פונדעסטוועגן איז טאקע א ווילדע זאך, ווען מע טרעפט זיך און מע פארברענגט א ביסל איינעם מיט גוטעפרײַנט. ביך איך אנומלטן זונטיק געקומען צו די האָניקמאנס. נאָר וויפל איך האָב ניט געקוועטשט „דאָס קנעפל" בא דער טיר, האָט קיינער ניט געענטפערט. מיך האָט בעפּיירעש אָנגעכאפּט א פּארדראָס. סטײַטש, איך מאָל איך א יויוול זיך ארויסגעכאפּט, און בא דיר אזא „שטומע" באגעגעניש. דאָ האָט זיך פון אן אנדער טיר באוויזן א שאָכן.

— מישע מיט זײַן גאנץ געזינד איז אף זייער דאטשע. — האָט ער געגעבן צו וויסן, געכאפּט א קוק אפּן זייגער און מיך בארויִקט: — זיי דארפן שוין באלד קומען.

געוועזן איז שוין אנערעך זיבן אזייגער אינאָוונט, איך האָב באשטימט א ביסל צוווארטן און זיך פּאוואָליע גענומען ארויפאָזן פונעם דריטן שטאָק. נאָר דאָ האָט זיך באלד דערהערט א הילכיקער גערויש פון א צוגעפאָרענער מאשין. ווען איך בין ארויס אין דרויסן, איז באם סאמע גאנעק געשטאנען א שפּאָגל־נײַע טונקל־ברוינע „ניוואָ" אף הויכע רעסאָרן פון דער נײַסטער מארקע. ערשט מיט א פּאָר וואָכן צוריק, ווייס איך, האָט מישע זי אײַנגעשאפן.

— טו נאָר א קוק, פּאָליע, ווער עס איז צו אונדז געקומען! — האָט ער פריידיק אויסגערופן.

פּאָליע, די פרוי זײַנע, איז ארויס פון דער מאשין, און ליאָניע, דער עלטערער זון, האָט פונדאָרטן ארויסגעשלעפּט צוויי פולגעפּאקטע קאָשעקעס מיט עפּל און מיט ווײַנטרויבן.

מישע איז אָפּגעפאָרן צום גאראזש, און מיר האָבן זיך אופגעהויבן ארוף־צו אין שטוב ארײַן.

— שווער זיך ארופצוקלעטערן מיט אזא מאסע, — האָב איך גענומען אין האנט איין קאָשעק.

— נישקאָשע, — האָט פּאָליע צופרידן א שמייכל געטאָן, — האלעוויַ זאָל נאָר זײַן וואָס צו טראָגן. און וואָס „צו טראָגן" אהיים איז בא די האָניקמאנס, קיין אײַנהאָרע, פאראן.

הינטער דער שטאָט, ניט ווײַט פונעם אעראָפּאָרט, האָבן זיי שוין פונלאנג א דאטשע, פארפלאנצט קאָלעריי פרוכט־ביימער, און האָבן איצט יעדן יאָר אייגענע פּיירעס פון די בעסטע היגע סאָרטן.

אוודע, פון הימל פאלט גאָרנישט ניט אראָפּ. צו א סאָד דארף מען צולייגן הענט, נאָכקוקן נאָך אים, כאָוועץ יעדע פלאנצונג, ווי א קליין קינד, ס'זאָל, כאָלילע, קיין בייז אויג ניט שאטן. און מישע האָניקמאן ווייסט שוין גוט די דאָזיקע מעלאָכע, גיט זיך אָפּ צום סאָד מיט דער גאנצער נעשאָמע, אין דער פרײַער צײַט, דעריקער — שאבעס און זונטיק איז ער טאָמיד דאָרטן, אף דער דאטשע. אף הײַנטיקן לאָשן קאָן מען בעפּיירעש זאָגן, אז דאָס איז זײַן „האָבי".

ביזוואנען ער האָט זיך געפּאָרעט בא דער מאשין, איז אויך די באלעבאָסטע ניט געזעסן מיט פארלייגטע הענט. אפן טיש איז שוין געשטאנען א פלאש פרישער ווישניק, קאָלעריי פארבײַסעכצן און א גרויסער פּאָלומעסעק מיט אָקאָרשט געבראכטע ווײַנטרויבן און עפּל.

באם טיש האָט מישע דערציילט, אז ער איז געוועזן אין א קאָמאנדירונג אין כאבאראָווסק, איז ווי כאפּט מען זיך ניט אראָפּ קיין בירא־בידזשאן, ווו ער האָט אָפּגעלעבט א היפּש ביסל יאָרן, און יעדעס געסל, יעדע סטעזשקע איז דאָרטן אים באקאנט און נאָענט.

— אקוראט איז דעמלט ארויסגעטראָטן דער יידישער מוזיקאלער טעאטער, — דערציילט ער מיט האנאָע, — דער זאָל איז געוועזן פולגעפּאקט, אן עמעסער יאָמטעוו איז געוועזן. — אף מישעס פּאָנעם שײַנט א פרייד. ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז א שטיקל צײַט געוועזן א „באלײַכטער" פון דער בינע אינעם אמאָליקן ביראָבידזשאנער טעאטער, געוועזן נאָענט באקאנט מיט גראָסן, העלפאנדן, קאָטוינטי און אנדערע באליבטע אקטיאָרן, וועמענס שפּיל ס'האָט זייער אויסגענומען באם אוילעם. מיטאמאָל טוט מישע זיך א הייב פון אָרט, גייט צו צום גרויסן ביכערשראנק, נעמט פון דאָרטן ארויס א פּאָר ביכלעך און דערלאנגט זיי מיר:

— געבראכט פון דאָרטן, — פרייט ער זיך, — פון אונדזערע ביראָבידזשאנער שרײַבער — בוזיע מילערס „יעדן דאָר זײַנס" און העשל ראבינקאָווס „זעמליאקעס". און דאָס האָסטו? דערינערונגען וועגן אונדזער עמע קאזאקעוויטשן. געפּאקט ניט לאנג צוריק אין מאָסקווע.

— איך האָב.

— ביסטו דאָך רײַך, ווי קירעך, — שמייכלט ער. — נו, און ארן ווערגעליסעס לידער־זאמלונג אין רוסיש האָסטו אוודע אויך? — פרעגט ער בא מיר.

— אָט דאָס, מישע־לעבן, האָב איך דאפקע ניט, מעגסטו מיר שענקען. מיטן גרעסטן פארגעניגן וועל איך דעם געשאנק צונעמען.

— אן אנדער ברײַרע האָב איך דען, אויב דו בעטסט אזוי. — ער פארטראכט זיך אף א רעגע און טוט מיט באדויערונג א זאָג: — שוין צײַט, דו זאָלסט האָבן אן אייגן ביכל און אים שענקען מיר.

מיט מישע האָניקמאנען איז קיינמאָל ניט אומעטיק צו זיצן איינעם. ער האָט ליב דערציילן, זיך א וויצל טאָן.

— מישע, — רופט זיך אָן צו אים זײַן פרוי פּאָליע, — גענוג שוין שיטן מיט רייד, לאָז יענעם אויך זאָגן א וואָרט.

פּאָליע, קאָן מען זאָגן, איז דער הייפּעך צו איר מאן. זי האָט פײַנט פירן לאנגע דיבורים.

— מישע מעג מיך בעפּיירעש דאנקען, — שפּאסט זי, — ווען ניט איך, פליט ער שוין לאנג מיט זײַנע רייד אין די הימלען, ווי א קאָסמאָנאווט...

פאָליע ארבעט צוזאַמען מיטן מאַן אין דעם זעלבן בוי־טרעסט און האָט אויך אַ גוטן שעם אין קאָלעקטיוו.

פיל יאָרן איז זי געווען פאָרזיצער פונעם פראָפּאַריין־קאָמיטעט און דערנאָך סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. איצט איז זי אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט צו טאָן מיט די פראַגן פון דערציִען די יוגנט, איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ארבעט, וואָס האָט אַ שײַכעס צו שטייגער און אָפּרו פון די בויער. מיט פאַרלייגטע הענט זיצט זי ניט. אַנומלטן, דערציילט זי, איז זי געווען אַן אײדעס פון אַזאַ געשפרעך. איינע אַ פרוי האָט געפרעגט בײַ דער אַנדערער:

— וואַליע, ווו נייסטו דײַנע קליידער?

— וואָס הייסט ווו? אין אַטעליע.

— ווען זשע גייסטו אַהין?

— נאָך דער ארבעט, אָדער שאַבעס, צי זונטיק. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס?

— און איך קאָן זיך ניט אַרויסרײַסן. ניטאָ קיין צײַט, — האָט מיט באַדויערונג געענטפערט די פרוי, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם געשפרעך.

— וואָס זשע ווילסטו, מע זאָל דיר אַרײַנברענגען גרייטס אין שטוב אַרײַן?

— עס וואָלט אַוודאי ניט געשאַט. מע קאָן דען בײַ אונדז ניט אָרגאַניזירן די שטייגערבאַדינונג גופא אויפן אָרט, ווי אויף אַנדערע אונטערנעמונגען טוט מען שוין לאַנג.

פאָליע האָט דעם געשפרעך איבערגעגעבן דעם פאָרזיצער פון פראָפּאַריין־קאָמיטעט. יענער האָט זי געבעטן אַרײַנגיין צום דירעקטאָר פון דער ניי־פאַבריק פאַר שטייגער־באַדינונג און זיך דורכריידן מיט אים.

— איצט קומט צו אונדז אין טרעסט יעדע וואָך אַ צושנײַדערן, — דערציילט זי אַ צופרידענע, — און מיר באַשטעלן אַלץ, וואָס מיר ווילן אויפנייען.

די מישפּאָכע האָניקמאַן לעבט בעשאָלעם, באַלעבאַטיש און גליקלעך. אַלע דרײַ צימערן אין דער דירע זײַנען פײַן צוגעקליבן מיט טעפּיכער, נײַעם מעבל. אין יעדן ווינקעלע בלאַנקט מאַמעש. אין אַלץ פילט זיך די געניטע הענט פון אַ באַלעבאָסטע אַ בעריע.

מישע און פאָליע האָבן נאַכעס פון זייערע קינדער. צווײ זין, אוןביידע געראָטענע. דער עלטערער — ליאָניע האָט פאַרצווייאָרן פאַרענדיקט דעם היגן אַרכיטעקטור־אינסטיטוט און ארבעט שוין אַלס הויפּט־אינזשעניר אין איינער אַ סאַמאַרקאַנדער בוי־מאָנטאַזש־אָרגאַניזאַציע. דער ייִנגערער, דער מיזיניק סאַשע, האָט היאָר באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ מיליטערישן אווטאָ־אינזשעניער.

ווען די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס זײַנען שוין געגאַנגען צום סאָף, האָט די פּאַרטייל־קאָמיסיע פון דער מיליטערישער שול אים אַרויסגערופן און געפרעגט:

— וווהין וואָלסטו געוואָלט פאָרן?

— איך וואָלט געוואָלט פאָרן אויפן „באַם“.

— און מיר ווילן דיך שיקן קיין קיִעוו, — האָט, אַרײַנקוקנדיק אין צעטל, געמאָלדן דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע.

— איך בעט אײַך זייער, כאַווער מאַיאָר, באַפרידיקן מײַן ביטע.

— איר זײַנט פרײַ, כאַווער קורסאַנט, מיר וועלן זיך מעיאַשעוו זײַן.

ווען די עלטערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער זון בעט, מע זאָל אים שיקן אויפן „באַם“, זײַנען די מיינונגען זייערע זיך פונאַנדערגעגאַנגען. מישען האָט עס ניט געאַרט, אַ נאַפקעמינע, ווו צו דינען. עס וועט דאָרטן אים זײַן שווערלעך די ערשטע צײַט, נאָר אין לעבן וועט עס דערנאָך גוט צוניץ קומען, ער וועט זיך אויסלערנען בײַקומען שוועריקײַטן. אַזוי האָט געטראַכט דער טאַטע. אָבער פאָליע האָט זיך געהאַלטן בײַ אַן אַנדער מיינונג. אַוודאי איז אין אַזאַ שטאָט, ווי קיִעוו, בעסער, ביפּראַט נאָך, אַז עס וווינען דאָרטן קרויווים. און וואָס וועט ער טאָן אויפן „באַם“, אין דער טײַגע, אין עק וועלט?

נאָר אומזיסט איז געווען איר איבערלעבונג. אין אַ כוידעש אַרום איז סאַשע, שוין אַ לייטענאַנט, געקומען אַהיים אין אַ נײַער מיליטערישער אוניפאָרם, מיט אַלע נייטיקע דאָקומענטן, נאָר אויף זײַן פּאָנעם איז געווען אַ טרויעריקע מינע.

— וואָס האָט פּאַסירט, וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? — האָט די מאַמע זיך דערשראָקן.

— גאָרנישט האָט ניט געטראָפן. מע שיקט מיך קיין קיִעוו. האָסט דאָך אַזוי געוואָלט.

אויף פאָליעס געזיכט האָט אויפגעלויכטן אַ פרייד.

— איז טאַקע וווּל, וואָס זשע ערגערסטו זיך, סאַשענקע?

— און איך וועל סײַווי פאָרן אויפן „באַם“.

— אָט אַ נאַריש קינד. מע טוט דיר גוטס און דו ביסט נאָך ניט צופרידן.

— סײַווי וועל איך דאָרט זײַן!

מישע האָניקמאַן האָט ניט אויסגעהאַלטן און שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל, אויב אים איז וווּל, דאַרף אונדז זײַן ניכע, און פּאָטער.

פאַרן אָפּפאָרן האָט סאַשע כאַסענע געהאַט. דער שענסטער קאַפע־הויז איז געווען פולגעפּאַקט. בײַ די האָניקמאַנס איז, קיין אײַנהאָרע, פאַראַן אַ סאַך פרײַנט און קרויווים. אויף די טישן איז געווען קאָלטווו. די קלעזמער האָבן געשפּילט. מיט איין וואָרט — ס'איז געווען פרייַלעך.

— מאַזלטאָוו, פאָליע!

— מאַזלטאָוו, מישע!

— מאַזלטאָוו, טײַערע מעכוטאָנים! — האָבן זיך געטראָגן הילכיקע אויסרופן אינעם גרויסן ליכטיקן זאַל.

אַ קאָס פאַר כאָסן־קאַלע, אַ צווייטער — פאַר די עלטערן. דערנאָך איז שוין אַוועק, אַזוי ווי עס פירט זיך אויף סימכעס, — מע האָט איינער דעם אַנדערן געווונטשן געזונט און גליק, נאַכעס פון קינדער, אַלעס בעסטע אין לעבן.

מײַן פרײַנט יוסעף טאַמאַרקין, וואָס איז געזעסן בײַם טיש בישכיינעס מיט מיר, האָט פאַרצויגן אַ ייִדישן ניגן. די קלעזמער האָבן

א זעץ געטאָן מיט די מעשענע טאַצן, און יונג און אַלט איז אַוועק טאַנצן אַ שער. ביז טיף אין דער נאַכט האָבן זיך געטראָגן פון די ברייט־צעעפנטע פענצטער און טירן אַף דער גאַס היל־כיקע מוזיק, מונטערע געזאַנגען.

ווען מיר זײַנען געגאַנגען אַהיים, האָבן מיר געזונגען:

אײַ איז דאָס אַ כאַסענע,
אַ כאַסענע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע
נאָך קיינמאָל ניט געזען...

די ברייטע גאַס, אַ פאַרפלאַנצטע פון ביידע זײַטן מיט געדיכט־צעצווײַגטע ביימער, האָט אויסגעזען אין דער שפּעטער שאָ, ווי אַ פאַר־קישעפטער גאָרטן.

די טעג האָט מיר מישע האַניקמאַן באַגעגנט מיט אַ נײַס:

— ווייסט? סאַשע האָט פאַרט געפּויעלט זײַנס. זײַן ביטע האָט מען באַפרידיקט, און ער איז איצט ניט אין קיִעוו, נאָר אַפן „באַם".

מישע האָט מיר געגעבן איבערלייענען סאַ־שעס בריוו.

„טײַערע טאַטע־מאַמע! — שרײַבט ער, — איצט קאָן איך אײַך שוין גענוי מיטיילן, ווו איך געפין זיך. איך וווין ניט ווײַט פון טינדאַ, און טינדאַ איז אַ היפּשע סטאַנציע אַף דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. איך בין צופרידן, וואָס מע האָט מיך אַהער געשיקט און האָב קיין כאַראָטע ניט. ערגערט זיך ניט, אַלץ וועט זײַן גוט. איך לעב איצט מיטן באַגער, אַז מײַן אַליע זאָל פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט און וואָס גיכער קומען צו מיר, וועט אונדז ביידן זײַן גאָר גוט.

דאָרט, ווו איך דיך, האָב איך שוין פיל גוטע כאַוויירים און פרײַנט. זיי אַרבעטן שוין דאָ עטלעכע יאָר, און טראַכטן ניט אַוועקפאָרן אַפילע דאַן, ווען די בויונג פון „באַם" וועט מען פאַרענדיקן. די נאַטור איז דאָ אַ האַרבע, נאָר זייער אַ שיינע און רײַכע.

אַ גרוס אונדזערע אַלע באַקאַנטע און פרײַנט, און נעמט צו מײַנע בעסטע ווונטשן. אײַער סאַשע".

מישע קאָן זיך גאָר ניט אָנריידן פונעם זון.

— אַ מאַזיק. זיך פאַרט דאַבוועט זײַנס. הײַנטיקע קינדער, אַז זיי נעמען עפּעס אַרײַן אין מויעך, מעג דונערן און בליצן, זייערס וועלן זיי אויספירן...

ביראָבידזשאַנער נײַס

עקספּאָנאַטן דערציילן

אַ ביכער־אויסשטעלונג אינעם פיליאַל פון דער ביראָבידזשאַנער צענטראַלער שטאָטישער ביבליאָטעק איז געווידמעט דעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט. אַף דער אויסשטעלונג זײַנען פאָרגעשטעלט געאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען, פאַרשיידענע דאָקומענטן, היסטאָרי־שע און קינסטלערישע אויסגאַבעס וועגן דעם ווײַטן מיזרעך.

ברייט איז פאָרגעשטעלט די ליטעראַטור וועגן די ערשטע פּיאָנערן, וועגן יענער צײַט, ווען די ווײַטמיזרעכניקעס האָבן מעסירעסנעפעשדיק באַ־הערשט די קימאַט ניט באַוווינטע בײַאַמורער ערד, געקאָרטשעוועט די ווילדע טײַגע, געבויט נײַע שטעט און יישווים.

אַ גרויסן בײַטראָג האָבן אַרײַנגעבראַכט די ווײַט־מיזרעכניקעס אינעם אַלפאָלקישן זיג איבער די פאַ־שיסטישע פאַרכאַפּערס אין די יאָרן פון דער גרוי־סער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער העראָיִזם פון צענדליקער שלאַכטלײַט, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד, איז באַשריבן אין דער זאַמלונג „זייער העלדנטאַט איז אומשטערבלעך". עס ווערט דערציילט וועגן דעם לעבן און די אופטועגן פון די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד וואַסילי שע־לעסט, יאָסיף בומאַגין, פּיאָטער קאַגיקין, מיכאַיל סטיאַזשקין. די פּאַטריאָטישע טעמע איז אַ צענטראַ־לע אין די דאָקומענטאַלע זאַמלונגען „אַף אייביק אין זיקאָרן פונעם פאָלק", „די ווײַטמיזרעכניקעס אין די שלאַכטן הינטער מאָסקווע".

די אויסשטעלונג ווערט געשלאָסן מיט אַן אָפּ־קלײַב פון ליטעראַטור וועגן דער הײַנטיקער וואָר פונעם בײַאַמורער קאַנט, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון די פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַוווינען אים. מיר געפינען דאָ פאַרצייכענונ־גען וועגן דעם באַם, וועגן די שטעט־נײַבויונגען אַמורסק, סאָלנעטשני, ביראָבידזשאַן. אַן אָנגעזעען אָרט פאַרנעמט דער קינסטלערישער פאָטאָ־אַלבאָם „יידישע אויטאָנאָמע געגנט", די זאַמלונג „אַף די ברעגן פון דער בירע און בידזשאַן".

שמועל גאָרדאָן

איינער פֿון זיי

מיט יויסעף וואָלאָשינען בין איך באַקאַנט ניט פֿון נעכטן און ניט פֿון אייערנעכטן, און נעמען באַ אים אַן אינטערוויו, בעטן, הייסט עס, ער זאָל אויסלייגן פֿאַר מיר זײַן לעבנסוועג, ווי מע טוט עס, געוויינלעך, מיט פּערסאָנאַזשן, וועגן מע קלײַבט זיך זיי באַשרײַבן, האָב איך ניט באַדאַרפֿט, מיר זײַנען באַקאַנט, ריכטיקער געזאָגט נאָענט באַפֿרײַנדעט, אַ קײַמעלאָן פֿון קאָרעוו פֿופֿציק יאָר. ביין ניט קאָרעוו, נאָר טאַקע אַ פֿולן האַלבן יאָרהונדערט. אויסער אַלעם, אַף וויפֿל מיר געדענקט זיך, איז ניט געווען דער פֿאַל, אַז כ'זאָל זײַן אין יעווּפּאַטאָריע און מיר זאָלן זיך ניט באַגעגענען, זיך אָפּנהאַרציק ניט דורכשמועסן. געווען צײַטן, אי פֿאַר דער מילכאָמע, אי נאָך דער מילכאָמע, ווען כ'בין געווען אַ גאַנץ אָפֿטער גאַסט אין דער דאָזיקער שטאָט, און געפֿאָרן בין איך אַהין מײַנסטנטייל ניט אַזוי אין די ליבע זומער־כאַדאָשים, ווען דער יאַם איז פֿאָטערלעך מילד און דער הימל וווּנדערלעך בלוי, נאָר גראָדע אין די קאַלטע האַרבסטיקע און ווינטערדיקע טעג, ווען עס בושעוועט דער יאַם, און די פֿראַנק־און־פֿרײַ אַרומשפּאַצירנדיקע ווינטן פֿונעם אָפֿענעם יאַם און פֿון אָפֿענעם סטעפּ וואַלגערן פֿון די פֿיס.

ווּעסטו דאָך פֿרעגן, ליבער לייענער, וואָס האָב איך אין אָט דער קוראָרטנער שטאָט געהאַט צו טאָן אין ד ניט־קוראָרטנע כאַדאָשים? דאָס זעלבע, וואָס אין די זומערדיקע, ווײַל כ'האָב יעווּפּאַטאָריע איך יענע ווײַטע, ווײַטע יאָרן, ביכלאַל ניט אופֿגענומען ווי אַ קוראָרט. ווי אומגעלומפּערט דאָס זאָל ניט אויסזען, נאָר אַפֿילע גופֿע דאָס וואָרט אַליין — „קוראָרט“ האָט געקלונגען פֿאַר מיר אויסטערליש. מעגלעך, אַז דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס ניט אין די קינדערשע, ניט אין די ייִנגלשע יאָרן, האָב איך דאָס דאָזיקע וואָרט, דאַכט מיר, גאָר ביכלאַל ניט געהערט. וועגן דעם יאַם אָבער האָב איך פֿון דער פֿריִער קינדהײַט גראָדע יאָ געהאַט אַ פֿאָרשטעלונג, ווײַל ווער פֿון אונדז, פֿון מײַן דאָר, הייסט עס, האָט ניט געלערנט אין דער קינדהײַט כומעש און ניט געוווּסט וועגן די פֿאַרלאָפֿענע וווּנדער־שעבעוווּנדער אינעם יאַם־סוף, צי מע זאָל ניט געווען הערן וועגן דעם יאַם־האַמעלעך? נאָר אַ לעבעדיקן יאַם, אַ יאַם אַף דער וואָר, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען טאַקע דאָ, אין יעווּפּאַטאָריע. ס'איז אָבער געווען שפּעט אין האַרבסט, בייס דער שוואַרצער יאַם איז בעפּיירעש טאַקע שוואַרץ. לאָזט צו זיך איבעריקס נאָענט ניט צו, פֿירט מיט דיר באַקאַנטשאַפֿט פֿונדערווײַטן.

די דעמלטיקע קורצע באַקאַנטשאַפֿט מײַנע מיטן יאַם האָט ניט איבערגעלאָזט אין מיר קיין באַזונדערס וואַרעמען געפֿיל, אַז כ'זאָל נאָך אים בענקען, אַזוי צי אַנדערש, נאָר קיין גרויסע פֿרײַנטשאַפֿט האָט זיך באַ מיר מיט אים ניט פֿאַרקניפּט. יעווּפּאַטאָריע איז פֿאַר מיר געווען פּאָשעט אַ סטאַנציע אַפֿן טראַקט צו די דעמלטיקע ייִדישע יישוווים אין קרימער סטעפּ, צו די, וואָס זײַנען געלעגן אינעם נאָענטן אַרום און צו די פֿילצאָליקע דערפֿער אין די צוויי ווײַטלעכע פֿרײַדאָרפֿער און לאַרינדאָרפֿער ייִדישע ראַיאָנען. די קאָלווירטן פֿונעם סאַקער ראַיאָן זײַנען דאַפֿקע געלעגן אָן אַ זײַט פֿונעם דאָזיקן טראַקט, אָבער אין נאָענטער שכיינעס מיט יעווּפּאַטאָריע.

דער גרעסטער און עלטסטער ערד־כיילעק פֿון די סאַקער פֿאָנדן איז געווען דער קאָלווירט „האָרעפּאַשניק“. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל זיך געטראָפֿן מיט יויסעף וואָלאָשינען. ער איז דעמלט געווען דער פּאַרטאָרג אין קאָלווירט, און די צײַט איז דאַן געווען אַ שווערע, אַן אומרויִקע. געגאַנגען איז וואָלאָשינען ערשט דאָס צוויי־ צי דרײַ־און־צוואַנציקסטע יאָר. גופֿע דאָס אַליין שוין זאָגט אונטער, אַז דער פּאַרטאָרג האָט באַוויזן דורכמאַכן ניט קיין קליינעם און ניט קיין גלאַטן לעבנסוועג. נאָר וועגן דעם, קוים האָב איך זיך גענומען, ווי מע זאָגט עס, פֿאַר דער פֿען, וועל איך דערציילן עטוואָס ווײַטער. איך וויל אָבער פֿאַר־

פריער אויסקלאָרן פאַר זיך: ווי קומט עס, וואָס זייענדיק באַפריינדעט מיט אָט דעם וויר־דיקן, פאַרדינסטפולן מענטשן א האַלבן יאָרהונדערט, האָב איך ביז איצט ניט באַקענט מיט אים דעם לייענער?

זאָגן, אז כ'ביך אינגאַנצן אים פאַרבייגעגאַנגען, קאָן איך, פאַרשטייט זיך, ניט. אין איי־נער פון מיינע דערציילונגען אינעם פאַרמילכאָמעדיקן בוך „צווישן אזאָווער און שווארצן", ווערט וועגן אים יאָ דערמאָנט. עמעס, ער ווערט דאָרט אָנגערופן בלויז בא דער פאַמיליע, דער נאָמען איז געענדערט און ער אַליין איז פאַרגעשטעלט ניט אַלס פּאַרטאָרג. די דערציי־לונג איז דאָך ניט קיין דאָקומענטאַלע. אויך אין איינעם פון מיינע נאָכמילכאָמעדיקע רייזע־בילדער „איבער די יידישע יישובים פון קרים" ווערט ער דערמאָנט, דאָס מאָל שוין מיטן עמעסן נאָמען און איז אויך פאַרגעשטעלט מיטן עמעסן פּאָסטן, וועלכן ער האָט דאַן פאַרנו־מען — סעקרעטאַר פון יעווּפּאַטאָריער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, אָבער ווידעראַמאָל, טאַקע גאָר דערמאָנט, פאַרבייגייענדיק.

דאָס, וואָס כ'האָב ביז איצט ניט באַקענט מיט אים גענוי דעם לייענער און בלויז איצט ערשט זיך פאַר דעם גענומען, איז, פאַרשטייט זיך, ניט צופעליק. איינע פון די סיבעס, גיב איך זיך אַליין עס צו דערקלערן, שטאַמט טיילווייז בא מיר דערפון, וואָס מיך האָט קיינמאָל ניט געצויגן דערציילן די ביאָגראַפיע פון אַן איינצלנעם מענטשן, ווי רייך זי זאָל בא אים ניט זיין מיט געשעענישן, אויב איך קאָן ניט אָפּזוכן אין דער ביאָגראַפיע די פעדעם, מיט וועלכע דער דאָקומענטאַלער פּערסאָנאַזש איז געקניפּט און געבונדן מיט זיין דאָר, מיט די, וועמען ער דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן. אָבער צו וואָלאָשינען האָט עס קיין שום שייכעס ניט. ער שטעלט דאָך זיכער פאַר מיט זיך זיין דאָר. אַפּאַנעם, מיך האָט די אַלע יאָרן, זאָג איך צו זיך, אָפּגעהאַלטן שרייבן וועגן אים, ווייל ער אַליין האָט קימאַט די אַלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט דער פען און וואָלט זיכער געקאָנט דערציילן וועגן זיך אי גענויער, אי בוילע־טער. כ'האָב אָבער דערביי אַרויסגעלאָזט די גאַנצע צייט פונעם אויג, אז פאַר א מענטשן מיט א פען אין דער האַנט, איז ניטאָ קיין שווערערס, ווי דערציילן וועגן זיך, ביפּראַט פאַר א מענטשן פון אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייט, ווי וואָלאָשין.

שטעל זיך אָבער פאָר, ליבער לייענער, אז דעם געדאַנק אָנשרייבן פונדעסטוועגן וועגן אים האָט מיר אופגעגעבן טאַקע ער אַליין, כאָטש ער איז עס לאַכלוטן ניט אויסן געווען. פאַרלאָפן איז זיך עס נאָך דעם, ווי כ'האָב מיט א שטיקל פאַרשפּעטיקונג אים באַגריסט פאַריקן זומער מיט זיין באַלוינונג — ער האָט געקראָגן דעם ערן־צייכן „פופציק יאָר אין דער פּאַרטיי", וועגן וואָס כ'האָב זיך צופעליק דערוווּסט פון דער אָרטיקער צייטונג „יעווּ־פּאַטאָרייסקאַיאַ זדראַווניצאַ", ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט א גרויס אַרטיקל וועגן וואָלאָשינען און זיינס א פּאָטאָבילד.

אפן בילד איז ער ניט איבעריקס ענלעך אף זיך, אין לעבן זעט ער לאַכלוטן ניט אויס פון אַזעלכן, וועמען סע שטייט פאַר הײנטיקן ווינטער אָפּמערקן זיין פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג. אַלנפאַלס פאַר מיר, וועלכער קאָן אים פון דער יוגנט אָן, איז ער קימאַט פאַר־בליבן דער זעלבער „האַרעפּאַשניק", ווי עס פלעגן אים רופן אין יענע ווייטע יאָרן די קאָל־ווירטניקעס פון „האַרעפּאַשניק". קימאַט דער זעלבער ברויז, דער זעלבער אימפעט, די זעלבע פאַרליבטקייט אין מענטשן. פון הינטער די ברילן־גלעזלעך קוקן אַרויס א פאַר טיפע שאַרפע אויגן. דאָס קאָל — א קלינגעוודיקס, א האַפּערדיקס, פול מיט לעבן, מאַמעש מעקאַנע צו זיין. און דער זיקאָרן איז א זיקאָרן, כאָטש מענטשן פון זיין עלטער באַקלאָגן זיך אָפּט, אז דער זיקאָרן דינט זיי ניט טריי. עמעס, וועגן זיך געדענקט יוסעף וואָלאָשין שוין אויך ניט אַלץ. וואָס שייעך אָבער די אַלע, מיט וועמען דאָס לעבן האָט אים צונויפגעפירט, באַזונדערס די, וועלכע זיינען ווערט געווען, מע זאָל זיי פאַרגעדענקען, האָט דער זיקאָרן זיי אַלע פאַרהיט, קיינעם ניט פאַרגעסן.

— וואָס מער דו געדענקסט יענעם, אַלץ מער געדענקט יענער וועגן דיר.

אַרויסזאָגנדיק עס אין שייכעס מיט זיך, גיט ער גלייך צו:

— וואָס אייגנטלעך, האָב איך באַזונדערס צו פאַרגעדענקען וועגן זיך? איך בין דאָך ניט מער ווי איינער פון זיי.

און ווייל דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך דעם, ווי ער האָט מיר איבערגערעכנט א היפּש ביסל נעמען פון מענטשן, מיט וועמען דאָס לעבן האָט אים צונויפגעפירט און וואָס אייניקע פון זיי, וועלכע זיינען ווערט, אז דער אָנדענק וועגן זיי זאָל פאַרהיט ווערן, האָב איך אויך געקאָנט, האָט ער מיך א שטויס געגעבן, אז כ'זאָל זיך זעצן צום טיש שרייבן די דאָזיקע פאַרצייכענונג, און זי טאַקע אָנרופן, ווי ער האָט מיר אונטערגעזאָגט, ניט זייענדיק דערביי עס גאָר אויסן: „איינער פון זיי". כ'האָב זיך געזעצט זי שרייבן, דעם עמעס געזאָגט, ניט אַזוי



יויסעף וואָלאַשין

צוליב דערויף, אַז כ׳זאָל דערציילן וועגן דעם פאַר־
דינסטפולן „האָרעפּאַשניק״ וואָלאַשינען, נאָר ווײַל
די פאַרצייכענונג וועגן אים גיט מיר אַ מעגלעכ־
קײַט אויסצאָלן טיילווײַז אַ כויוו, וועלכן כ׳בין
שולדיק געבליבן יענע, וועמען יויסעף וואָלאַשין
שטעלט מיט זיך פֿאָר, ווי איינער פון זיי. זאָלן
ערגעץ בלײַבן פאַרצייכנט כאָטש זייערע נעמען,
זיי האָבן עס ערליך פאַרדינט.

געוויס ווערט יעדער איינער אַזוי צי אַנדערש ערגעץ־ווו פאַרצייכנט און דערמאָנט. דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, וואָס דער אָנדענק פון איינעם ווערט פאַרהיט אינעם ענגן קרײַז פון זײַן מישפּאָכע, פון זײַנע נאָענטע קרויווים, בייס דער אָנדענק פון אַ צווייטן ווערט פאַרהיט, און אַף לאַנג, אין אַ פיל ברייטערן קרײַז, וואָס באַשטייט ניט נאָר פון אייגענע און קרויווים. ניט יעדערער, ווי באַוווסט, איז אָבער זוכע דערצו.

צו די, וואָס זײַנען עס זוכע געווען, וועמען דער עלטערער דאָר פון די פאַרמילכאָמעדיקע יידישע שטעט, שטעטלעך און דערפער האָט ניט פאַרגעסן, פאַרהיט באַ זיך אין זיקאָרן, געהערן די געוועזענע טוער פון די יידישע סעקציעס פון קאָמערד, געזערד — אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען באַרופן צו העלפן דעם אַריבערגאַנג פון דער יידישער אָרעמקײַט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די יידישע ליטעראַטור איז געבליבן שולדיק אַ כויוו אָט די באַשיידענע איבערגעגעבענע טוער, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דער פאַרטיי געזונט מאַכן דאָס יידישע לעבן, באַפרײַען עס פון באַדנאַזיקײַט, פון לופט־שלעסער, און פיל אופגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור. דאָס זײַנען געווען מענטשן, וואָס האָבן ניט געוווסט פון קיין רו. ס׳איז פאַר זיי קיין זאַך ניט געווען צו שווער, זיי האָבן זיך שטענדיק געפונען אין דער סאַמע גערדיכטעניש פונעם פאָלק.

דאָס באַשרײַבן דאָס לעבן פון יויסעף וואָלאַשינען גיט מיר די מעגלעכקײַט טיילווײַז אויסצאָלן דעם פאַרשפּעטיקטן כויוו, דערמאָנען כאָטש אייניקע נעמען פון די, וועלכע האָבן מיט זייער איבערגעגעבנקײַט דער בעקאָוועדיקער שליכעס, וואָס די פאַרטיי האָט זיי אָנגעטרויט, אַרײַנגעטראָגן אַ באַדײַטנדיקן צושטײַער אינעם באַזעצן אין יענע יאָרן הונדערטער מישפּאָכעס אַפן קרימער סטעפּ און אַנטוויקלען אין די פילצאָליקע אופגעקומענע יישוווים די יידישע סאָוועטישע קולטור.

דער העלד פון אָט דער פאַרצייכענונג גיט מיר די דאָזיקע מעגלעכקײַט, ווײַל ער איז, ווי ער האָט אַליין געזאָגט וועגן זיך, איינער פון זיי.

יאָ, יויסעף וואָלאַשין איז איינער פון זיי. שוין פון דער גאָר פריער יוגנט איז ער געווען געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן לעבן, מיט דער יידישער קולטור. צו זעכצן יאָר איז ער פאַרוואַלטער פונעם יידישן לייענשטיבל אינעם שטעטל דובראָווקע, בריאַנסקער געגנט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווילט מען אים אויס פאַרן פּאַרזיצער פונעם בײַשטעטלדיקן קאָלווירט „דער עמעס״. אין עלטער פון קנאַפּע צוואַנציק יאָר איז ער דער „יעווסעק״ באַ דעם דובראָווקער וואָלאָסטנאָי קאָמיטעט פון דער פאַרטיי.

...אין פון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעווסעק.
די ערד צעטיילט און ווידער אין וועג...

נאָר דער יונגער יעווסעק יויסעף וואָלאַשין, וואָס האָט אין סאַמע אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פון דובראָווקע און פון די אַרומיקע שטעטלעך עטלעכע צענדליק האָרעפּאַשנע מישפּאָכעס, האָט זיך ניט געלאָזט ווידער אין וועג. ער האָט צוזאַמען מיט זיי זיך באַזעצט אַפן פרײַען ווילד־פאַרוואַקסענעם קרימער סטעפּ, דרײַ־פיר קילאָמעטער פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע סאַקי און זיך געשטעלט דאָרט בויען אַ היים, קיין מער פּאַסיקערן נאָמען פאַרן אופגעקומענעם קאָלווירט ווי „האָרעפּאַשניק״ איז שווער געווען צו געפינען. יויסעף וואָלאַשין איז פון די ערשטע טעג געווען דאָרט דער פאַרטאָרג.

די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן זײַנען געווען פאר די ייִדישע איבערוואנדערישע קאָלווירטן זייער שווערע, באזונדערס אין די ווינטערדיקע כאדאָשים. איך בין אין יענער ווײַטער צײַט ניט איין מאָל דאָרט געווען, בעסויכעם אויך אין „האָרעפאשניק", און שטענדיק, אַף וויפל מיר געדענקט זיך, אײַנגעשטאנען בא וואָלאָשינען.

איינער פון יענע ווינטערדיקע טעג: ס'איז פרי, קאיאָר. דער שנײַדנדיקער ווינט פון נאָענטן יאם און אָפענעם סטעפ האָט לאנג שוין אויסגעבלאָזן די ווארעמקײַט פונעם אויסגעהייצטן מיט קורײַ אײַזערנעם איוועלע. קורײַ איז קימאט דאָס זעלבע ווי שטרוי. סע פלאָקערט העל, נאָר גיט ווייניק ווארעמקײַט. אַף די נאקעטע פענצטערלעך גרינען אנטקעגן דער לעוואָנע אָנגעפרוירענע ביימלעך, די איינציקע „ביימלעך" אין די דעמלטיקע ייִדישע איבערוואנדערישע נאקעטע דערפער. אין שטוב ברענט טונקל דאָס קעראָסין־לעמפל. דאָס דאָרף שלאָפט נאָך, נאָר דער פארטאָרג איז שוין אַף די פיס. ס'איז שוין אויך אַף די פיס זײַן יונג שיין ווײַבל כאיע. זי אײַלט אַף דער פערמע מעלקן די האלב־הונגעריקע קי. וואָלאָשין אײַלט אויך. ער האָט א וועלט מיט ארבעט. א פארטאָרג דארף וועגן אלץ זאָרגן, אלץ האָבן אין זינען... און אזוי טאָג־אײַן, טאָג־אויס. און אין שטוב בא אים איז, ווי בא אלעמען, ניטאָ קיין שטיקל ברויט צו זאט.

...ס'איז קיין ברויט אין שטוב ניטאָ נאָך,
שלאָף, מײַן קינד מײַן שטײַפס,
כ'קאָן נאָך איצטער דיר ניט זינגען
פון א פעלד, וואָס רײַפט.

די ווערט פון ברויט, וויִאזוי עס צו שאצן, האָט מען אין די ייִדישע איבערוואנדערישע קאָלווירטן זייער גוט געוווּסט.

עס דערמאָנט זיך מיר א צופאל אין יענע יאָרן, טאקע אינעם זעלבן קאָלווירט „האָרעפאשניק". אן עמער איז ארײַנגעפאלן אין ברונעם און געבליבן ליגן אין דער פינצטערער טיף אפן דעק. און אן עמער אין דאָרף יענע צײַטן איז געווען א יעקאר־האמעציִעס, פאר קיין שום געלט ניט צו קריגן. פאר א האלב לעבל ברויט, וואָס די באלעבאָסטע פונעם עמער איז נאָך לאנגע דינגענישן סאָפקאָלסאָף אײַנגעגאנגען באצאָלן, האָט איינער פון די קאָלווירטניקעס זיך געהאט צוגעבונדן צו דער שטריק און אראָפגעלאָזט זיך אין טיפן ברונעם. ווען מע האָט דעם קאָלווירטניק צוזאמען מיטן דערטרונקענעם עמער ארויסגעצויגן פון דאָרטן, איז דעם מענטשן געווען ניט צו דערקענען. געל און בלייך פון קעלט און שרעק. נאָר וויִאזוי האָט ער געקאָנט ניט אײַנגייך, אויב אין שטוב האָבן געווארט אפן האלבן לעבל ברויט אויסגעהונגערטע קינדער?..

אונטערגעהאלטן אין אזא שווערער צײַט דעם מוט און ביטאָכן בא די איבערוואנדערער איז געווען ניט אזוי לײַכט. אַף דעם זײַנען נייטיק געווען אזעלכע, ווי יויסעף וואָלאָשין. און אזעלכע, ווי ער, זײַנען געווען אין קרים די דעמלטיקע „יעווסעקן", „קאָמזעטשיקעס", „אָזעטשיקעס". זיי האָבן צוזאמען מיט די איבערוואנדערער דורכגעמאכט אלע זייערע ליידן און פריידן. איך רוף דאָ אָן לײַדער בלויז די, וועלכע האָבן מיר זיך פארגעדענקט, און מיינסטנטייל פון זיי לײַדער בלויז בא דער פאמיליע; ניט אלע האָבן זיך פארהיט בא מיר אין זיכאָרן מיט די נעמען. איך טייל קיינעם פון זיי ניט אויס, זיי זײַנען מיר אלע אלציינס טײַער, רוף איך זיי אויף לויטן אלעפבייס:

לייב אלוקער, שאמײַ איִאסקאָוויטש, בראגינסקי, לייזער בערעזאנסקי, רווון מײַזל, זאלמען נאָדעלמאן, נעוועלשטיק, קעסלמאן, שוסטערמאן, שיינין...

אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן איז דער „איינער פון זיי", דער געוועזענער פארוואלטער פונעם ייִדישן לייענשטיבל, און דער געוועזענער פארטאָרג פונעם קאָלווירט „האָרעפאשניק" געווען שוין דער סעקרעטאר פונעם סאקער ראיקאָם פון קאָמיוג. סאקער ראיאָן איז דאַן פול געווען מיט ייִדישער יוגנט. דאָ האָט זיך געפונען דער בארימטער טשעבאָטארקער ייִדישער לאנדווירטשאפטלעכער טעכניקום, וואָס האָט געגרייט קוואליפיצירטע קאדרען פאר די איבערוואנדערישע קאָלווירטן. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער דירעקטאָר פונעם טעכניקום, דער איבערגעגעבענער קולטור־טוער ליוסטיק.

וואָס האָט געקאָנט זײַן פאר וואָלאָשינען מער נאטירלעכער, ווי צו זײַן רעדאקטאָר פון סאקער ראיאָנער צײַטונג? זשורנאליסטיק איז פון דער פריִער יוגנט געווען זײַן בארוף. נאָך אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן האָט ער זיך אָפט געהאט געדרוקט אין די צײַטונגען „דער עמעס", „דער שטערן", „יונגע גווארדיע", געווען איינער פון די טעטיקסטע דאָרפישע קאָרעספאָנדענטן, אָדער ווי מע האָט זיי פארקירצט גערופן — דאָרפקאָרן.

אָנהייב מילכאָמע איז יויסעף וואָלאָשין אין אָרענבורגער געגנט דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פון דער זערקלינסקער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, שפּעטער רעדאַקטאָר פון דער דאָרטיקער ראַיאָנער צײַטונג. נאָכן באַפרײַען קרים פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן איז ער סעקרעטאַר פון סאַקער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, רעדאַקטאָר פון דער יעווּפּאַטאָריער צײַטונג. די לעצטע יאָרן, פאַרן אָוועקגיין אויף פּענסיע — דירעקטאָר פון דער יעווּפּאַטאָריער טיפּאָגראַפיע.

דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי „אָוועק אויף פּענסיע“. אינעם שוין אויבן דערמאָנטן אַרטיקל אין דער שטאָטישער צײַטונג „יעווּפּאַטאָרייסקאַיאַ זדראַוויניצאַ“, געווידמעט וואָלאָשינען, איז געבראַכט זײַן ענטפער אויף די וואַרעמע פּילצאָליקע באַגריסונגען פון די געגנטלעכע און שטאָטישע פּאַרטיייִשע, קאָמיוגישע, סאָוועטישע אָרגאַנען, פּרעסע, פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און סאַנאַטאָריעס אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַלוינען אים מיטן ערן־צייכן „פופציק יאָר אין דער פּאַרטיי“:

„— מיר געפעלט זייער ניט דער אויסדרוק, וואָס אייניקע פון מײַנע פרײַנט און קאָלעגן האָבן דאָ הײַנט אַרויסגעזאָגט אין שײַכעס מיט מײַן עלטער: „פאַרדינטער אָפּרו“. איך נעם ניט אָן בענעגייע זיך אָט דעם אויסדרוק. איך אַנערקען ניט פאַר זיך אַזאַ אָפּרו! ביזוואַנען איך פיל, אַז כ'קאָן נאָך ברענגען מענטשן נוצן, וועל איך ניט אָוועקלייגן די פּען, וועלכע איך האַלט אין דער האַנט פון מײַן פריִער יוגנט אָן“.

א סאַך ביִאָגראַפישע יעדיִעס וועגן דעם איינהאַלטספולן לעבנסוועג פונעם וועטעראַן פון דער פּאַרטיי האָב איך אַרויסבאַקומען פון דער צײַטונג „יעווּפּאַטאָרייסקאַיאַ זדראַוויניצאַ“, פונעם גרויסן אַרטיקל מיטן זייער טרעפלעכן נאָמען: „כאָטש ער איז ניט אין „שטאַט“...

„ניט אין „שטאַט“. ס'וועט אָבער ניט זײַן איבערגעטריבן, — שרײַבט זיך אינעם אַרטיקל, — אויב מירן זאָגן, אַז יאָסיף מאַרקאָוויטש וואָלאָשין איז איינער פון אונדזערע סאַמע באַוווּסטע אַוטאָרן. עס גייט ניט בלויז דעריק, וואָס זײַנע אַרטיקלען באַווײַזן זיך אין דער צײַטונג אָפּטער, ווי פון אייניקע שטאַטנע מיטאַרבעטער. די לייענער קאָנען און האָבן ליב אונדזער „ניט־שטאַטנעם“ אַוטאָר, ווײַל אין זײַנע פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פּולסירט הייס דאָס פּילזײַטיקע לעבן פון דעם אַלפאַרבאַנדישן קוראָרט פאַר קינדער און ניט בלויז פאַר קינדער...“

מיר וואָלט זיך אָוואַדע וועלן זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט אָנרופן די נעמען פון די געוועזענע טוער פון די ייִדישע סעקציעס „קאָמערד“, „געזערד“, נאָר געגנוי באַשרײַבן אויך זייער לעבן. ווייס איך אָבער ניט אויף אַזויפיל זייער ווײַטערדיקן גוירל, אַז כ'זאָל קאָנען וועגן זיי דערציילן. כ'ווייס בלויז, אַז אייניקע פון זיי זײַנען פאַר דער מילכאָמע געווען פּאָרזיצערס פון ראַיויספּירקאָמען, דירעקטאָרס פון סאָווירטן, לערערס אין מיטלשולן און הויכשולן. די מערהײַט פון זיי זײַנען געפאַלן אין שלאַכט. די, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו דער צײַט זיך עוואַקויִרן, האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט, אייניקע האָבן אויסגעלעבט זייער עלטער, און די איבעריקע, אויב זיי לעבן, וועלן זיי זיך מיסטאָמע אָפּרופן. און עפּשער וועלן מײַנע דאָזיקע שורעס א שטויס טאָן אויך אַנדערע שרײַבער, און ניט בלויז שרײַבער, דערציילן וועגן די אַמאָליקע יעווסעקן, קאָמזעטשיקעס און אָזעטשיקעס אין די געוועזענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, דערפער און קאָלווירטן.

פאַר מײַן אָפּפאָרן סאָף הײַנטיקן זומער פון יעווּפּאַטאָריע האָבן מיר זיך מיט יויסעף וואָלאָשינען ווידער באַגעגנט. דאָס מאָל שוין אין אַן אַנדער טייל שטאָט, ניט אין דעם בײַוואָקזאַל־ראַיאָן, ווו ער וווינט, און ניט אינעם געדיכטן ראַיאָן פון די סאַנאַטאָריעס, ווו איך בין אײַנגעשטאַנען, נאָר באַם קאַראַוואַיעווער פּריטשאַל, אויף איינער פון די גרויסע צענטראַלע גאַסן, וואָס ציט זיך לענגויס דעם יאַם, — אויף דער רעוואָליוציע־גאַס. מיך האָט, דעם עמעס געזאָגט, א ציי געטאָן אַהער פּאָשעט א קוק טאָן, צי די טשאַטעס פייגלען אין דערבײַיִקן סעדל, וועלכע כ'האָב מיט אייניקע טעג צוריק געטראָפן דאָרט צעטומלט אַרומקרײַזן מיט א געשריי טויב צו ווערן, האָבן זיך סאָפקאָלסאָף געכאַפּט, אַז דאָס זינגט דאָ אַזוי וווּנדערלעך ניט קיין כאָר פון לעבעדיקע סאָלאָווייען. זעט אויס, אַז ניין. זיי טראָגן זיך ווידער אום, די פאַרזאַמלטע טשאַטעס פייגלען פון בוים צו בוים, קוקן אויס דאָרטן יעדע צווײַג און האַלטן אין איין בײַזערן זיך. עס דערגייט ניט צו זיי, אַז עס האָבן זיי פּאָשעט פאַרנאַרט אַהערצו די פאַרמאַסקירטע הויכריידערס אויף דיביימער. מיר ווילט זיך זיי עס אונטערזאָגן, די גענאַרטע פייגלען, אַרויסגעבן זיי דעם סאָד, ווער איז עס אָבער אימשטאַנד זיי איבערשרײַען? און אויסער דעם, וועלן זיי מיר אַלציינס ניט גלייבן. מיר האָט זיך פון אָנפאַנג דאָך אויך אויסגעוויזן, אַז די ביימער זײַנען דאָ געדיכט באַווינט מיט סאָלאָווייען און אַז זיי פאַרווײַלן עס דעם אַרומשפּאַצירנדיקן קוראָרטנעם אוילעם מיט זייער נאָכאַנאַנדיקן געזאַנג. מיר איז פון אָנפאַנג גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען, אַז דאָס דאָזיקע געזאַנג פון די סאָלאָווייען איז פאַרשריבן אויף א מאַגני־

טאַפּאַן־טאַשמע און זי שפּילט עס דאָ ערגעץ אַרײַן אין די אויסבאַהאַלטענע הױכרײדערס צווישן די קרױנען און צװײַגן פֿון די געדיכט־צעוואַקסענע ביימער.

צוריקוועגס פֿונעם פּריטשאַל, וווּ מיר האָבן גוט זיך אָנגעעטעמט מיט ים־לופֿט, זײַנען מיר צוגעגאַנגען אויף דער רעוואָליוציע־גאַס צום אָבעליסק, — צו דעם אַרומגעהאַקטן און אַרומגעשליפֿענעם פֿון די ים־כוואַליעס שטיק פֿעלדז, די הייך פֿון אַ מענטשן. די פֿרישע בלומען ליגן אויפֿן פֿעלדז, ווי זיי וואָלטן פֿון אים אַרויסוואַקסן. אויפֿן אָבעליסק איז אויסגעקריצט: „אינעם דאָזיקן ראַיאָן פֿון דער שטאָט האָבן דעם 5־טן יאַנוואַר 1942 יאָר זיך אַרויסגעזעצט די הויפּט־קויכעס פֿונעם יעוופּאַטאָריער יאַמישן דעסאַנט“.

שטייענדיק אַזוי פֿאַרטראַכט מיט אַ פֿאַרבויגטן קאָפּ בײַ דעם שטיק פֿעלדז, וואָס האָט ווער ווייסט וויפֿל יאָרהונדערטער זיך געשלאָגן מיט די צעבושעוועטע כוואַליעס פֿונעם שוואַרצן ים, גייט מיר מיטאַמאָל אַרויף אַ געדאַנק, צי איז צווישן דעם העלדיש־אומגעקומענעם דעסאַנט ניט געווען דער ייִדישער דיכטער פֿונעם שטורמישן ים, דער בלאָנדהאָריקער און העל־אויגיקער יאַשע זעלדין. מעגלעך דערפֿאַר איז מיר אויפֿגעקומען אָט דער אומגעריכטער געדאַנק, ווײַל אין האַרטער שכייניש מיטן אָבעליסק, וווּ מיר שטייען מיט וואָלאָשינען, געפֿינט זיך דער האָטעל „קרים“ — אַ צווייִשטאָקיק געלבלעך הויז מיט אַ סך פֿענצטער. אין איינעם פֿון די צימערן מיטן פֿענצטער צום ים האָבן מיט אַ פֿײַן ביסל יאָרן צוריק געהאַלטן נאָכטלעגער דרײַ ייִדישע שרײַבער: נאָכעם אויסלענדער, יאַשע זעלדין און דער, וועלכער דערמאָנט איצט וועגן דעם. מיר האָבן אַרום האַלבער נאַכט זיך געהאַט אומגעקערט אויף אָן אָפֿענער לאַסט־מאַשין פֿון אַ ליטעראַרישן אָוונט אינעם ווײַטלעכן פֿרײַדאָרפֿער ראַיאָן. די האַרבסטיקע נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ ווינטיקע. די לאַסט־מאַשין איז געשפּרונגען איבער די פֿאַרפֿרוירענע הרודעס ערד און נאָכאַנאַנד אונדז אונטערגעוואָרפֿן. דאָס האָט אָבער אויף קיין האָר ניט געשטערט יאַשע זעלדינען אונדז פֿריילעך מאַכן מיט זײַנע מאַטראָסישע מײַסעס און וויצן.

אַז מיר זײַנען, דערפֿרוירענע און מידע פֿונעם לאַנגן וועג אַרײַנגעקומען אינעם ניט איבעריקס היימלעכן האָטעל, האָבן מיר צו אונדזער גרויסער פֿאַרוווּנדערונג געטראָפֿן דאָרט וואַרטן אויף אונדז אַ שאַליִעך פֿון דאָרף. אינעם אָנגעפּעלצטן יונגנמאַן אין די ברילן מיט דעם נידעריק אָנגערוקטן היטל אויפֿן קאָפּ האָב איך ניט גלײַך דערקאָנט דעם פּאַרטאָרג פֿון „האָרעפּאַשניק“. ווי־אַזוי איז דערגאַנגען צו יוסעף וואָלאָשינען, אַז קיין פֿרײַדאָרף זײַנען אַראָפּגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע ייִדישע שרײַבער און פֿירן דאָרט דורך ליטעראַרישע אָוונטן, איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן. דערויף איז דאָך געווען אַ „קאָמזעט“ מיט אַן „אָזעט“, וווּ מע האָט געקאָנט זיך עס דערוויסן. בײַ זיי האָט ער זיך טאַקע דערוווּסט, אַז מיר דאַרפֿן זיך הײַנט אומקערן פֿון פֿרײַדאָרף קיין יעוופּאַטאָריע און אַז מאָרגן אינדערפֿרי פֿאָרן מיר פֿון דאַנען אַפּ אַהיים מיטן מאָסקווער פּאַטשטאָוון צוג. איז וואָלאָשין געקומען פֿון סאַקי אונדז אײַנלאַדן צו זיך, מיר זאָלן אויך דורכפֿירן אַ ליטעראַרישן אָוונט בײַ זיי אין „האָרעפּאַשניק“. ער האָט מיט אונדז אַזוי אײַנגעטײַנעט, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט אים ניט נאָכגעבן.

מיר האָבן זיך שוין היפּשלעך געהאַט דערווײַטערט פֿונעם אָבעליסק, ווען וואָלאָשין האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט וועגן דער רעשימע פֿונעם לײַכטן דאַמפֿער „איליאַ סעלווינסקי“. ער פֿירט צום דענקמאָל די געפֿאַלענע מאַטראָסן פֿונעם דעסאַנט אויפֿן זעקסטן קילאָמעטער פֿון דער שטאָט.

— אין צען מינוט אַרום גייט אָפּ אַהין דער דאַמפֿער. אויב מירן צווײַלן, קאָנען מיר באַווײַזן, — זאָגט מיר וואָלאָשין.

אויפֿן זעקסטן קילאָמעטער, דערווײַטערט פֿונעם ים בלויז אויף אַזויפֿיל, אַז זײַנע צעבושעוועטע כוואַליעס זאָלן אַהער ניט גרייכן, וואַקסט ווי אַרויס פֿונעם „צעמאָלטן אויף מילשטיינער פֿון צײַטן“ גאָלדענעם זאַמד אַ הויכער אַרומגעטעסעטער פֿעלדז, און אויף אים, אָט־אָט וועלן זיי באַלד אַראָפּשפּרינגען, מאַטראָסן אין געשטרײַפֿטע טעלניאַשקעס, אין צעכראַסטעטע בושלאַטן און זיי וועלן זיך אַ וואָרף טאָן אין שלאַכט מיט די גראַנאַטעס אין די הענט.

וואָס לענגער איך קוק זיך אײַן אין די סקולפּטורן פֿון די מאַטראָסן אויפֿן פֿעלדז, אַלץ מער געפֿין איך אין זיי ענלעכס מיטן העלדיש אומגעקומענעם ייִדישן דיכטער, דעם באַזינגער פֿונעם שטורמישן ים יאַשע זעלדינען.

און דער נאָמען פֿון אָט דער פֿאַרצייכענונג, וועלכן ס׳האָט מיר אונטערגעזאָגט יוסעף וואָלאָשין, נעמט שוין אין זיך אַרײַן פֿיל מער, ווי כ׳האָב פֿון אָנפֿאַנג געהאַט פֿאַרטראַכט. ער איז ווי אַן אָנוואַקסנדיקע כוואַליע, וואָס פֿאַרכאַפּט מיט זיך אין איר שוווּנג אַלץ נײַע און נײַע כוואַליעס...

מישע מאָגילעוויטש

אייגענע מענטשן

גאַנצפרי, די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די ברייטע פענצטער פונעם „הייסן" צעך... נאָרוואָס זײַנען אהער געקומען די ארבעטער פון דער ערשטער וואכטע. אַלע האָבן געאײַלט צום טונעל־אויוון. יעדערער האָט געוואָלט וויסן, צי עס איז ליקווידירט געוואָרן די אוואריע, איבער וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די ארבעט פונעם צעך.

סארא פארדראָס! ווען עס זײַנען שוין פארבליבן די לעצטע עטלעכע טעג אָף דערגעבן דעם פּלאַן, איז פּלוצעם קאַליע געוואָרן דער אויוון. דאָרט, אָף די שטאָטישע נײַ־בויונגען, וואַרט מען מיט אומגעדולד אָף די באַפּוצונג־פּליטקעס, וואָס דער קעראַמישער זאַוואָד האָט געדארפט צושטעלן. און אָט האָסטו דיר, דער צעך איז געבליבן שטיין.

די בריגאַדע מאָנטאַזשניקעס, וועלכע איז געקומען צוהילף פונעם טרעסט, האָט צוזאמען מיט די ארבעטער פון דעם צעך די גאַנצע נאכט געארבעט. דער הויפּט־אינזשעניער נאָום קאָראַלאַפּניק איז א פארמאַטערטער געשטאַנען באַם אויוון. ס'איז צוגעגאַנגען דער בריגאַדיר פון די מאָנטאַזשניקעס און ארײַנגעשריגן אים אין אויער:

— נאָום באָריסאָוויטש! וואָס טוט מען? די ווענט פונעם אויוון זײַנען קימאַט פארטיק, און ווו איז די אָפּאַלובקע? אָן איר קאָנען מיר דאָך ניט פארענדיקן די ארבעט...

די עלטערע מײַסטערס זײַנען אוועק אָף פּענסיע און אויב זיי וואָלטן אפילע געווען, איז ווי וואָלטן זיי געקאָנט ארופקריכן אפן אָפּענעם הייסן אויוון און ארויפּנעמען די מאָס פונעם „סוואָד"? דער הויפּט־אינזשעניער האָט זיך דערמאָנט, אז אין רעמאָנט־צעך ארבעט ליאָניע שוויכעט, א מײַסטער מיט גאָלדענע הענט. ער קאָן א סאַך מעלאָכעס. ער איז א סטאָליער, א בעטאָנשטשיק, א שטוקאַטור, א מולער.

ליאָניע איז צוגעקומען לאַנגזאַם, ניט געאײַלט באַטראַכט דעם אויוון.

— נו גוט, — האָט ער שטיל, ווי צו זיך אַליין, א זאָג געטאָן, — איך וועל פּרווון.

דער הויפּט־אינזשעניער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מע דאַרף מאַכן די ארבעט דרינגענד. מענטשן זײַנען געקראָכן אין פײַער, קעדיי מיר זאָלן וואָס שנעלער לאָזן דעם אויוון.

— גוט, גוט, — האָט ניט געאײַלט געענטפערט שוויכעט. — מע דארף אָבער, אז די איבערדעקונג פונעם אויוון זאָל ניט אײַנפאַלן נאָך אײדער מע וועט אײַנהייצן. בא וועמען איז די צייכענונג?

— אָט איז זי בא מיר, ליאָניע. נעם זיך דרינגענד צו דער ארבעט. אײַל זיך אונטער, די צײַט שטייט ניט...

ליאָניע האָט ארויפּגענומען די מאָס פונעם אויוון, צוזאמען מיט זײַנע כאַווײרים געפונען דעם נוצלעכן מאַטעריאַל (דאָס געהילץ האָט געדארפט זײַן טרוקן, ווי פּעפער, און פון דער היץ זאָל עס זיך ניט דרייען). דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גרייטן אַלע דעטאַלן. עס האָט געדאַכט, אז אַלץ טוט ער לאַנגזאַם, ניט געאײַלט. ער איז בכלל זייער א שטילער, א באשיידענער. מיט דער צײַט איבערצײַגט מען זיך אָבער, אז דאָס קומט פון באַדאַכטקײַט. באַם ריידן צעציט ער די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי

אַפּגעווויגן און ס'איז אים שווער זיי אַרויס־ברענגען פון מויל.

אינגאַנצן צווי שאָ צײַט האָט זיך געפּאָדערט, אַז די „אַפּאַלובקע" זאָל זײַן גרייט באַ ליאַניען. ס'איז געווען טשיקאַווע צו באַכאַשפּירן, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט דער בריגאַדע סטאָליאַרס. יעדערער האָט געהאַט זײַנע פליכטן. איינער האָט צוגעשניטן די לײַסטן אַף דער צירקולאַרקע, דער צווייטער האָט זיי געהובלט, און ער אַליין, ליאַניע הייסט עס, האָט אָנגעצייכנט אַף אַ ברעט דעם בויגן און מיט אַ האַנט־זעג אים אויסגעשניטן, דערנאָך איז איינער פון דער בריגאַדע צוגעפאָרן אַף אַן עלעקטראַוואָגן, אַף וועלכן מע האָט שנעל צונויפגעלייגט די צוגעגרייטע דעטאַלן, און אין צעך, אָפן אָרט, לעם דעם אויוון, איז צונויפגעקלאַפּט געוואָרן די „אַפּאַלובקע". די אַרבעט איז געווען דורכגעפירט שנעל, פּלײַסיק און אַפּעראַטיוו.

ליאַניען שטעלן ניט אָפּ קיין שום שוועריקײַטן, און אויב די אַרבעט פאָדערט, קען ער זײַן אַ גאַנצן מעת־לעת אָפן זאַוואָד. ער איז אַ בריגאַדיר. אין זײַן בריגאַדע גייען אַרײַן סײַ טעסלער, סײַ סטאָליאַרס, סײַ שטוקאַטורן, סײַ בעטאָנשטשיקעס. ער אַרבעט גלײַך מיט אַלעמען און האָט פײַנט כאַלטורע. דערפאַר שעצן אים הויך זײַנע כאַווירים. קוקנדיק, ווי ער פירט אָן מײַסטעריש מיט דער בריגאַדע, האָב איך זיך דערמאָנט, וויאַזוי מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז דאָס שעמעוודיקע באָכערל מיט די קלוגע אויגן אונטער געדיכטע, העל־בלאָנדע, לאַנגע, ווי מיידלשע, וויִעס געקומען אָפן זאַוואָד.

— אין וועלכן צעך ווילסטו גיין אַרבעטן? — האָט מען באַ אים געפרעגט.

— ווהין מע דאַרף, אַהין וועל איך גיין.

און ער איז אַוועק אַף דער שווערסטער אַרבעט. אין יענער צײַט איז דער פּראָצעס פון צעדרויבלען דאָס לײַם ניט געווען מעכאַניזירט. אין די מילן האָט מען געדאַרפט וואַרפן לײַם מיט די הענט. ניט יעדערער האָט געקענט אויסשטיין אַף די פיס, וואַרפנדיק אָן אופהער לײַם אינעם בונקער. ליאַניע האָט געאַרבעט אויך דאָ, ווען נאָך דער וואַכטע איז אָנגעקומען פון דאָנבאַס אַ וואַגאָן לײַם און מע האָט אים געדאַרפט אויסלאָדן. אין די קאַלטע ווינטערדיקע נעכט האָט מען געדרויבלט דאָס פאַרפרוירענע לײַם מיט קירקעס און לאָמען. מע פלעגט אָפּגיין מיטן זיבעטן שוויס, ביזוואַנען דאָס האַרטע, ווי בעטאָן, לײַם האָט זיך גענומען אונטערגעבן...

נאָך אַ יאָר אַרבעט האָט מען ליאַניע שוויכעטן אַריבערגעפירט אין רעמאָנט־צעך, ווו עס האָט זיך קאָמפּלעקטירט אַ נײַע בריגאַדע. דער בריגאַדיר פיאָטער איוואַנאָוויטש הוק האָט אים אויסגעקלערט פיר מעלאָכעס. ער האָט באַזונדער וואַרעם זיך באַצויגן צו אים עפּשער דערפאַר, ווײַל דעם דערצויגלינג האָבן ניט אָפּגעשטעלט קיין שום שוועריקײַטן, און עפּשער ווײַל ליאַניע איז אַ שטילער, אַ באַשיידענער און אַ ביסל אַ שעמעוודיקער יאַט, און הוק איז זייער אַן איידעלער, זייער אַ האַרציקער מענטש.

ליאַניע האָט ליב זיך דערמאָנען אין דעם ערשטן טאָג פון זײַן באַקאַנטשאַפט מיטן בריגאַדיר.

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג. ליאַניע איז אַרײַן אין צעך נאָכן אויסלאָדן דאָס לײַם פונעם וואַגאָן. די הענט זײַנען באַ אים געווען שטאַרק פאַרפראָרן, די פיס, ווי מע זאָגט — פאַרדוביִעט. ער האָט געוואָלט אַראָפּשלעפּן די שטיוול און זיך צוּוועצן צום אויוון, נאָר די שטיוול זײַנען געווען ווי צוגעקלעפּט צו דער הויט, כאָטש נעם און צעשנײַד זיי אַף שטיקלעך. און דאָ איז צוגעגאַנגען צו אים פיאָטער איוואַנאָוויטש הוק און מיט אַ וואַרעם שמייכל געזאָגט:

— גיב, באָכער, וועל איך דיר העלפן. — ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פאַרזיכטיק איין שטיוול, דערנאָך דעם צווייטן. — וואַרעם זיך אָן. וואָס די הענט, מיר וועלן איבערבײַסן.

— איך בין ניט הונגעריק, — האָט שטיל געענטפערט ליאַניע, שפּירנדיק דעם געשמאַקן רייעך, וועלכער איז זיך צעגאַנגען איבערן צעך.

— שעם זיך ניט, מיר זײַנען דאָך אייגענע מענטשן, אַרבעטער. נעם, וואָס גאָט האָט געגעבן...

נאָכן עסן, ווען די שטימונג איז שוין געווען אַ געהויבענע, און ליאַניע האָט זיך דערפילט היימישער, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ באָכער און געפרעגט:

— וויאַזוי רופט מען דיך?

— ליאַניע שויכעט.

— און מיך רופט מען וואַלערי. איך בין אַ מוליער.

— איך וויל אויך ווערן אַ מוליער.

— איז קום אַרײַן אין מײַן קאָמפּאַניע און רעכן זיך פאַר אַ גליקלעכן מענטשן, וואָס דו האָסט געטראָפן צו אַזאַ בריגאַדיר, ווי פיאָטער איוואַנאָוויטש הוק. נאָר פאַרגעדענק, אַז ער האָט ניט ליב קיין לײַדאַקעס. אָדער דו ווערסט אַ באַלמעלאָכע, אָדער פאָטער ניט קיין צײַט און קערעווע אויס דעם דישעל אַף צוריק.

— וואָס רעדסטו? — האָט מיט כידעש געענטפערט ליאָניע.

— איז ווי זאָגט מען, זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ. פאַרקאַטשע די אַרבל און פאַרמיש דעם ראַסטוואָר. איך כײלעק צעמענט און צוויי כאַלאָקים זאַמד, און לאָמיר גיין, ווײַל דער בריגאַדיר וואַרט שוין אַף אונדז אַפן אַרבעטער־באַצירק, ווו מע דאַרף בעטאָנירן דעם דיל.

ווען מע איז געקומען אַפן אָרט, האָט הוק געזאָגט:

— דו, וואַלערי, גיי און מאַך גרייט דאָס אָרט, ווו מיר וועלן אַרבעטן. רייניק עס אָפּ פון אַלע איבעריקע זאַכן. און דו, ליאָניע, נעם דאָס העמערל און צעדרויבל די ציגל. יעדעס שטיקעלע דאַרף זײַן די גרויס פון אַ קולעק, און איך וועל צוגרייטן דעם צעמענט־געמיש.

ליאָניע האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אַף וואַלעריקן, און אַ שמייכל איז דורכגעלאָפן איבער זײַן געזיכט. וואַלערי האָט עס ווי ניט באַמערקט און איז מיט גיכע טריט אַוועק זוכן די לאָפּעטע.

ליאָניע איז געווען אַ פײַיקער שילער. כוץ דעם, האָט דאָס לעבן אויך אונטערגעטריבן. אין רעמאָנט־צעך האָט מען געדאַרפט קענען אויספילן עטלעכע מעלאָכעס. ווען עס פאָדערט זיך, דאַרף מען זײַן אַ סטאָליער, צײַטנווײַז אַ טעסלער, אַ בעטאָנשטשיק, אַ שטוקאַטור און אַפילע אַ טאָקער פון הילצערנע דעטאַלן. גראַדע אין יענער צײַט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַפן זאַוואָד פאַר די בײַ־בויונגען די טעראַקאָטאָווע דעטאַלן, און עס האָבן זיך געפאָדערט הילצערנע פאָרמעס. ליאָניע האָט דערלערנט אויך די דאָזיקע מעלאָכע. עס איז דאָ בײַ אונדז אַ ווערטל: „אַ סאַך מעלאָכעס און ווייניק בראָכעס”, נאָר פאַר ליאָניען גייט דאָס ניט אונטער. זײַנע קענטעניששן קומען אים איצט גוט צוניץ.

ליאָניעס פרוי רופט מען זינע. זי איז אויך אַ גרויסע בעריע. אַלץ קען זי און אַלץ ווייסט זי. זי קאָן אײַך אָפּבאַקן אַ שטרודעלע, אַז איר זאָלט אָפּלעקן די פינגער. טאַם־גאַנײדן! איר עסט און עס גלוסט זיך נאָך. הײַנט איר שיינקײַט. ליאָניע האָט זיך באַקאַנט מיט איר ווי צופעליק, ווען ער איז אַלט געווען איינגאַנצן איין און צוואַנציק יאָר, און דאָ קומט אַפן זיקאָרן נאָך אַ גלײַכווערטל, אַז גאָט זיצט אויבן און פאָרט צונויף אונטן. און ס'איז טאַקע עמעס, ס'איז אַ פאָר פון גאָט. ליאָניע איז אַ שווײַגער און זינע איז אַ באַריידעוודיקע. זי רעדט און קוקט אַף אײַך מיט אירע גרויסע שוואַרצע שעלמישע אויגן, וועלכע לויכטן און פלאַטערן אַזוי דורכדריבגלעך, אַז עס ווערט אײַך גוט און וואַרעם אַף דער נעשאָמע. אַ סוואָרע, אַז מיט אירע אויגן איז זי נויסע־כײק געווען בײַ דעם שווײַגער. זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער — אַנטיקלעך. אַ זון מיט אַ טאָכטער. ווען די קינדער זײַנען נאָך געווען קליינע, פלעגט זי זיי שוין מיטנעמען צום טאַטן אַפן זאַוואָד. זיי פלעגן זיך זאַלבעדריט פאַרהאַלטן בײַ דעם ערןטאָוול און קוקן אַפן טאַטנס פאָרטרעט.

ליאָניע האָט ליב אין די וואַרעמע זומערדיקע אָפּרו־טעג שפּאַצירן מיט זײַן מישפּאָכע איבער די נײַע גאַסן פון דער שטאָט, צווישן די הויכע, מאָדערנע מויערן, וואָס זײַנען באַפוצט מיט דער קעראַמיק, וועלכע עס לאָזט אַרויס זײַן זאַוואָד. אין אַ געשפּרעך מיט אַ כאַווער אָדער מיט אַ קאָרעוו, וואָס לעבן אין אַנדערע שטעט פונעם לאַנד און קומען אָפּט צו אים צוגאַסט, גיט ער צווישן אַנדערס אַ זאָג:

— אויב איר וועט בײַ מיר פרעגן, אַשטייגער, וויאַזוי אַ זאַוואָד קאָן אַרויסלאָזן פליטקעס פון העכער הונדערט קאָלירן, וועל איך אײַך געבן אַן אייצע, איר זאָלט זיך אַראָפּכאַפּן צום פאָדאָל און קומען צו אונדז אַפן זאַוואָד. דאָרט וועט איר באַקומען אַן ענטפער...

שירע גארשמאן

בילדלעך פון וועג

קיין טשאדארלונגע

א גאנץ לעבן האָב איך ניט קיין געמיט צו סיורפּריזן, און דאָס מאָל האָב איך גראָד געטאָן אזוי, ווי קיינמאָל ניט. קיין טשאדארלונגע בין איך געפאָרן, ווײַל דאָרטן וווינט גאדעלע, דער קאָמונאר מיט זײַן מישפּאָכע. אמאָל איז גאדעלע געווען דער ייִנגסטער, קימאט דער מיזיניק צווישן די קאָמונארן, ער איז געווען שווארצער פון אלע שווארצכיינעוודיקע קאָמונארן און מע האָט אים פארצויגן „גאדעלע דאָס ציגײַנערל“. פארשטייט זיך, האָב איך געוווּסט, וואָס ער האָט געהאט אויסצושטיקן פאר די יאָרן, וואָס מיר זײַנען געווען צעשיידט. איצט פלעג איך פון אים קריגן דרײַ קארטלעך א יאָר. צו נײַ־יאָר, צו מײַ און צום אָקטיאבער־יאָמטעוו. איך בין געפאָרן צו גאדעלען אף א לײַכטער מאשין און איך בין געווען פארוווּנדערט, וויפל כוידעש־רעטעכלעך מע פארקויפט אין קאָטאָווסק. אפילע קיין פעטרעשקע ניט, נאָר כוידעש־רעטעכלעך. מיר זײַנען בעשאָלעם דערפאָרן קיין טשאדארלונגע, געפונען די לונאטשארסקי־גאס, דאָס הויז, ווו גאדעלע וווינט, אין דער דירע נומ. 2. איך בין ארײַנגעלאָפן אין דער דירע און איך האָב געזען, ווי א גראָווער זאָקן ליגט אף דער סאָפקע.

— גאדעלע, הייב זיך אוף, שירקע איז געקומען!

דער זאָקן איז אראָפ פון בעט, האָט פארשארט אף ארוף־צו די גראָווע פאטלעס, מיך אָנגעקוקט מיט קאלטע, פרעמדע אויגן און שטיל געזאָגט:

— כ'ווייס ניט, ווער דאָס איז. וואָס פאר א שירקע? יענע שירקע, וואָס איך געדענק, איז ניט די. איך דערקען ניט.

ס'האָט מיר די רעגע א שפּריץ געטאָן טרערן פון די אויגן, כ'האָב ארומגעפלאָכטן מײַנע הענט ארום גאדעלעס האלדז און איך האָב, מיסטאָמע, עפּעס געזאָגט, ווײַל ער האָט פאנאנדערגענומען מײַנע הענט, זיך א ביסעלע אָפגערוקט פון מיר און הויך אויסגערופן:

— שירקע, שוועסטער מײַנע, זע, ווי מע ווערט איוועבאָטל! לאָז, איך וועל ארויסלויפן אין הויף, בעטן א שאָכן, ער זאָל א רוף טאָן מײַן ווײַב, מײַן בעלע און מײַן זון מיט דער טאָכטער. איך ריר זיך פון זיבעצן. פארוואָס האָסטו מיר ניט געגעבן צו וויסן? כ'האָב שוין געהאט אן אינפארקט!..

...דערנאָך האָב איך אלץ, וואָס כ'האָב געבראכט פון מאָסקווע, ארויסגעשטעלט אפן טיש. ס'איז ארײַנגעגאנגען א שווארצער באָכער, פונקט אזוי שווארץ, ווי גאדעלע. אף א בייגעוודיקער רוט האָט ער אָנגערייעט נאָרוואָס געכאפטע פיש. בעלע, גאדעלעס ווײַב, האָט עס גלײַך אָפגעבראָטן, גאדעלע האָט אָנגעגאָסן א גלעזל נאָך א גלעזל, האָט צוזאמענגערופן אלע שכיינים פון ערשטן גאָרן און אלעמען דערציילט, ווער איך בין. שפּעט אינאָוונט בין איך געפאָרן קיין בענדערע. איך האָב געזען בליִענדיקע ביימער, אקוראט אזעלכע, ווי כ'האָב שוין געזען, פאָרנדיק קיין מאָלדאוויע, און אין מײַנע אויערן האָט געקלונגען גאדעלעס געשריי: „איך ווייס ניט, ווער דאָס איז. יענע שירקע, וואָס איך געדענק, איז ניט די“. איך האָב געקוקט אף די ביימער, אפן אויסגעשטערנטן הימל און פארזאָגט זיך אף אייביק ניט צו מאכן קיין סיורפּריזן...

אַ פֿאַרדײַגעטער פּאַסאַזשיר

ווי נאָר דער צוג „מאָלדאָווא“ האָט גערירט, האָבן באַלד פֿאַרבײַ מײַן קופּע גענומען שווינדלען די „דורשטיקע“. אַהין מיט ליידיקע הענט, צוריק מיט פֿלעשער אין די הענט, ווײַל דער וואַגאָן־רעסטאָראַן איז געווען דער דריטער פֿון מײַן וואַגאָן. עס האָט ניט אויפֿגעהערט דאָס לויפֿן אין רעסטאָראַן. צוויי פֿון מײַנע דרײַ מיטפֿאָרער זײַנען אויך אַוועק אין דער אַזוי געגאַרטער ריכטונג, און נאָר דער דריטער, וואָס האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווינקל לעבן פֿענצטער, האָט געזיפֿצט. זײַן זיפֿצן איז געווען זייער אויסדריקלעך, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ייִד. נאָר ער איז געווען זייער וווקסיק, צו וווקסיק פֿאַר אַ ייִדן. זײַן גרויסער קאָפּ איז געווען גלאַט, ווי אַן איי, און האָט געהאַט סימאָנים פֿון פֿענאָמענאַלקייט, ווײַל ער איז געווען דרײַקאַנטיק. צוויי קײַלעכדיקייטן פֿון ביידע זײַטן, אַ דריטע קײַלעכדיקייט באַם סאַמע נאַקן. זײַן האַלדז איז געווען ברייט און נידעריק, טיף אַרײַנגעזעצט אין די מעכטיקע אַקסלען, די הענט אָדערדיק, אויסגעהאָרעוועט און געניט.

ס׳איז געקומען די צײַט צו מאַכן די געלעגערס, האָט ער אויסגעשפּרייט אויפֿן מאַטראַץ דעם שניי־ווײַסן לײַלעך, דערנאָך האָט ער געשיקט אָנגעטאָן דאָס ציכל אויפֿן קישן און ערשט דערנאָך דאָס אַוועקגעלייגט. ניט ווי אַנדערע — טוען אָן דאָס ריינע ציכל אויפֿן קישן און וואַרפֿן עס אַוועק אויפֿן ניט פֿאַרשפּרייטן מאַטראַץ. ער האָט געמאַכט דעם געלעגער פֿאַר זיך און אויך דעם געלעגער פֿאַר מיר, דערנאָך האָט ער פֿאַרשפּרייט מיט אַ גרויסער פּאַפּירענער סערוועטקע דאָס טישל, אַרויסגעלייגט פֿיר אייער, אַ היפּש שטיקל סאַלע, אַ צוויי־דרײַ ציבעלעס, עטלעכע אָפּגעקאָכטע בולבע אין די פּעלצלעך, זויערע אוגערקעס און אַ לעבל שוואַרץ ברויט. פּאַוואָליטשקע, מיט געמאָסטענע באַוועגונגען, האָט ער יעדעס מאָל נאָכן אָפּשנײַדן אַ פּענעץ ברויט ווידער אַוועקגעלייגט דאָס איבעריקע, ווי ער וואָלט עס אַרײַנגעזעצט אין אויוון אַרײַן. עס איז בעפֿירעש געווען אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן ווי ער ריכט אָפּ די סודע. דערבײַ האָט ער קימאַט ניט געזיפֿצט... נאָר אָט איז כוץ אַן אָקרײַטשיק גאָרנישט ניט געבליבן. ער האָט גענומען די סערוועטקע פֿון טיש און איז אַרויסגעגאַנגען. איך בין שוין געלעגן אויפֿן געלעגער, אָבער איך האָב געזען, ווי ער האָט די צונויפֿגעלייגטע סערוועטקע אַרײַנגעלייגט אין קעשענע פֿון זײַן רעקל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן באַנק און זיך אָנגערופֿן:

— איר שלאָפֿט?

— דערווײַלע ניט.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און געלאָזט וויסן:

— פֿאַראַיאָרן זײַנען אַ סאַך מענטשן געבליבן אָן קאַרטאָפֿל.

— פֿון וואָס פֿאַר אַ קאַנט זײַנט איר?

— ניט ווײַט פֿון זשמערינקע. איך האָב געהאַט געגנוג קאַרטאָפֿל, ס׳וועט קלעקן ביז נײַע.

— איר האָט אַ מישפּאָכע?

— ווי זשע אַנדערש. צוויי ייִנגלעך, און איצטער איז דאָס ווײַב אין דעקרעט. מײַן קלאַווע וועט זיך דערפֿרייען, איך פֿיר אַ פֿולן טשעמאָדאַן פּאַפּירענע ווינדלעך. זי וועט פֿאַרשפּאָרן צו טײַנען: „ווי קאָן מען קינדלען, אַז ס׳איז קיין ווינדל ניט צו קריגן“.

— אײַער קלאַווע אַרבעט?

— יאָ, ווײַל די שוויגער לעבט מיט אונדז. איצט איז זי נאָך נישקאָשע, זי איז גאַנץ קרעפּטיק, אָבער איך און מײַן קלאַווע ציטערן, זי זאָל ניט קראַנק ווערן און, כאָלילע, ניט שטאַרבן.

עס זײַנען אַרײַנגעקומען יענע צוויי מיטפֿאָרער, זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. דער זשמערינקער האָט אויפֿגעהויבן אייגעם, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער אייבערשטער באַנק, דעם אַנדערן אויך אַזוי. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן באַנק אַנטקעגן מיר, אַ טרויעריקן זיפֿץ געטאָן און אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס רעקל. אויפֿגעהאַנגען דאָס רעקל אויפֿן הענגער און זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר. אויף זײַן מײַקע, איבער דער גאַנצער ברוסט, זײַנען געווען אָנגעמאָלט אײַנע אַנטקעגן דער אַנדערער צוויי דיקע פֿרויען. אײַנע מיט גרינער פֿאַרב, די אַנדערע מיט געלער פֿאַרב. זיי זײַנען געווען נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. ער איז געזעסן אַנטקעגן מיר און געזיפֿצט, דאָס איז געווען זייער לעכערלעך, ווײַל די נאַקעטע מוידן זײַנען געווען אָנגעמאָלט זייער פֿריילעכע.

— אײַער שוויגער איז שוין אַן אַלטע? — האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ, אַזאַ, ווי איר. דעריבער האָבן מיר טאַקע מוירע, איך און קלאַווע. וואָרעם טאָמער שטאַרבט זי, שנײַדט מען בײַ אונדז אָפּ 15 סאָטקעס ערד, און אַזוי האָבן מיר דרײַסיק...

א מיידעלע פון סאָראָקע

סאָף 60־ער יאָרן האָב איך אלעמאָל אפן סאָראָקער מארק, לעבן יוינע דעם קאצעוו, געזען א מיידעלע. זי איז אלט געווען א יאָר צוועלף און זי האָט צוגעהאָלפן דעם טאטן רעכענען. דאָס סאמע שענסטע באם מיידעלע זײַנען געווען אירע האָר, אָבער אזויפיל, אז ס'האָט געקאָנט קלעקן פאר עטלעכע קעפּ. עמעס, די האָר זײַנען געווען טונקעלע, ניט פון קיין בוילעטן קאָליר. דאָס פּאָנעם באם מיידעלע איז געווען א בלייכס, א קליין נעזל, וואָס האָט אויסגעזען אף איר ברייטן פּאָנעם ווי א בערגל אף א פלאך אָרט. אפן מארק פלעג איך קומען צוויי מאָל א וואָך און אלעמאָל האָב איך לעבן קאצעוו געזען זײַן טעכטערל.

די צײַט איז געגאנגען. אין אכציקסטן יאָר האָט א קלונג געטאָן בא מיר דער טעלעפאָן. פון טרײַבל האָט צו מיר גערעדט אן אָנגענעמע פרויען־שטימע.

— איך ווייס, אז איר האָט מיך פארגעסן, איך האָב אײַך געפונען לויטן ספּראוואָטשניק פון שרײַבער־פאריין. כ'וואָלט וועלן ארײַנגיין צו אײַך. איר געדענקט יוינע דעם קאצעוו? איך פלעג אלעמאָל שטיין לעבן טאטן און אים העלפן רעכענען אף די שטשאָטעס.

אין א צוויי־דרײַ שאָ ארום איז געזעסן אנטקעגן מיר באם טיש ניט קיין וווּקסיקע פרוי מיט געדיכטע האָר, פײַן געשניטענע ליפּן און אן אָוואלע אונטערשטע קין. בייס די פרוי האָט אף מיר א קוק געטאָן, האָט מיך פארוווּנדערט דער קאָליר פון אירע אויגן. גרוי־גרינלעכע, מיט גרויסע שווארצאפּלען און לאנגע וויִעס, פארבויגענע ארויף־צו.

אז מע האָט אזא גאסט, דארף מען מער הערן, ווי ריידן. אזוי האָב איך טאקע געטאָן. די פרוי האָט גערעדט. זי האָט דערציילט, אז זי האָט א באָבע פון 98 יאָר און דעריבער איז איר מאמע זייער פארנומען. כוץ דעם, וואָס זי גייט ארום דער באָבען, האָט זי נאָך דער פרויס צוויי טעכטערלעך, אייניקלעך, וואָס זײַנען בא איר אף זומער. ווײַטער האָט זי דערציילט, אז יוינע דער קאצעוו איז שוין לאנג ניטאָ, אז די מאמע האָט א קליינינקע פּענסיע, ווײַל בייס דער טאטע האָט געלעבט, האָט ער אלץ אליין באוואָרנט.

— ווו ווינט איר? — האָב איך געפרעגט.

— אין אלמא־אטא. איך ארבעט אין דער קונסט־אקאדעמיע. איך האָב געענדיקט דעם פאקולטעט פון קונסט־פאָרשונג. מײַן מאן איז א מיליטערישער. צו קונסט האָט ער קיין שום שײַכעס ניט, כוץ דערוף, וואָס ער לייענט ביכער. איך בין געקומען אהער אף א סעמינאר פון קונסט־פאָרשער, איך האָב זייער ליב מײַן ארבעט. הײַנט קאָן איך ניט, צום באדויערן, נאָר איך וואָלט זייער געוואָלט א קוק טאָן גאָרשמאנס ארבעט. איך וועל אין מאָסקווע זײַן א קנאפּן כוידעש. איך וועל אײַך קלינגען. און ווען איר וועט זײַן גרייט מיך אויפצונעמען, איך זאָל א קוק טאָן די ארבעט, וועל איך קומען.

די טיי אין קריגעלע איז קאלט געוואָרן, זי האָט ניט געטרונקען. איך האָב געקוקט אף דער פרוי, זיך דערמאָנט דאָס מיידעלע, וואָס איז געשטאנען לעבן יוינע דעם קאצעוו און פּינקטלעך גערעכנט, וויפל עס קומט פון מיר פאר דעם פלייש. איך האָב געפרעגט, ווי רופט מען זי.

— מיך רופט מען מאשע. מאשע מעלער. וואָס קוקט איר אף מיר אזוי? איך וועל שוין מוזן גיין, באלד הייבט זיך אָן די לעקציע, — האָט מאשע געזאָגט, האָט זיך גרינג אויפגעהויבן און איז דערנאָך היפּש געשטאנען באם שפּיגל. זי האָט זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן מיט די האָר. וויפל זי האָט זיי ניט פארשארט אונטער דער הוט, זײַנען זיי גלײַך ווידער געפאלן אף איר שטערן און אף איר נאקן.

בייס מאשע האָט געפירט אירע מיידעלעך צו דער מאמען אין סאָראָקע, פלעגט זי אלעמאָל אָנקלינגען צו מיר. געוויס האָב איך איר געוויזן גאָרשמאנס, זיכרוינע ליווראָכאָ, ארבעט, און איך האָב זיך איבערצײַגט, אז זי האָט פארשטאנד און געשמאק. מיר האָבן זיך באפרײַנדעט. איצטער ווינט מאשע מיט איר מישפּאָכע אין איוואנאָוואָ. אין 1981 יאָר איז זי בא מיר געווען ניט איין מאָל. איך איבערצײַג זיך אלץ מער און מער, אז א מענטש, וואָס וויל, וואָס גארט צו דערהויבענעם, האָט דורשט צו וויסן און אן אָפענע נעשאָמע פאר אײַנדרוקן, קאָן א סאך דערגרייכן. איך זע, אז מאשע אנטוויקלט זיך, זי האָט טאקט, קיינמאָל, ווען זי איז בא מיר, אפילע ווען זי נעכטיקט, שמועסט זי ניט וועגן דעם, וואָס ס'איז פאראן אין די קראָמען און וואָס ס'האָט זיך געמינערט אין די קראָמען. ווען איך האָב אנומלטן איר פאָרגעלייגט פּעקעלעך פּוטער, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט און אויסגערופן:

— אין איוואנאָוואָ זײַנען דאָ זייער א סאך ענטלעך און מײַן שוויגער מאכט פון זיי פאר־

שיידנאַרטיקע געריכטן, אַפֿילו ענטלעך אין זיס־זויער געבראָטן.

בײַס מאַשע גייט פֿון מיר אַוועק, באַגלייט איך זי, פֿון די טרעפּ שפּרינגט גרינג און געשיקט אַ יונגע פֿרוי, אַ גאַנץ שלאַנקע, ניט קיין וווּקסיקע, אָבער פֿאַר מײַנע אויגן זע איך נאָך יווינע דעם קאַצעוו באַם יאַטקע־קלאָץ מיט דער האַק אין האַנט און לעבן אים — אַ מאָגער מיידעלע מיט אַ בלייך ניט־אויסדריקלעך פּנים און געדיכטע־געדיכטע האָר...

אסאָרטי

אין צוג „מאָלדאָווא", וואָס איז געגאַנגען קיין מאָסקווע, זײַנען געהאַנגען די זעלבע פֿאָרהענגלעך, דאָס זעלבע טישטעכל איז געלעגן אויפֿן טישל, דאָס זעלבע אָנטאָן איז געווען אויף דער באַגלייטערן, דער באַלעבאָסטע פֿונעם וואַגאָן. ס'איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס מײַנע באַגלייטער זײַנען געבליבן אויפֿן פּעראָן אין קעשענעוו. כ'האָב באַטראַכט מײַנע מיטפֿאָרער: אַ מיטליאָריקע פֿרוי מיט געפֿאַרבטע האָר, די ליפּן אויך געפֿאַרבט, אויף די אויגן־לעפֿלעך גרינלעכע פֿאַרב און אָנגעמאָלטע גרינע קוויטן אויף דער קלייד, ס'האָט מאַמעש געריסן די אויגן. זייער נאָענט, האַנט בײַ האַנט איז געזעסן אַ מאַנצבל. דאָס פּנים איז געווען בײַ אים פֿריש געגאָלט, די בלוי־גרויע אויגן האָבן געקוקט אויף דער פֿרוי. דער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געזעסן אויף מײַן באַנק, האָט געטראָגן אַ מײַקע מיט דורכוויסיקע געמעלן, אָנגעפּינטלט מיט פּיצינקע פֿערדעלעך און וועגעלעך. ער איז געזעסן שטיל, האָט זיך צוגעקוקט, ווי דער מאַנצבל מיטן פֿריש־ראַזירטן פּנים פֿאָרעט זיך אַרום דער פֿרוי אין בונטן קלייד. ס'איז געווען צו פֿאַרשטיין, אַז דער מיטפֿאָרער מיט די פֿערדעלעך אויף דער מײַקע איז געווען זייער פֿאַרוווּנדערט, וואָס יענער מאַנצבל שנײַדט אויף קליינע שטיקלעך דעם עפּל און טראָגט עס צו דער פֿרויס ליפּן, דערנאָך האָט ער אויף אַ פֿאַנאַנדערגעשניטן בולקעלע אָנגעשמירט פּוטער, אַוועקגעלייגט דינע פֿענעצלעך קעז. איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען ניט קיין מאַן און ווײַב. וואָס פֿאַר אַ לײַבלעכער מאַן וועט פּאַטערן אַזויפֿיל אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דער אייגענער פֿרוי? זי, ווידער, איז געזעסן זייער רויִק, זי האָט שפּאָרעוודיק געקײַט און אַלע ווײַלע אַראָפּגעצויגן איבער די קני דאָס קלייד, אָבער דאָס איז געווען ניט אַזוי גרינג, ווײַל יעדע קני אירע איז געווען די גרייס ווי אַ האַלבער קירבעס. אַזוי ווי די סודע האָט לאַנג געדויערט, איז דער מיטפֿאָרער מיט די פֿערדעלעך אויף דער מײַקע אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, און איך האָב אויך אַזוי געטאָן.

כ'האָב אָפּגעשאַרט די פֿאָרהענגלעך, אויף וועלכע עס זײַנען געווען אָנגעמאָלט פּונקטן אַזעלכע קוויטעלעך, ווי אויף די פֿאָרהענגלעך פֿון יענעם צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין קעשענעוו. דער מיטפֿאָרער מיט די פֿערדעלעך אויף דער מײַקע איז אויך געשטאַנען בײַ דעם פֿענצטער, און ער האָט אָפּהענטיק צו מיר געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, דער בוך, וואָס ליגט דאָרטן אויפֿן טישעלע, איז אײַערער?

— יאָ, — האָב איך געענטפֿערט און זיך דערמאָנט, אַז איינער פֿון מײַנע באַגלייטער האָט מיר געשענקט מײַן אייגענעם בוך, וועלכן איך האָב אַוועקגעלייגט אויפֿן טישעלע אין וואַגאָן, און האָב עס פֿאַרגעסן צונעמען.

דער מיטפֿאָרער האָט ווידער גערעדט.

— איך גיי אָפֿט אין די וויניצער ביכערקראָמען, אָבער אײַער בוך האָב איך ניט געזען.

— ווו אַרבעט איר, — האָב איך געפֿרעגט.

— אויפֿן וויניצער שאַריקאָפּאָדשיפּניק־זאַוואָד. איך וועל אײַך שוין זאָגן אַלץ מיטאַמאָל. מײַן ווײַב רופֿט מען פֿאַניע, מײַן טעכטערל רופֿט מען דאַשע און מיך רופֿט מען מיטיע.

בײַס מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין קופּע, האָט ער גלײַך גענומען מײַן בוך און זיך פֿאַרטיפֿט אין לייענען. יענע מיטפֿאָרער — די פֿרוי מיטן מאַנצבל — זײַנען שוין געלעגן אויף די געלעגערס אונטער די דעקעס. פֿון צײַט צו צײַט האָבן זיך געהערט אַזעלכע ווערטער: „פֿאָנעטיק, אַרכיטעקטאָניק, קאָמפּאָזיציע, יאַמב, כאָריי". כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען מענטשן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו ליטעראַטור. אינגיכן האָט זיך דערהערט אַ לײַכט פּײַפֿן און זייער אַ צאַרטער כראָפּען.

מײַן באַקאַנטער, וואָס האָט מיר דערציילט אַלץ מיטאַמאָל, האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַזאַ פּולאָווער, אַז איך האָב זיך גלײַך דערמאָנט אין ניי־גווינייע. ער האָט אַ נעם געטאָן זײַן פּאָרטפֿעל, וואָס האָט אין זיך געקאָנט אַרײַנעמען אַ גאָב פֿון אַ היפּשן שופֿלאָד, און איז אַרויסגעגאַנגען. אינגיכן איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קופּע און האָט אַוועקגעלייגט אַ שיין קעסטל

אסאַרטי אַפּן טישל. דערביַי האָט ער שטיל צו מיר געזאָגט:

— דאָס איז פאַר איַיך. איר וועט מיך זייער באַליידיקן, אויב איר וועט דאָס ניט נעמען.

פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און דערביַי געייצעט:

— פאַר איַיער מיידעלע פירט עס. גלייבט מיר, אַז איך דערנער זיך ניט מיט אַזוינע זאַכן.

ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט דעם פּאָרטפעל און מיך געמוסערט:

— וואָס מיינט איר, איר דאַרפט מיך לערנען, וואָס איך זאָל קויפן פאַר מיַין טעכטערל? קוקט זיך איַין, ניט נאָר פאַר מיַין טעכטערל, נאָר פאַר מיַין פּאַניעז אויך.

איך האָב טאַקע געזען, אַז אין פּאָרטפעל ליגן לימענעס און קעסטלעך אסאָרטי. ער האָט מיר נאָך לאַנג איַינגערעדט און דערוויזן, אַז איך דאַרף די מאַטאַנע נעמען.

— איך פאַר דאָס ערשטע מאָל אין מיַין לעבן מיט א שריַיבער...

ער האָט אויסגעשלאָסן די שיַין און איז ארופגעקראָכן אַף זיַין אייבערשטער באַנק. קאָן זיַין, אַז ער איז איַינגעשלאָפן, אָבער איך ניט. מיך האָט ניט געלאָזט רוען דאָס קעסטל אסאָרטי. גליַיך ווי ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון זיַין געלעגער, האָט אָנגעטאָן דעם געל־פּיִאָלעטעווען פּולאָווער, בין איך אויך אראָפּ פון געלעגער, האָב גענומען דאָס קעסטעלע אסאָרטי און בין נאָכגעגאַנגען ביזן טאַמבור. ער האָט עס גענומען בא מיר, נאָר האָט דאָס אוועקגעלייגט אַפּן אייבערשטן טרעפּל און אריַינגעסוידעט אין מיַין אויער: „מיַין וויַיב פּאַניע, זאָלט איר וויסן זיַין, איז א ייִדיש קינד. און דאָס איבעריקע וועל איך איַיך אָנשריַיבן אין א בריוו, דער אדרעס איז דאָ אַפּן קעסטעלע, איך וועל זייער וואַרטן אַף א בריוו פון איַיך".

דאָס פּאָרל, וואָס האָט גענוצט אַזוינע ווערטער, ווי „פאַנעטיק", „אַרכיטעקטאָניק", איז לאַנג געשלאָפן, אַזוי אַז זיי האָבן פאַרשלאָפן די טיי. ווי נעכטן איז דער מאַנצבל געווען זייער העפלעך און אופמערקזאַם צו זיַין מיטפאָרערן. זי האָט, ווי נעכטן, געצויגן דאָס קלייד איבער די קני און, ווי נעכטן, האָבן אירע קני ניט געוואָלט זיַין צוגעדעקט מיט דער קלייד. אָבער דאָס קעסטעלע האָט געוועקט איר נייַגער.

— עס איז הייס, איַיער אסאָרטי וועט צעגייען.

— דאָס איז ניט מיַינס, — האָב איך געזאָגט.

— וועמענס דען איז דאָס? איך האָב געהערט ווי דער, וואָס איז אַרויס אין וויניצע, האָט איַיך דאָס פאַרגעלייגט.

— אויב אַזוי, האָט איר געוויס געהערט, וואָס איך האָב אים געזאָגט.

דער צוג „מאָלדאָווא" האָט זיך דערנענטערט צו מאָסקווע. דער מאַנצבל, וואָס איז איצט געווען ניט אַזוי פריש ראַזירט, האָט צו מיר זאַכלעך געזאָגט:

— אויב איר וועט עס אינדערעמעסן ניט נעמען, וועל איך דאָס נעמען. און איר, אַנע וואַסיליעוונע, וועט קומען צו מיר מאָרגן טרינקען טיי, — האָט ער פאַרגעלייגט דער פרוי אין דער בונטער קלייד.

איך האָב א רוף געטאָן די באַגלייטערן, די באַלעבאָסטע פונעם וואַגאָן, און איר דערלאַנגט דאָס קעסטעלע אסאָרטי. כאָטש זי איז געווען ניט זשעדנע אין אַזוינע זאַכן, האָט זיך איר פּאָנעם אַזוי צעשטראַלט, גליַיך ס'האָט זי געטראָפן דאָס גרעסטע גליק.

כאנע שמאַיענאָק

מענאַשע מיימאַנס כסימע

די זון האָט אין יענעם טאָג אומבעראכמאָנעסדיק געבאקן. דער בלויער הימל — זויבער־ריין. קיין וואָלקנדל, ווי מע זאָגט, אף א רעפוע. די נאטור האָט ווי פארגעסן, אז ס'זיינען פאראן רעגנס און ווינטן. איין האָפענונג איז געבליבן: אז עס וועט צופאלן דער אָוונט, ס'וועט זיך זעצן די זון, — דאן וועט א צי טאָן פונעם סטעפּ א באפרישנדיק ווינטל און ס'וועט לייכטער זיין דורכפירן דעם קאָנצערט, וועלכער וועט היינט פאָרקומען אף דער פרייער לופט. די בינע וועלן מיר אימפּראָוויזירן פון צוויי לאסט־אווטאָמאָבילן, שיין וועט געבן אונדזער דוויזשאָק — די קליינע מאָבילע עלעקטראָסטאנציע, וועלכע מיר האָבן פארכאפּט מיט זיך פון מאָסקווע, מאכמעס מיר האָבן זיך גוט פאָרגעשטעלט, ווו און אין וועלכע באדינגונגען ס'וועט אונדז אויסקומען ארויסטרעטן.

פאר דער קורצער צייט וואָס מיר, די קינסטלערישע בריגאדע פונעם טעאטראלן טעכניקום באם מאָסקווער „גאָסעט", זיינען ארומגעפאָרן און באדינט די ייִדישע קאָלווירטן פון יעווּפּאטאָריער ראיאָן, זיינען מיר אלע שווארץ געוואָרן ווי די האלקעס, בלויז די ווייסלעך פון די אויגן און די פערלדיקע ציין האָבן זיך אָנגעזען אף אונדזערע פּענעמער. און עפּשער נאָך די נעגל אף די פארברענטע הענט.

צעמאָרעטע פון דער היץ, האָבן מיר לאנגזאם, ווי ניט ווילנדיק, געגרייט די בוטאפּאָריע און די קאָסטיומען פארן קומענדיקן קאָנצערט. מיטאמאָל האָט זיך דערטראָגן א טומל און א גערויש פון טראקטאָרס, און ס'האָט זיך דערהערט א הילכיקע מונטערע ליד. אפּאָנעם, דאָס האָבן זיך די סטודענטן אומגעקערט פון סטעפּ. ווי נאָר מיר זיינען געקומען צו פאָרן, האָט מען אונדז גלייך מודיע געווען, אז דאָ געפינען זיך סטודענטן פון אוקראַינע, זיי העלפן אראָפּנעמען די גערעטעניש. האָבן מיר פארענדיקט אונדזער ארבעט, און ניט צונויפגערעדטערהייט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, פונוואנען עס האָט זיך געטראָגן דער טומל. אינגיכן האָבן מיר דערזען א פארכאפּנדיק בילד: יונגע כעווריע, מיידלעך און ייִנגלעך, אף טראקטאָרס און צופוס, אין אויסגעבליאקעוועטע פון דער זון פוטבאָלקעס, אין גרויסע שטרויענע שליאפּעס „א ליא סאָמברעראָ", האָבן זיך באוועגט אין אונדזער זייט. קיין שפּורן פון מידקייט וואָלט מען אפילע אונטערן מיקראָסקאָפּ ניט באמערקט אף זייערע פריילעכע, אָפּגעברענטע פּענעמער. דערזעענדיק אונדז, האָבן זיי נאָך העכער זיך צעזונגען און גענומען וויגן מיט די הענט, וואָס סע האָט באטייט, אז זיי באגריסן אונדז. נו, יאָ, זיי האָבן בישט געקאָנט ניט וויסן וועגן אונדזער קומען אהער — די נייס האָט זיך גלייך צעטראָגן איבערן קאָלווירט. א קלייניקייט, ארטיסטן!

•

און אָט גייט זיך א הייב אוף א שווארצכיינעוודיקער באָכער, שטילט איין דעם אוילעם און הייבט אָן ריידן:

…„איך גיי פארביי, איך זע, עס לייכט זיך, טראכט איך, מע דארף אריינגיין אף א ווײַלעטשקע... און — דיזן, דאזן, דאָס און יענץ"…

אז א באָכער, א סטודענט, ווייסט אף אויסווייניק א שטיקל מאָנאָלאָג פון שאָלעם־אלייכעמס א פערסאָנאַזש, איז קיין כידעש ניט. נאָר דאָס קאָל — ווו האָב איך עס געהערט? און אידער איך באווייז זיך א גריבל טאָן אין מיין זיקאָרן און קומען צו עפּעס א באשלוס, גיט דער באָכער א שפרונג אראָפּ פונעם טראקטאָר און וואקסט אויס לעבן מיר, „היניינו — אָט בין איך דאָ".

מענאשע! מיין כאווער מענאשע מיימאָן, טאַקע פון מיין שטעטל, פון מאלין! מיר האָבן

צוזאמען פארענדיקט די צווייטע ייִדישע ארבעטער־שול. דאָס האָט ער, הייסט עס, געגעבן מיר איצט אָנצוהערן וועגן זיך מיט רעב אַלטערס מאָנאָלאָג פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאזל־טאוו". די פּיעסע האָבן מיר דאָך געשפּילט אין דראמקרייַז פון אונדזער שול! איך האָב געשפּילט ביילען, און ער — רעב אַלטערן.

— ווי קומסטו אהער? — האָב איך געפרעגט.

— אפּאָנעם, מיט דעם זעלבן וועג, וואָס דו, — האָט ער געענטפערט. — נאָר איך — פון קיִעוו, מיט די סטודענטן פונעם ייִדישן מעכאַנישן טעכניקום, און דו, ווי איך פארשטיי, מיט דער קינסטלערישער בריגאַדע פון מאָסקווע.

— מעכאַנישער טעכניקום? גאָט איז מיט דיר... דו האָסט דאָך געטרוימט ווערן א קינסטלער, א מאָלער. איך געדענק, ווי דו פלעגסט מאָלן פאר אונדזער גאַנצער בריגאַדע, ווען מיר האָבן זיך געלערנט לויטן דאַלטאָן־פּלאַן. אין די אָוונטן האָסטו געארבעט אין קלוב אַלס מאָלער, געשריבן דעקאָראַציעס, פּלאַקאַטן, אפישן, לאָזונגען...

— האָסט א קאָפּ פון א מיניסטער! כ'וועל דיר זאָגן נאָך מער, מע האָט מיר אפילו אַרייַנגענומען אין פאבריק „ראַביס", און טאַקע פונעם קלוב האָט מען מיך רעקאָמענדירט אָנצוקומען אין דעם קיִעווער ארכיטעקטור־קינסטלערישן טעכניקום.

— נו, נו, — האָב איך מיט אומגעדולד איבערגעשלאָגן, ווי איינער רעדט, כ'בין טאַקע גערעכט!

— אייַל זיך ניט, — האָט געענטפערט מענאשע. — אז איך בין געקומען אין טעכניקום און א קוק געגעבן אף די אביטוריִענטן, אף די פארגעבונגען, וואָס עס שטייט פאר אויספילן — מאָלן פון דער נאַטור, האָב איך זיך פארטראַכט, צי מאָלערייַ איז טאַקע מייַן עמעסער באַרוף. און דאָ האָט זיך נאָך געיאָוועט הערשל מיראַלסקי, געדענקסט אים מיסטאָמע, און גענומען מיך אייַנשמועסן: „וואָס איז דאָס פאר א ספּעציאַליטעט — א מאָלער? דו האָסט א קאָפּ צום לערנען און ווערן א מעכאַניקער — אָט דאָס איז א פּראָפעסיע!". איך א פּאָר טעג ארום, האָב איך אָנגעגעבן די פּאַפּירן אין מעכאַנישן טעכניקום, און כ'האָב ניט כאַראָטע...

נאָך אָט דער דאָזיקער באַגעגעניש אין קרים האָב איך זיך געטראָפן מיט מענאשען אין מאָסקווע, אין עטלעכע יאָר ארום. ער האָט געקוקט א ספּעקטאַקל אין אונדזער טעאַטער און איז געקומען צו מיר הינטער די קוליסן. און דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער האָט אין 1932 יאָר פארענדיקט דעם מעכאַנישן טעכניקום, באַקומען א דיפּלאָם מיט אָן אויסצייכענונג, געהאָט די מעגלעכקייַט צו בלייַבן ארבעטן אין

מענאשע מיימאן

קיִעוו, זיך אייַנאָרדענען אפן בעסטן אויפן. נאָר ניט אין מענאשעס נאַטור איז גיין מיטן גרינגן וועג. ער נעמט צונויף א גרופּע ענטוזיאַסטן, זיבן ייִנגלעך און איין מיידל, זיי גייען אוועק אין צק פון קאָמיוג פון אוקראַיִנע און דערציילן דאָרט וועגן זייער הייסן ווילן אוועקפאָרן בויען ביראָבידזשאַן. מע האָט זיי אונטערגעהאַלטן, און מיט א פּוטיאָווקע פון צק פון קאָמיוג פון אוקראַיִנע פאָרן זיי אוועק מיט האַקל־פּאַקל אפן ווייַטן מיזרעך.

מע האָט די כעווּרע אייַנגעאָרדנט, געשיקט זיי אף דער שלאָגלערישער בויונג פונעם קאָמבינאַט פון סטאַנדאַרטנער הויז־בויונג. מענאשען האָט מען באַשטימט פארן פאראַנטוואָרטלעכן איבער דער פּראָדוציר־טעכניק. דערנאָך איז ער געוואָרן א קאָנסטרוקטאָר פון די האָלץ־באַארבעטנדיקע ווארשטאַטן. די כעווּרע האָבן געטאָן ניט בלויז זייער דירעקטע ארבעט — מע האָט זיי אויסגענוצט אויך אף האָלץ־פארגרייטונגען, אין די גאָלדגרובנס, אפן צעמענט־זאַוואָד. פון אָט דער בויונג שיקט מען מיימאַנען קיין מאָסקווע, און ער ווערט באַשטימט אַלס טעכנישער אָנפירער פונעם קאַראַטשײַעווער רעמאָנט־מעכאַנישן זאַוואָד. דערנאָך לערנט ער זיך א יאָר אין א פּאָלק־שול פון ייִנגערע קאָמאַנדירן, קערט זיך אום אפן זאַוואָד, אָבער ניט אף לאַנג — אין 1936 ווערט ער אָנגענומען אפן ערשטן קורס פונעם אינזשעניר־פאַקולטעט פון דער טאַנקען־אַקאַדעמיע, וועלכע ער פארענדיקט אין אפּריל 1941, און דערנאָך...

אַלע 1418 טעג — פונעם ערשטן ביזן לעצטן — איז מיימאַן געווען אף דער מילכאָמע. פון דער גרענעץ, און ביז בערלין.

געוועזן איז ער שעף פונעם אַפּטייל פון טאַנקען־עקספּלואַטאַציע אף איינעם פון די פראָנטן,

שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון דעם ערשטן קראַסנאָגראַדער מעכאַניזירטן קאָרפּוס. נאָכן זיג האָט ער נאָך לאַנגע יאָרן געדינט אין דער אַרמיי — אין דײַטשלאַנד, אויפֿן ווײַטן מיזרעך. אין 1957 איז ער אַוועק אין דעמיסיע אין ראַנג פון אַן אינזשעניר־פּאָלקאָווניק. ער האָט זיך אַומגעקערט קיין מאָסקווע און אַרבעט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אין אַלפאַרבאַנדישן אינסטיטוט פון וויסנשאַפטלעך־טעכנישער אינפאָרמאַציע. ער איז אַ צונויפשטעלער פון לערנביכער, אַוטאָר פון פיל אַרטיקלען, פירט אָן מיט סעמינאַרן, לייענט לעקציעס פאַר דער יוגנט.

ווען איך האָב באַשטימט אָנשרײַבן פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד" אַ פאַרצייכענונג וועגן מיימאַנען, האָב איך אים אָנגעקלונגען און אין עטלעכע טעג אַרום געקומען צו אים צו פאָרן.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז דאָס לעבן האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שפּורן אויף זײַן אויסזען. ס'האָבן זיך גלײַך געוואָרפן אין די אויגן די מאַציע. פאַר העכער פיר צענדליק יאָר, וואָס איך בין אין דער פּאַרטיי, האָב איך זיך נאָך ניט אויסגעלערנט פאַרשפּעטיקן. מיט טיי וועט דיך מעכאַבעד זײַן אַליין מענאַשע. אָט שטעל איך טאַקע דעם טשײַניק...

אויפן זשורנאַל־טישעלע האָב איך באַמערקט אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס. נו, יאָ, מענאַשע האָט אים מיסטאָמע צוגעגרייט פאַר מיר.

זיך אײַנגעמאָסטעט באַם טיש, רוף איך זיך אָן:

— נו, דערצייל...

— וועגן וואָס דערציילן? וועסט גאָר ניט גלייבן, ווי שווער עס איז מיר ביז איצט זיך דערמאָנען אין דער מילכאָמע... מיט וויפל עפּיטעטן מע זאָל ניט פּרוּוון באַצייכענען דעם שוידער, דעם מאַבל פון בלוט און טרערן, איז נאָך אַלץ ווייניק. ווען איך הייב אָן דערציילן, זע איך פאַר זיך אַלץ...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע, אָבער ס'האָט אים גלײַך אַ הייב געטאָן פונעם אָרט:



דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטער־גרופּע גענעראַל־לייטענאַנט ג. נ. אָרעל גיט איבער מענאַשע מיימאַנען אַן אָרדען „פאָטערלענדישע מילכאָמע" פון דער ערשטער מאַדרייגע

גראָווע האָר, וועלכע האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן מיטן גרויען קאַראַקולנעם היטל. ער איז אָבער אונטערגעצויגן, מע קאָן אַפילע זאָגן — שטאַלטנע. און דעריקער איז דאָס, וואָס ער לאָזט זיך גלײַך דערקענען. אַ ברייטער שאָלעם־אַלייכעם, און ער פירט מיך שוין צו זיך אַהיים. זײַן באַשיידענע וווינונג פון צוויי צימערן איז זויבער־ריין אויפגעראַמט. עס באַגעגנט אונדז ריווע, די פרוי זײַנע:

— וועסט מיך מוזן אַנטשולדיקן, נאָר איך מוז אַוועקגיין. די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען, איז שוין פון לאַנג פאַרפּלאַנירט, דערצו שטייט נאָך מײַנע אַן אינפאָרטאַנק, וועלכן כ'האָב קאָנסטרויִרט אויפן קיראָווער זאַוואָד? איך האָב דיר שוין אַמאָל געהאַט דערציילט, און דאָס איז געווען מײַן אַרויסלאָזפּראָיעקט... דער גאַנצער מאַטעריאַל, אַלע צייכענונגען און אויסרעכענונגען זײַנען דאַן פאַרפאַלן געגאַנגען, קיין דובליקאַט פון דער אַרבעט איז בײַ מיר ניט געווען, האָט מען מיך פאַרמאַכט אין אַ צימער, געשאַפן באַדינגונגען... איך האָב זיך אויסגעשלאָסן פון אַלץ, אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן און צונויפגעשטעלט אַ קורצע באַשרײַבונג פון די קאָנסטרוקציעס און טעכנישע

אויסרעכענונגען. איבערגעגעבן דאָס אַלץ אין זיכערע הענט, בין איך אוועק אפן פראָנט.

דעם 25 אויגוסט 1942 האָט ער באַקומען א באַפעל אַריבערגײן אפן צווייטן ברעג פון דער וואָלגע און אָרגאַניזירן דעם רעמאָנט פון דער שלאַכט־טעכניק. די שטאָט האָט געפלאַקערט, דער הימל איז געווען שוואַרץ פון רויך. אַ זייגער פינף אינדערפרי האָט ער צוזאמען מיט א 300 מענטשן זיך אײַנגעמאָסטעט אף א פּאַראָם, אף וועלכן עס האָבן זיך געפונען א סאך פאַרוווּנדעטע. דער פּאַראָם איז געווען שטאַרק איבערגעלאָדן. די, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם סאַמע ראַנד, האָבן זיך געהאַלטן פאַר די קאַנאַטן. מיטאמאָל האָבן זיך באַוויזן פֿײַנטלעכע עראָפּלאַנען, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרקע באָמבאַרדירונג.

— אָט ווי מיר האָבן דערפילט, וואָס עס הייסט ערד און וואָס עס הייסט האַרט שטיק אף דער ערד! דו קאָנסט זיך צודריקן צו איר, זיך אײַנגראָבן, זיך פאַרמאַסקירן. און דאָ, אפן וואַסער, זײַנען מיר געווען לאַכלוטן אומבאַהאָלפן. די באָמבעס האָבן זיך געלייגט פון אַלע זײַטן. פון די אויפרײַסן, פון די לופט־כוואַליעס, פון די וואַסער־פאָנטאַנען, וואָס האָבן געכליעשטשעט אַרום, האָט דער פּאַראָם זיך געניגט פון איין זײַט אף דער צווייטער. מיר האָב געזען דעם ברעג, זיך געריסן פאָרויס, און אָן ערעך א צוואַנציק מעטער ביזן ברעג האָב איך זיך אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער און גענומען שווימען. עפּעס א ווילדער קויעך האָט מיך אונטערגעכאַפּט און אַרויסגעשלײַדערט אפן ברעג... כ׳האָב פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן. וויפל איך בין אָפּגעלעגן אין אַזאַ צושטאַנד און ווער עס האָט מיך אַרויסגעטראָגן, ווייס איך אַדהײַנט ניט. געקומען צו־זיך בין איך שוין אפן אָרט, וווּ מיר האָבן זיך געדאַרפט באַזירן...

איך בעט מענאַשען, ער זאָל מיר באַווײַזן זײַנע מעלוכישע באַלוינונגען. ער דערלאַנגט פונעם גאַרדעראָב א טונקעלן פּידזשאַק, און אין צימער איז ווי ליכטיקער געוואָרן פונעם גלאַנץ פון די אָרדענס און מעדאַלן. „רויטע שלאַכט־פאָן", „פּאַטערלענדישע מילכאָמע" פון דער ערשטער און צווייטער מאַדרייגעס, צוויי אָרדענס „רויטער שטערן", צוויי מעדאַלן פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן, א „פּוילישער קרייץ"... צוואַנציק באַלוינונגען!

— דו ווייסט, — זאָגט מענאַשע, — איך האָב אויך זיך צעשריבן אפן רייכסטאַג! אַמאָל, ווען עס פלעגט זיך באַ מיר אויסגעבן א פרײַע מינוט, פלעג איך זיצן און שרײַבן ציפערן, בוכשטאַבן, ס׳האָט זיך מיר זייער געוואָלט אויסאַרבעטן א שיינע האַנטשריפט. באַזונדערס בין איך מעקאַנע געווען דעם, ווער ס׳האָט זיך שיין געכאַסמעט... וואָלסטו געזען, ווי איך האָב אפן רייכסטאַג זיך געכאַסמעט! כ׳האָב זיך אַזוי געסטאַרעט, אַזוי אויסגעפירט יעדן אָס, אַז ס׳האָט מיר באַשלאָגן א שוויס. אין יענער מינוט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז א גאַנץ לעבן האָב איך זיך געגרייט דערצו, איך זאָל זיך שיין, בוילעט און פאַרשטענדלעך כאַסמענען אפן רייכסטאַג. און איך האָב אָנגעשריבן: „מענאַשע מיימאָן".

— איר אַרבעט נאָך, האַרעפאַשניקעס? — איז אַרײַנגעקומען אין שטוב ריווע. — אויב אַזוי, האָט איר ערלעך פאַרדינט א וועטשערע!

צוזאַמען מיט איר זײַנען געקומען דער זון עדיק און דאָס אייניקל. דער זון האָט מיך אָנגענומען פאַר עפּעס א ווײַטער קרויווע, און מענאַשע האָט גלײַך אַרײַנגעטראָגן א קלאָרקײַט אין דער פראַגע:

— דאָס איז מײַנע א כאַווערטע נאָך פון דער ווײַטער קינדהײַט, פון דעם אונטערטיש־פּעריאָד, דאָס הייסט, ווען מיר האָבן נאָך ביידע שפּאַצירט אונטערן טיש, טאַקע אין אונדזער שטעטל מאַלין.

— אַ, מאַלין! — האָט זיך אָנגערופן עדיק. — כ׳בין דאָרט געווען...

— ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

— וואָס הייסט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט מענאַשע, — כ׳האָב דיר דען ניט דערציילט? מיט צוויי יאָר צוריק, בייסן אורלויב, זײַנען מיר אף עדיקס אווטאָמאָביל אוועקגעפאָרן קיין מאַלין און טאַקע דורכגעפאָרן דאָס שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט, באַזוכט אַלע באַליבטע ערטער. און שטעל זיך פאָר, מיר האָבן באַגעגנט א סאך באַקאַנטע. און וואָס שײַעך מאַלין, איז עס ניט צו דערקענען...

— נו, זאָג, וואָס זעסטו, ווען דו דערמאָנסט זיך אין אונדזער מאַלין?

— איך זע די פּאָזשאַרנע מיט דער קאַלאַנטשאַ, דעם קלויסטער, די ענגע געסלעך מיט אײַנשטאָקיקע שטיבער, די בלאָטעס. איך זע דעם קליינעם ענגן קלוב, וואָס האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען אַלעמען, ווער עס האָט געוואָלט פאַרברענגען א פאַרנאַכט. איך זע דעם מאַרק, ווו צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגן זיך צונויפפאָרן פורן פון די אַרומיקע דערפער און ס׳איז געגאַנגען א האַנדל מיט אַלץ, אָנהייבנדיק פון פּעטרעשקע און ענדיקנדיק מיט פערד און אָקסן. כ׳געדענק די זומערדיקע אָוונטן, ווען אפן בריק זײַנען געגאַנגען שפּאַצירן אויסגעפּוצטע מיידלעך און ייִנגלעך. מיר, קינדער, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט א טומל צווישן די שפּאַצירנדיקע און יעדערער פון זיי האָט זיך ניט געפוילט אונדז לערנען דערעכערעץ...

— און איצט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — וועל איך דיר דערציילן, וואָס מיר האָבן געזען אין אונדזער שטעטל. איך שווער דיר, ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז איך בין אין מאַלין, וואָלט איך ניט געגלייבט, אַז אַ שטעטל קאָן זיך אַזוי ענדערן. אַ וווּנדער־שיינער אַרייַנפאָר, סראָוו פינפשטאָקיקע הייַזער, אַספאַלטירטע גאַסן, אויטאָבוסן, לייַכטע אויטאָמאָבילן. אָנשטאָט דעם באַוווּסטן מאַרק — אַ סקווער. געדענקסט דעם שטאָלץ פון אַלע מאַלינער — די פּאַפּיר־פאַבריק? אַז מיר זייַנען אַרייַנגעפאָרן אין ראַיאָן, ווו עס לעבן די אַרבעטער פון דער פאַבריק, האָבן מיר דערזען אַ הייַנטצייַטיקן מיקראָראַיאָן, אַ דראַמע־טעאַטער, אַ קולטור־הויז, אַ פּאָליקליניק, אַ קינאָ־טעאַטער, שיינע שול־געבייַדעס, קינדערגערטנער, יאַסליעס. טראָג איבער דעם ראַיאָן קיין מאָסקווע, וואָלט ער זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט...

— מאַלין, מאַלין, — שלאָגט איבער אונדזער שמועס די באַלעבאָסטע. — וואָס, איר זיצט נאָך ניט באַם טיש? גראָד הייַנט, ווען ס'איז געקומען אַזאַ גאַסט, איז באַ אונדז זייער אַ באַשיידענע וועטשערע...

— באַשיידן איז די באַלעבאָסטע, — זאָג איך, קוקנדיק אָף דעם אָנגעגרייטן טיש.

— נישקאָשע, נישקאָשע, ריוועטשקע, ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך שעמען, — רופט זיך אָן מענאַשע און גיט אַ קוש ריווע אַראָנאָוונעס האַנט.

מענאַשע מיימאַן (פערטער פון רעכטס) אָף אַ באַגעגעניש מיט די מילכאָמע־וועטעראַנען. 7 מיי 1978

מאָטל גראָסמאַן

בלומען

געטראָפן האָט זיך עס אײנעם טאָג, װען דער פּילטויזנטיקער קאָלעקטיװ פון באָראָװיטשער קעראַמישן קאָמבינאַט אָף לעונינס נאָמען האָט זיך געגרייט לאָזן אין גאַנג דעם ערשטן אויװן פונעם נײַעם צעך, װעלכער האָט געדאַרפט פולקום ענדערן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס פון דער באַװוּסטער אונטערנעמונג. קעדיי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען זאָגן עטלעכע װערטער װעגן דעם דאָזיקן קאָמבינאַט און זײַן געשיכטע.

דער באָראָװיטשער קאָמבינאַט איז איינער פון די עלטסטע און מעכטיקסטע אין לאַנד. זומער, פאָריקס יאָר, האָט מען אָפּגעמערקט זײַן 125־יאָריקן יובילײ. דער קאָמבינאַט פּראָדוצירט פײַערשטאַרקע ציגל, װעלכע װערן אויסגעניצט באַם בויען מאַרטענעס, דאָמנעס, װאַגראָנקעס, װאַרעם־אַגרעגאַטן, עלעקטראָסטאַנציעס, אין דער שיפבוי־אינדוסטריע, באַם אויספורעמען די קאָװשן, װאָס צעגיסן דעם שטאָל. אָן די פײַערשטאַרקע ציגל קאָן מען ניט באַקומען דעם מעטאַל, און מעטאַל, װי ס׳איז באַװוּסט, איז דאָס ברויט פון דער אינדוסטריע. קימאַט די גאַנצע שװאַרצע מעטאַלורגיע האָט אין די ערשטע פינפיאָרן זיך געשטעלט אָף די פיס אַדאַנק דעם באָראָװיטשער „אָגניע־אופאָר“, אין דער ערשטער ריי — דער מאַגניטאָגאָרסקער און קוזנעצקער מעטאַלורגישע קאָמבינאַטן, דער אויטאָמאָביל־זאַװאָד אין דער שטאָט גאָרקי און פיל אַנדערע.

יעדער צעך אינעם דאָזיקן גיגאַנט איז לויט זײַן גרייס און מעכטיקייט אייגנטלעך א באַזונדער זאַװאָד. מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דער ערשטער אויװן פונעם נײַעם צעך, דער סאַמע מעכטיקסטער ניט נאָר בא אונדז אין לאַנד.

איז אָט: אין יענעם טאָג טאַקע האָט מען געדאַרפט אָנצינדן דעם פײַער אינעם ערשטן אויװן פון אָט דעם צעך...

דאַרף זיך טרעפן, אַז דער מײַסטער, װעלכער האָט געגרייט און געדאַרפט לאָזן אין גאַנג דעם דאָזיקן אויװן, איז אין יענעם טאָג פּלוצעם קראַנק געװאָרן. װען דעם דירעקטאָר פונעם קאָמבינאַט האָט מען עס געגעבן צו װיסן, האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, שטאַרק אויפגערעגט. ביז צו לאָזן אין גאַנג דעם נײַעם אויװן איז געבליבן אינגאַנצן עטלעכע שאָ. אָפּלייגן עס איז געװען אוממעגלעך...

בא דעם נײַעם אָביעקט האָבן זיך טייקעף פאַרזאַמלט די סאַמע פאַראַנטװאָרטלעכע מענטשן פונעם קאָמבינאַט. דער דירעקטאָר, אַריעכאָװ פּיאָטער דמיטריִעװיטש, האָט זיך געװענדט צו די פאַרזאַמלטע:

— מע דאַרף טייקעף אָפּזוכן אַזאַ דערפּאַרענעם מענטשן, װעלכער װייסט גוט די נײַע טעכניק און שרעקט זיך ניט נעמען אָף זיך די פאַראַנטװאָרטלעכקייט צו לאָזן אין גאַנג דעם ערשטן אויװן פונעם נײַעם צעך.

די בײַװעזנדע האָבן געװענדט זייער בליק צום שעף פונעם ערשטן צעך, צו דירענאָװסקין.

מיכאיִל מענדעלעװיטש דירענאָװסקי — איז א לעבעדיקע געשיכטע פונעם קעראַמישן קאָמבינאַט. קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ער איז געװען דאָ דער שעף פון פאַרשיידענע צעכן. אַלעמאָל האָט מען אים געשיקט אַהין, װוּ ס׳האָט זיך באַזונדערס געפאָדערט א געניטער, דערפאַרענער שעף... די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע איז געקניפּט און געבונדן מיט אָט דעם קאָמבינאַט. ער, צװיי זין און די טאָכטער

זייַנען דורכגעגאַנגען די שול פֿון אָט דעם זאַוואָד.

מיכאיל מענדעלעוויטש ווייסט יעדן איעווער פֿונעם קאָמבינאַט. העכער הונדערט זייַנע ראַציאָנעלע פֿאָרשלאָגן זייַנען דאָ פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. און אייניקע פֿון זיי ווערן אויסגענוצט ניט נאָר דאָ, נאָר אויך אויף אַנדערע אונטערנעמונגען.

ווען דו קוקסט אויף אָט דעם שטאָלצן, לויטסטיקן מענטשן, וועלכער האָט זייער ליב ספּאָרט, גלייבט זיך פּאַשעט ניט, אַז אים איז שוין 79 יאָר... נאָר ער קלייַבט זיך ניט פֿאַרלאָזן די אַרבעט, כאָטש די זין און די טאָכטער בעטן אים שוין פֿונלאַנג, ער זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען...

און זייַנע מיטאַרבעטער פּרוּוון אַפֿילע ניט דערמאָנען אים, אַז ס׳איז שוין צייַט אוועקגיין אויף אָפּרו. ס׳איז ניט אַזוי לייַכט פֿאַרבייַטן אַזאַ דערפֿאַרענעם ספּעציאַליסט.

ווען מיכאיל מענדעלעוויטש האָט דערזען, אַז אַלע בליקן זייַנען געווענדט צו אים, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— מע דאַרף אַהער אַ מענטשן, וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט דער נייַער טעכניק.

דערויף האָט דער דירעקטאָר אים געענטפֿערט:

— מיכאיל מענדעלעוויטש, אַלע פֿאַרשטייען, אַז דאָ פֿאָדערט זיך „אַן אַבזשיגאַלשטשיק“ און ניט קיין פֿאַבריקמאַכער!

די דאָזיקע באַמערקונג האָט אַרויסגערופֿן בייַ מיכאיל מענדעלעוויטשן אַ שמייכל.

— וואָס שמייכלט איר? — האָט געפֿרעגט דער דירעקטאָר.

— איר פֿאַרשטייט, פּיאָטער דמיטריעוויטש, בייַ מיר זייַנען געווען עטלעכע קאַנדידאַטן, נאָר ווען איר האָט אַ זאָג געטאָן ניט קיין פֿאַבריקמאַכער, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז בייַ אונדז איז פֿאַראַן אַזאַ מענטש, וועלכן מיר דאַרפֿן, עמעס, ער איז ניט קיין פֿאַבריקמאַכער, כאָטש ער פֿאַרשטייט ניט שלעכט אויך אין אָט דער פּראָפֿעסיע, ווייַל זייַן טאַטע איז געווען אַ פֿאַבריקמאַכער...

— וועמען האָט איר אין זינען?

— בייַ אונדז איז פֿאַראַן אַ זעלטענער „אַבזשיגאַלשטשיק“, זייער אַ פֿייַקער און אַ דרייסטער. ער קלייַבט זיך גוט פֿאַנאַנדער אין דער נייַער טעכניק. איך רייד וועגן אַ מענטשן, וועלכן איר קענט זייער גוט, וועגן מאַגיד דאַווידע סעמיאָנאָוויטשן, פֿונעם ערשטן צעך.

— ער איז זייער יונג, — האָט עמעצער באַמערקט.

— ער איז שוין ניט אַזוי יונג ווי איך דאַכט זיך, — האָט געענטפֿערט מיכאיל מענדעלעוויטש, — בייַ אים איז פּאַשעט אַזאַ אויסזען. ער אַרבעט בייַ אונדז שוין העכער פֿופֿצן יאָר.

דאָוויד מאַגיד אין זייַן סאָד

דער דירעקטאָר האָט באַפֿוילן, מע זאָל גלייַך אַרויסרופֿן אַהער מאַגידן.

ווען דאַוויד מאַגיד, — אַ קליינוווּקסיקער, דאַרער שעמעוודיקער יונגערמאַן איז געקומען, האָט דער דירעקטאָר זיך צו אים געווענדט:

— מיר ווילן אייַך פֿאַרטרויען אָנצינדן דעם ערשטן אויוון פֿונעם נייַעם צעך, וואָס איז אויסגעשטאַט מיט ווערטפֿולע מעכאַניזמען לויטן לעצטן וואָרט פֿון דער טעכניק. איר זייַנט גרייט אויספֿילן אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע?

דאָוויד האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און שטיל געענטפֿערט:

— אויב איר וועט באַפֿוילן...

— איך האָב קיין רעכט ניט באַפֿוילן אַ מענטשן, ער זאָל אויספֿילן אַן אַרבעט, וואָס איז אים אומבאַקאַנט, פֿאַרטרויען אים אַ באַצירק, וועלכן ער האָט פֿריִער ניט געזען. — דער דירעקטאָר האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַ קאָל, אַז אַלעמען אַרום איז קלאָר געוואָרן — דער יונגערמאַן געפֿעלט אים ניט איבעריקס...

נאָר דאָ האָט מאַגיד פּלוצלינג מיט אַ פֿעסטער זיכערער שטים אַרויסגעבראַכט:

— איך האָב שוין פֿונלאַנג זיך באַקאַנט מיט אַלע דעטאַלן פֿון אָט דעם אויוון, מיר איז אַלץ דאָ באַקאַנט.

אַלץ איז פֿאָרגעקומען אַזוי ווי מע דאַרף. וועגן אָט דער געשעעניש האָבן דערנאָך דערציילט די פּילטיראַזשקע, די שטאָטישע צייַטונג, די געגנטלעכע ראַדיאָ.

ווען איך האָב אין אַ צייַט אַרום באַזוכט די שטאָט באָראָוויטשי, האָבן מייַנע פֿרייַנט,

די אַרטיקע זשורנאַליסטן, מיך באַקאַנט מיט דאַוויד מאַגידן.

צוזאַמען מיט מיר האָבן אין צימער פונעם האָטעל, ווו כ'בין איינגעשטאַנען, זיך געפונען נאָך צוויי מענטשן — דער קאָנטקענער לעוו פרומקין און דער זשורנאַליסט ליאָווע אַלשיץ.

נאָך דעם, ווי איך האָב באַוויזן דעם אַריינ־געקומענעם דאַוויד מאַגיד דעם זשורנאַל „סאָ־וועטיש היימלאַנד“, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט מיין פאַרצייכענונג „וואַלדהער, וואַלדער“, דער־ציילט אים, וויאַזוי מיר האָבן געפייערט דעם 20־יאָריקן יובילי פון זשורנאַל, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל דערציילן וועגן זיך.

דאַוויד מאַגיד איז געבוירן געוואָרן טאַקע דאָ, אין נאָווגאָראָדער קאַנט, אין דער שטאָט סטאַראַיאַ רוסאַ. דערנאָך איז די מישפּאָכע איבערגעפאָרן קיין באָראָוויטשי.

דער פאָטער שימען איז געווען א פאַבריק־מאַכער. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער גרוי־סער פאָטערלענדישער מילכאָמע, עטלעכע מאָל געווען פאַרוווּנדעט. די שווערע וווּנדן האָבן גע־געבן וועגן זיך צו וויסן. אינגיכן איז אויך גע־שטאָרבן די מאַמע. דאַוויד איז געבליבן מיט זיינע צוויי שוועסטער. אַמאָליקע יאָרן וואָלט מען וועגן זיי געזאָגט אָרעמע יעסוימים, נאָר דאַוויד און זיינע שוועסטערלעך זיינען אָבער דערצויגן געוואָרן אין א לאַנד, ווו קיין אָרעמע, אומגליקלעכע יעסוימים זיינען ניט פאַראַן!..

ער האָט זיך געלערנט, פאַרענדיקט די מיטלשול. דערנאָך דעם אַרטיקן באַרג־קעראַ־מישן טעכניקום און איז אָנגעקומען אַרבעטן אין באָראָוויטשער קעראַמישן קאָמבינאַט אָף לעניס נאָמען — איינער פון די סאַמע באַוווּ־סטע און פאָרויסגעשריטענע אונטערנעמונגען פון אונדזער געגנט.

שוין העכער פופצן יאָר איז ער א מיט־גליד פון אָט דעם זעלטענעם קאָלעקטיוו. מע שעצט אים דאָ זייער, זיין פאָרטרעט איז אַרויס־געהאַנגען אָפן ערן־טאָוול.

די אַרבעט פון אַן „אַבזשיגאַלשטשיק“ איז זייער א פאַראַנטוואָרטלעכע פּראָפעסיע. מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָט מען אים פאָרגעלייגט ווערן דער מייסטער פון צעך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— פאַרוואָס? — פרעג איך אים.

— דאָ אין צעך, — ענטפערט ער, — זיינען בא מיר פאַראַן זייער גוטע כאַווייריִם און פריינט, און איך האָב ניט געוואָלט צעשיידן זיך מיט זיי. און אויסער דעם, — האָט ער שטיל צו־געגעבן, — איז געווען נאָך א סיבע, מע קאָן זאָגן, די הויפּט־סיבע...

— וועלכע?

— פאַר א מייסטער איז ווייניק זיין בלויז א גוטער ספּעציאַליסט. בעסער זיין א גוטער אַרבעטער, איידער א שלעכטער אָנפירער... מיט וואָס בין איך פאַרנומען נאָך דער אַרבעט, פרעגט איר? כ'האָב זייער ליב צו לייענען, באַ־זונדערס וועגן טעכניק. פאַראַן בא מיר א גאָרטן, כ'פאַרנעם זיך מיט פלאַנצן בלומען...

— וועגן דאַוויד מאַגידס בלומען ווייסט מען ניט נאָר אין באָראָוויטשי, נאָר אפילע אין מאָ־סקווע. ער איז א שטענדיקער אָנטיילנעמער פון די שטאָטישע און געגנטלעכע אויסשטעלונגען פון בלומען. מע האָט עטלעכע מאָל אים איינ־געלאַדן קיין מאָסקווע. די פילצאָליקע גראַמאָ־טעס און דיפּלאָמען זאָגן איידעס וועגן זיינע גרויסע פייקייטן פון א בלומענציכטלער. ער איז אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „ליבהאָבער פון דער נאַטור“.

— און וואָס טוט איר מיט אָט די בלו־מען? — האָב איך געפרעגט.

— איך צעטייל זיי. כ'האָב א סאַך פריינט צווישן די יונגע נאַטוראַליסטן. און כוץ דעם, ווען אין שטאָט פייערט מען יאָמטויווים, מע מערקט אָפּ יובילייען פון כאַשעווע מענטשן, דאַרף מען בלומען. בלומען דערפרייען, און פרייד דאַרפן מענטשן שענקען איינער דעם צווייטן, ניט פאַרקויפן. מיט פרייד האַנדלט מען ניט!

דער מענטש און זײַן צײַט



אויג אף אויג מיט דער מאַשין

נײַע טעכניק



אף די די ראכוועסן פון אונדזער הייםלאנד



דאָ וועט מען ארויסבאקומען נאפט

סיביר. דער טײַך קאָנדא



דער מענטש און זײַן צײַט

מאגניטאָגאָרסק. מע גייט אַף דער ארבעט

אַף דער בײַקאַל־אַמורער מאגיסטראַל

אף די די ראַכוועסן פון אונדזער היימלאַנד



אין פעלד

טיומענער טײַגע

אַלע פאָטאָגראַפיעס — פון וו. אַכלאָמאָוו

געדאליע קאָסאָי

דער מענטש און זײַן צײַט

אָיך בין א געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער. איך פארשפרייט דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, ווי אויך יִדישע ביכער, וואָס קומען אָפּט אָן אין די ביכער־קראָמען פון מײַן ליבער שטאָט וויניצע. דאָס גיט מיר א מעגלעכקײַט צו באקאנען זיך מיט פיל מענטשן. איך האָב גרויס פארגעניגן, ווען כ׳קום ארײַן אין א שטוב מיט א פעקל ביכער און מע באגעגנט מיך ווי א גוטן באקאנטן. בייסמײַסטע געטרויט מען מיר אָן אייגענע פריידן און ליידן. באַבעס באווײַזן פאָטאָגראפיעס פון אייניקלעך און אורייניקלעך, דערציילן וועגן זייערע מײַלעס, לויבן זיי אין טאָג ארײַן. מע פארטרויט מיר סוידעס — ווער מיט וועמען עס כאווערט זיך. איך געזעגן זיך און גיי מיר ווײַטער.

ווי דער שטייגער מײַנער איז, גיי איך צופוס. און אזויווי מײַנע הונדערט און פופציק אבאָנענטן זײַנען צעוואָרפן איבער אלע עקן פון דער שטאָט און פון איינעם צום צווייטן איז פאָלג מיך א גאנג, דענק איך, אז פון אזא אָנשיקעניש, ווי סקלעראָז, בין איך שוין באוואָרנט.

ביכלאל איז זומער־צײַט אין וויניצע גוט צו גיין צופוס. ביימער אף אלע גאסן. עס שמעקט, ווי אין א וואלד. אייניקע הײַזער זײַנען ווי דאטשעס. ארום זיי — סעדער, באם ארײַנגאנג — בלומען.

אף איינער אזא גאס, ניט ווײַט פונעם בוג, וווינט א גרויסער ליבהאָבער פונעם יִדישן וואָרט. דער אכט־און־אכציקיאָריקער פארדינסטפולער לערער און פערסאָנעלער פענסיאָנער פון דער אוקראַיִנישער רעפובליק בענציִען שולמאַן.

באגעגנט האָב איך אים ניט ווײַט פון זײַן וווינונג — א הויכן, א שטאלטנעם, מיט א בענימעסדיקן שמייכל אף זײַן האדראס פּאָנעם, אָנגעטאָן ספּאָרטסמעניש אין דזשינסן און אין א טעניסקע. אין די הענט האָט ער געהאלטן אָן אוואָסקע מיט זאכן, וואָס האָבן א שײַכעס צו באָדן זיך.

א פארגאפטער, בין איך געבליבן שטיין פונדערווײַטן און באוואונדערט אָט דעם זאָקן.

— אָ! רעב מענדעלע, ווו איז אײַער בויד? — האָט ער גוטמוטיק א שפּאס געטאָן. ער איז צו מיר צוגעגאנגען, אָפּגעגעבן א ברייטן שאָלעם־אלייכעם און א זאָג געטאָן:

— יעדן פרילינג, ווי נאָר עס פאטשט אויס דער ערשטער ווארעמער רעגן, בין איך שוין אין טײַך, און באָדן באָד איך זיך ביז די ערשטע פרעסט. עמעס, עס איז שוין ניט דאָס, וואָס כ׳האָב געקאָנט טאָן, ווען איך בין אלט געווען זיבעציק, דאן פלעג איך איבערשווימען דעם טײַך אהין און צוריק. איצט באנוגן איך זיך מיט פליוסקען זיך באם ברעג, ווײַל אל טיפטאף פע לעסאָטן, איך קאָן נאָך, איידער ס׳וועט זײַן א פולע מייע, איבערלאָזן מײַנע אייניקלעך און אורייניקלעך אָן א זיידן.

און צוגעגעבן:

— אין 1975 איז איך עלטער פון אריבער הונדערט יאָר געשטאָרבן דער באוווסטער געלערנטער זאכאר פרענקעל. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א סאָלידע מאָנאָגראפיע אונטערן קעפּל „אקטיווע עלטער“. דאָס הייסט, אז מענטשן, ניט אָפּהענגיק פון זייער פּראָפעסיע — דער שווארצארבעטער מיט דער לאָפּעטע, דער געלערנטער אין לאבאָראטאָריע און דער קינסטלער מיטן פענדזל — באדארפן זײַן אקטיוו, דער מויעך, באגלײַך מיטן קערפּער, דארפן זײַן מיט עפּעס פארנומען. נאָר איך בין דאָך שוין א פענסיאָנער, פיל איך אויס פרענ־

קעלס לערע אין דער היים: אין שטוב לייען איך, אין גאָרטן יעט איך און אין טײַך שווים איך... און איצט, רעב מענדעלע, — האָט ער מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם, — קומט ארײַן צו מיר אין וויגוואם, וועט איר אויסלייגן אײַער איניען צו מיר.

באגעגנט האָט אונדז זײַן ווײַב ווערע, א הויכע, שלאנקע גראָווע פרוי. די לינקע האנט איז בא איר געווען איבערגעבונדן. מיט א מילדער, ווייכער, קימאט קינדערישער שטים האָט זי דעם מאן געמאכט אן אויסרייד, האלעמײַ ער פארגעסט דעם אדרעס צוריק, ווען ער גייט זיך באָדן.

בענציען האָט זיך, קלוימערשט, אנטשולדיקט, באמערקט, אז ווען ווערע גריגאָריעוונע וואָלט זיך ניט געווען צעשעדיקן א האנט, וואָלט זי ביכלאל גענעכטיקט באם טײַך. לויט זײַן מיינונג, קאָן זי נאָך איצט זײַן א רעקאָרדסמענקע.

בענציען שולמאן האָט אין וויניצע א שעם פון א גרויסן ערודיט. ער איז באהאוונט אין פיל געביטן, וואָס האָבן א שײַכעס צו ליטעראטור, טעאטראלער קונסט, מאָלערײַ. ער נוצט זיך מיט פראנצויזיש, איווריט, דײַטש, לאטײַן. א מענטש — אן ענציקלאָפּעדיע, שמועסט מען.

צו אָט דעם מענטשן בין איך אָן אָפּטער ארײַנגייער. און יעדעס מאָל קלאפּט דאָס הארץ פון יִיראס־האקאָוועד. שולמאן לייענט אויסווייניק גאנצע קאפּיטלען פונעם טאנאך, ציטירט אָן שום אָנשטרענגונג אויסצוגן פון שעקספּירן, ביאליקן, פּערעצן, שאָלעם־אליינכעמען, לויבט אָדער קריטיקירט מיט דער נייטיקער קאָמפּעטענץ ארויסגעזאָגטע האשאָרעס פון געלערנטע. ווי קומט עס צו אים? ווען דאָס ווײַב איז געווען אין קיך, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן מיר אנטדעקן דעם סאָד.

שולמאן האָט, ווײַזט אויס, אף דעם זיך ניט געריכט, געוואָרן ערנסט, זיך פארטראכט. בעהאדראָגעדיק האָט אף זײַן פּאָנעם זיך צעגאָסן א שמייכל, און ער האָט א זאָג געטאָן:

— יאָ, מײַן פרײַנט, די פראגע איז א גערעכטע. נאָר קעדיי כאָטש אין א געוויסער מאָס ענטפערן אף איר, דארף איך אָנהייבן פון ברייטשיס...

געבוירן איז ער אין 1892 אין שטעטעלע באָסאָוויטש, לעם האָמעל. זײַן טאטע איז געווען א מעלאמעד, איבעם גלויבן א פאנאטיקער. די מאמע האָט געבוירן עלף קינדער. נײַן זײַנען געשטאָרבן פון נויט און שלאפקײַטן, געבליבן איז בענציען מיט א שוועסטער. צו פיר יאָר גיט מען אים אָפּ צום דארדעקע־מעלאמעד, וועלכן מע האָט גערופן איטשע דער נאר. דער טאטע האָט געוואָלט, ער זאָל ווערן א ראָוו, אָדער, אמווייניקסטנס, א שויכעט.

אין א צײַט ארום פאָרט די מישפּאָכע אריבער קיין סנאָווסק, טשערניגאָווער גובערניע. דאָרט האָט בענציען פאָרגעזעצט זײַן בילדונג. צו דרײַצן יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן פארטראכטן וועגן די ווידערשפּרוכן און פלאָנטערנישן אין דער גאנצער רעליגיִעזער לערע און אָנגעהויבן זוכן וועגן צו וועלטלעכע וויסנשאפטן. דער פאָטער איז אָבער באשטאנען אף זײַנעם. נאָך דעם, ווי ער האָט געהאט מיטן טאטן א הארבן וויקועך, האָט ער זיך גענומען צו זעלבסטבילדונג — דערלערנט די רוסישע שפּראך, מאטעמאטיק און אנדערע געגנשטאנדן, וועלכע מע דערלערנט אין גימנאזיע. צו זעכצן יאָר האָט ער שוין אליין אָנגעהויבן געבן לימודים פאר פופציק קאָפּעקעס א כוידעש. אין 1911 האָט ער געדארפט אָפּגעבן עקסטערן פארן אכטן קלאס, נאָר עס איז ארויס א צארסקע אוקאז, אז יִידן, אפילע עקסטערניקעס, טאָרן ניט צוגעלאָזט ווערן צו די עקזאמענעס.

— וואָס זשע טוט מען ווײַטער? — ווענדט זיך צו מיר מיט א ריטאָרישער פראגע שולמאן. — ווערן א קאָמיוואָיאזשאָר האָב איך ניט געוואָלט. ס'איז ניט געווען מײַן בארוף, האָב איך אָנגעהויבן ארומבלאָנקען פּוסט־און־פּאס, געשלאָגן בײַדעקעס. אזוי, מײַן ליבער פרײַנט, זײַנען דעמלט פארשווונדן מײַנע איליוזיעס אף צו קריגן בילדונג...

אין גראָדנע האָבן זיך געעפנט דרײַיאָריקע קורסן אף צוגרייטן לערער פאר יִידישע שולן. בענציען שולמאן איז אוועק אהין און איז אָנגעקומען אף די קורסן. נאָר דאָ הייבן זיך אָן נײַע צאָרעס. אין 1915, אין סאמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָט מען גענומען טרײַבן די יִידן פון די בײַפראָנט־מעקוימעס. אלט און יונג איז געלאָפן, וווהין די אויגן טראָגן. פיל זײַנען אוועק קיין טיף ראסיי. בענציען שולמאנען איז אויך אויסגעקומען צו טיילן דעם גוירל פון די אומגליקלעכע פּליטים. פון גראָדנע האָט מען אים געהייסן זיך פארנעמען. די קורסן זײַנען זיך צעפאלן. שולמאן האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין סנאָווסק. ארבעטן איז ניט געווען ווו. ניט געווען ווו אָנווענדן זײַנע יונגע קויכעס. ווידער האָט ער ארומגעבלאָנקעט פּוסט־און־פּאס און געזוכט א מיטל צום לעבן.

אין סנאָווסק האָט צו יענער צײַט זיך באזעצט א לערער פון ווארשע, וועלכער האָט גע־

האָט פאַרבינדונגען מיט אַ מאָסקווער פֿילאַנטראָפּישער אָרגאַניזאַציע אָף צו העלפֿן פּליטים. ער האָט אַהין אָנגעשריבן וועגן דעם, אַז ער און שולמאַן זײַנען גערן צו אָפּגעבן זיך דער הילפס־אַרבעט, און מע האָט זיי אַרויסגעפּאָדערט. דעם לערער האָט מען באַשטימט פֿאַר פֿאַרוואַלטער און שולמאַנען פֿאַר דערציִער אין אַ קינדערהיים הינטער מאָסקווע. זיי האָבן אָפּגעגעבן פֿיל מי אָף צו ברענגען דעם אַנשטאַלט אין אָרדענונג. מע האָט די קינדער באַדאַרפֿט אָנטאָן, האָדעווען און לערנען. די אַרבעט האָט שולמאַנען פֿאַרכאַפּט, ער איז ווי צוגעוואַקסן צו די קינדער, פּונקט ווי די קינדער צו אים. אַלץ האָט ער געפּועלט בײַ זיי נאָר מיט גוטן, אָן באַפֿעלן, אָן באַשטראָפֿונגען. די קינדער האָבן אים געגלייבט און ליב באַקומען.

בענציִען שולמאַן האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, זיך אופֿגעהויבן פֿונעם שטול, אויסגעקנאַקט די ביינער, עטלעכע שפּאַן געטאָן איבערן צימער, זיך צוריק אוועקגעזעצט און דערציילט ווײַטער:

— אינגיכן האָב איך דערפֿילט, אַז עס פֿעלט מיר וויסן, אַלגעמיינע אַנטוויקלונג. מע דאַרף פֿאָרזעצן זיך לערנען. אָנקומען אין מעלוכע־אוניווערסיטעט האָב איך ניט געקאָנט איבער דער פּראָצענט־נאָרמע פֿאַר ייִדן. אָבער דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין מאָסקווע איז פֿאַראַן אַ שטאָטישער אינסטיטוט, וווּהין עס איז דאָ אַ מעגלעכקײַט זיך „דורכצורײַסן". איך האָב אויסגעקליבן דעם היסטאָריש־פֿילאָסאָפֿישן פֿאַקולטעט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַרן לערנען האָט מען געדאַרפֿט צאָלן. דעריבער האָב איך בײַם האַלבן טאָג געאַרבעט אין קינדערהיים, דערנאָך זיך געלערנט. פֿיל געזונט פֿלעגט מיר קאָסטן דאָס דערקלײַבן זיך אַהין און צוריק.

— פֿאַר מיר, אַ מענטש פֿון דער פּראָווינץ, — זעצט פֿאָר שולמאַן, — וועלכער האָט קיינמאָל זיך ניט געלערנט סטאַציִאָנאַר, איז יעדע לעקציע געווען אַן אַנטדעקונג, און ווי אַ שוואָם האָב איך אײַנגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט פֿונעם לעקטאָר. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט מען אין אינסטיטוט געעפֿנט אייניאָריקע פּעדאַגאָגישע קורסן, און איך האָב אויך זיי אָנגעהויבן באַזוכן. אָנגעפֿירט מיט די קורסן האָט דער פּראָפֿעסאָר בלאָנסקי. זײַן אַודיטאָריע איז שטענדיק געווען איבערפֿולט. בלאָנסקי איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אַ גרויסער ערודיט און אַ גלענצנדיקער פּעדאַגאָג. די לעקציעס זײַנע האָבן געהאַט די פֿאָרם פֿון כאַווערישע שמועסן. דאָס איז געווען אַ מײַנונגס־אויסטויש אַרום דער אָדער יענער פּעדאַגאָגישער פּראָבלעם. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט דער וועלט־אויפֿפֿאַסונג פֿון באַוווּסטע פּעדאַגאָגן, פֿון די סאָציִאַליסטן־אוטאָפּיסטן און פֿראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, מיט די פּעדאַגאָגישע אידייען פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָ, בײַ בלאָנסקין, איז געגעבן געוואָרן גאָר אַן אַנדער אינטערפּרעטאַציע, ווי אָף די קורסן אין גראָדנע. זי האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציִאַלע באַפֿאַרבונג און האָט אַנטהאַלטן שאַרפֿע קריטיק פֿון די נאָך פֿאַרהיטע עלעמענטן פֿון מיטלאַלטערלעכע יעזויִטישע מעטאָדן פֿון דערציִונג, וואָס עס האָט אין לעצטן רעזולטאַט באַטײַט באַוויליקונג פֿון די פּראָגרעסיווע טעאָריעס.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט בענציִען שולמאַן באַגעגנט מיט גרויס באַגײַסטערונג. עס האָט זיך פֿאַר אים געעפֿנט אַ נײַע וועלט. אין 1918 האָט ער באַשטימט זיך אומקערן קיין סנאָווסק. דאָרט האָט ער אָרגאַניזירט אַ האַנטווערקער־שול, אין וועלכער ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ לאַנגע צײַט. זומער 1927 האָט אים דער פֿאָלקאָמבילד פֿון אוקראַיִנע באַשטימט אַלס דירעקטאָר פֿון אַ שול אין באַרדיטשעוו. אײַנצײַטיק איז ער הינטער־אויגיק אָנגעקומען אינעם קיִעווער פּעדינסטיטוט און אין 1931 אים פֿאַרענדיקט.

— אין באַרדיטשעוו האָט מיר אָפּגעגליקט, — דערציילט ער ווײַטער, — איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ כאַווערישן קאָלעקטיוו פֿון באָכערים און מיידלעך, וועלכע האָבן אָקאָרשט פֿאַרענדיקט פּעדאַגאָגישע הויכשולן. זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט באַגײַסטערונג און פֿלײַס. אויך מיטן קינדער־קאָלעקטיוו האָב איך זיך באַפֿרײַנדעט. ס'איז געווען אַ פֿאַל, ווען צוויי יאַטן, דאַפֿקע גאַנץ ווילדע, האָבן פֿון דער שול־ביבליִאָטעק אַרויסגעטראָגן עטלעכע יאָרגענג פֿון צײַטונגען. ווי עס האָט זיך דערנאָך אויסגעקלאָרט, האָבן זיי די צײַטונגען אויסגעביטן אין אַ שפּײַז־קראָם אָף הערינג און ברויט. אייניקע לערער פֿונעם פּעדאַגאָגישן ראַט זײַנען באַשטאַנען, מע זאָל זיי שטרענג באַשטראָפֿן, נאָר איך האָב געהאַלטן, אַז מיר זײַנען אויך אין אַ געוויסער מאָס שולדיק. מיר מוזן וויסן, אין וואָס אונדזערע דערציִגלינגען ניטיקן זיך. אייניקע קומען אין שול הונגעריקע, און מיר קאָנען זיך ניט באַציִען צו דעם גלײַכגילטיק. איך האָב דערנאָך אויג־אָף־אויג זיך דורכגעשמועסט מיט די קינדער, זיי געווייצעט איך אַ נויט זיך ניט שעמען און זיך ווענדן צו מיר.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז איינער פון די יאַטן געוואָרן אין דער צוקונפט אַן אָנגעזעענער געלערנטער. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייַט זיך נאָכאַמאָל איבערצייַגן, אַז אין פּעדאַגאָגיק דאַרף דאָס האַרץ, די גוטסקייַט נעמען די אויבערהאַנט.

ווערע גריגאָריעוונע, וועלכע איז געהאַט אַוועק פון שטוב, האָט זיך אומגעקערט מיט אַ קוישל, אַ פרייַלעכע, אַ צופרידענע, זיך באַרימט, אַז עס האָט זיך איר אייַנגעגעבן קריגן טריסקאַווקעס, נאַרוואָס פון גאָרטן. זי האָט טאַקע באַלד זיי איבערגעוואַשן, איבערגעשאָטן מיט צוקער און דערלאַנגט צום טיש.

— איצט, אַז מיר האָבן איבערגעכאַפּט, וועט דער אייסעק גייַן גיכער, — האָט שולמאַן אַ זאָג געטאָן און פאָרגעזעצט: — אין 1934 האָט מען מיך פון בערדיטשעוו איבערגעפירט קיין ווינניצע אויף אַרבעט אין דער פּעדאַגאָגישער שול, און ביז דער מילכאָמע האָב איך דאָרט אָפּגעאַרבעט. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט מען מיך און די מישפּאָכע עוואַקוירט אין דער אָרענבורגער געגנט, ווו איך בין געווען אינספּעקטאָר פונעם ראַיבילד־אָפּטייל אין בורטינסקער ראַיאָן. ווי נאָר אונדזערע טיילן האָבן אָפּגענומען קיִעוו, האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום מיך אַרויסגעפאָדערט קיין אוקראַיִנע, און איך בין געוואָרן פאַרוואַלטער פונעם פּעדאַגאָגישן אָפּטייל אין דעם ווינניצער אינסטיטוט פאַר פאַרפולקומען און העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לערער. אייַנצייַטיק האָב איך געלייענט לעקציעס איבער פראַגן פון פּעדאַגאָגיק, פילאָסאָפיע און לאָגיק. מע האָט אויף מיר אויך אַרויפגעלייגט די היסכייַוועס — טיי־

קעף זיך נעמען אָרגאַניזירן קינדערהיימען פאַר יעסוימים פון דער מילכאָמע. ס'איז מיר איצט צוניץ געקומען מייַן לאַנגיאָריקע פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג. איך האָב באַדאַרפט גרייטן דערציִער, שאַפן לערנביכער און לערן־מאַכשירים. דאָ, אין די קינדערהיימען, האָב איך אויסגענוצט מאַקאַרענקאָס סיסטעם פון דערציִונג — געגעבן די דערצויגלינגען איניציִאַטיוו פאַר זעלבסט־אויפירונג, זיי פאַרטרויט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן.

אין 1947 האָט מען שולמאַנען צוגעייגנט דעם טיטל פאַרדינסטפולער לערער פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק, און אין 1954, פאַר לאַנגיאָריקער אומדערמידלעכער אַרבעט, איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. אין עלטער פון 76 יאָר איז ער אַוועק אויף פּענסיע.

— אָט, ווי איר זעט, מייַן ליבער פרייַנט, — האָט שולמאַן מיט האַרץ אַ זאָג געטאָן, — האָב איך מייַן וועלט ניט אָפּגעלייַדאַקעוועט. איר ווילט מינאַסטאַם אויך וויסן, ווער עס זייַנען מייַנע יאָרשים. מייַן טאָכטער עלאַ איז אַ דאָקטער. דער איידעם, אַרקאַדי קראַקאָווסקי — אַ פּראָפעסאָר, אַ כירורג. זיי וווינען אין קעמעראָוואָ. זייערע צוויי זין אַרבעטן אין מאָסקווע, אין קאַרדיִאָלאָגישן אינסטיטוט. אַלעקסאַנדער איז אַ קאַנדידאַט פון מעדיצינישער וויסנשאַפט, אינגיכן וועט ער פאַרטיידיקן זייַן דאָקטאָרסקע דיסערטאַציע. דער ייִנגערער — איליאַ, איז אַן אַספּיראַנט, גרייט אַ קאַנדידאַטסקע. איך פאַרמאָג אויך אוריינִיקלעך. און לאָמיר גלייבן, אַז מייַנע יאָרשים וועלן מיך ניט פאַרשעמען, פּונקט ווי איך זיי.

■ ■ ■

יוסעף בורג

אנושקא

דאָס איז פאַרגעקומען מיט אַ יאָר דרייַסיק צוריק אין די ערשטע פרילינג־טעג, ווען עס בייַטן זיך די ווינטן.

אנטקעגן מייַן פענצטער, אינעם געדיכטן לאַבירינט פון אַ ניי־געבוירענער גאַס, וואָס שמייכלט מיט בליקן פון פרידלעכער רו, האָט מיט אַ ווארעמער גרוילעכער ווייַטקייַט פון גלאָז און גראַניט אויפגעלויכטן אַ שפּאָגל־נייַע געבייַדע.

נאָך נעכטן זייַנען אף דעם זעלבן אָרט געשטאַנען דרייַ קליינע הייַזלעך, ארומגעצוימטע מיט אַ שווארצן צעפּרעסענעם פּאַרקן. זיי האָבן, ווי אוועקגעוואָרפענע, זיך געטוליעט אין עפּעס אַ פאַרקלעמטקייַט פון אַן אָפּגעלעבט לעבן און געשראָקן מיט אויסגעלאָשענע פענצטער־לעכער.

האָט אין איינעם אַ טאָג זיך דערהערט אַ שווער געקלימפּעריי פון אייַזן און אַ רייַסנדיקער גערויש פון מאָטאָרן. עס זייַנען אָנגעפאָרן בוי־מאַשינעס מיט מעכטיקע הייבקראַנען. זיי האָבן פאַמעלעך און ריטמיש צעוואַלגערט די דרייַ אלטע הייַזלעך, און איך האָב דורך מייַן פענצטער צוגעזען, ווי עס פאַלן איין די שווערע פאַרצייַטיקע ווענט און ווי עס קרישלען זיך סוידעס פון ווייַטע און פרעמדע לעבנס.

דערנאָך האָב איך יעדן טאָג געציילט די אויסגעגלייַכטע רייען ציגל, וואָס בויער אין געלע און רויטע קאַסקעס האָבן מיט אַ ריטמישער אויסגעמאָסטנקייַט געלייגט מייַסטעריש־געשיקט. איך האָב געציילט די שטאָקן, וואָס זייַנען געוואַקסן, און מיט אַלע מייַנע כושים נאָכגעפאָלגט דעם וווּקס, וואָס האָט געוועקט אין מיר עפּעס אַ דערהויבן געפיל פון אַ פייַערלעכער שאַפונג, גלייַך איך וואָלט אין אָט דער בויונג אַרייַנגעמויערט מייַן אייגענעם ציגל.

איצט קוק איך שאָענווייַז אַרויס צו די גרויסע פירקאַנטיקע, שפּיגלענדיקע פענצטער־שויבן. אין די אָוונטן צינדן זיך אָן אין זיי געלע, גרינע און בלוילעכע פייַערלעך, פאַרשיידענע, ווי מענטשלעכע גויראָלעס. איך זע, ווי צווישן מאַשינעס און קאָנווייערן ווימלען אַרום פרויען־געשטאַלטן אין ווייַסע כאַלאַטן, שווימען אין דער נייַקייַט פון די צעכן מיט עפּעס אַ יוגנטלעכער צעשפּילטקייַט, ווי אין אַ טאַנץ.

איך ווער ביסלעכווייַז אַ שותּף צו דעם ריטם פון די ווייַסע סילועטן. ווער אין אַ שפּיל אַרייַנגעצויגן אין זייערע רירעוודיקע, אויסגערעכנטע באַוועגונגען. איך פאַרבינד זיך מיט זיי פונדערווייַטנס, ניט נאָר מיט די אויגן, און הייב אָן פילן די פרייד פון זייער מי.

אומבאַקאַנטע מענטשן, וועגן וועלכע איך ווייס גאָרנישט ניט, פונקט ווי זיי ווייסן גאָרנישט ניט וועגן מיר.

איינע קען איך אָבער יאָ.

איך האָב זי צופעליק באַגעגנט אין גאַס, ניט ווייַט פון דער פאַבריק. די דיסטאַנץ, וואָס האָט אונדז צעטיילט, איז געווען אַף אַזויפיל קליין, אַז איך האָב געקאָנט באַמערקן די לייַכטקייַט, מיט וועלכער זי האָט פרייַ און גראַציעז געטראָגן איר שלאַנקן קערפּער, מיט בליענדיקער יונגקייַט, סייַ די דינע שטריכן פון איר פּאָנעם, אויסערלעך קאַלט, אינערלעך אָבער, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, באַהערשט פון אַ צוריקגעהאַלטענער קראַפט. ליכט און שאָטן האָבן רעליעף געצייכנט איר האַלבן פּראָפיל, און קוילשווארצע, שטרענג פאַרקעמטע האָר, מיט העלע טיף־בלויע אויגן, ווי געשליפענע שטיינדלעך, האָבן געשאַפן אַ וווּנדערלעכן קאָנטראַסט.

זי האָט פאַרבייַגעשוועבט מיט אַ פעדערנדיקן גענגעלע, מיר צוגעוואָרפן אַ לויטערן, ריינעם, ניט־דאַיקן בליק און פאַרשוווּנדן, ניט אומקוקנדיק זיך.

איצט ווייס איך, אַז מע רופט זי אנושקא. זי אַרבעט אין אָט דער פאַבריק, פירט אָן מיט

א בריגאַדע און איז דעפּוטאַט פֿונעם ראַיאָנישן אויספּירקאָמיטעט.

פֿונוואַנען ווייס איך?

ס'איז געקומען דער ערשטער מײַ. א יונגע זון האָט מיט רויִקן גאָלד געטאַנצט אין די אַנטקעגנדיקע שויבן פֿון די אייבערשטע עטאַזשן. ליכט האָט זיך געגאָסן און באַגאָסן אַלץ און אַלעמען. פֿענעמער, טראָטוארן, צעבליטע צווײַגן פֿוןביימער, און די גאַנצע פֿאַבריק האָט זיך אַזוי צעליכטיקט און צעשײַנט.

אין גאַס האָט אַן אויסגעפּוצטער אוילעם, אין העלע, בונטע קליידער, געקאָכט, געיובלט. יונגע פּאָרלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט אינעם ריטם פֿון א ראַכוועסדיקער, דינאַמישער טאַנץ־מוזיק. די קאָלירן האָבן זיך געביטן מיט א מוירעדיקער שנעלקײַט, געמאַכט דעם יאָמטעוו ענלעך צו א פֿילפֿאַרביקן קאַרנאַוואַל, און דאָס לעבן האָט מיט א ראַשיקער פֿריילעכקײַט זיך געוויגט און אַרויסגעשריִען פֿון יעדן טראָט.

איך האָב צווישן אוילעם דערזען מײַן „באַקאַנטע“. זי האָט מיט עפּעס אַן אַרטיסטישער באַוועגלעכקײַט זיך געדרייט אין די אָרעמס פֿון א געזונטן באָכער מיט א קרעפּטיקן קערפּער און פֿעסטע פֿיס. אָט האָט ער זי אָפּגעשטויסן פֿון זיך, האַלטנדיק אין זײַנע פֿויסטן איר רעכטע האַנט, און אָט האָט ער ווידער זי צוגעצויגן. דערבײַ געטאָפּטשעט מיט די קנאַפּל צום טאַקט פֿון דער מוזיק אַזוי, גלײַך ער וואָלט מיט זײַנע פֿיס געפּרוווט אײַנברעכן דעם אַספֿאַלט.

פּלוצעם האָט אין די אַלע טומלען און טענץ זיך אַרײַנגעריסן א מענעריש קאָל, ווײַט צעטראָגנדיק:

— צום מיקראָפֿאָן ווערט געבעטן דער בריגאַדיר... דעפּוטאַט... אַנאַ איסאַקאָוונאַ... (דעם פֿאַמיליע־נאָמען האָט דער דיקטאָר אַף א העלפֿט פֿאַרשלונגען).

א שטורעם פֿון אָוואַציעס האָט אויסגעבראָכן, זיך צעהילכט. דער פֿעסטער באָכער האָט אָפּגעלאָזט זײַן מיידל, וואָס איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן, ווי פֿון א רעגנבויגן. און זי איז געשטאַנען אין דער אַרומרינגלונג עפּעס ווי א פֿאַרשעמטע, גלײַך מע וואָלט אַנטפּלעקט איר א סאָד, כאָטש עס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז דאָ, צווישן אָט די מענטשן, פֿילט זי זיך ווי א באַלעבאָסטע.

— אײַדאַ, אַנושקאַ!

אַן עראָפּלאַן האָט זיך אופֿגעהויבן פֿונעם שכייבישן עראָפּאָרט, געמאַכט א קרײַז איבער דער גאַס, ווי ער וואָלט אַלעמען באַגריסט מיטן יאָמטעוו, און בײַטנדיק דעם טעמבער פֿון זײַנע מאָטאָרן, זיך א הייב געטאָן צו די הימלען.

...דעמלט, מיט פֿערציק יאָר צוריק, איז אויך געווען אַזאַ זוניקער טאָג. א ווייכע, שטילע לייטיקײַט איז געלעגן צווישן הימל און ערד און זיך צעלאָפֿן אין א בלויער ווײַט. מיטאַמאָל האָט אין דער קלאָרקײַט פֿון די הימלען „פֿאַרבלאָנדזשעט“ א דײַטישער פֿליִער און ווי א רויבפֿויגל אַרומגעקרײַזט איבער דער ערד, האָגלענדיק מיט טויט. און מענטשן זײַנען צווישן פֿלאַצנדיקע פֿײַערן געלאָפֿן אין א בעהאָלעדיקער פּײַן.

קורץ אָבער איז געווען זײַן גייעג נאָך מענטשלעכע לעבנס. פֿון ערגעץ א זײַט איז אָנגעפֿלויגן א צווייטער עראָפּלאַן. ער האָט געטראָגן נעקאָמע פֿאַר דעם צײַטווײַליק פֿאַרשוועכטן לעבן. און באַלד איז מיט א שפּיציקן פֿײַף געפֿאַלן צו דער ערד דער פֿײַנטלעכער באָמבאַרדירער, אײַנגעהילט אין א שוואַרצן געדיכטן שוואָם פֿון רויך.

קאָן געמאָלט זײַן, אַז אין דעם הײַנטיקן זוניקן מײַ־טאָג פּילאָטירט דעם עראָפּלאַן פֿון אונדזער ציווילער אוויִאַציע דער זעלבער פֿליִער, איצט שוין אין די יאָרן, און זײַן „אַנושקאַ“, מיט צענדליקער מענטשן אָפּן באָרט, שווימט פֿרײַ אין די פֿרידלעכע הימלען...

— אײַדאַ, אַנושקאַ...

און די ראַדיאָ האָט צעטראָגן אין אַלע עקן א יונגע, אָפֿנהאַרציקע, מיידלשע שטים. זי האָט דערציילט וועגן ערשטן מײַ, וועגן דערגרייכונגען אַף דער פֿאַבריק. דערציילט מיט פּאָשעטע, שוין צום וויפֿלטן מאָל באַנוצטע ווערטער, נאָר הײַנט האָבן זיי געקלונגען פֿאַרכאַפּנדיק, יאָמטעוודיק און שטאָלץ...

ווו א בליץ האָבן אין מײַן זיקאָרן אופֿגעהעלט מײַנע אייגענע יונגע טעג, דערמאָנט אַן אַנדערן ערשטן מײַ, מיט פֿאַרפֿאָלגונגען, אַרעסטן און בלוטיקע פֿאַרהערן. עס האָבן זיך אויסגעשטעלט פֿאַר די אויגן יענע געקומענע פֿון קעלערס און בוידעם־שטיבער אײדעלע, שרעקלאָזע טרוימען, וועלכע האָבן אין פֿינצטערע נעכט, אונטער שטעכיקע בליקן פֿון פּאָליציי און געהיים־אַגענטן צעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס און פֿאַרזייט קערנדלעך פֿון א נײַעם וועלט־באַנעם אין דעם פּרוכטבאַרן באָדן פֿון נויט און עקספּלואַטאַציע...

נאָך יענעם מײַ האָב איך אַנושקען אָפֿט געזען דורך מײַן פֿענצטער. איך האָב שוין געוווּסט פּינקטלעך, ווען זי גייט צו דער אַרבעט. לויטן אויסדרוק פֿון איר פּאָנעם האָב איך געלייענט איר שטימונג. עס האָט אויסגעזען, ווי צווישן מיר און אָט דעם יונגן שלאַנקן מיידל האָט זיך אײַנגעשטעלט עפּעס א געשלאָסענע נאָענטקײַט. און איך בין פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון א שפּיל אָן ווערטער.

אין איינעם א הייסן זומערדיקן פֿאַרנאַכט האָב איך באַמערקט, ווי לענגויס דער פֿאַבריק שפּאַנט אַרום, עטוואָס א פֿאַרטראַכטער, א הויכער יונגערמאַן, מיט רויטלעכע צעפּאַטלטע

האָר, ברייטע פּלייצעס און שנעלע אומרויִקע באַוועגונגען, וואָס דערציילן וועגן אַ סאַך ענערגיע און פלינקייַט. די אונטערגייענדיקע זון האָט צעשפּרייט איבער זייַן קאָפּ, אויף זייַן גאָלדיק אָפּגעברענט פּנים אַ רויטע נעץ, און די האָר האָבן דערפון באַקומען אַ קאָליר, ווי פון פייַער.

אים האָט געקענט אַ האַלבע שטאָט.

ער איז געווען אַ באַוווּסטער פוטבאָליסט. און ווען ער האָט געיאָגט מיטן שוואַרץ־ווייַס געקעסטלטן באָל איבערן גרינעם פעלד, האָט זיך געטראָגן, ווי אַ ווינט, איבער די טריבונעס פונעם סטאַדיאָן אַן אויפגערעגטער אומרו, מיט אַ טופּערייַ פון טאַנצנדיקע פיס און מיט אַ יאַם פון סווישטשענדיקע קוילעס:

— ניומאַ, דאַווייַ!

און ניומאַ האָט אין אַ לייַכטן געלויף, ווי אַ יונגער הירש, זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און געפלאָנטערט מיטן באָל, גלייַך ער וואָלט מיט די פיס געפלאָכטן אַ זעלטענעם אויזאָר.

אויף וועמען וואַרט ער?

מיטאַמאָל האָט ווי אַרויסגעפלאָנטערט פונעם פאַבריק־טויער אַנושקאַ, אין אַ העל קליידל אָן אַרבל, לייַכט וויגנדיק זיך אויף אירע הויכע, שלאַנקע פיס. ניומאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן איר אַנטקעגן, און אַ שטילע ליכטיקייַט האָט אויפגעלויכטן אויף זייַן פּנים, גלייַך ער וואָלט ערשט איצט דערזען, וואָס פאַר אַ בייגעוודיקע און לייַכטע זי איז.

נאָר פאַרוואָס האָט זי זיך ניט אָפּגעשטעלט? פאַרוואָס איז זי אַריבער די גאַס, ווי קיינער וואָלט גאָר אויף איר ניט געוואַרט? גיי ווייס דעם קאַפּריז פון אַ יונג שיין מיידל, ווען איר לעבן גייט אַריבער אויף נייַע רעלסן...

ניומאַ האָט אַ ווייַלע איר נאָכגעקוקט ייִנגלש אָפן, נאָר מיט אַ מענערישער אָנגעשטרענגטער זשעדנעקייַט. זייַן פּנים האָט פאַרצויגן אַ קרומע גרימאַסע. און מיר איז עפּעס אומעטיק געוואָרן דערפון, וואָס ער, אַ ליבלינג פון טויזנטער מענטשן, איז עפּעס אַ פאַרשעמטער אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אָבער ווידער געקומען. ווידער געוואַרט. דאָס מאָל איז זי אַרויס פון דער פאַבריק אַ הייטערע, אויפגעלייגטע. זי האָט אַ קוק געטאָן אין זייַן זייַט. איר בליק איז געווען אַ וואַרעמער. זי האָט געשמייכלט צו אים מיט דער ווייַסקייַט פון אירע ציין. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט פון אירע ליפּן שוין ניט פאַרשווינדן דער זאַפטיקער שמייכל. ס'וועלן מער ניט פאַרלאָשן ווערן די צערטלעכע פייַערלעך אין אירע טיףבלויע אויגן, ווי געשליפענע שטיינדלעך. און איך בין פונדערווייַטנס געוואָרן אַ דריטער אין דער שיינער באַציינטער שפּיל פון בענקשאַפט און ליבע.

פּלוצעם איז אַנושקאַ פאַרשוווּנדן.

עס איז אַוועק אַ כוידעש, אַ צווייטער, איך האָב זי געזוכט מיט מייַנע בליקן טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, זיך געפילט ווי פון עפּעס באַרויבט. אַ טיפע זאָרג האָט זיך אַרייַנגעגאַנוועט אין מייַן געמיט, און אין די גרויסע פירקאַנטיקע פענצטער האָט מיט פּאַסן ווייַסלעך גאָלד אַרייַנגעקוקט אַ מילדע סאָף־זומערדיקע זון. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זוכט אויך מיט אירע שטראַלן דאָס יונגע מיידל.

אין אַ צייַט אַרום האָב איך צופעליק באַגעגנט ניומען. איך האָב אים אָפּגעשטעלט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, און זיך דערוווּסט, אַז אַנושקאַ איז געשיקט געוואָרן אויפן כעזשבן פון דער פאַבריק קיין לענינגראַד זיך לערנען אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרייַן שייַנט די פאַבריק־געבייַדע מיט אַלערליי פייַערלעך, פאַרשיידענע, ווי מענטשלעכע גורלות. און איך קוק אַרייַן אין די העל באַלויכטענע פענצטער, וווּ אויף יענער זייַט לעבט פאַר מיר עפּעס אַ סוידעסדיק אומבאַוווּסט לעבן, פול מיט אינטערעס און באַדייַטונג.

• • •

גריגאָרי רעזניטשענקאָ

אַלץ, וואָס איר ווייס

אווטאָגראַפן

ס'איז געווען מיט אַ לענגערער צײַט צוריק. אויב פּינקטלעכער, איז מיט ניט פולע איין און צוואַנציק יאָר. דער אַלפאַרבאַנדישער פּערצנטער צוזאַמענפאָר פון קאָמיוג איז פאָרגע־קומען אין אַפּרעל כוידעש, אין טעג, דערווײַטעטע אַף אַ יאָר פון יורי גאַגאַרינס סטאַרט אינעם קאָסמאָס. אין אווגוסט פונעם איין־און־זעכציקסטן יאָר איז פינף און צוואַנציק שאָ אַף דער ערד־אָרביטע געווען גערמאַן טיטאָוו, גאַגאַרינס דובליאָר. קיין מער וויכטיקע סענסאַציע, קיין געשעעניש, וואָס זאָל זײַן גראַנדיעזער, ווי די דאָזיקע געדענק איך ניט אין יענעם יאָר: פון אַפּרעל איין־און־זעכציקסטן ביז אַפּרעל צוויי־און־זעכציקסטן, און אויך אַ סאַך שפּעטער.

ס'איז אַריבער אַ יאָר, זינט גאַגאַרינס באַרימטן „פּאָיעכאַלי“, און געדאַכט האָט זיך, אַז די מענטשן האָבן געדאַרפט זיך עטוואָס באַרויִקן. נאָר...

ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז די דעלעגאַציע פון דער בוכאַרער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע זאָל פאָרן אַפן צוזאַמענפאָר מיט דער באַן. ווײַזט אויס, אַז אַזוי איז געווען סײַ באַקוועמער, סײַ זיכערער. דער וועטער איז געווען גאָר ניט קיין פרײַלינגדיקער. כּוץ דעם, האָט מען גע־דאַרפט אין סאַמאַרקאַנד פון איין אַעראָפּלאַן, „איל־14“, זיך איבערזעצן אין אַן אַנדערן, אין „טו־104“.

כ'בין געווען דעמלט סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון קאָמיוג און איך האָב אָנגעפירט מיט דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט געציילט זיבן מענטשן. באַגלייטנדיק אונדז אַפן וואָקזאַל, האָבן אייניקע געבעטן: „ברענגט אונדז פון מאָסקווע גאַגאַרינס אווטאָגראַף“, „בעסער אַ פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער ער זאָל אָנשרײַבן, אַז ער שענקט זי אונדז“, „נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט זיך פאָטאָגראַפירט איניינעם מיט די בוכאַרער דעלעגאַטן“. יאָ, פיל ווונטשן זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, בעלי־סאָפעק — גוטע ווונטשן. נאָר ניט מיר, וועלכע זײַנען געפאָרן קיין מאָסקווע, און ניט יענע, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט, האָבן זיך בישט געקענט פאָרשטעלן, וועלכע ניט קיין פאָרויסגעזעענע שטערונגען האָבן געקענט אויפקומען אַפן וועג צו אונדזער אָנגעמערקטן אין בוכאַרע ציל — באַקומען גאַגאַרינס אווטאָגראַף.

שוין אין די ערשטע טעג, ווען דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז וועגן באַקומען דעם אווטאָגראַף פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט האָבן געטרוימט טויזנטער מענטשן.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט דעם 16 אַפּרעל, פונקט צען אַזייגער אינ־דערפרי. דער פאָרזיצער האָט איינגיכן געמאָלדן: „אַרײַנטראָגן די פאָן פונעם אַלפאַרבאַנדישן לעניניסטישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד!“. ס'האָט זיך צעפּראַלט די טיר, און די דעלעגאַטן פון די לעצטע רייען האָבן מיט הילכיקע, דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן באַגעגנט די רומפולע

פאָן און דעם הויפּט־פּאָנעטרעגער יורי גאַגאַרינען. דער קויעך פון די אַפּלאָדיסמענטן איז אָנגעוואַקסן, געוואָרן אַלץ שטאַרקער און הילכיקער מיט יעדן שפּאַן, וואָס גאַגאַרין און זײַנע אַסיסטענטן האָבן געמאַכט צו די פּרעזידיום־טריבונעס. די כוואַליע האָט זיך געוויגט פון די לעצטע ביז צו די ערשטע רייען. איבערן ברייטן פּאַלעץ־דורכגאַנג, פּעסט האַלטנדיק די פאָן, האָט מיט זיכערע טריט געשפּאַנט אַ מענטש פון מײַן עלטער, דער יונגער פליִער און דער גאָר יונגער קאָסמאָנאַווט, דער העלד פונעם ראַטנפאַרבאַנד יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין. זײַן געזיכט איז געווען שטרענג, ערנסט און באַגײַסטערט, די פאָן האָט ער געהאַלטן הויך, זײַן ברוסט — באַצירט מיט אָרדענס. צו די סאָוועטישע באַלוינונגען זײַנען שוין אויך צוגעקומען אויסלענדישע. מיר זײַנען געשטאַנען, עטוואָס אויסקערעוועדיק זיך צו דער פאָן און צו דעם פאָנעטרעגער און שטאַרק — ביז ווייטעק אין די דלאָניעס — אַפּלאָדירט. אײַנשטעלנדיק אַפן באַשטימטן אָרט די פאָן, איז גאַגאַרין אַוועק אין פּרעזידיום און זיך געזעצט מיטן קאָסמאָנאווט נומער 2 גערמאַן טיטאָוו.

דער צוזאַמענפאָר האָט געאַרבעט פינף טעג. ס'זײַנען געווען איבעררײַסן — גרעסערע און קלענערע. און אין קיין איינעם, אין מעשעך פון די ערשטע צוויי טעג, האָב איך ניט געקענט צוקומען צו גאַגאַרינען נעענטער, ווי אַף אַ מעטער צען. מענגעס דעלעגאַטן זײַנען די גאַנצע צײַט געווען אַרום אים. אינעם זאַל זײַנען זיך צונויפגעקומען זעקס טויזנט מענטשן, און יעדער איינער האָט געוואָלט פונדערנאָענט אַ קוק טאָן אַף אים, באַקומען זײַן אויטאָגראַף, אָדער פּאָשעט זיך צורירן צו אים. אַף דעם האָבן בעפיירעש ניט געקלעקט די איבעררײַסן צווישן די זיצונגען. כ'האָב שוין אַפילע אָנגעהויבן אַרומטראַכטן פאַרשיידענע פּראָטים, מיט וועלכע כ'וועל זיך מוחן פאַרענטפערן פאַר מײַנע לאַנדסלײַט, נאָר אומגעריכט האָבן מײַנע אויגן דערזען, ווי איינער פון די דעלעגאַטן האָט אַרויסגעוויזן אויסשליסלעכע דערפינדערישקײַט. צענדליקער הענט האָבן איבערגעגעבן זײַן קאָנווערט פון ריי צו ריי, ביז צום קעסטל מיט צעטעלעך. דערנאָך האָט מען דעם קאָנווערט געבראַכט צום פּרעזידיום־טיש, און ניט בלויז איך איינער האָב דערזען, אַז ער איז שוין בא גאַגאַרינען אין די הענט. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געעפנט דעם קאָנווערט, אַרויסגענומען עטלעכע פאָטאָ־קאַרטלעך, עפּעס אָנגעשריבן אַף זיי און איבערגעגעבן זײַן שאָכן יורי טיטאָוון. טיטאָוו האָט אויך גיך געגעבן אַ גיי דורך מיט אַ הענטל־פען איבער די פאָטאָגראַפיעס.

ס'איז שווער איבערגעבן דעם קוים מערקבאַרן אומרו, וועלכער האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן זאַל. אין דעם גוואַלדיק־גרויסן פּאַלעץ האָט זיך דערהערט אַ שורשערײַ פון פאָטאָ־קאַרטלעך, אַרײַנגעלייגטע אין קאָנווערטן. די דעלעגאַטן האָבן געצויגן די הענט, נעמענדיק און איבערגעבנדיק די ווײַסע קאָנווערטן. אָנבייגנדיק זיך צו טיטאָוון, האָט גאַגאַרין אים עפּעס שמייכלענדיק געזאָגט אַפן אויער, און בײדע קאָסמאָנאַווטן האָבן זיך באַוואָפנט מיט אווטאָמאַטישע הענטלעך, גרייטנדיק זיך צו דער פאַרשטייענדיקער אַרבעט.

יעדע צען־פופצן מינוט פלעגט צו די צעטעלעך־קעסטלעך צוגייִן אַ יונג מיידל, אַרויסנעמענדיק פון דאָרט פּעק מיט קאָנווערטן און אָפּטראָגנדיק זיי צו די קאָסמאָנאַווטן.

איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם זעלבן מעטאָד, ווי די אַנדערע דעלעגאַטן. אַרײַנגעלייגט אין קאָנווערט צוויי פאָטאָ־קאַרטלעך, אָנגעשריבן דעם אַדרעס: „אין פּרעזידיום פונעם צוזאַמענפאָר, די פליִער־קאָסמאָנאַווטן פון פּסםר, די כאַווײרים גאַגאַרין און טיטאָוו. דער אָפּשיקער געפינט זיך אין פּאַרטער, ריי 8, אָרט 12, רעזניטשענקאָ". און איבערגעגעבן דעם קאָנווערט דעם דעלעגאַט, וועלכער איז געזעסן פאָרויס.

אהיים קיין בוכאַרא האָב איך זיך אומגעקערט ניט מיט איינעם, נאָר מיט גאַנצע צען אויטאָגראַפן. ס'האָט זיך בא מיר באַקומען גאַנץ צופעליק. אין מעשעך פון צוויי טעג, בײס יעדן איבעררײַס, כוץ דער וואַרמעס־צײַט, פלעג איך זוכן מײַן ברייוו אינעם שײנעם לאַקירטן ברייוקעסטל, וווהין עס האָט זיך געשאָטן די „פּראָדוקציע" פון די קאָסמאָנאַווטן. ס'איז אַריבער דער דריטער טאָג. אינעם פּערטן, ווען מע האָט געמאָלדן אַן אָרדנטלעכן איבעררײַס, בין איך ווידער אַוועק צום געגאַרטן קעסטל, נאָכאַמאָל איבערגעקליבן מיט די הענט אַ מענגע קאָנווערטן, געזוכט מײַנעם, און — אומזיסט. בײס דעם קומענדיקן איבעררײַס האָט אַלץ זיך איבערגעכאַזערט. כ'בין געשטאַנען און זיך געגריבלט אין דער מאַסע קאָנווערטן, און געווען בין איך דאָ ניט איינער. קיין קאָנווערט מיט מײַן אַדרעס: „פּאַרטער, ריי 8, אָרט 12" איז ניט געווען. מיטאַמאָל האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אײַנגאַנצן אַ ריינער קאָנווערט, אָן דעם אַדרעס פונעם אָפּשיקער. אָן קיין שום אויפשריפט ביכלאַל, אַ פולגעפּאַקטער קאָנווערט. כ'האָב זיך געקווענקלט, נאָר די האַנט האָט אַליין זיך אַ ציִ געטאָן צו אים. ווען כ'האָב געעפנט דעם קאָנווערט, האָב איך דאָרט דערזען פינף פּאָרטרעטן גאַגאַרינס און פינף טיטאָווס, און אַלע צען מיט אויטאָגראַפן. ניט לאַנג טראַכטנדיק און ניט באַהאַלטנדיק

זיך פון קיינעם, האָב איך, אַזוי אַז אַלע זאָלן זען, אַרײַנגעלייגט דאָס פּעקל פאָטאָגראַפיעס אײַנײַנעם מיטן קאָנווערט אין קעשענע.

איך ווייס ניט, כ'האָב נאָך אַדהײַנט ניט באַשטימט, וואָס וואָלט איך געטאָן מיט יענע צען פאָטאָגראַפיעס, ווען צו מיר וואָלט זיך אומגעקערט מײַן קאָנווערט. נאָר ער האָט זיך צו מיר ניט אומגעקערט.

א קורצער אינטערוויו

און נאָך איין באַגעגעניש האָב איך פאַרגעדענקט. פּאַרגעקומען איז זי זומער, מער ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָכן פערצנטן אַלפאַרבאַנדישן קאָמיוג־צוזאַמענפאָר, אין טאַשקענט. פון דער באַגעגעניש זײַנען בא מיר געבליבן צוויי פאָטאָגראַפיעס. אין צענטער — יורי גאַגאַ־ריק, פון רעכטס, פון לינקס און הינטן — צענדליקער יונגע פּנעמער, דער קאָמיוגישער אַק־טיוו פון אוזבעקיסטאַן. אָט מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך איצט, די דעמאָלטיקע פינף־און־צוואַנציק—זעקס־און־צוואַנציקיאָריקע. אַף רעכטס פון גאַגאַרינען זיצט ראַנאָ אַבדולאַיעוואַ. זי איז איצט פּאַרטיי־עסקנין טעטיק, פון דער אוזבעקישער פון דעם מיניסטאָרן־ראַט פאָרזיצער פונעם פּאַרטעטער איז איצט ס.ס.ר. פון לינקס — באָריס קראַסניקאָוו. נאָך דער קאָמיוגישער אַרבעט איז ער געוווען סעקרעטאַר פונעם אַנדיזשאַנער געגנטקאָם פון פּאַרטיי, דערנאָך אַוועק זיך לערנען. איצט איז באָריס אַנאַטאָליעוויטש דער אַמבאַסאַדאָר פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין דער עקוואַטאָריאַלער גוויניי. אין איין רײ מיט גאַגאַרינען זיצט אוביית אַסאַטאָוו — ער איז איצט פאָרזיצער פונעם בוכאַ־רער געגנטויספּירקאָם, אַבדולאַזיז וואַכאַבאָוו, און אָנגעזעענער שרײַבער, איז דירעקטאָר פו־נעם פאַרלאַג „יאָש גוואַרדיאַ", דאַמיר יאַדגאַראָוו — געוועזן סעקרעטאַר פונעם בוכאַרער געגנטקאָם פון פּאַרטיי, איצט איז ער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דעם טרעסט „גלאַוו־גאַלאַדנאַסטעפּסטראָי". אין דער ערשטער רײ, אָפן טעפּיך, זיצן גאָר יונגע בעוורע. זיי זײַנען דעמאָלט אַלט געוועזן עטוואָס מער פון צוואַנציק יאָר. איינער פון זיי — ערגאַש גאַפורדזשאַ־נאָוו פירט אָן שוין אין מעשעך פון עטלעכע יאָר מיט דער אוזבעקישער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע, ער איז א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון ס.ס.ר.

יאָ, שוין לאַנג איז עס געווען...

אין יענעם יאָר איז אין דער אוזבעקישער הויפּטשטאָט דורכגעפירט געוואָרן אַן אַל־פאַרבאַנדישער צונויפפל פון יונגע מעכאַניזאַטאָרן פון בוימוואָל־צוכט. אין טאַשקענט זײַנען געקומען צו פאָרן פאָרשטייער פון אַלע רעפּובליקן, וועלכע זייען בוימוואָל. די יוגנט האָט געוונומען אין די אייגענע הענט דעם אינים פון מעכאַניזירן די אַרבעטס־פּראָצעסן באַם זייען און באַאַרבעטן די וויכטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטור.

עס איז קעדײַ ברענגען א פּאָר ציפערן. אין יענעם יאָר, ווען דער צונויפפל איז פּאָר־געקומען, האָט מען מיט מאַשינעס צונויפגענומען בלויז דרײַ פּראָצענט פון דער גאַנצער געראַטעניש, און איצט — פון די 6 מיליאָן מיט 300 טויזנט טאָן בוימוואָל, וועלכע ס'באַקומט אוזבעקיסטאַן, ווערן צונויפגענומען מיט מאַשינעס 5 מיליאָן טאָן. וויפל מעכאַניזמען און מעכאַניזאַטאָרן זײַנען נייטיק צוליב דעם, וויפל פאָדערט זיך צײַט, קעדיי עס דערגרייכן, איבער איין פּושקעלע בוימוואָל וועגט 4 גראַם! ס'איז טאַקע ווירקלעך געווען שוין לאַנג, זייער לאַנג צוריק...

יורי גאַגארין איז געקומען קיין טאַשקענט מיט א טאָג פּאַרן אָנהייב פון דעם צונויפפל. ער איז געווען דער כאָשעווסטער גאַסט. צו יענער צײַט האָב איך שוין רעדאַקטירט די צײַ־טונג „קאָמסאָמאָלעץ אוזבעקיסטאַנא". דערוויסנדיק זיך, אַז גאַגארין איז אין טאַשקענט, האָבן מיר געשטעלט פאַר זיך א ציל — קריגן באַ אים פאַר דער צײַטונג כאָטש עטלעכע שורעס. מע האָט באַשטימט, אַז די דאָזיקע אַרבעט דאַרף איך אָפּטאָן. אַף יעדן פאַל האָב איך צוזאַ־מען מיט איגאָר ווערכאָווסקין — ער האָט פאַרוואַלטעט מיט אַן אָפּטייל אין דער רעדאַקציע — פאַרגרייט עטלעכע אַבוזאַצן.

דערנאָך האָב איך זיך געזעצט צום טעלעפאָן. ס'איז מיר אויסגעקומען איבערקלײַבן ניט איין צענדליק נומערן, ביז איך האָב סאַפקאָלסאָף זיך דערוווּסט, אַז גאַגארין איז פונעם פּיאַ־נערן־פּאַלעץ אָקאָרשט אוועקגעפאָרן אינעם לאָקאַל פון דעם צק פון קאָמיוג אַף אַן אימפּראָ־ווויזירטער באַגעגעניש מיט דער יוגנט. ווען כ'האָב זיך דערקליבן ביזן צענטראַל־קאָמיטעט, אַף דער קויבישעוו־גאַס, האָט די באַגעגעניש זיך שוין אָנגעהויבן. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געענטפערט אַף פּראַגן, וועלכע האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זײַטן.

— וועלכער וועט זייַן דער קינפטיקער פלוג?

— האָט געדולד, וואַרט צו אַ פּאָר כאַדאָשים, און איר וועט וועגן אַלץ אַליין זיך דערוויסן, — האָט געענטפערט גאַגאַרין. (אין אָקטיאַבער 1964 איז אָף דער ערד־אָרביטע אַרויס די ערשטע אין דער וועלט קאָסמישע שיף „וואָסכאָד“, אָף וועלכער עס זייַנען געפלויגן דרייַ קאָסמאָנאַווטן — וו. מ. קאָמאַראָוו, ק. פ. פעאָקטיסטאָוו און כ. ב. יעגאָראָוו. — ג. ר.).

— צי קלייַבט איר זיך ווידער פליִען אין קאָסמאָס?

— פאַרשטייט זיך, אַז כ׳קלייַב זיך, — האָט זיכער געזאָגט יורי אַלעקסייעוויטש, — אונדז איז באַשערט צו פליִען, קאָלזמאַן ס׳איז אונדז באַשערט צו לעבן. דאָס באַהערשן דעם קאָסמאָס הייבט זיך ערשט אָן.

לויט דער אַלטער טראַדיציע האָט מען גאַגאַרינען געשענקט אַן אוזבעקישן זייַדענעם כאַלאַט און אַ שוואַרץ־ווייַס היטעלע, אַ טיובעטייקע — די האַנט־אַרבעט פון אוזבעקישע מייַסטערס. דאָס היטעלע, פון אונטער וועלכן עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פאַרשוויצטער לאָק, איז געבליבן אָפן קאָפּ, און דעם כאַלאַט האָט גאַגאַרין אויסגעטאָן און אַוועקגעלייגט אָף אַ בענקל הינטער זיך, אַן אַרומגעבונדענער מיט אַ קושאַק — אַ בונט־קאָלירן טיכל.

דעם דריטן כווידעש האָט געדויערט דער זייער הייסער און טרוקענער טאַשקענטער זומער. ס׳איז געווען איבעריק אין אַזאַ היץ אָנצוטאָן אַ וואַרעמען כאַלאַט און זיך נאָך אונטערבינדן מיטן קושאַק. דעריבער האָט גאַגאַרין, אָנמעסטנדיק די מאַטאָנע, גלייַך אַוועקגעלייגט זי אין אַ זייַט.

שוין קימאַט צוויי שאָ האָט געדויערט דער פרייַנטלעכער, היימישער געשפּרעך. די פראַגן האָבן זיך נאָך ניט אויסגעשעפּט:

— ווי קומט איר צום קאָסמאָס?

— אין קאָסמאָס בין איך געקומען אַדאַנק דער מעכטיקער ראַקעטע, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט גאַגאַרין. — איך בין אַ מיליטערישער פליִער, נו, און קאָסמאָס מיט אַוויִאַציע זייַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער...

די באַגעגעניש האָט זיך פאַרענדיקט, נאָר קיינער איז צום אַרויסגאַנג ניט אַוועק. צוקומען צו גאַגאַרינען איז געווען אוממעגלעך. אין אָט דער רעגע האָט עמעץ הויך, אַלע זאָלן הערן, פאָרגעלייגט:

— יורי אַלעקסייעוויטש, לאָמיר זיך פאָטאָגראַפירן. אַלס אָנדענק וועגן טאַשקענט.

— איך בין גרייט, — האָט געענטפערט גאַגאַרין און געפרעגט: — ווו וועט זייַן באַקוועם עס צו טאָן?

— בעסער אין הויף. דאָרט איז מערער זון און מערער פּלאַץ.

ראַשיק האָט דער אוילעם זיך געלאָזט גייך פון דער צעך־געבייַדע. איך האָב זיך געפלייַסט זייַן נעענטער צו גאַגאַרינען, טראַכטנדיק וועגן דעם איניען, צוליב וועלכן כ׳בין געקומען: ס׳וועט צוליב דעם שוין מער ניט זייַן קיין פּאַסיקע צייַט. מע האָט זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן אַנטקעגן דעם פאָטאָגראַף. און כאָטש אַלע זייַנען דאָ געווען באַוווסטזיניקע מענטשן, האָט יעדער געוואָלט זייַן וואָס נעענטער צום קאָסמאָנאַווט, און דעריבער איז ער די גאַנצע צייַט געווען אין אַן ענגן קרייַז. כ׳האָב אויסגעקליבן אַ גינסטיקן מאָמענט, בין שטיק געבליבן לעבן גאַגאַרינען און געזאָגט, ווער איך בין.

— יורי אַלעקסייעוויטש, — האָב איך דערנאָך זיך געווענדט צו אים, — די צייַטונג דאַרף נייטיק אייַערע עטלעכע שורעס. איר וועט אָנשרייַבן? אַזוי ווי קיין צייַט איז ניטאָ, זאָל כאָטש זייַן...

אייַנריידן גאַגאַרינען איז ניט אויסגעקומען.

— דרינגענד? — און זייַן אופגעלייגט געזיכט איז געוואָרן ערנסט.

— זייער דרינגענד. די צייַטונג דרוקט זיך שוין, און דער נומער איז בא אונדז, ווי איר פאַרשטייט אַליין, ניט קיין געווייַנלעכער, אַ יאָמטעוודיקער.

— קלאָר, — האָט קורץ געזאָגט גאַגאַרין, — אַ בלייַער וועט זיך געפינען?

אייַנינעם מיטן הענטל־פּען האָב איך אים דערלאַנגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, אָף וועלכן עס זייַנען געווען פאַרשריבן די עטלעכע צוגעגרייטע פאַר אים שורעס.

גאַגאַרין האָט אָף אַ מינוט זיך פאַרטראַכט. זייַן פּאָנעם איז געוואָרן שטרענג, דער בליק — קאָנצענטרירט, און די אויגן האָט ער אָנגעהויבן פירן איבער די שורעס. דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטאָן אויך, ניט לייגנדיק קיין אכט אָפן טומל, אָנגעהויבן עפּעס פאַרמעקן און צושרייַבן. איך האָב אופמערקזאַם געקוקט, ווי ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם טעקסט, פאַרמעקט עפּעס אַ שורע, און צוגעשריבן אַ נייַע.

— ס'טויג? — האָט ער געפרעגט, אומקערנדיק דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

מײַנע אויגן האָבן אויפגעכאַפּט די ערשטע ווערטער: „אַן עמעסער אויפטו איז שטענדיק שווער — צי דאָס איז די באַהערשונג פונעם קאָסמאָס, אָדער די מעכאַניזאַציע פון אַראָפּנעמען די בוימוואָל־גערעטעניש...“

— עס טויג, און נאָך ווי־אַזוי! — האָב איך קיימאַט אַ געשריי געטאָן און ווידער זיך אײַנגעלייענט אינעם פּאַפּירל:

„...אָבער צוליב דעם לעבן מיר דאָך אויף דער וועלט, קעדיי טאָן עכט בייטיקע און שווערע אַרבעטן“. אונטן איז געווען געכאַסמעט: „יו. גאַגאַרין“. און די דאַטע: „20 אווגוסט 1964 יאָר. שטאָט טאַשקענט“.

— נו, איצט לאָמיר זיך פאָטאָגראַפירן, — האָט אַלעמען אַ רוף געטאָן באָריס קראַסניקאָוו, מע האָט אים דעמלט ערשט ניט לאַנג אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פונעם צק פון קאָמיוג פון אוזבעקיסטאַן.

פאָטאָגראַפירט האָט אונדז, און מאַמעש אויפן אַנדערן טאָג געגעבן מיר צוויי פאָטאָגראַפיעס, דער פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „יאָש לעניניטשי“, דער מײַסטער פון זײַן פאַך כאַווער מאַזור. פון יענער צײַט היט איך בא זיך יענע צוויי פאָטאָגראַפיעס.

אויפן וועג, וואָס פירט הינטער מאָסקווע

נאָך טאַשקענט, נאָכן צוניפלי, האָבן מײַנע וועגן זיך אַלץ אָפטער אָנגעהויבן איבערקרייצן מיט גאַגאַרינס וועגן. פריִער האָב איך געאַרבעט אין אַפּאַראַט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם אַלפאַרבאַנדישן לעניניִשן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, דערנאָך — אין אַ יוגנטלעכן זשורנאַל.

גאַגאַרין האָט ליב געהאַט זיך באַגעגענען מיט יונגע, און ער האָט ניט איין מאָל גערעדט וועגן דעם. „אַט די אַרבעט פאַרשאַפט מיר גרויס פאַרגעניגן“, — פלעגט ער אונטערשטרײַכן. יורי גאַגאַרין איז געווען אַ דעלעגאַט פון צוויי קאָמיוגישע צוזאַמענפאָרן, אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, ער איז אָפט געפאָרן אויף גרויסע בויונגען, וווּ די יוגנט איז באַשעפטיקט. אָפטלעך פלעגט ער אַרײַנקומען אין קאָמסאָמאָלישן צענטראַל־קאָמיטעט. דאָ האָב איך זיך מיט אים עטלעכע מאָל געזען. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט יורי אַלעקסייעוויטש מיך באַגריסט:

— דיר האָט אָפּגעגליקט, וואָס דו ביסט געוואָרן אַ מאָסקווער טוישעוו, — האָט ער אָנ־

יורי גאַגאַרין גיט אַן אינטערוויו. טאַשקענט, אווגוסט 1962

געהויבן דעם געשפּרעך ערנסט, נאָר פאַרענדיקט מיט א וויץ, — און איך לעב ביז הײַנטיקן טאָג הינטער מאָסקווע, אין זוויאָזדנע, — מיר האָבן בײדע זיך צעלאַכט.

— א גרוס אוזבעקיסטאַן, — פלעגט גאַגאַרין ענטפערן אף מײַן באַגריסונג און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, א פרעג געטאָן: — וואָס הערט זיך אין טאַשקענט?

— דאָרט איז אַלץ אין אָרדענונג, — פלעג איך ענטפערן.

ווען גאַגאַרין האָט זיך אומגעקערט פונעם קאָסמאָס, האָט ער צום אַלעם ערשטן זיך באַגעגנט מיט די שריפטשטעלער אינעם צענטראַלן שרײַבער־הויז. די צווייטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט די מיטאַרבעטער פונעם אַפּאַראַט פון צק פון קאָמיוג.

אין 1968 יאָר האָב איך גאַנץ צופעליק באַגעגנט גאַגאַרינען הינטער מאָסקווע. ס'איז, צום באַדויערן, געווען די לעצטע, די סאַמע קורצע, מע קאָן זאָגן בליצשנעלע באַגעגעניש, נאָר פאַרגעדענקט האָב איך זי אַפן גאַנצן לעבן.

עס זײַנען געווען עמעס־ווינטערדיקע, פראָסטיקע, זוניקע טעג, ווען דער שניי האָט מאַמעש געקלונגען אונטער די פיס. און אויסגעפאַלן איז דער שניי א געדיכטער, א טיפער, און ער האָט אײַנגעהילט די ערד זאָרגזאַם און אף לאַנג. די העלע זון און דער ווײַסער שניי פאַרבלענדן די אויגן, איבערהויפּט איז עס צו פילן הינטער מאָסקווע, אין פעלד, וווהין כ'בין אין אײנעם א טאָג נאָך נײַ־יאָר געקומען.

דעמלט האָט בא אונדז אין רעדאַקציע געוויילט דער פוילישער פאָטאָ־זשורנאַליסט און גראַפיקער פּאַוועל יאַבלאָנסקי מיט זײַן פרוי יאַדוויגע. סאָף וואָך האָבן מיר זיך געקליבן פאָרן קיין „אַרכאַנגעלסקאָיע" — דעם באַרימטן הינטערשטאָטישן מוזיי פון דער רוסישער אַרכיטעקטור. דער יישעוו געפינט זיך אין א מאָלעריש־שיינעם סאָסנע־ און יעלן־וואַלד, אף א הויכקײַט באַם מאָסקווע־טײַך. פרײַטיק, דעם 4־טן יאַנוואַר, נאָך צען אַזייגער אינדערפרי זײַנען מיר אײַנדרײַען אַרויסגעפאָרן אַהין. פּאַוועל איז אין מאָסקווע געווען דאָס צווייטע מאָל, יאַדוויגע — דאָס דריטע. געפאָרן זײַנען מיר דורכן צענטער פון דער שטאָט, פאַרקער־רעוועט אַפן לעניִנגראַדער פּראָספּעקט, דערנאָך אַרויף אַפן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, און יאַדוויגע האָט אומופהערלעך גערעדט וועגן די מאָסקווער מערקווירדיקע ערטער און גע־בײַען, וועלכע זי האָט פאַרגעדענקט. מיר זײַנען דורכגעפאָרן אונטערן קאַנאַל אַפן נאָמען פון מאָסקווע, א פאַרקאָוועטן אין אײַז, אײַליק דורכגעיאָגט פאַרבײַ דעם אַעראָדראָם פון דאָסאַאַף, אַרויסגעפאָרן אף יענער זײַט מאָסקווער קרײַז־וועג און עפּעס אומדערוואַרט אַרויף אף אַן אָפענעם, ברייטן פעלד. די אָנבלעטערדיקע ביימער האָבן פון אונדז ניט פאַרשטעלט די ווײַט, און באַם סאַמע האָריזאָנט האָבן זיך בוילעט געמערקט די הײַזער פון קראַסנאָ־גאָרסק. דער וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, אף וועלכן מיר זײַנען געפאָרן, האָט גלײַך נאָכן קרײַז־וועג זיך א צי געטאָן אף לינקס, קימאַט ביזן טײַכל, און דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען אף רעכטס, און דער מאָסקווע־טײַך איז געבליבן אין א זײַט. ס'איז געווען זייער גליטשיק, געפאָרן זײַנען מיר פאָרזיכטיק. א קילאָמעטער זעקס־זיבן פון מאָסקווע איז באַם ראַנד פונעם וועג געשטאַנען א נײַינקע שוואַרצע „וואָלגע". לעבן דער מאַשין האָבן מיר דערזען א פעסט־געבויטן מענטשן פון מיטעלן וווּקס, אין א פוטערן אוויאַ־רעקל, אין אונטעס.

מיר, איך און יאַבלאָנסקי, זײַנען געזעסן אַפן הינטערשטן זיץ־פּלאַץ און געפירט א ניט גאָר וויכטיקן געשפּרעך. ווען אונדזער מאַשין האָט זיך דערנעענטערט צו דער שוואַרצער „וואָלגע", האָט דער שאָפער דער ערשטער דערקענט דעם מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען אַפן וועג־ראַנד.

— גאַגאַרין! — האָט ער אומדערוואַרט א געשריי געטאָן.

— פאַרטאָרמאָזיר, — האָב איך אים געבעטן, — שטעל אָפּ די מאַשין.

די פוילישע פרײַנט זײַנען צוגעפאַלן צו די זײַטיקע פאַרפרוירענע פענצטער, פּאַוועל האָט זיך גענומען פאַר זײַן מעלאָכע — עטלעכע מאָל פאָטאָגראַפירט יורי אַלעקסייעוויטשן. אונדזער מאַשין האָט פאַרלאַנגזאַמט איר שנעלקײַט, נאָר אינגאַנצן זיך ניט אָפּגעשטעלט — ס'האָט געשטערט דער גליטש. איך האָב געעפנט דאָס הינטערשטע טירל, ביזן גאַרטל זיך אַרויסגערוקט פון דער מאַשין און א רוף געטאָן:

— יורי אַלעקסייעוויטש, עפשער דאַרף מען העלפן?

פון אומדערוואַרטקײַט האָט ער אײַליק זיך אומגעקוקט, אינסטינקטיוו א מאַך געטאָן מיט די הענט:

— ניין, אַלץ איז אין אָרדענונג. — ער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ זײַן פוטערן היטל און א פאָכע געטאָן עטלעכע מאָל אינדערלופטן, — פאָרט, פאָרט, — האָט זיך דערטראָגן צו אונדז דאָס לעצטע וואָרט זײַנס.

און מיר זײַנען אוועקגעפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון „אַרכאַנגעלסקאָיע“.

די צײַט האָט שוין געציילט די לעצטע כאָדאָשים פֿון גאַגאַרינס לעבן. נאָר ווער האָט וועגן דעם געוווּסט? קיינער ניט!

דויסע האלדזטיכער

וואָס האָט דעמלט געטאָן, שטייענדיק אינמיטן וועג, יורי גאַגאַרין, אַף וועמען האָט ער געוואַרט, וויאַזוי איז ער געקומען אַהין? עפּשער איז ער געפֿאָרן אין סאַנאַטאָריע פֿונעם שוץ־מיניסטעריום, וועלכער געפֿינט זיך בײַשכייניעס מיטן מוזיי „אַרכאַנגעלסקאָיע“? געווען דאָרט צוגאַסט בײַ עמעצן? צי אַליין געריט? וועגן דעם האָב איך געטראַכט שפּעטער, ווען ס'האָט געטראָפֿן דער אומגליק.

אין יענעם טאָג האָב איך אינדערפֿרי די ראַדיאָ ניט אײַנגעשלאָסן, און צײַטונגען, וועלכע כ'פֿלעג געוויינלעך קויפֿן, זײַנען שוין אין קיאָסק ניט געווען. אַלע דאָנערשטיק, עלף אַזייגער באַטאָג פֿלעגן דורכגעפֿירט ווערן אין דער רעדאַקציע פּלענאַרע זיצונגען. צו אַט דער צײַט בין איך געפֿאָרן אַף דער אַרבעט. אַרײַנקומענדיק אינעם פֿאַרלאַג „די יונגע גוואַרדיע“, האָב איך גלײַך פֿון דער שוועל באַמערקט פֿאַרומערטע, עפּעס מיטאַמאָל אַ טעל געוואָרענע, פּנעמער בײַ אַלע די, וועמען כ'האָב באַגעגנט: באַם טיר־וועכטער, בײַ דער ליפֿט־דעזשורנע, בײַ עמעצן נאָך, ווער עס האָט געהאַלטן בײַ אויסטאָן דעם מאַנטל, איז געבליבן שטיין און געהערט די ראַדיאָ. פֿונעם קליינעם שוואַרצן רעפּראָדוקטאָר האָט זיך צו מיר דערטראָגן דעם דיקטאָר לעוויטאַנס שטים. די ווערטער האָב איך לעכאַטכילע ניט פֿאַרשטאַנען, לאַכלוטן ניט אויפֿגענומען, נאָר די דערשטוינטע פּנעמער פֿון די מענטשן, וועלכע זײַנען אַרײַן אינעם ליפֿט, און די טרויער־מוזיק, וואָס האָט זיך דערהערט, ווי נאָר לעוויטאַן איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט ווי אַ מעסער אַ שניט געטאָן דאָס האַרץ מײַנס, און איך בין געוואָרן ענלעך אַף אַלע איבעריקע, וואָס זײַנען דאָ געווען.

— צי דען... — האָב איך געשטאַמלט, בייס אַ קרומע אַלטיטשקע אין אַ בלויען כאַלאַט האָט הינטער אונדז פֿאַרמאַכט דאָס טירל פֿונעם ליפֿט. בײַ די פֿרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן מיר אין דער קאַבינע, האָב איך געזען טרערן אין די אויגן.

די זיצונג האָבן מיר דורכגעפֿירט זייער שנעל.

דער טאָג איז אַריבער, ווי אין אַ קאָשמאַר. ס'איז געווען דאָנערשטיק, דעם 28 מאַרט. ס'האָט שוין געשמעקט מיט פֿרילינג. אומעטום האָט זיך געלאָזט הערן: „וויאַזוי האָט מען דערלאָזט?“ „פֿאַרוואָס האָט מען ניט אײַנגעהיט?“ „ווער האָט אים דערלויבט?“. איך האָב אויך פֿאַרגעבן זיך אַליין די דאָזיקע פֿראַגן, און ענטפֿערן אַף זיי ניט געקאָנט. אַפֿן אַנדערן טאָג, און עפּשער אַפֿן דריטן, האָט דער זשורנאַליסט וואַסילי פּעסקאָוו זיך געפּרוווּט אַף די זײַטן פֿון דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“ ענטפֿערן אַף דעם, וואָס האָט געפּײַניקט און באַומרויִקט אַלעמען. זײַן אויפֿקלערונג: אַ פֿליִער קאָן נישט ניט פֿליִען, איבערהויפּט אַ פֿליִער־קאָסמאָנאַווט. פֿיל שפּעטער האָב איך אײַנגעשטימט מיט אָט דער באַהויפּטונג, ווען כ'האָב אָנגעהויבן פֿירן אַן אויטאָמאַשין. פֿאַרשטייט זיך, אַ מאַשין איז ניט קיין עראָפּלאַן, נאָר פֿונדעסטוועגן אויך אַ מאַשינעריע. מיר לעבן אין דער טקופֿע פֿון טעכניק. מיר בויען אַליין, מיר עקספּלואַטירן אַליין, מיר געוויינען זיך צו צו שנעלקײַט, צו דער עמפֿינדלעכקײַט, וועלכע זי געבירט, און זיך אָפּזאָגן פֿון אָט דער אויפֿרעגונג, פֿון אָט די היספּײַלעס — איז אומעגלעך.

אַ סאַך האָבן מיר אין יענעם טאָג גערעדט, זיך געאַמפּערט, געטרייסט סײַ זיך, סײַ די אַרומיקע. קוים זיך דערוואַרט דעם סאָף פֿונעם אַרבעטס־טאָג, בין איך אַרויס פֿון דער רעדאַקציע. אין מעטראָ האָבן די פּאַסאַזשירן זיך געפֿירט באַזונדערס שטיל און העפֿלעך, אויב מע האָט אַפֿילע גערעדט צווישן זיך — איז בלויז שעפּטשענדיק. אין דער שטילקײַט האָט פֿון מאָל צו מאָל אויפֿגעכאַפּט מײַן אויער אַ פֿאַרומערטן „פֿאַרוואָס?“ און איך האָב געוואָלט וואָס גיכער נעמען אין די הענט אַ פֿרישע צײַטונג, אין מײַן האַרצן האָט געטליִעט עפּעס אַ מאָדנע האָפֿענונג.

ווען כ'האָב זיך איבערגעזעצט פֿון איין מעטראָ־סטאַנציע אַף אַן אַנדערער, איז נאָך אין קיאָסק ניט געווען די „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ“. קיין אויטאָמאַטן אַף פֿאַרקויפֿן צײַטונגען זײַנען נאָך דעמלט ניט געווען, און מיר איז אויסגעקומען פֿאָרן ווײַטער, אַזוי טאַקע ניט קריגנדיק קיין פֿרישע בלאַט.

דעם שטאָט־פּלאַץ לעבן מעטראָ „קיראָווסקאַיאַ“ האָב איך ניט גלײַך דערקענט. געוויינלעך האָט מען דאָ די „וועטשאָרקע“ געקאָנט קויפן אין קיאָסק־פענצטערל, און אין יענעם טאָג האָט מען זי פאַרקויפט אין דרײַ ערטער, אויף אָפענע טישלעך, און דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פאַרפּלייצט מיט מענטשן. קיין פענעמער האָט מען ניט געזען — די צעוויקלטע צײַטונג־זײַטן האָבן זיי פאַרשטעלט. איך בין געשטאַנען אין דער ריי א מינוט פופצן, ביז כ'האָב געקראָגן א צײַטונג. דאָרט האָט אויף דער ערשטער זײַט זיך גלײַך געוואָרפן אין די אויגן גאַגארינס פּאָרטרעט אין א טרויער־ראַמל. אויף דער זעלבער זײַט, אויך אין אזא שוואַרצער אָרומצוימונג — סעריאָגינס בילד. כ'האָב נאָך ניט באַוויזן איבערלייענען ביזן סאָף די מיטיילונג וועגן דער סיבע פון גאַגארינס טויט, ווען צו מיר האָט זיך געווענדט אן אַלטיטשקע פרוי אין א שוואַרצן געוועטעטעם מאַנטל מיט א גרויסן קאַראַקולענעם קאָלנער.

— יונגערמאַן, — האָט זי געזאָגט, — לייען מיר איבער, וואָס דאָרט איז געשריבן. כ'האָב מײַנע ברילן פאַרגעסן אינדערהיים. עס גלייבט זיך ניט, אז גאַגארין איז שוין ניטאָ.

— צום גרויסן באַדויערן, איז ער שוין ניטאָ, באַבוליע, — האָב איך געזאָגט, און געמאַכט א שפּאַן אין א זײַט, קעדיי אוועקגיין, נאָר זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו מיר, און ווייך, און איינצײַטיק מאָנענדיק, געזאָגט:

— לייען איבער.

כ'האָב אָנגענומען פאַרן עלנבויגן די אַלטיטשקע און אָפּגעפירט זי עטוואָס ווײַטער פונעם האַמויק. שטילערהייט האָב איך אָנגעהויבן לייענען:

„פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, פּרעזידיום פונעם אויבער־ראַט פון פּססר און פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר...“.

גאַגארינען און סעריאָגינען איז מען מעקאַבער געווען אין דער קרעמל־וואַנט. מאָסקווע האָט ניט אויפגעהערט צו שטורעמען. און ניט בלויז אין דער הויפּטשטאָט. אינעם גאַנצן לאַנד, אין אַלע שטעט און יִשובֿים האָט מען נאָך אַלץ גערעדט וועגן דעם אומדערוואַרטן און פּריצײַטיקן אומקום פון גאַגארינען און פון דעם קאָמאַנדיר פון דער עסקאַדריליע סעריאָגינען. בא מיר אויף דער נעשאָמע איז געווען ניט רויק. כוץ דעם אַלעמען, האָבן זיך געשפּרייט פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן דער טראַגישער פּאַסירונג, און איך האָב באַשטימט אוועקפאָרן אינעם שטעטל פון די קאָסמאָנאַווטן זוויאָזדנע, כאָטש עפּעס־וואָס זיך דערוויסן, אליין עפּעס דערזען...

דער קאָמסאָרג פונעם צענטער אויף צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן איז געווען וואַלערי לאַטישעוו. געהאָלפן האָט מיר בייס מײַן באַזוך אויך ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש קאַפּילאָוו, דער איצטיקער פּאַרטרעטער פונעם שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פון דעם צענטער. די אידעס פון דער קאַטאַסטראָפע, די פאַרשריבענע אויפן מאַגניטאָפאָן אינפאָרמאַציע, די נאָטיצן וועגן געשפּרעכן מיט פאַרשיידענע מענטשן האָבן געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע: „וויאַזוי האָט עס פּאַסירט?“.

אין יענעם טאָג האָט דורכגעמאַכט פלוגן אין אָט דער זאָנע אויך אַנדרײַאַן ניקאָלײַעוו. דאָס זײַנען זײַנע ווערטער: „דעם 27 מאַרט האָט גאַגארין אויסגעפילט א קאָנטראָל־פלוג אין דער זאָנע אויף א צווייאָרטיקן לערן־טרענירער־פאַרניכטלער „אוט־מיג־15“ אײַנינעם מיטן פּאָלקאָווניק סעריאָגין. 10 אזייגער מיט 19 מינוט זײַנען זיי אַרויס אויפן פלי־פּאַס“.

דערנאָך האָב איך געהערט די ראַדיאָ־שמועסן, פאַרשריבענע אויפן מאַגניטאָפאָן:

— איך — 625. דער פלוג אין דער זאָנע. — גאַגארינס קאָל.

„האַסטיק זיך צעיאָגט, — און, טוענדיק זיך א גליטש אין א דורכגעלעכערטן וואָלקן, איז דער עראָפּלאַן אוועק לויט דער פאַרגעבונג“. — דאָס איז פונעם קאָסמאָנאַווט ניקאָלײַעווס דערציילונג. כ'האָב ווידער אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ־לענטע.

— איך — 625, כ'האָב פאַרנומען די זאָנע, די הייך 4.200. איך בעט די פאַרגעבונג.

— וויפל צײַט האָבן זיך געפונען אין דער זאָנע גאַגארין און סעריאָגין? — האָב איך געפרעגט בא ניקאָלײַעוון.

— א מינוט דרײַסיק.

ווי באַוווסט, איז גאַגארין געזעסן אויפן ערשטן אָרט, ער האָט געפירט די מאַשין, סעריאָגין — אויפן צווייטן, הינטער יורי אַלעקסייעוויטשעס פּלייצע. נעבן סעריאָגינען — די זעלבע מאַכשירים, דאָס זעלבע פלי־געצײַג: הויכמעסטערס, הענטלעך אויף פירן און אָנפירן מיט דער מאַשין, וועלכע ער האָט געקענט אין עקסטן פאַל, אויב אזא נויטווענדיקײַט וואָלט אויפגעקומען, נעמען אין א באַליביקער ווײַלע אויף זיך, אין די אייגענע הענט. נאָר... צי ער האָט געקענט, צי ניט — וויסן מיר ניט.

אָט זײַנען נאָך ווערטער פון גאַגארינס ראַדיאָ־געשפּרעכן מיט דער ערד:

— איך בין — 625. די פאַרגעבונג איז אויסגעפילט. דערלויבט אויפן קורס.

באַקומענדיק אַ דערלויבעניש צו לאַנדן, האָט יורי אַלעקסייעוויטש געזאָגט:

— כ׳האָב אײַך פֿאַרשטאַנען. איך פֿיל אויס...— דאָס זײַנען געווען זײַנע לעצטע ווערטער, וועלכע מע האָט געהערט אויף דער ערד, אויפֿן קאָמאַנדע־פּונקט פֿונעם מיליטערישן פֿליפֿעלד.

כ׳האָב ווידער און ווידער געהערט די מאַגניטאָפֿאָן־נאָטירונגען.

— 625! רופֿט אָן אײַער הייד! 625, איר הערט? שליסט זיך אָן אין דער פֿאַרבינדונג! 625, נעמט דעם קורס אויף דער באַזע!..

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. גאַגאַרין האָט געשוויגן, און אײנעם עפּיר האָט נאָך לאַנג זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן:

— 625, ענטפֿערט! ענטפֿערט! ענטפֿערט!

גאַגאַרין און סעריאָגין זײַנען אומגעקומען נעבן דעם דאָרף נאָוואָסיאָלאָוואָ קירזשאַטשער ראַיאָן, אין אַ געדיכטן וואַלד פֿון וולאַדימירער געגנט, הונדערט קילאָמעטער פֿון מאָסקווע.

איידער איך בין געפֿאָרן קיין קירזשאַטש, האָט וואַלערי לאַטישעוו מיר באַוויזן גאַגאַרינס אַרבעט־צימער. מיט אַ טאָג פֿריִער, דעם 11־טן אַפּרעל, האָט מען דעם צימער געעפֿנט פֿאַר זײַטיקע אויגן. לאַטישעוו האָט אַ דריי געטאָן דעם שליסל אין דער טיר, און מיר זײַנען אַרײַן אַהין, וווּ יורי אַלעקסייעוויטש האָט אין די געוויינלעכע אינדערוואָכנס געאַרבעט.

דער צימער האָט זיך געפֿונען אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַ צווייִשטאָקיקער מאַסיווער געבײַדע — ווי מע זאָגט איצט, אויף דער אַלטער טעריטאָריע. אין אַ צײַט אַרום האָט מען גאַגאַרינס אַרבעטס־קאַבינעט אַריבערגעטראָגן אין דער געבײַדע פֿונעם קולטור־הויז פֿון דעם שטערן־שטעטל, בײַשכיינעס מיטן קאָסמאָנאַווטיק־מוזיי.

— דאָ איז אַלץ פֿאַרהיט געוואָרן און געפֿינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד ווי בייס עס האָט געלעבט דער באַלעבאָס פֿונעם קאַבינעט. — האָט מיר געזאָגט וואַלערי לאַטישעוו.

אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט, און אַלץ, וואָס כ׳האָב אַליין געזען און געהערט, איז פֿאַרשריבן אין מײַן נאָטיצביכל דעם 15 אַפּרעל 1968.

גאַגאַרינס קאַבינעט איז ניט קיין גרויסער. אַ שרײַבטיש און צוויי שטולן. האַרט לעבן אים איז צוגעשטעלט נאָך אַ טיש — מער פֿון אַ צענדליק שטולן, אַרומגעשלאָגענע מיט ברוינעם לעדער. אויף דער גאַנצער לענג פֿון דער וואַנט הענגט אַ מאַפּע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אויף אַ ווינקלטיש שטייט אַ גלאָבוס — דער ערד־קײַלעך, אַ לעוואָנע־גלאָבוס און טעלעפֿאָן־אַפּאַראַטן — אַ שוואַרצער און אַ גרינער. אויף אַ צוגעשטעלט טישעלע — אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור.

כ׳גיי צו צום ביכער־שראַנק און טו אַ קוק אויף די ביכער. ד. דאַר „באַלאַדע וועגן דעם מענטשן און זײַנע פֿליגל“, יע. פּיאָדאָראָוו „אַ שטיינערנער מעסער“, עטלעכע עקזעמפּליאַרן פֿונעם זשורנאַל „פּראַגן פֿון פֿילאָסאָפֿיע“, אַ סאַך וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור. אויף די ווענט — ק. ציאָלקאָווסקיס און ס. קאָראָליאָווס פּאָרטרעטן. אַ ברוינער גריפֿלנער טאָוול. אין דער קליידער־שאַפֿע איז אַקוראַט אויפֿגעהאַנגען אויף אַן אַקסלהענגער יורי אַלעקסייעוויטשעס שינעל. אויפֿן שרײַבטיש — די קאָרעספּאָנדענץ, געשעפֿטלעכע פּאַפּירן, בריוו פֿון סמאָלענסק, ראָסלאַוול, קאַלוגע, פֿונעם פּרעזידיום פֿון אויבער־סאָוועט פֿון ססר. אויף אייניקע פֿון זיי שטייט אַן אויפֿשריפֿט: „געענטפֿערט“. אינמיטן טיש — אַ שיינער טינטער, אַן איבערקער־קאַלענדאַר, אויף וועלכן גאַגאַרין האָט מיט זײַן האַנט געמאַכט פֿאַרשיידענע פֿאַרצייכענונגען. דאָס לעצטע מאָל האָט ער געשריבן אויפֿן קאַלענדאַר־בלעטל דינסטיק דעם 27 מאַרט: „פֿליגן. צו וואַליען“ (זײַן פֿרוי איז אין יענער צײַט געלעגן אין שפּיטאָל. — ג. ר.). „אָגאָניאָק“ 17.00.

אין נאָוואָסיאָלאָוואָ זײַנען מיר מיט וואַלערי איוואַנאָוויטשן געקומען אַרום צוויי אַזייגער בײַטאָג. איבערן שלעכטן וועטער זײַנען מיר געצוווּנגען געווען פֿאַרקערעווען אין אַ זײַט אויפֿן הונדערט פֿינפֿטן קילאָמעטער פֿון דער אויטאָמאַגיסטראַל מאָסקווע — גאָרקי. ווײַטער האָבן מיר געפֿרעגט דעם וועג בײַ די היגע פּויערים.

אָפּפֿאָרנדיק אַנערעך אַ קילאָמעטער, האָבן מיר אָפּגעשטעלט די מאַשין און אַוועק צו־פֿוס. אין וואַלד איז געווען פֿײַכט. דער סאָסנע־מאַסיוו איז מיט יעדן שפּאַן געוואָרן געדיכטער, און אַלץ שווערער איז געווען זיך דורכרײַסן דורך די קוסטעס און נידעריקע פֿלאַנצונגען. ערגעץ־ווּ, הינטער די יעלקן, זײַנען נאָך געווען רעשטן פֿונעם שניי, וועלכער איז נעכטן אויסגעפֿאַלן. מיר האָבן אויסגעמיטן שטעכן, פֿאַרפֿלייצטע מיט וואַסער. דער הויכער, שיינער, נאָר איינצײַטיק מיט עפּעס אומהיימלעכער וואַלד, האָט געהיט די שטילקײַט און... דעם סאָד, וויאַזוי עס זײַנען אומגעקומען די צוויי פֿליִער.

מיר האָבן זיך לאַנג דערקליבן צום אָרט, וווּ דער אַעראָפּלאַן האָט געליטן די אַוואַריע. און עפּשער האָט זיך אונדז בלויז אויסגעוויזן, אַז דער וועג איז אַזאַ שווערער און אַזאַ לאַנ־

גער, ווײַל געגאַנגען זײַנען מיר מיט זייער א שווער געמיט און, ווי מע זאָגט, געטאַפּט דעם וועג. מיר האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי עס זעט אויס דאָס שרעקלעכע אָרט. ווען מיר האָבן זיך שוין אַהין דערקליבן, האָט פאַר אונדזערע אויגן זיך אַנטפּלעקט א בילד, אין דער רעאַלקייט פון וועלכן כ'האָב ניט גלײַך געקאָנט גלייבן. צענדליקער, הונדערטער און עפּשער טויזנטער בערעזעס אַרום און אַרום, אַף א גרויסן שטעטל, זײַנען געווען אַרומגע־בונדן מיט רויטע פּיאָנערישע האַלדזטיכלעך. זייערע שפּיצן האָבן צאַרט געצאַפּלט אַפן גרינגן פרילינגדיקן ווינט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ: די בערעזעס, די העל־רויטע האַלדז־טיכלעך, ווי דאָס בלוט פון די אומגעקומענע, און די וואַלדיק־גרויסע און טיפע, קימאַט דרײַ־מעטערדיקע גרוב, אָן אָנגעפּילטע ביזן ברעג מיט וואַסער, וועלכע איז געוואָרן גאַגאַ־רינס און סעריאָגינס ערשטער קיווער, הייבן זיך לאַנגזאַם אוף און שוועבן איבער אונדזערע קעפּ.

כ'האָב א קוק געטאָן אינדערהייך און דערזען אין דער געדיכטקייט פון די ביימער־קרוינען א פענצטערל אינעם הימל, וועלכן דער אַעראָפּלאַן האָט, פאַלנדיק, דורכגעהאַקט. אַהין האָבן אויך, צאַפּלענדיק, געוואָלט אַוועקפליִען די רויטע האַלדזטיכלעך. זייער לאַנג האָב איך ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. כ'האָב ניט געוואָלט צעשטערן די לופטיקייט און די ציטערדיקייט פון דער אַנטפּלעקטער לאַנדשאַפט. כ'בין געשטאַנען, און פאַר די אויגן מײַנע איז אויפגעקומען גאַגאַרין — כ'האָב געזען, ווי ער שפּאַנט איבער דער גאָרער גרייס פונעם קרעמל־פּאַלעץ, טראַגנדיק אין די הענט די קאָמיוגישע פאָן. איך בין געשטאַנען און געטראַכט וועגן יענע מענטשן, וועלכע האָבן אין אָט דעם וואַלד אויפגעזוכט דעם וועג צו דער טיפער גרוב און געלאָזט דאָ די פּיאָנערישע האַלדזטיכלעך.

יורי גאַגאַרין איז אויך געווען א פּיאָנער, און א פּיאָנער איז ער געבליבן אַף אייביק — א פּיאָנער פון דער אַלוועלט.

אינעם וואַלד, וואָס האָט אַזוי טאַקע ניט אַנטדעקט די געהיימניס פון דער אַוויאַ־קאַ־טאַסטראָפע, אַפן אָרט, וווּ ס'האָט זיך אַנטפּלעקט די טיפע גרוב, שטייט איצט א דענקמאָל יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרינען. צום דענקמאָל איז דורכגעלייגט א שיינער, ברייטער שליאַך.

א פאָטאָגראַפיע פונעם קאָסמאָס

מיט וואַלקאַוו האָבן בעליאַקאָוו און אַרטיאָמאָוו זיך געזעגנט אַפן וואָקזאַל. ער האָט זיי שטאַרק אײַנגערעדט פאָרן צו אים אַהיים, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן ניט גע־וואָלט שטערן דער מישפּאָכע צו בלײַבן מיטן גאַסט אויג אַף אויג נאָך דער קימאַט קוי־דעשלעכער צעשיידונג.

פריִער פּלעגט וואָלאָדימיר און אויך סערגיי, קומענדיק צו פאָרן אין מאָסקווע, זיך אָפּ־שטעלן געוויינלעך אין איינעם און דעם זעלבן האָטעל. און איצט אויך, געזעגענענדיק זיך מיט וואָלאָדיקן, האָבן זיי אָן לאַנגע וויקוכים זיך געלאָזט איבער דער גאַנצער שטאָט אין וועג צום פּלאַץ פון דער קאָמונע.

די הויפּטשטאָט האָט זיך אויסגעפּוצט.

העל־רויטע טראַנספּאַראַנטן, פּאָרטרעטן פון די קאָסמאָנאַווטן, וועלכע זײַנען ערשט ניט לאַנג אַרויס אין אָפענעם קאָסמאָס, האָבן אַרײַנגעבראַכט א פּײַערלעכקייט, א יאָמטעוודיקייט אינעם אַרום. פרייד האָט זיך געפּילט אַף שריט און טריט. די דאָזיקע דערהויבנקייט האָט געלויכטן באַ די מענטשן אין די אויגן. אומעטום — אין דער היים, אַפן גאַס, אין מעטראָ, אין טראָליייבוסן, אויטאָבוסן, טראַמווייען, האָבן אַלע מיט עכטער באַגײַסטערונג גערעדט וועגן דעם וווּנדער, וועגן דער העלדישקייט פונעם מענטשן. נאָך גאַגאַרינס באַפליגלטן אויסרוף „פּאָיעכאַלי!" זײַנען טויזנטער הערצער ווי געקומען אין באַריר מיטן ערשטן, וואַלדיק־גרויסן מענטשלעכן ניצאָכן איבער דער קאָסמאָס־סטיכיִע. גאַנצע צוועלף מינוט האָט לעאָנאָוו געשוועבט, אָנהייבנדיק פונעם שוואַרצן יאַם און ביז סאַכאַלין, זײַענדיק אויסער די ווענט פון דער קאָסמישער שיף... מינוטן... און דורכגעמאַכט האָט ער קימאַט צען טויזנט קילאָמע־טער! פאַנטאַסטיק! אפילו דער נודנער, פונעם גאַנצפרי אָן מאַראַקענדיקער רעגן, האָט קיינעם

אין אָט דעם דאָזיקן יאָמטעוודיקן טאָג ניט צעשטערט די שטימונג. ניט אָפּגעגליקט האָט בלויז בעליאַקאָוו און אַרטיאָמאָוו. די שטימונג האָט זיי געפּאַטערט די דזשורנע פֿונעם האָטעל. ווי עס טרעפֿט נאָך, צום באַדויערן, האָט זי אומבאַשטרײַטבאַר געזאָגט צו די געקומענע:

— קיינער האָט אײַך קיין ערטער אין האָטעל ניט באַראַנירט, און ביכלאַל זײַנען קיין פֿרײַע צימערן ניט פֿאַראַן. קיין איינער אַפֿילע.

וולאַדימיר האָט טעלעפֿאָנירט זײַנעם א באַקאַנטן, דערנאָך — אַן אַנדער פֿרײַנט, אָפּגעזוכט דעם טעלעפֿאָן פֿון א דריטן כאַווער זײַנעם. נאָר די טירכע איז געווען אַן אומזיסטע. דער ענטפֿער — איינער און דער זעלבער:

— ער איז אויפֿן אופֿנאַם. אין קרעמל...

— אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרויסגאַנג אין אָפֿענעם קאָסמאָס? — האָט פֿאַרפּינקטלעכט בעליאַקאָוו.

— יאָ. — די אָפּגעהאַקטע קורצע סיגנאַלן אינעם טעלעפֿאָן־טרײַבל האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער שמועס איז געענדיקט. וולאַדימיר האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס ער האָט ניט אָנגענומען וואָלקאָווס אײַנלאַדונג.

נײַן אַזייגער פֿאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָגראַם פֿון טעלעוויזיע־נײַעס. די ערשטע קאַדרען זײַנען געווען געווידמעט דער באַגעגעניש מיט די קאָסמאָס־העלדן אין מאָסקווע. בעליאַקאָוו, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט אין האָל פֿונעם האָטעל, אַנטקעגן טעלעוויזאָר, איז געוואָרן אומעטיק אויפֿן האַרצן. ווען דער גרויסאַרטיקער אָפֿענער לימוזין מיט די צוויי קאָסמאָנאַווטן, וועלכע זײַנען געפֿאָרן אין דער באַגלייטונג פֿון אַן עסקאָרט מאָטאָציקליסטן, איז אַרײַן אין קרעמל, האָט וולאַדימיר זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט און איז אַוועק צו דער דעזשורנער. באַם טיש איז געזעסן א בלאָנדע פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט א מילד פּאָנעם, מיט גרויסע, גרויע, ברייט צערוקטע אויגן. זי האָט, זיצנדיק אויף איר אַרבעטס־אָרט, פֿונדערווײַטנס אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דעם רעפּאָרטאַזש אויפֿן עקראַן פֿונעם טעלעוויזאָר, נאָך די אײַנדרוקספֿולע בילדער, וואָס דער אָפּעראַטאָר האָט איבערגעגעבן פֿון דער גאַס. א שטאַרק געדיכטער, טויזנטקעפּיקער מאָסקווער אוילעם האָט פֿאַרשטאָפּט אַלע דורכגענג, מאַמעש באַלאַגערט די בײַלײַגנדיקע פּלעצער און מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט באַגעגנט די צוויי רוסישע יאַטן — בעליאַיעוון און לעאָנאָוון, — די צוויי העלדן פֿון דער סאָוועטישער ערד.

— ס'קאָן הייסן, אַז איך האָב זיי געראַטעוועט, — האָט וולאַדימיר, צוגייענדיק צו דער בלאָנדער פֿרוי, ניט דרייסט געזאָגט, — און קיין אָרט אין האָטעל געפֿינט זיך פֿאַר מיר ניט...

— וועמען האָט איר געראַטעוועט? — האָט ניט פֿאַרשטאַנען די דעזשורנע.

— נו, זיי... וועמען דען? — האָט אָנגעוויזן בעליאַקאָוו אויפֿן טעלעוויזאָר.

— פֿונוואַנען איז עס צו זען?

— איך האָב א קאָמאַנדירונג. כ'קום ערשט פֿון פּערם. — וולאַדימירס האַנט האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין קעשענע, זוכנדיק דעם בײַטל. זײַנע פֿינגער האָבן זיך אָנגערירט אין עפּעס האַרטס, און איבערן פּאָנעם האָט זיך צעשפּרייט א ליכטיקער שמייכל.

אין בײַקאָנור האָט וולאַדימיר סערגייעוויטש, דער פֿינף־און־דרײַסיקיאָריקער אינזשעניער, אָנגעפֿירט מיט א גרופּע, וועלכע האָט געגרייט די קאָסמישע שיף צום פֿלוג: אָנהייבנדיק פֿון זויערשטאָף אויף צו עטעמען און דעם רעזערוו פֿון שפּײַז און ביז דעם סקאַפֿאַנדער און דער גערמעטישקײַט — דעם קאָנטראָל פֿון דער גאַנצער קאָנסטרוקציע. מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין די פֿופֿציקער יאָרן.

נאָך פֿריִער פֿון אָט דעם דאָזיקן פֿלוג פֿלעגט בעליאַקאָוו ניט איין מאָל פֿאַרמאַכן דעם ליוק דירעקט פֿאַרן סטאַרט, און דער לעצטער פֿלעגט ער באַגלייטן די קאָסמאָנאַווטן אין קאָסמאָס.

— צום ווידערזען, — האָט ער אויך אין אָט דעם פֿאַרטאָג, דעם אַכצנטן מאַרט, געזאָגט פּאַוועלן, און דער קאָסמאָנאַווט האָט, אָנשטאָט אַן ענטפֿער, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וועלכע איז געווען פֿאַרפּאַנצערט אין דער קאָסמישער הענטשקע: ס'הייסט „צום ווידערזען".

יעדער איינער, ווער עס האָט געהאַט אַפֿילע דעם מינדסטן שײַכעס צום פֿלוג, צו דער קאָסמישער שיף, אָדער צו דער ראַקעטע, פֿלעגט געוויינלעך בלײַבן אויפֿן אָרט פֿון דעם סטאַרט, כאָטש קיין אַרבעט איז דאָ שוין ניט געווען. די מענטשן האָבן געוואַרט, ביז די שיף וועט לאַנדן און ס'וועט באַקומען ווערן א מיטיילונג, אַז אַלץ איז בעשאָלעם, און ערשט דערנאָך פֿלעגט מען זיך פֿאַרגינען א ביסל אָפּרו.

די מיטיילונג איז אױפן בײַקאָנור אָנגעקומען פינף אזייגער אינאָוונט, פינקטלעכער גע־רעדט (ווי עס פירט זיך אין דער אוויִאַציע און אין דער קאָסמאָנאַוטיק) 16 אזייגער מיט 49 מינוט. אין א האַלבער שעה אַרום איז די סטאַרט־פּלאַטשאַדקע פּוסט געוואָרן. קאָראָ־ליאָוו, און נאָך א מענטשן צען, זײַנען געבליבן. עפּעס האָט באַאומרויִקט דעם הויפּט־אָנפירער פונעם פּלוג. די מיטיילונג פון דער זוכונגס־גרופּע איז אים ניט איבעריקס געפעלן געוואָרן. מע האָט מיטגעטיילט: „די שיף איז געפונען געוואָרן לויט די ראַדיאָ־סיגנאַלן אין דער צאָפן־מיזרעכדיקער ריכטונג, 180 קילאָמעטער פון פּערם. די עוואַקואַציע איז דערווײַל אומעגלעך. מיר נעמען אָן מיטלען". פון אן אנדער קוואַל האָט קאָראָליאָוו זיך דערוווּסט, אז די קאָס־מאָנאַוטן האָט מען שוין געזען, און אַפילו געדריקט זיי די הענט...

— וואָס אנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט? — האָט געבראָכן זיך דעם קאָפּ דער צוואַנ־ציקסטער (קאָראָליאָווס רוף־צייכן). ער איז געווען א מענטש, וועלכער האָט פּוּלקאָם באַהערשט די פּינקטלעכע וויסנשאַפטן, און ניט קיין פּינקטלעכקייטן אינעם לעבן האָט ער ניט געדולדעט. אזא מיטיילונג, און איבערהויפּט אזעלכע ווידערשפּרעכיקע יעדיִעס, האָבן אים ניט אײַנגעאָרדנט.

דער הויפּט־אָנפירער איז געזעסן זײַטלדיק באַם שרײַבטיש. עטוואָס אָנשפּאַרנדיק זיך אינעם ווענטל פונעם פאָטעל, האָט ער געקוקט אין איין פּינטל. ער איז אינגאַנצן געווען באַהערשט פון גאָר ניט קיין גוטן געדאַנק: „אין קאָסמאָס איז אַלץ דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, נאָר די טײַגע — די טײַגע איז ניט דער קאָסמאָס"... קאָראָליאָוו האָט אומגעריכט זיך א קערעווע געטאָן צו די טעלעפאָנען, אופגעהויבן איינס פון די טרײַבלעך:

— פאַרייניקט מיך דורך דער אַפּעראַטיווער ליניע מיטן שטאַב פון דער זוכונגס־גרופּע! — האָט ער באַפוילן.

אינעם שטעטל האָט מען אָפּגעמערקט, ווי ווער עס האָט געקאָנט, דעם אָרדנטלעכן ני־צאָכן אינעם קאָסמאָס.

וולאַדימירס פרוי איז מעכאַבעד געווען מיט א געשמאַקער וועטשערע די פרײַנט און די מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייער שטוב. אַלץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. די מענטשן האָבן נאָך ניט באַוויזן ווי ס'געהער צו זײַן זיך אָנווארעמען, ווי מע האָט אָנגע־קלאַפּט צו בעליאַקאָוון אין טיר. אויפן שוועל איז געשטאַנען דער אַפּעראַטיווער דעזשורנע: „קאָראָליאָוו בעט אײַך דרינגענד קומען צו אים".

זיך טרעפן מיטן הויפּט־אָנפירער האָט וולאַדימירן זיך ניט אײַנגעגעבן, ווײַל ביז ער איז געקומען צו אים, האָט די קאָמיסיע זיך פאַרזאַמלט אויף א זיצונג. די פאַרגעבונג האָט וולאַדימיר באַקומען פון שאַבאַראָוון — קאָראָליאָווס פּאָרטרעטער: „ס. פּ. — סערגיי פּאַוולאָ־וויטש — האָט געבעטן דרינגענדיק, זייער געבעטן און זייער דרינגענדיק, פליִען אינעם ראַיאָן, וווּ ס'האָט געלאַנדעט „וואָסכאָד", און מיטיילן אים וועגן דער אומגעבונג. אַלץ, וואָס איז נייטיק צוליב דער עקספּעדיציע, איז שוין צוגעגרייט, כ'האָב פאַראָרדנט. נעמט מיט זיך מיט נאָך פיר מענטשן. ס. פּ. האָט אײַך באַשטימט אַלס דעם עלטסטן. די פליִער האָבן באַקומען די פאַראָרדענונג. זיי גרייטן דעם אעראָפּלאַן".

וולאַדימיר סערגייעוויטשן האָט זיך אויסגעוויזן, אז די אופגאַבע איז א פּראָסטע און פאַרשטענדלעכע: קומען אויפן אָרט פון דער לאַנדונג און מיטיילן טייקעף, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. „ווי נאָר כ'וועל קומען אויפן אָרט, וועל איך מיטיילן", — האָט געטראַכט וולאַדימיר. ער האָט קיין איינציקע פראַגע ניט פאַרגעבן און איז אוועק אויף דער באַזע.

שוין אינעם אעראָפּלאַן, וועלכער איז אַרויסגעפלויגן פון בײַקאָנור נאָך עלף אזייגער באַנאַכט, האָט בעליאַקאָוו, קומענדיק א ביסל צו־זיך, ערנסט באַקלערט קאָראָליאָווס פאַרגע־בונג. „ס. פּ. האָט זייער געבעטן" — האָט אופגעוואַכט א געדאַנק... „געבעטן, געבעטן"... זינט בעליאַקאָוו אַרבעט אונטער קאָראָליאָווס אָנפירונג, געדענקט ער ניט קיין פאַל, אז עמעץ זאָל ניט אויספילן זײַן באַקאַשע. „עפּשער האָב איך ניט געדאַרפט מאַסקים זײַן, ניט אונ־טערנעמען זיך"... האָט א טראַכט געטאָן דער אינזשעניער, פליִענדיק אין אעראָפּלאַן. איניי־נעם מיט בעליאַקאָוון זײַנען געפלויגן אַרטיאָמאָוו, וואָלקאָוו, שאַפּאָוואַלאָוו, ליגין.

דער ווינטער פונעם פינף־און־זעכציקסטן יאָר איז אויפן צאָפן געווען א שנייִקער און א פראָסטיקער. אין מאַרט האָבן זיך נאָך געהאַלטן פּופּצנגראַדוסדיקע קעלטן. א געדיכטער, הויכער, אַלטער וואַלד האָט צונויפגעפלאָכטן זײַנע ביימער־קרוינען איבערן אונטערגעסמאַ־ליִעטן אַפּאַראַט.

א צווייענדיקער, א ווײַסער, א גוואַלדיק־גרויסער פּאַראַשוט־קופּאָל, א צעווירעטער מיט ברייטע, העל־אָראַנזשעווע פּאַסן, האָט אײַנגעדעקט מיט זיך א צען סאָסנעס און יעלן, און די שנייִק־ווײַסע סטראָפּן, האָבן, ווי שפּינוועבס, אָט די אַלע ביימער אײנײנעם צונויפגעבונדן, ס'האָט זיך באַקומען א פּרעכטיק־שיין בילד, אַזוינס האָט נאָך די טײַגע קיינמאָל ניט געזען.

די לופט־שיף האָט גרינג געלאַנדעט אין א קימאַט אַנדערהאַלבנמעטערדיקן באַרג שניי און געבליבן שטעקן א פאַרפרעסטע צווישן א סאָסנע און א בערעזע. פון דער אומגעהייערער שווערקײַט האָט זיך אײַנגעבראָכן די בערעזע, און דערנאָך האָט אויך די סאָסנע זיך געגעבן א נייג אָן אין א זײַט. דער ליוק, פון וועלכן מע האָט געדאַרפט אַרויסגיין, איז פאַרשטעלט געוואָרן מיטן בערעזע־שטאַם, און עפּעס אים האָט זיך לאַנג ניט אײַנגעגעבן. ניט געקוקט אָף דעם, זײַנען די געקומענע פונעם קאָסמאָס ניט געפאַלן בא זיך. פּאַוועל בעליאַיעוו איז, ווי שטענדיק, געווען ערנסט, אופמערקזאַם צו אַלץ און צו אַלעמען, אַלעקסיי לעאָנאָוו — ענלעך אײנצײַטיק צו א מאָטאָר און צו א פּרוזשינע. בא די שווערסטע אומשטענדן פלעגט ער קיינמאָל זיך ניט פאַרלירן. פּאַוועל האָט אויך פאַרהיט די רויִקײַט.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן אַזוי לאַנג געוויגט דעם שווערן ליוק, ביז ער האָט סאָפקאָלסאָף זיך אָפּגעריסן פון די באַלקן, וועלכע האָבן אים געהאַלטן, און איז פּאַמעלעך אַרײַן טיפער אינעם שניי. דעם צווייטן ליוק, וועלכער האָט געהאַט רעזערוו־פונקציעס, האָט פאַרהאַקט די צעבראָכענע סאָסנע. וועגן עפּעס אים האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן.

צוערשט איז אַרויסגעקראָכן פּאַוועל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען און, ווי דער ליוק, אַרײַן אין טיפן שניי. אַרום און אַרום איז וואַלד. מע זעט ניט קיין אָנהייב און קיין סאָף. א געדיכטע טײַגע, ניט דורכגיין זי, ניט אַרויסרײַסן זיך פון איר קלעם. „צי איז געווען אַמאָל א מענטש אין די דאָזיקע מעקוימעס?" — האָט געטראַכט בעליאַיעוו, באַקוקנדיק דעם אַרום. ס'איז שטיל. בלויז טרוקענע צווײַגן, ווען עס רירט זיך צו זיי צו דער ווינט, טוען א סקריפּע און דער „קאָמאַר" (די ראַדיאָסטאַנציע, וועלכע זיי האָבן געבראַכט מיט זיך) פּישטשעט, איבערגעבנדיק פאַר די אומזעבאַרע אופכאַפּער־ראַדיסטן די סיגנאַלן.

אַלעקסיי האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער שיף. בעליאַיעוו, קריכנדיק אינעם טיפן שניי אין זײַן האַרטן, זייער ניט באַקוועמען, ניט צוגעפּאַסטן פאַר אַזעלכע „שפּאַצירן" סקאַפאַנדער, האָט א רוף געטאָן לעאָנאָוון:

— אַנו, ליאָשע, קריך אַרויס. דעם „נאַז" (דעם אַוואַריע־רעזערוו) נעם מיט זיך.

— העלף, פּאַשע! אײנער אַליין קאָן איך זיך ניט ספּראַווען. די קרעסלע האָט מיר צוגעקוועטשט דעם פוס. כ'האָב אים צו פרי אופגעהויבן...

פּאַוועל, ווי א זאָרגעוודיקער „מאַרסיִאַנער", האָט זיך עטוואָס איבערגעבויגן איבערן ליוק־ראַנד, און אָנגעהויבן שלעפּן אַלעקסייס פוס אין טאַקט מיט יענעמס פיזישע באַמיִונגען. לעאָנאָוו איז אַרײַנגעפאַלן צווישן דער קרעסלע און דעם ווענטל פון דער שיף. ער האָט א פּרווו געטאָן זיך אופהייבן און ניט געקענט. האָט ער ווידער א רוף געטאָן בעליאַיעוון. פּאַוועל האָט באַשלאָסן מיט די הענט פאַנאַנדערשאַרן א ביסל דעם שניי אַרום דער שיף, אײַנטאָפּטשען אים, נאָר ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט, ווידער זיך אויסגעקערעוועט צו לעאָנאָוון, אָנגעכאַפּט אים אַפּסנײַ פאַרן פוס און אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען:

— אײנס, צוויי — גענומען, נאָך א מאָל — גענומען... געשלעפּט זאָל זײַן... נאָך א מאָל...

אַלעקסיי האָט דערלאַנגט דעם סעקסטאַנט און אָנגעהויבן פעסטשטעלן דאָס אָרט, ווו זיי געפינען זיך.

— מיר געפינען זיך, אַפּאָנעם, ערגעץ צווישן די טײַכן אָב און יעניסיי, — האָט ער אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע און נאָכדעם ניט פריילעך זיך א וויצל געטאָן: — האַלט זיך, פּאַשע! אין א כאַדאָשים צוויי אַרום וועט מען אַהער קומען נאָך אונדז אָף הינט. ס'איז א גוטער עקזאַמען אָף לעבנספייִקײַט.

זייערע קאָאָרדינאַטן האָבן די קאָסמאָנאַווטן פעסטגעשטעלט אין א מינוט צוואַנציק אַרום. צוליב דעם איז זיי נייטיק געווען אויך מאַכן א צווייטע אויסמעסטונג לויט דער זון. און אינגיכן האָט א ווינט צעווירכערט דעם שניי, עס האָט זיך אָנגעהויבן א בוראַן, און ער האָט פאַרטריבן די מענטשן צוריק אין דער שיף. אין כוידעש מאַרט זײַנען די טעג קורצע. אײנײנעם מיטן בוראַן האָט א ביינהאַשמאָשעסדיקע טונקלקײַט פאַרהילט דעם אַרום. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ פינצטערער, כוישעכדיקער. פּאַוועל האָט געעפנט דעם „נאַז" — אַוואַריע־רעזערוו, פון די טיוביקעס האָבן זיי א שלונג געטאָן קאַלטן באָרשטש, אופגעגעסן צו אײן קאָטלעט מיט א שטיקעלע שוואַרץ ברויט. ס'איז געוואָרן וואַרעמער, עפּעס אַזויווי היימלעכער אין אָט דעם קײַלעכדיקן, פון אַלע זײַטן אַרומגעבערענטן שטיבעלע.

פ. אי. בעליאיעוו (צווייטער פון לינקס) ערעוו זײַן אָפּפֿאָרן אַף לער אין דער אקאדעמיע. ווײַטער מיזרעך, זומער 1955

די קאָסמאָנאווטן פּאוועל בעליאיעוו און אלעקסיי לעאָנאָוו

אזייגער פינף באטאג האט אין דער בערייעשסדיקער שטילקייט פונעם וואלד זיך צע־רוישט אן עראפלאן. געהודעט, געהודעט, געמאכט עטלעכע קרייזן איבערן פלאץ, ווו די קאסמאנאווטן האבן זיך געפונען, נאר די הורבעס שניי האבן פארשטעלט די אפגעברענטע שיף, און דער עראפלאן איז אינגיכן פארשוווּנדן אין דער ווייט, נאר פארט געלאזט א גוטע האפענונג פאר די צוויי נעפאשעס אינעם אומענדלעך־גרויסן, הארבן טייגע־יאם.

— דאס איז א „איל־14“ — האט ריכטיק פעסטגעשטעלט בעליאיעוו.

— מהו, טאקע ער, — איז מאסקים געווען אלעקסיי.

ווען ס'איז שוין געווען שטאק־פינצטער, האט ווידער זיך דערהערט אינדערהייך איבער זייערע קעפ, נאר דאס מאל שוין א טויבע, און אומופהערלעכע, עפעס ניט קיין פריילעכע הילכיקייט. דער רויש האט זיך אט דערווייטערט פון די קאסמאנאווטן און אט זיך דערנענ־טערט. עפעס געדרייט זיך, ווי א ווערווריקל.

— און דאס איז א „טו“, — האט, ציטערנדיק אינעם סקאפאנדער פון קעלט, געזאגט לעא־נאוו. בעליאיעוו האט ארויסגענומען דעם פיסטאלעט.

— לאמיר, ליאשע, אויסשיסן. עפשער וועט מען דערהערן.

— לאמיר.

פאוועל האט ארויסגערוקט די רעכטע האנט פונעם ליוק, און, ניט צילנדיק זיך, אויס־געשאסן צוויי מאל אינדערהייך. קלינגענדיק, האט זיך אנגעהויבן שיטן דער שניי פון די ביימער, דער ווינט האט אים אונטערגעכאפט און לאנג נאך געדרייט אינדערלופטן. און מיטאמאל איז ווידער געווארן שטיל. אפילע דער ווינט האט ניט געוואגט צעשטערן די שטיל־קייט, וואס האט זיך אראפגעלאזט אף די אומענדלעכע ראכוועסן, פארקליבן זיך אף די ביי־מער־קרוינען, וויגנדיק זיך אף זיי נאכאנאנד. דער פראסט איז שטארקער געווארן.

באם אפענעם ליוק איז פאוועלס קרעסלע, הינטער איר — לעאנאווס. בעליאיעוו איז אינ־גיכן איינגעשלאפן. אלעקסיי האט אויך געכאפט א דרעמל. א דרעמל גיטאן, אפאנעם ווי ס'גיהער צו זיין. ער האט אפילע ניט געפילט, אז עס האבן אנגעהויבן פרירן די הענט מיט די פיס. ווען ער האט באנאכט זיך אופגעכאפט, האט ער ניט געקענט קומען צו־זיך פון דער ביטערער קעלט, וועלכע האט אים דורכגענומען אף דורך און דורך. ער האט א בייג געטאן די פיס — די פינגער זיינען געווען נאכגיביק, נאר געפילט האט ער זיי ניט. עפעס א קלע־פיקע, קאלטע פייכטקייט האט זיך אנגעזאמלט אין די קאסמישע שיך.

— פאשע, פאשע, — האט אלעקסיי א טארע געטאן מיטן עלנבויגן בעליאיעוון.

— וואס ווילסטו, ליאשע?

— ס'איז מיר זייער קאלט, די הענט זיינען פארפרוירן.

— אטעם אף זיי, אטעם, — האט זיך אנגעהויבן דרייען אין דער קרעסלע פאוועל.

— מיין אטעם איז א פראסטיקער, איך אטעם מיט קעלט, — אין לעאנאווס קאל האט זיך געפילט איראניע, און דאס אליין איז שוין געווען א גוטער סימען.

— מע דארף שלאפן, וועט די צייט גיכער דורכגיין, — האט געייצעט בעליאיעוו.

אלעקסיי האט זיך געהאלטן בא זיינעם:

— פאשע, ס'איז קאלט. מע דארף זיך דערווארעמען.

— מיט וואס זיך דערווארעמען? אין אט דער טייגע קאן מען דען עפעס געפינען?

— און די שיף איז צוליב וואס? — האט זיך ניט בארויקט לעאנאוו.

בעליאיעוו איז אופגעשטאנען. דער שלאף איז אנטרונען. אפן זייגער איז געווען א פערטל אף איינס. א טיפע ווינטערדיקע נאכט.

— ליאשע, לאמיר זיך פרווון. ביסט א מאלאדיעץ, זאג איך דיר. אף מיר איז אויך דאס גאנצע אנטאן קלעפיק געווארן, דאס גרעט איז פייכט, מיר איז אויך זייער קאלט.

פאוועל איז ארויסגעקראכן פונעם ליוק, לעאנאוו — נאך אים.

ווען ס'איז ווארעם, איז אין די סקאפאנדרען אויך ווארעם, און דא ברענט דער פראסט. די סאסנעס סקריפען אזש. די קאסמאנאווטן האבן אפגעריסן אין דער שיף דעם דעדעראן, אנגעשניטן סטענגעס פון די פאראשוט־סטראפן און דערנאך, העלפנדיק איינער דעם אנ־דערן, אויסגעטאן ביזן גארטל די סקאפאנדערס, זיך איינגעוויקלט אינעם דעדעראן, ארומגע־בונדן דאס צייג מיט די סטענגעס און ווידער אלץ ארופגעשלעפט אף זיך.

מיט גרויסע שווערקייטן ווידער אריינגעקראכן אין דער שיף. ווי פריער, זיך געלייגט אין די קרעסלעס: באם ליוק־אפהאנג בעליאיעוו, פון הינטן — לעאנאוו. פאוועל איז טייקעף איינגעשלאפן — עפשער איז די נערוון־סיסטעם בא אים שטארקער, און עפשער האט די מידקייט אים פעסטער גענומען אין איר פענט. אלעקסיי האט בלויז געדרעמלט. דער פראסט

איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דערפאַר אָבער האָט זיך געשטילט דער ווינט, און דער בוראַן האָט לאַנגזאַם באַקלעפּט מיט שניי די כוואַיע.

בײַ לעאָנאָוון זײַנען די הענט שטאַרק פאַרפרוירן געוואָרן. באַוועגן מיט די פינגער האָט ער שוין ניט געקאָנט, ער האָט זיי קימאַט ניט געפילט. ערגעץ אין שניי האָט ער פאַרגעסן זײַנע הענטשקעס בײַסן איבערטאָן זיך.

— פּאַשע, אַ, פּאַשע!

— וואָס ווילסטו? — האָט פון שלאָף אַ שטאַמל געטאָן פּאַוועל.

— לאָז מיך דורך. כ׳וועל אַ זוך טאָן מײַנע הענטשקעס.

אָן כיישעק האָט בעליאַיעוו זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט, און לעאָנאָוו איז לײַכט און פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון דער שיף. די הענטשקעס, פאַרפּאָראַשעטע מיט שניי, זײַנען געלעגן אויפן גערמאַשלעם.

אַלעקסיי האָט אָנגעטאָן די זייער קאַלטע, פאַרדובעניעטע אויפן פראָסט, נאָר פּאָרט אַצינד באַקוועמע קאָסמישע קראַגן, פאַריסן דעם קאָפּ אינדערהייך, און לאַנג געקוקט אויפן פּאַראַשוט־קופּאָל, פּאַטשנדיק מיט די הענטשקעס זיך איבער די לענדן, קעדיי גיכער דערוואַרעמען די הענט. ס׳איז אים אײַנגעפאַלן אַ גלענצנדע אידיי. ער האָט דורכגעלעכערט מיט דער ברוסט עטלעכע מעטער טיפן שניי און זיך אָנגעכאַפּט אינעם פּאַראַשוט־סטראָפּ. הענגענדיק אַזוי אינדערלופטן, האָט ער ביסלעכווײַז, ניט געײַלט, אַראָפּגעצויגן דאָס זײַדענע, גליטשיקע צײַג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער קופּאָל וועט באַלד אַ פאַל טאָן, און עס וועט זײַן, מיט וואָס זיך אײַנדעקן און וואָס אויסשפּרייטן אונטער זיך. נאָר די באַוועגונגען פונעם זײַד זײַנען געווען אָפּנאַרערישע. דאָס צײַג, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די סאָסנע־קרוינען, האָט אַלץ פעסטער און שטאַרקער אַרומגעכאַפּט די ביימער און אײַנגעדעקט זיי.

דערווײַל האָט אַלעקסיי גוט זיך דערוואַרעמט, בײַ זײַנע פיס איז שוין געלעגן אַ גאַנצער הויפן פון סטראָפּן. אַ שפּרונג טוענדיק עפּשער דאָס הונדערטסטע מאָל, האָט ער זיך אײַנגענורעט אין זיי, אַנשטילט געוואָרן און דערנאָך אײַנגעשלאָפן. דער געהילך פון אַן אַעראָפּלאַן האָט אים אופגעוועקט. פּאַוועל האָט זיך אויך אופגעכאַפּט. איבער זיי איז געפלויגן אַ „טורפּאָלעוו“. דער זייגער האָט באַוויזן פינף.

— מע פליט און מע פליט, — האָט אומצופרידן, פאַרשלאָפן געשטאַמלט בעליאַיעוו, — מע פליט... וואָלטן זיי אונדז עפּעס אַ וואָרף געטאָן, מיר זאָלן איבערבײַסן... ליאָשע! אַלעקסיי! — האָט ער הויך אַ רוף געטאָן.

— איך בין דאָ. איך נעכטיק אין די סטראָפּן, — האָט ער זיך אָפּגערופן און אָנגעהויבן אַרויסקריכן.

קאָראָליאָוס אויסשפּיר־בריגאַדע, — אַזאַ נאָמען וועלן זיי שפּעטער זיך צווייגענען, — האָט פינף אַזייגער פאַרטאָג, אַרויסשטײַגנדיק אינעם פערמער אַעראָפּאָרט פון אַ גרויסן אַעראָפּלאַן, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ געוויינלעכן ווערטאָליאָט. וולאַדימיר האָט גאָרנישט ניט פאַרצייכנט פאַר זיך אויפן קאָסמאָדראָם. ער האָט אַלץ פאַרגעדענקט. פון אָנהייב — פערם, דער אַעראָפּאָרט. דערנאָך — דער יִשעוו, וועלכער רופט זיך „דאָס טויטע דאָרף“ — 160 קילאָמעטער. נאָך עטלעכע קילאָמעטער — אַן אָרט, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, בלויז קאָאָרדינאַטן: די לענג, די ברייט.

אין פיר שאָ אַרום נאָך דעם, ווי די קאָסמישע שיף מיט די צוויי קאָסמאָנאַווטן האָבן באַרירט דעם זויבער־ריינעם, פינקלענדיקן ווײַסן שניי, האָבן צענדליקער און עפּשער הונדערטער מענטשן, אַלע, וואָס זײַנען געווען באַפולמעכטיקט, שוין געוווּסט זייערע קאָאָרדינאַטן. אפילע פאַר זיי זײַנען די יעדיעס געווען אומדערוואַרטע. ס׳איז אומעגלעך געווען צוגרייטן די אָפּעראַטיווע עוואַקואַציע פון די קאָסמאָנאַווטן פאַר די עטוואָס מער פון צוויי שאָ, זינט קאָראָליאָוו איז קלאָר געוואָרן, אַז די אויטאָמאַטישע סיסטעם, וועלכע האָט געדאַרפט רעגולירן די לאַנדונג פון דער שיף, איז קאַליע געוואָרן. ווו געפינט זיך קוסטאַנײַ, און ווו — פערם?

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט קאָראָליאָוו פאַראָרדנט:

— עס ווערט אײַך דערלויבט די האַנט־לאַנדונג אויפן אכצנטן קרײַז, ס׳וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג. מיר גלייבן אין אײַך.

די זוכונגס־גרופּע, ווי אויך אַנדערע ספּעציאַליסטן, און כוץ זיי — אַן אַעראָפּלאַן מיט זשורנאַליסטן און קינאָ־טעלעוויזיע־אַפּעראַטאָרן, זײַנען אין אָט דער צײַט געפלויגן אין דער ריכטונג פון קוסטאַנײַ, און די שיף, לאָזנדיק הינטער זיך קנוילן פײַער און אַ שלאַל פונקען,

האָט זיך געטראָגן צו פערם. די רעטער זײַנען געפלויגן איין איין זײַט, די קאָסמאָנאווטן אין אַן אנדער זײַט.

טעלעטײַפּן, ראַדיאָסטאַנציעס, טעלעפאָן־דראָטן האָבן געגעבן אַן אנדער אָריענטאַציע די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער עוואַקואַציע פון די קאָסמאָנאווטן, וועלכע האָבן געלאַנדעט אין ניט קיין פאָרויסגעזעענעם אָרט, אין א וואַלד, וווהין עס איז זייער שווער דערלאַנגען, און פּונקט אַזוי שווער דורכלייגן אַהין א וועג.

פון קוסטאַנײַ קיין פערם זײַנען די זשורנאַליסטן ניט געפלויגן. קיין מאָסקווע זײַנען יענע מעקוימעס נעענטער. ס'איז געשאַפן געוואָרן א נײַע גרופּע, וועלכע האָט געדאַרפט באַלויכטן די געשעעניש.

וולאַדימיר בעליאַקאָוו האָט אפן ניט גרויסן אַעראָדראָם אין דעם „טויטן דאָרף" דערזען פיל באַקאַנטע. בא זיי האָבן געפלאַמט פונעם פראָסט די באַקן און די אויערן. אין דערפל, וואָס די אײַנוווינער האָבן עס שוין פון לאַנג פאַרלאָזט, זײַנען געקומען מיליטערישע פליִער, א גרופּע דעסאַנטלער, אַף טראַנספּאָרטיאָרן זײַנען אָנגעפאָרן סאָלדאַטן, ס'האָבן זיך געיאָוועט פּאָליאַרניקעס, טוער פון ציווילן לופט־פלאָט. ליזשעס, זעגן, העק, גאַנצע פּעק קאַנאַטן, וועלכע זײַנען געלעגן גלײַך אפן שניי, — דאָס אַלץ איז געווען א סימען, אַז ווי נאָר עס וועט אָנהייבן שאַריִען אַף טאָג, וועלן די רעטער זיך לאָזן אין וועג, ניט געקוקט אַף אַלע שווערי־קײַטן. „וויפל זשע צײַט דאַרף עס געדויערן? — האָט געטראַכט בעליאַקאָוו. — די קאָסמאָנאווטן געפינען זיך פונדאַנען א מעהאַלעך פון אכצן קילאָמעטער. מע דאַרף דרינגענדיק, טייקעף פאַרנעמען די נייטיקע שריט". „קאָראָליאָוו האָט געבעטן" — האָבן אים ניט געלאָזט צורו די ווערטער, וועלכע עס האָט אים איבערגעגעבן זײַן פּאַרטרעטער שאַבאַראָוו.

דער פּאָלקאָווניק פונעם מיליטערישן לופט־פלאָט האָט דערקלערט: אַראָפּלאָזן די מענטשן פון דעם ווערטאָליאָט קאָנען מיר, אויב דער וואַלד איז ניט העכער פון צוואַנציק מעטער. און דאָרט איז גאַנצע פערציק. לאַנגע קאַנאַט־טרעפּ פאַרמאָגן מיר, נאָר די אינסטרוקציע פאַרווערט עס צו טאָן. אַף אַזאַ הייך קאָן א מענטש זיך פאַנאַנדערוויגן און זיך צעקלאַפּן אין א בוים. דער גענעראַל, זײַן שעף, האָט שוין געוואָלט נעמען אַף זיך די ריזיקע, נאָר ער האָט איבערגעטראַכט. דורך דער ראַציִע, פונעם אַעראָפּלאַן, האָט מען פּונקט אין אָט דער צײַט מיטגעטיילט, אַז די קאָסמאָנאווטן האָבן דאָרט, אין וואַלד, שוין צעלייגט א שײַטער.

— די מאַכנע ליזשניקעס גייט אַרויס אין א מינוט צוואַנציק אַרום, — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק. — א דרײַ־פיר שאָ, און זיי וועלן דערגרייכן דעם ציל. מעדיקער גייען די ערשטע.

בעליאַקאָוו האָט אויסגעצייכנט אָריענטירט זיך אין דער לאַגע און פאַרשטאַנען אַלץ אפן וווּנק. פיל פון די בײַוועזנדע האָבן אים געקענט און געוווּסט אויך, אַז דער צוואַנציקסטער באַומרויִקט זיך: עטלעכע מאָל האָט מען איך זײַן נאָמען זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער לאַגע. וולאַדימיר, פון זײַן זײַט, האָט געזען, אַז סײַ די מיליטערלײַט, סײַ די ציווילע מענטשן נעמען אָן ענערגישע מיטלען. מע האָט אים געזאָגט, אַז דער פערמער געגנטקאָם פון פּאַרטיי האָט אָנגענומען א באַשלוס זיך אײַנשליסן אין די אַרבעטן צוזאַמען מיט דער זוכונגס־גרופּע און אָנפירן מיט דער רעטונגס־אָפּעראַציע — וואָס גיכער קומען צוהילף די קאָסמאָנאווטן. איינער פון זײַנע סעקרעטאַרן געפינט זיך פון נעכטן אָן אינעם „טויטן דאָרף".

בא דער זײַט איז געשטאַנען א ווערטאָליאָט פון דער פּאָליאַרער אַוויִאַציע. ערשט ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט בעליאַקאָוו אים דערזען און איז אַוועק צום פליִער. צוגייענדיק צו אים, האָט ער א פרעג געטאָן:

— צו די יאַטן וועסטו מיך אונטערוואַרפן? כאָטש אַף האַלבן וועג.

— כ'האָב קיין רעכט ניט, — האָט שטרענג געזאָגט דער פליִער.

— און ערגעץ נאָענט איז דען ניטאָ קיין נידעריקער וואַלד? — ניט לייגנדיק קיין אכט אַף יענעמס שטרענגקײַט, האָט וולאַדימיר געוואָלט פאַרפּינקטלעכן.

— יאָ, פאַראַן. כ'בין אַהין נעכטן געפלויגן, — איז ווייכער געוואָרן דער פליִער, — דאָרט וואַקסן בערעזעס און יעלן... מע קאָן דאָרט אַראָפּשטײַגן.

— נו, וואָס זשע שטייסטו בא א זײַט? — האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן וולאַדימיר, — די יאַטן פירן דאָרט, פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי... און נאַטשאַלסטווע? פאַרן קעפּל וועט מען ניט געבן קיין גלעט...

— ווער איז דײַן נאַטשאַלסטווע?

— אויב דו ביסט פון אָנאָכינען, איז דאָן... — ער האָט ניט באַוויזן ענדיקן די פראַגע.

— פון אַנאַכינען! — ניט טוענדיק קיין פינטל מיט אַן אויג, האָט געזאָגט בעליאַקאָוו.

— און וויאַזוי הייסט ער? — האָט געפרעגט דער פליִער.

— סערגיי ניקאָליִעוויטש.

— אויב אַזוי, פליִען מיר.

— אַרטיאָמאָוו, וואָלקאָוו, אַהער! גיכער אַהער! — אָפּגייענדיק ניט מער, ווי אַף אַ שפּאַן פונעם ווערטאָליאָט, האָט בעליאַקאָוו גערופן זײַנע כאַווירים.

דער ווערטאָליאָט האָט זיך אופגעהויבן אינעם גרויען, פאַרנעפּלטן הימל, צוואַרפנדיק אין אַלע זײַטן צעוויכערטע קנוילן שניי.

אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן אַראָפּצושטײַגן. דער פליִער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַנאַט־לייטער.

— וויפל מענטשן זײַט איר דאָ?

— אינדרײַען.

— אַ שאָד, וואָס איך קאָן לענגער ניט הענגען איבער אײַך... כ'האָב גענומען צו אַ גרויסע מאַסע... אַנדערש וואָלט איך אײַך דעם וועג אָנגעוויזן. נאָר איך וועל פליִען צו זיי, אין יענער ריכטונג, און איר ציִכנט אָן אַ ווײַזער אַפן שניי לויט מײַן פלוג־וועג, — האָט געייצעט דער פליִער, שרײַענדיק ניט מיט זײַן קאָל.

— כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען, אַ דאַנק דיר, פרײַנט!

בעליאַקאָוו האָט דער ערשטער זיך געלאָזט צום לייטער. פריִער האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די לידשעס, די זעג, די האַק, און דערנאָך, פון אַ מעטער זעקס, אַליין אַ שפּרונג געטאָן אַף דער ערד. אַ טיפער שניי, ווי אַ וואַסער־כוואַליע, האָט אים פאַרדעקט איבערן קאָפּ. נאָך אים זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען וואָלקאָוו און אַרטיאָמאָוו.

דער ווערטאָליאָט איז אַוועקגעפליגן צו די קאָסמאָנאַווטן. בעליאַקאָוו האָט אָנגעצייכנט דעם ווײַזער, און לויטן קאָמפּאַס פעסטגעשטעלט די ריכטונג.

— שטעלט זיך אַף לידשעס! — האָט ער באַפוילן. — גיכער, כעווריע, גיכער.

אַלעקסיי לעאָנאָוו האָט זיך צוגעווינט צו דער קעלט, דער פראָסט האָט אופגעהערט מאַטערן. ער איז צוגעגאַנגען צום ליוק פון דער שיף:

— פּאַשע, איך בין דאָ. וואָס האָסטו מיך גערופן?

— אַ ביסל קאַווע איז נאָך, דאַכט זיך, בײַ אונדז געבליבן...

לעאָנאָוו האָט דערלאַנגט פונעם אַוואַריע־רעזערוו קאַווע אין אַ גערמעטיש פאַרמאַכטער קיילע.

— די לעצטע, — האָט ער מיטגעטיילט. — דערוואַרעמען, צי מיר וועלן קאַלטערהייט טרינקען?

בעליאַיעוו האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פונעם ליוק און אַ ציטער געטאָן פון קעלט:

— בעסער וואָלט געווען אָנוואַרעמען, קאַלט איז אַזוי אויך...

— כ'וועל זיך פּרוּוון, פּאַשענקע. צוליב דיר בין איך גרייט אַף אַלץ. — און לעאָנאָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו בעליאַיעוון מיט דער פּלייצע, אַ „געשוואָלענער“ פונעם אָנגעוויקלטן דעראָן.

קריכנדיק קימאַט ביזן האַלדז אין דעם טרוקענעם, ווי זאַמדצוקער, שניי, האָט ער אָנגעטראָפן אַף אָפּגעבראָכענע צווײַגן און צווײַגעלעך, אַרויסגעשלעפּט זיי און צונויפגעלייגט זיי אַפן שניי לעבן דער בערעזע, וועלכע ס'האָט אומגעוואַלגערט די שיף. דאָרט האָט ער אָנגעקליבן פּיצלעך דרענגלעך, אַראָפּגעריסן בערעזע־קאָרע, דער שײַטער זאָל זיך גיכער פאַנאַנדערברענען. דערנאָך האָט ער, אונטערשפּרינגענדיק, אָפּגעבראָכן פון די נאָענטע ביימער פאַרטריקנטע צווײַגן. דער צעגאַנגענער שניי האָט לאַנג ניט געלאָזט דעם פײַער זיך צעפלאַקערן. דערנאָך, ווען דער שניי איז צערונען געוואָרן און אופגעדעקט דעם מאָך, איז שוין געוואָרן גרינגער. אין צונטער־רויטן קאָליר איז באַפאַרבט געוואָרן דער שניי, געדיכטע ביימער־שאָטנס האָבן אַרומגערינגלט דעם שײַטער פון אַלע זײַטן. לעאָנאָוו האָט אויסגעזוכט אַ גראָבע צווײַג, אַוועקגעלייגט זי נעענטער צום פײַער און נעבן איר באַשטאַט די קיילע מיט קאַווע. אַליין זיך גענומען וואַרעמען און אַ רוף געטאָן בעליאַיעוון.

— פּאַשע, קום אַרויס. דאָ איז אַזוי גוט.

— אַז די קאַווע וועט זיך אָנוואַרעמען, וועל איך אַרויסגיין, — האָט געענטפערט דער קאָמאַנדיר פון דער שיף.

— און עפּשער פאַר דער קאַווע — עטלעכע פיזקולטור־איבונגען? פּאַשע, פאָלג מיך, לאָמיר אַ ביסל שפּרינגען מיט דיר...

ער איז אַפּגעגאַנגען פונעם שײַטער און זיך געלאָזט גיין מיטן אײַנגעטאָפּטשעטן שטעגל צו דער שיף. הינטער אים האָט עפּעס א שיפּע געטאָן. די קײַלע מיט קאווע האָט זיך אָנגעשפּאָלטן און, ווי א ראַקעטע, א פלי געטאָן צו די סאָסנע־קרוינען, צעשפּריצנדיק דאָס רעשט קאווע.

לעאָנאָוו האָט א שמייכל געטאָן:

— נו, איז וואָס וועלן מיר טאָן? די קאווע טרינקען הייסערהייט, אָדער קאַלטע?

— איך האָב ליב הייסע קאווע, — האָט בעליאַיעוו געענטפערט, און די פרײַנט האָבן זיך צעלאַכט. דערנאָך שוין האָבן זיי די גאַנצע צײַט, ביז דער עוואַקואַציע, געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן דאָס ווערטל: „איז וועלכע קאווע האָסטו בעסער ליב — קאַלטע אָדער הייסע?" און פרײלעך געלאַכט, פאַרטרײַבנדיק פון זיך דעם הונגער.

וולאַדימיר בעליאַקאָוו איז געגאַנגען דער ערשטער. הינטער אים — וואָלקאָוו, דערנאָך אַרטיאָמאָוו. פון די ערשטע טריט האָבן זיי אָנגעהויבן אַרײַנפאַלן אין שנייִקע גריבער לעבן די יונגע יעלק.

די דאָזיקע אומזעבאַרע גריבער זײַנען געוואָרן די גרעסטע שטערונג אויף זייער וועג. אויפן גאַנצן מעהאַלעך האָבן די יעלן געשאַפן הונדערטער אַזעלכע גריבער. דורכמאַכנדיק א מעטער, צי צוויי, זײַנען די ליזשעגייער, פאַלנדיק, געפלויגן אין דער אויסגעהוילטקייט, פאַרשיטנדיק זיך איבערן קאָפּ מיט שניי. יעדעס מאָל, ווען מע איז געפאַלן, האָבן די ליזשעס זיך אויסגעטאָן פון די פיס. זיי זײַנען געוואָרן ווייך צוגעפעסטיקט. מע האָט געמוזט פאַטערן פיל צײַט, קעדיי אָפּזוכן זיי אינעם שניי. ווען עמעץ וואָלט פונויבן געקענט זען, וואָס דאָ טוט זיך מיט די מענטשן! ס'וואָלט זיך בעשום־אויפן ניט געגלייבט, אַז אַלע דרײַ ליזשעגייער האָבן אין ספּאָרט די ערשטע מאַדרייגע. איינער האָט זיך נאָר געשטעלט אויף די ליזשעס — איז אומגעפאַלן דער צווייטער, עס האָט זיך אויפגעהויבן וואָלקאָוו, האָט א טויק געטאָן אינעם שניי אַרטיאָמאָוו. פאַר א האַלבער שאָ האָט די גרופּע קיין צוויי הונדערט מעטער ניט דורכגעמאַכט. וולאַדיסלאַוו, צום ווייפלטן מאָל אויפשטייענדיק נאָכן פאַלן און אָנטועדיק ווידער די ליזשעס אויף די אונטעס, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געהאַלטן ערגער, ווי אויף שטיוול, האָט געוואָרנט די פרײַנט:

— אין אָט די וועלדער זײַנען פאַראַן טיגערס. און זייער פיל.

— נו, איז וואָס? — האָט געפרעגט אַרטיאָמאָוו.

— זיי טועך א שפּרונג דעם מענטשן אויף דער פּלייצע און בײַסן זיך אײַן אין זײַן האַלדז. אַזוי אַז שטעל אויף, סעריאָגע, דעם קאָלנער...

אַרטיאָמאָוו האָט געפאָלגט, און בעליאַקאָוו האָט בלויז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אינדרײַען וועלן זיי ניט דערגייך.

— בלײַבט שטיין. מיר האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט, — האָט ער הויך געזאָגט, צוואַרטנדיק, ביז וולאַדיסלאַוו וועט אַרויסקריכן פון דער פעסטעק־גרוב און שטעלן זיך אויף די ליזשעס. — ווײַטער איז ניטאָ וואָס צו גיין, קערט זיך אום לויט די שפּורן צוריק, און איך וועל זיך לאָזן אין אויסשפּיר. שטעל אָן דעם קאָמפּאַס, סעריאָזשע, — האָט ער געצייצעט אַרטיאָמאָוון און א שעפּטשע געטאָן: — איך וועל גיין צו די יאַטן, און איר רוט זיך אָפּ, און ניט געײַלט... גייט לויט מײַן שפּור.

בעליאַקאָוו איז פאַרשוווּנדן הינטער דער נאָענטסטער יעל. די ליזשעס האָט ער גוט צוגעפאַסט צו זײַנע שטיוול, פעסט פאַרצויגן זיי מיט די רימענס. ער האָט עטלעכע מאָל זיך געפּרוּווט א יאָג טאָן, האָפנדיק אַריבערשפּרינגען די אויסהוילן נעבן די יעלן, נאָר ס'האָט זיך דערפון גאָרנישט ניט באַקומען. האָט ער אויסגעאַרבעט אַן אַנדער טאַקטיק: אָנגעהויבן אויסמײַדן די פעסטעקעס. באַוועגט האָט ער זיך לאַנגזאַם, געמיטן גרויסע באַצירקן מיט אומגעוואַלגערטעביימער און געדיכטע פלאַנצונגען, דורך וועלכע מע קאָן אַפילע מיט א זעג און מיט א האַק קיין וועג ניט דורכלייגן. אויפן שניי זײַנען געבליבן סימאָנים פון זײַן גאַנג: ענלעכע אויף דער ציפער אַכט, און אויך קרײַזן, קרומע ליניעס.

בעליאַקאָוו איז געגאַנגען אַמאָל אויף מיזרעך (גראָד אַהין האָט ער געדאַרפט גיין), אַמאָל אויף צאָפן, צי גאָר אויף דאָרעם. ערגער פון אַלץ איז געוועזן דעמלט, ווען נאָך דורכגעמאַכטע מיט דער גרעסטער שווערקײַט צוויי־דרײַ הונדערט מעטער פלעגט דער וועג אים ברענגען צוריק, אויפן אייגענעם שפּור.

לאַנג איז שוין זײַן פוטערן רעקל געהאַנגען א צוגעשפּיליעטס צו זײַן פּאַסיקל, דאָס היטל איז אַראָפּגעפאָרן אויפן נאַקן און האַלט זיך קוים, די פּלייצע איז פּיטש־נאַס פון שווייס. און ער גייט אַלץ, רײַסט זיך דורך דורך פלאַנצונגען, מאַכט זיגזאַגן, גייט אַרום בא דער

זײַט היפּשע וואַלד־שעטאַכים. פונעם האָלדז הענגט אַראָפּ דער קאָמפּאַס. אַף אים כאַפּט ער אַלע מאָל א קוק. אַמאָל פאַרגאַנוועט זיך א געדאַנק: „עפּשער דאַרף מען גײן אַנדערש?״ נאָר גלײַך באַרויִקט ער זיך: „דער פּליִער פונעם וואַרטאַליִאַט האָט ניט געקאָנט האָבן קײן טאָעס. ער האָט דאָך געזאָגט: כ׳האָב געזען די צווײ קאָלירן: ווײַס און אָראַנזש — דעם פּאַראַשוט״.

וואָלאָדימיר האָט פאַרלוירן דעם כעזשבן פון דער צײַט. הינטער אים זײַנען, ווי פריִער, געבליבן קרומע ליניעס, קרײַזן, שפּורן, ענלעכע אַף דער ציפער אַכט, וועלכע ער האָט שוין די פינפטע שאָ געצײכנט אַפן שנײ. און מיטאַמאָל האָט ער דערהערט א ווײַטע, פאַרטויבטע שיסערײַ. דערנאָך, צווישן די סאָסנע־שטאַמען, דערזען, אַז מענטשן באַוועגן זיך דאָרט, זײערע באַוועגונגען האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַרלאַנגזאַמטע. ער האָט פאַרגיכערט די טריט. די מענטשן זײַנען פאַרשוווּנדן. ס׳איז פּאַשעט געוואָרן א וויזיע. ווידער האָט ער דערהערט, ווי מע שיסט. „די כעוורע שיסן, — האָט זיך דערפרײט קאָראָליִאָווס שאָליִעך, — ס׳איז דאָרט, אַף מיזרעך, הײסט עס, ס׳איז שוין ניט ווײַט... גיך וועל איך קומען צו זײ...״

די באַגעגעניש איז געווען אַן אומדערוואַרטע. פּאַוועל בעליאַיעוו איז געזעסן רײַטנדיק אַף דער שיף און גאַנץ קריטיש זיך ארויסגעזאָגט וועגן יענע, וואָס זײַנען געפלויגן איבער זײערע קעפּ אין דעם אַעראָפּלאַן. וואָלאָדימיר האָט אים פאַרן פּוס אַראָפּגעשלעפּט אַף דער ערד, און ער האָט ניט געגליבט די אײגענע אויגן. ער האָט באַטאַפּט דעם געקומענעם, דער־קענט אים און פאַרכידעשט זיך אָנגערופן:

— ביסט פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן?

זײ האָבן זיך ארומגענומען, צעקושט זיך.

די דעזשורנע פונעם האָטעל האָט אופמערקזאַם געקוקט אַף בעליאַקאָווס האַנט־באַוועגונגען. איר אויסדרוק פונעם פּאָנעם — שטיפערישקײַט, געמישט מיט ערנסט.

— א סאַך געפינען זיך אַזעלכע, וואָס דערצײלן דאָ באַבעמײַסעס...

— וואָס פאַר א מײַסעס? — האָט זיך פאַרכידעשט בעליאַקאָוו, דערלאַנגענדיק פון קעשענע א פאָטאָגראַפיע, וועגן וועלכער ער האָט פאַרגעסן, — נאַט אײַך, טוט א קוק, ווער איז עס? מײַסעס? — און ער האָט אויסגעשטרעקט דער דעזשורנער, אָנשטאָט דער קאָמאַנדירונג־צײַגעניש, די פאָטאָגראַפיע פון צווײ יונגע אַפיצערן.

— אוי, אַן עמעס טאַקע! — האָט, צוליגנדיק די לינקע האַנט צו דער באַק, געזאָגט די דעזשורנע. אַף איר האָבן געקוקט, טוליענדיק אַקסל צו אַקסל, בעליאַיעוו און לעאָנאָוו, די, וועמען זי האָט ערשט געזען אַפן עקראַן. „וואָלאָדיע בעליאַקאָוו — דעם ערשטן אויטאָגראַף״ — האָט שטילערהײט איבערגעלײענט דעם אופשריפט די פרוי הינטערן באַריער. באַקוקנדיק פון אַלע זײַטן די פאָטאָגראַפיע, האָט זי דערזען די כסימע: „לעאָנאָוו״ דערנאָך „65 — 19.III״, און נידעריקער שטײט די כסימע „בעליאַיעוו״.

— איר זײַנט דאָ אַלײן, אָדער נאָך מיט עמעצן? — האָט געפרעגט די דעזשורנע, קוקנ־דיק פאַרכידעשט אַף בעליאַקאָוון.

— מיר זײַנען אינצווײען.

אומקערנדיק בעליאַקאָוון די פאָטאָגראַפיע, האָט זי אים געגעבן א שליסל פון א ליוקס־נומער.

גע אָ רגי בערעגאָוואָי,
צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד,
פליִער־קאָסמאָנאווט פון פססר

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ

אין אווגוסט 1982 איז דער עקיפּאַזש פון דער קאָסמישער שיף „סאָיוז־ט־7" ארויס אף א נעבן־ערדישער אָרביטע. אין באַשטאַנד פון דער מאַנשאַפט איז געפלויגן סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ. זי איז די צווייטע פרוי אין דער וועלט, וועלכע האָט פאַרווירקלעכט א פלוג אין קאָסמישן רוים.

די טעלעגראַף־אַגענטור פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט דעמלט אָפּגעמערקט, אַז א באַדייטנדיק אָרט אין דער אַרבעטס־פּראָגראַם פונעם עקיפּאַזש האָבן פאַרנומען די מעדיצינישבּיאָלאָגישע אויספאָרשונגען, וועלכע האָבן דערלויבט באַקומען א היפּשע וויסנשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע. דערביי איז אויסגעקלאָרט געוואָרן, אַז עס איז ניטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דעם, וויאַזוי די אָרגאַניזמען פון א פרוי און פון א מאַנצביל רעאַגירן אף א קאָסמישן פלוג. די דערפאָלגרייך פאַרענדיקטע אַרבעט פונעם עקיפּאַזש, אין וועלכן עס איז געווען טעטיק א פרוי־קאָסמאָנאווט, איז נאָך איין מערקווירדיק צייטל אין דער פאָטערלענדישער קאָסמאָנאַוטיק.

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַס פלוג האָט ארויסגערופן א שטאַרקן אינטערעס אין אויסלאַנד. די מיירעוודיקע אינפאָרמאַציע־אַגענטורן גיבן צו א באַזונדערע באַדייטונג דעם פאַקט, וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט שוין דאָס צווייטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער קאָסמאָס־באַהערשונג ארויסגעלאָזט א שיף מיט א פרוי־קאָסמאָנאווט אפן באָרט. אָפּמערקנדיק די דערפאָלגן פון פססר, קאָנסטאַטירן מיט באַדויערונג די אויסלענדישע מיטלען פון מאַסן־אינפאָרמאַציע, אַז די ערשטע אַמעריקאַנער פרוי־קאָסמאָנאווט וועט זיך אַוועקלאָזן אין פלוג, אין בעסטן פאַל, איבעראַיאָר.

דאָס אָפּשיקן מענטשן אין קאָסמישן רוים איז א ביז גאָר שווערער איניען, און יעטווידע איילעניש, ביכדיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן, איז סאַקאָנעדיק און קאָן ברענגען צו אומגעריכטע, ווייטגייענדיקע פאָלגן.

דאָס איינשליסן א פרוי אין באַשטאַנד פון א קאָסמישן עקיפּאַזש איז געוואָרן רעאַל בלויז דערפאַר, ווייל עס האָט זיך איינגעגעבן שאַפן זיכערע סיסטעמען פון לעבנסטעטיקייט אף די אָרביטאַלע קאָמפּלעקסן.

עס איז פולקום געזעצמעסיק, וואָס אין אזא מין אָנגעשטרענגטן פלוג, וועלכן ס'האָט פאַרגענומען דער עקיפּאַזש פון „סאָיוז־ט־7", האָט מען געשיקט סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ. זי איז א פליִער־אויספּרווולער, און איך, אויך א פליִער פון אָט דעם פאַך, פאַרשטיי, וועלכע אייגנשאַפטן עס זיינען אין פלוג צוניץ געקומען: אייזערנער ווילן, שטאַרקע ליידנשאַפט, גרייטקייט ריזיקירן צוליב הויכע צילן, אומופהערלעכע, אקשאָנעסדיקע שפּערישע אַרבעט.

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ האָט ביזן ארויסגיין אין קאָסמאָס דורכגעמאַכט 500 פאַראַשוט־שפּרונגען, זי איז געפלויגן אף אַלע ברייט־באַוווסטע עראָפּלאַנען, מערסטנס רעאַקטיווע, קימאַט 1600 שאָ. ס'געהערן איר 18 וועלט־רעקאָרדן פון עראָפּלאַן־ספּאָרט.

ווי עס זאָל ניט זיין קאָמפּליצירט די טעכניק און ווי אומגלויבלעך עס זאָלן ניט זיין די פיזישע איבערלאָדונגען, געלינגט ניט „ארויסשטויסן" די פרויען ניט פון דער אוויִאַציע און איצט אויך ניט פון דער קאָסמאָנאַוטיק.

די געשיכטע פון דער פאָטערלענדישער לופטשוויִמעריי האָט פאַרהיט פאַר די קינפטיקע דורעס די נעמען פון רוסישע פרויען, וועמענס מוט און העלדישקייט פלעגן ארויסרופן אנציקונג בא די מיטצייטלער.

די ערשטע פליִערן אין דער רוסישער אוויִאַציע איז געווען ליובאָוו גאַלאַנטשיקאָווא. זי האָט פאַרענדיקט די פּילאָטן־שול אין 1911. די ערשטע עפנטלעכע פלוגן האָבן איר געבראַכט רום און אנערקענונג. זי האָט אין דער יוגנט פאַרלאָזט די טעאַטראַלע בינע, אָפּגעזאָגט זיך פון אַן אַרטיסטישער קאַריערע אַלס אָפּערע־זינגערן. דערפאַר אָבער האָט זי ארויס־

געוויזן באַדײַטנדיקע פֿעיִקײַטן פֿון אַן אוויִאַטאָר. זי האָט דעמאָנסטרירט אַעראָ־פֿלוגן אין פֿיל שטעט פֿון רוסלאַנד.

אין 1912 יאָר נעמט אָן ליובאָוו גאַלאַנטשיקאָווא די אײַנלאַדונג פֿונעם דײַטשישן קאָנסטרוקטאָר פּאָקער און פֿירט דורך אַ ריי פֿלוגן איבער די שטעט פֿון דײַטשלאַנד, פּרוווט אויס נײַ־קאָנסטרויִרטע מאָנאָפּלאַנען, שטעלט אײַן עטלעכע רעקאָרדן, פֿליט אויס אַ דורכפֿלי בערלין — פּאַריז.

אומקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד, פֿאַרנעמט זי זיך מיט אויספּרוּוון אַעראָפּלאַנען, וועלכע עס פּראָדוצירן די פּאָטערלענדישע זאַוואָדן. זי גרייט זיך צו אַן איבערפֿלי פּעטערבורג — מאָסקווע — פּעטערבורג, דעמאָנסטרירט איר פֿליִערישע מײַסטערשאַפֿט אין אַמעריקע, שווייצאַריע און פֿראַנקרײַך. זי טרוימט גרינדן פֿליִער־שולן פֿאַר פֿרויען אין די שטעט פֿון רוסלאַנד, האָפֿט אײַנפֿירן אוויִאַליניעס פֿאַר פּאַסאַזשירן.

די ערשטע וועלט־מילכאָמע ענדערט ראַדיקאַל איר לעבן: אײנייִנעם מיט איר מאַן פֿאָרט זי אַוועק קיין פּאַריז, פֿונוואַנען ס'איז איר שוין ניט געווען באַשערט זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד. זי פֿאַרלאָזט איר באַליבטן פֿאַך, ווערט אויס אוויִאַטאָר, אַרבעט אין דער רעדאַקציע פֿון אַ צײַטונג, אין אַן אוויִאַפֿירמע, רעקלאַמירט סכוירע. נאָכן מאַנס טויט זוכט זי גליק אין אַמעריקע, פּרוּווט אויס אויטאָמאָבילן, באַטייליקט זיך אין אויטאָ־ראַלי, אַרבעט אַלס טאַקסיסט. זי שטאַרבט אין 1961 אין עלטער פֿון 72 יאָר, אַן איינזאַמע און פֿאַרגעסענע...

אײנצײַטיק מיט גאַלאַנטשיקאָווען איז אָנגעקומען אין דער אוויִאַציע לידיע זווערעווא. נאָך דעם, ווי זי האָט כאַסענע געהאַט מיטן אוויִאַטאָר סליוסאַרענקאָ, אַן אָנטיילנעמער אינעם ערשטן איבערפֿלי פֿון פּעטערבורג קיין מאָסקווע, האָט זי פֿאַרענדיקט די אוויִאַשול און באַקומען אַ דיפּלאָם פֿון אַ פֿליִער. לידיע זווערעווא איז געווען איינע פֿון די סאַמע געוואַגטסטע אוויִאַטאָרן פֿון איר צײַט. זי פֿלעגט אײַנאָרדענען דעמאָנסטראַטיווע פֿלוגן אין פּעטערבורג, ריגע, מאָסקווע. צו די פֿרויען האָט זי זיך געווענדט מיט אַ רוף זיך גייך לערנען אין די אוויִאַציע־שולן, ווו עס האָבן געאַרבעט די אָנגעזעענע פּילאָטן פֿון רוסלאַנד יעפֿימאָוו, אוטאָטשקין, יעוסיוקאָוו און אַנדערע. אויף איר ווענדונג האָבן זיך אָפּגערופֿן יעקאַטערינע שאַראָווסקאַיאַ, סאָפֿיע דאָלגאָרוקאַיאַ, יעלענע אַנטראַ־נאַומאָווא און אַנדערע פֿרויען, וועלכע האָבן דערנאָך דעראָבערט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד רום מיט זייערע העלדנטאַטן.

אין דער צײַט פֿונעם בירגערקריג און אין די ערשטע פֿינפֿיאָרן האָבן די פֿרויען־אוויִאַטאָרן אַרויסגעוויזן געוואַגטקײַט און מײַסטערשאַפֿט באַם אויספּרוּוון נײַע אוויִאַ־טעכניק, באַם אויספֿילן ספּעציעלע פֿאַרגעבונגען, בײַסן דעראָבערן וועלט־רעקאָרדן.

אין 1937 שטעלט אײַן יע. מעדניקאָווא דעם רעקאָרד פֿון הויכקײַט, וו. גריזאָדובאָווא, פּ. אָסיפּענקאָ, מ. ראַסקאָווא פֿאַרווירקלעכן אַ רעקאָרד־פֿלוג פֿון ווײַטקײַט. עס טראָגן אַרײַן אויסבעסערונגען אין די רעזשימען פֿון אַלוועלטלעכע און אַלפֿאַרבאַנדישע רעקאָרדן אַ. באָדריאַגינאַ, מ. טשעטשנעווא, אַ קאָנדראַטיעווא, אי. איוואַנאָווא, יע. טאַנקאָווא, אַ. קלעשעקאָווא, ל. וועליקאָסעלצאָווא, וו. פּילאַיעווא.

ברייט באַוווּסט זײַנען די העלדנטאַטן פֿון די סאָוועטישע פֿליִערנס אין די יאָרן פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. יע. זעלענקאָ, יע. בערשאַנסקאַיאַ, נ. קראַווצאָווא, אַ. יאַמשטשיקאָווא, נ. רוסאַקאָווא, פּ. געלמאַן און פֿיל אַנדערע פֿלעגן געוואַגט אופֿהייבן אין הימל זייערע גרויזאַמע מאַשינעס.

ס'ווילט זיך באַזונדערס דערציילן וועגן דעם העלדנטאַט פֿון יעקאַטערינע זעלענקאָ, וועלכע האָט דורכגעפֿירט אַ לופֿט־טאַראַן. אין דער אוויִאַציע איז זי געקומען אין די דרײַסיקער יאָרן, זי האָט אָנטיילגענומען אינעם קריג מיט די ווײַספֿינער, באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פֿון דער רויטער פֿאָן. שוין אינעם ערשטן טאָג פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע וואַרפֿט זי אַראָפּ באָמבעס אויף די פֿאַשיסטישע כאַיאָלעס, זי פֿליט אין אויסשפּירונג, פֿירט אָפּ אין היִנטערלאַנד פֿון די פֿאַשיסטן גרופּעס אונדזערע סאָלדאַטן. יעקאַטערינע זעלענקאָ איז אומגעקומען דעם 12 סענטיאַבער 1941.

איך האָב גוט געקענט דעם רומפֿולן מיליטערישן פֿליִער אָלגע יאַמשטשיקאָווא. בײַס דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע האָט זי דורכגעפֿירט 217 שלאַכט־פֿלוגן, זי איז באַלוינט מיט פֿיל אָרדענס און מעדאַלן. אין 1947, שוין אַ פֿליִער־אויספּרוּווער, האָט זי, די ערשטע פֿרוי אין דער וועלט, אויסגעפּרוּווט אַ רעאַקטיוון פֿאַרניכטלער.

איצט פֿליִען אויף רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען פֿיל פֿרויען, צווישן זיי — מאַרינע פּאָפּאָוויטש, לידע זײַצעווא, נאַטאַליע סטראָגאַנאָווא. דעמאָלט אָבער, אין 1947, איז יאַמשטשיקאָוועס אויספּרוּוו־פֿלוג געווען אַ העלדנטאַט.

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ איז אין דער קאָסמאָנאַוטיק געקומען שוין אַ באַרימטער מײַסטער פֿונעם אווִיאַ־ספּאָרט, אַ וועלט־רעקאָרדסמען, וואָס האָט באַהערשט פֿאַרשיידענע מינים רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען. אַ פֿליִער־ספּאָרטסמען, אַן אוויִאַ־אינזשעניר, האָט זי געהאַט שוין איר וועלט־אָנשווּנג אַלס אויספּרוּווער, איר אומצעשטערבאַרן קרעדאָ אַלס נאַוואַטאָר.

גאָר פֿריִ האָט זי צוגעצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פּרעסע: וועגן איר האָבן געשריבן די סאָוועטישע און אויסלענדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, מע פֿלעגט זי אינטערוויוּירן פֿאַר דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע, עס האָבן זי פֿאָטאָגראַפֿירט די בעסטע פֿאָטאָ־מײַסטערס. זי אָבער פֿלעגט טאָמיד בלײַבן די באַשיידענע סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ.

איינע פֿון די מאָסקווער צײַטונגען האָט אין נאָיאַבער 1977 געשריבן: „ס׳זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וועגן וועמענס אויפֿטוּען עס ווערן געזאָגט אַ סך גוטע ווערטער פֿון פּאַראַדים. די דאָזיקע מענטשן קומט אויס שווערלעך, ווײַל דעם אוואַנס מוז מען אומקערן. ווען דעם מענטשן באַגלייט דער רום פֿונעם סאַמע אָנפֿאַנג, וואַרט מען טאָמיד, ער זאָל אויפֿטאָן נאָך מערער. ס׳איז גאַנץ שווערלעך ניט אונטערגעבן זיך די לויבגעזאַנגען. סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ האָט איר דערפֿאָלג אין הימל פֿון קאַלווינגטאָן אָפּגעשאַצט, ווי זי טוט עס שטענדיק, באַשיידן: „כ׳האָב אויסגעשפּילט, ווײַל כ׳בין געפֿלויגן מיט אַ רויִק געמיט. אין אונדזער קאָמאַנדע האָט יעדער מיידל געקאָנט אויסשפּילן...“ (קאַלווינגטאָן — אַן ענגלישע אוויִאַבאַזע, אויף וועלכער ס׳איז פֿאָרגעקומען דער זעקסטער וועלט־טשעמפּיאָנאַט פֿון העכסטן פּילאָטאַזש. — ג. ב.). איך מיין אָבער, אַז סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ, אַפֿילו ניט ווילנדיק, האָט געהאַט אין זינען דאָרטן, אין קאַלווינגטאָן, דאָס אומשטרײַטבאַרע — ווער עס וואָגט, דער געווינט.

דער פֿלוג פֿונעם עקיפּאַזש „סאָיוז־ט־7“ פֿאַרמאָגט, באַגלײַך מיט זײַן טראַדיציאָנעלקייט, אַן אייגנעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער, וועלכן עס האָט אים צוגעגעבן דער קאָסמאָנאַוט־אויספֿאָרשער סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ.

אין נײַנצן יאָר אַרום נאָך דעם פֿלוג פֿון וואַלענטינע טערעשקאָוואַ האָט זיך ווידער אין קאָסמאָס אויפֿגעהויבן אַ פֿרוי. און אויב טערעשקאָוועס פֿלוג האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן אויף דער הויפּט־פֿראַגע, צי קאָן דער אָרגאַניזם פֿון אַ פֿרוי איבערטראָגן די באַדינגונגען פֿון אַ קאָסמישער רייזע, איז אין דעם נײַעם פֿלוג, פֿון סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ, פֿאַרגעשטאַנען דורכצופֿירן אַ סעריע קאָמפּליצירטע אויספּרוּוון, פֿאָרספּעקטיווע עקספּערימענטן.

ס׳קאָן זײַן, אַז אָט די אַרבעט איז ניט קיין סענסאַציאָנעלע, וועגן איר שרײַבן ניט קיין סאַך די זשורנאַליסטן. נאָר לאָמיר אַרײַנקוקן אין דער ניט ווײַטער צוקונפֿט. די מענטשהייט וועט ניט אויף לאַנג פֿאַרבלײַבן אין דעם נעבן־ערדישן רוים. אויפֿן טאָגסיידער וועלן אײַנגיכן געשטעלט ווערן די פֿלוגן צו די פּלאַנעטעס פֿון דער זון־סיסטעם. ווײַזט אויס, אַז אינעם עקיפּאַזש פֿון, אַשטייגער, אַ „מאַרסיאַנישער“ שיף וועלן אַרײַן ניט קיין „סופּערמענער“, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלדאָס ערדישעס, נאָר געוויס פֿאַרלעך, מאַן און ווײַב, מאַנצבלעלן און פֿרויען, וואָס וועלן אויף עטלעכע יאָר פֿאַרלאָזן די ערד און ברענגען צו אַנדערע וועלטן די וואַרעמקייט פֿון דער ערדישער מישפּאָכע.

קעדיי דאָס אַלץ זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן, דאַרפֿן מיר, כּוץ דער לייזונג פֿון קאָמפּליצירטע טעכנישע פּראָבלעמען, זיך גוט פֿאַנאַנדערקלײַבן אין דער ווירקונג, וואָס דער קאָסמאָס קאָן האָבן אויפֿן פֿרויִשן אָרגאַניזם. און מע דאַרף דרייסט זאָגן, אַז סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ האָט דערפֿאָלגרײַך געאַרבעט אויפֿן באָרט פֿונעם אָרביטאַלן קאָמפּלעקס לטובֿת דער צוקונפֿט פֿון דער וועלט־קאָסמאָנאַוטיק.

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַס בײַזײַן אויפֿן באָרט פֿונעם קאָסמישן קאָמפּלעקס האָט געענטפֿערט אויף פֿיל פֿראַגן. די ספּעציאַליסטן פֿונעם צענטער, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיטן פֿלוג, האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, אַז איר אָנקומען אויף דער קאָסמאָס־שיף וועט אַרײַנטראָגן אַן אויפֿלעבונג אין דער אַרבעט פֿון דעם עקיפּאַזש. די דערוואַרטונג פֿון די ספּעציאַליסטן איז מקוים געוואָרן. דער עפֿעקט פֿון „פֿרויִשער בײַוועזנהייט“, סוועטלאַנעס אָפּטימיסטישע שטימונג — דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אויף דער סטאַנציע אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿײַערלעכקייט.

פֿאַר סוועטלאַנען און אירע קאָלעגן זײַנען פֿאַרפּלאַנירט געוואָרן העכער צוואַנציק עקספּערימענטן, אַרײַנגערעכנט מעדיצינישע אויספֿאָרשונגען, אַסטראָנאָמישע און געאָפֿיזישע אַרבעטן און אַנדערע.

צוזאַמען מיט די אַנדערע קאָסמאָנאַוטן איז אַ וועגווײַזערן איבעם קאָסמאָס די באַפֿליגלטע טאָכטער פֿון אונדזער היימלאַנד סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ.

■ ■ ■

ט ע וו י ע ג ע ן

עליע כאַנינס יאָרשים

1

איז מײַנער א פאַרצייכענונג וועגן סיביר און אירע מענטשן („סאָוועטיש היימלאַנד“, 1969, נומ. 4) איז פאַראַן א קאַפּיטעלע, ווו איך שרײַב וועגן דעם אַגראָנאָם פונעם טאַל־מענער אויפעסצוכט־סאָווירט עליע כאַנין. איך דערצייל דאָרט וועגן מײַן באַקאַנטשאַפט מיט אים, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעמלט, ווען מיר האָבן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן ניט געהאַט געזען. עליע כאַנין, א ליבהאָבער פון דעם יידישן געדרוקטן וואָרט, א שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין א בריוו אין רעדאַקציע זיך נאָכגעפרעגט, צי דער אוטאָר פונעם ראָמאַן „אונדזערע צײַטן“, ווו דעם הויפּט־העלד רופט מען כאַנין, האָט ניט געהאַט דאָ אין זינען עמעצן פון זײַנע, כאַנינס, קרוֹווים, זאָל דער אוטאָר אים ענטפערן, ער וועט זײַן זייער דאַנקבאַר.

איך האָב אים געענטפערט, און ס'איז אוועק א בריוו־אויסטויש. אַזוי האָבן מיר הינטער די אויגן זיך באַקאַנט, און באַפרײַנדעט האָבן מיר זיך, ווען כ'בין געווען אין א קאָמאַנדירונג אין סיבירער אַקאַדעם־שטעטל. ער איז געקומען צו פאָרן צו מיר, און דערנאָך האָב איך געהאַט א וויזיט צו אים, אין סאָווירט, זיך באַקאַנט מיט זײַן פרוי פריידע און מיט זייער יינגערן זון, לייבלען, וועלכער איז דאַן געווען א שילער פונעם 9־טן קלאַס. די איבעריקע דרײַ זין זייערע האָב איך ניט געזען. יענע זײַנען שוין צו יענער צײַט אַרויסגעפלויגן פון טאַטע־מאַמעס שטוב, געלעבט זעלבשטענדיק אין פאַרשיידענע סיבירער שטעט. איינער — אין איסקיטים, דער אַנדערער — אין פּראָקאָפּיעווסק, דער דריטער — אין נאָוואָסיבירסק.

מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט עליע כאַנין געפונען זײַן איביקע רו אויפן בעסוילעם אין יענעם ווײַטן סיבירער דאָרף. א ליכטיקער גאַנײדן אים! ס'איז געווען א זעלטענער פּאָלקס־מענטש, א טרײַער מאַן און א טרײַער פאָטער, ער האָט ליב געקראָגן די סיבירער ערד אַזוי, ווי ווילנע, ווו ער איז אויסגעוואַקסן און האָט געלעבט אַלע זײַנע יאָרן ביז דער מילכאָמע.

2

אינמיטן אָקטיאַבער פונעם פאָריקן יאָר איז אין מאָסקווע מיטאַמאָל געוואָרן ווינטער, ס'האָט געשנייט און געדרייט. דער מאָסקווע־טײַך און דער קאַנאַל „מאָסקוואַ“ האָבן בא די ברעגן שוין אָנגעהויבן זיך באַדעקן מיט אײַז־הײַטעלעך. די מעוועס, וואָס באַגלייטן די שיפן, האָבן אַזוי הויך געשריִען, ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיט די געשרייִען דורכלעכערן דעם פאַרוואָלקנטן הימל און אַרויסברענגען פון דאָרט די ליכטיקע זון. די ענטעלעך, וועלכע שווימען אין די פּילצאָליקע מאָסקווער אָזערעס, אײַנגוסן און אויסגוסן האָבן אויך געלאָזט זיך הערן מיט זייערע אומרויִקע קוילעס, גערופן איינס דאָס אַנדערע, מע זאָל זיך האַלטן אין אַזא

שווער שטיקל צײַט צוזאַמען, נאָענט צום ברעג, ס'זאָל מיט קיינעם ניט געשען עפּעס אַן אומגליק.

דער פֿלוצעמדיקער ווינטער האָט אַ ביסל אָנגעשראָקן אַלעמען. ער איז גיך געקומען און גיך אַוועק, ס'איז ווידער געוואָרן וואַרעם. אַ געדיכטער נעפּל האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אַף דער שטאָט, פּאַרטויִקט די פֿענצטער און אין די שטיבער איז איצט ניט נאָר וואַרעם, נאָר אַפּילע הייס. די באַטאַרייעס, וועלכע האָבן געוואַרעמט אין די קאַלטע טעג, ווייסן ניט, אַז אין דרויסן האָט זיך געביטן דער וועטער, זיי זײַנען מער אָנגעגליט, איידער פֿריִער.

בײַ מיר אין שטוב איז אַ גאַסט — אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט אָקאָרשט אַריבערגעשפּרײַזט דעם פֿערטן יאָרצענדליק. ער איז אַ ביסל העכער פֿון מיטעלן וווּקס, קרעפּטיק געבויט, דאָס פּאָנעם איז דורכגעזאַפּט מיט פֿרישער לופֿט און זון. די אויגן פֿינקלען ווי בײַ אַ יונגן באָכער. אַז מע קוקט אין אַזעלכע אויגן, ווערט פֿרייִלעכער אַפֿן האַרצן. אָנגעטאָן איז ער אויך באָכעריש — אַ גרינג רעקל, דזשינסן. די שיך זײַנען האָב איך ניט באַוויזן צו באַמערקן, ווײַל ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען, האָט ער זיי אויסגעטאָן און אָנגעטאָן שטעקשיך.

מײַן גאַסט איז עליע כאַנינס אַ זון. דער נאָמען זײַנער איז קושעליס.

— אַ ביסל אַ מאָדנער נאָמען, — זאָג איך צו אים.

— אַזוי בין איך פֿאַרשריבן אין דער מעטריקע און אין פּאַס, — ענטפֿערט ער. — נאָר זינט איך געדענק זיך, רופֿט מען מיך קאָליע, ניקאָלײַ.

קאָליע־ניקאָלײַ איז שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־מעכאַניקער אַפֿן איסקיטימער צעמענט־זאַוואָד, איינער פֿון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער אינדוסטריע פֿון בוי־מאַטעריאַלן. צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן טאָן צעמענט גיט דער זאַוואָד אין אַ יאָר. קעדיי צו האָבן אַ באַגריף, וואָס דאָס באַטײַט, איז גענוג צו זאָגן, אַז אַלע דרײַסיק צעמענט־זאַוואָדן, וועלכע זײַנען געווען אין דער רוסישער אימפּעריע אין 1913־טן יאָר, האָבן פּראָדוצירט סאַכאַקל אין מיליאָן דרײַ הונדערט טויזנט טאָן צעמענט. איצט גייט דער זאַוואָד אַריבער פֿון קוילן־באַהייצונג אַף גאַז, און ניקאָלײַ איז געקומען קיין מאָסקווע מיט אַ וויכטיקן איניען — קריגן אַ נאַריאַד אַף די דעטאַלן, וואָס מע דאַרף האָבן צוליב דער גאַזיפֿיצירונג.

— כ'בין שוין אין מאָסקווע אַ וואָך צײַט, און הײַנט איז בײַ מיר אַ גליקלעכער טאָג, — דערציילט ער. — ערשטנס, האָב איך שוין געקראָגן אין גאָסנאַב דאָס, וואָס מע דאַרף. צווייטנס, האָט מיך אָפּגעגליקט... — ניקאָלײַ גייט אַרויס אין קאָרידאָר און ברענגט אַרײַן אין צימער זײַן טשעמאָדאַן־„דיפּלאָמאַט“, נעמט אַרויס פֿון דאָרט אַן אַלטן בוך אין אַן אָפּגעוועלקטער הילע און מיט פֿאַרגעלטע זײַטלעך.

— אַפּוליי. „דאָס גאָלדענע אייזל“. געקויפֿט אין אַ בוקיניסטישן מאַגאַזין.

— איר האָט אַ גוטע ביבליִאָטעק אין שטוב? — פֿרעג איך.

— צוויי טויזנט ביכער. אין איסקיטים האָבן מיר געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט פֿון ליבהאָבער פֿונעם בוך. מיך האָט מען אויסגעוויילט פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט. נאָך דער אַרבעט איז בײַ מיר דער בעסטער אָפּרו, ווען איך גריבל זיך אין די ביכער אַף די פּאָליצעס. פֿון קינדווײַז אָן האָב איך געיאַרשנט בײַ מײַן טאַטן... נו, און דאָס דריטע גליק, וואָס איך האָב הײַנט, איז די באַקאַנטשאַפֿט מיט מײַן פֿאָטערס פֿרײַנט, אַ לעבעדיקן שרײַבער...

ער כאַפּט אַ קוק אַף מײַן ביכער־שאַפֿע און כ'זע, אַז אים ווילט זיך שטאַרק עפּעס אַרויסקריגן פֿון איר. איך בין ניט קאַרג, און זײַן „דיפּלאָמאַט“ ווערט באַרײַכערט נאָך מיט אַ פּאָר ביכער, ניט פֿון אַ שרײַבער פֿונעם אוראַלטן רוים, נאָר פֿון אַ הײַנטצײַטיקן ייִדישן, פֿון מאָסקווע.

— איר ווייסט ניט, ווען ס'וועט אַרויס דער רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך? — טוט ניקאָלײַ אַ פֿרעג.

— אַף וויפֿל מיר איז באַוווּסט, — ענטפֿער איך, — געפֿינט ער זיך שוין אין דרוק.

ז

איך בעט אים, ער זאָל דערציילן גענויער וועגן זיך, וועגן זײַן מישפּאָכע, און איך דערוויס זיך, אַז געבוירן געוואָרן איז ער אין ווילנע, אין מאַרט כוידעש, 1941, און אין דרײַ כאַדאָשים אַרום, דעם 22־טן יוני פֿונעם זעלבן יאָר, איז ער שוין געפֿאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן און מיטן ברודער אַוורעמל אין אַ צוג, וואָס האָט זיי אַוועקגעטראָגן אַלץ ווײַטער

און ווײַטער פון מיזרעוו אַף מיזרעך. ס'איז געווען אַ גרויס גליק, וואָס דעם טאַטן האָט זיך אײַנגעגעבן גלײַך אינעם ערשטן מילכאָמע־טאָג אַרויסצופאָרן פון דער שטאָט. — אַראָפּגעשטיגן איז מען הינטער נאָוואָסיבירסק, און ניקאָלײַס ייִנגלשע יאָרן זײַנען דורכגעגאַן אין אַ דאָרף. ווען ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט דער טאַטע צו אים געזאָגט:

— נו, וואָס רעכנסטו טאָן ווײַטער, זון מײַנער? ווילסטו — בלײַב אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר אין סאָווירט, ווילסטו — פֿאָר קיין איסקיטים.

די הויכע טרויבן פֿונעם איסקיטימער צעמענט־זאַוואָד זעט מען אין דאָרף אין אַ קלאָרן טאָג זייער גוט, און ווען ס'בלאָזט פֿון דאָרטן אַ ווינט, פֿילט מען אויך נישקאָשעדיק דעם רויך.

אַ צעמענט־זאַוואָד — רויך און שטויב, נאָר דעם באָכער האָט געצויגן דאָפּקע אַהין, און דאָרט איז שוין גאָר ניט געווען אַזוי גרינג זיך אײַנאָרדענען אַפֿילו אַף דער סאַמע אײַנפּאַכער אַרבעט. אַ מאַשינבוי־זאַוואָד נעמט אַרײַן אין זײַנע צעכן טויזנטער אַרבעטער, באַ יעדן ווערקשטעל דאַרף מען אַ טאָקער, אַ פרעזעראָוושטשיק, אַ שלײַפער און — מע דאַרף אויך אַ סאַך שילער. אַף אַ צעמענט־זאַוואָד איז ניט אַזוי. לויטן סכום פּראָדוקציע, וועלכע ער גיט אַרויס, קען ער זיך געגליכן צו אַ מאַשינבוי־זאַוואָד, ווו ס'זײַנען באַשעפֿטיקט צען אָדער פֿופֿצן טויזנט מענטשן, נאָר ער דאַרף בלויז צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט. די ריזיקע אויוונס, מעכטיקע אַגרעגאַטן פֿאָדערן פֿאַרהעלטנסמעסיק ניט קיין סאַך אַרבעטער. אין איסקיטים זײַנען, כוץ דעם כעוורעמאַן פֿונעם דאָרף לעבעדיאַווקאַ, געווען פֿיל באַלאָנים אָנצוקומען אַפֿן זאַוואָד.

— מיר האָבן דיך ניט וווהין צו נעמען, — האָט מען אים געזאָגט אין קאַדרען־אָפּטייל, — סײַדן עפּשער אין טראַנספּאָרט־צעך. נאָר דאָס איז אַ צעך, ווו מע איז אַמערסטנס אַף דער פֿרײַער לופֿט, און ווינטער, ווייסטו דאָך אַליין, דאַרף מען אַרבעטן אין דרויסן אין גרעסטן פֿראָסט.

— כ'וועל פּרוּוון, — איז ער מאַסקים געווען אָנצוקומען אין יענעם צעך.

זײַן ערשטע מעלאָכע איז געווען — צונויפֿקייטלען אײַן וואַגאָן מיט אַ צווייטן וואַגאָן. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו שלאָסערײַ, געוואָרן אַ קוואַליפֿיצירטער שלאָסער, און שפּעטער איז ער אויך געוואָרן אַן עלעקטריקער.

ער איז געווען אַ באָכער, וואָס וויל אַלץ וויסן און אַלץ קענען. ער וויל האָבן אין האַנט ניט אײַן פֿאַך, נאָר עטלעכע. אין אָוונט האָט ער געלערנט אין טעכניקום. איצט, אין יאָרן אַרום, האָט ער צו טאָן מיט דער גאַנצער מעכאַניק אַפֿן זאַוואָד. דער זון זײַנער, איגאָר, אַרבעט אויך אַפֿן זאַוואָד, די טאָכטער אָלאַ איז אַ ביבליאָטעקערן. די פֿרוי ראַיע — אַן אינזשעניער אין בוי־טרעסט.

— און איר ווייסט, — טוט ער אַ זאָג צו מיר, — איך האָב אָנהייב אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז ראַיע איז אַ ייִדישע. אין דאָרף זײַנען מיר געווען די איינציקע ייִדישע מישפּאָכע, און אין איסקיטים, אַפֿן זאַוואָד, האָב איך געוווּסט, זײַנען פֿאַראַן נאָך צוויי ייִדן — דער דירעקטאָר פֿונעם זאַוואָד — הערש יאַנקעלעוויטש פּראָלקעס און איך — קושעליס כאַניק. ניט אין דאָרף, ניט אין איסקיטים האָב איך ניט געהערט קיין ריידערײַען — ייִד, ניט־ייִד. וואָס איז דער כילעק? דערציילט מיר איינמאָל ראַיע, נאָך איידער מיר האָבן כאַסענע געהאַט, אַז דער טאַטע אירער לאַכט: אַבי מע זאָגט, ייִדן האָבן פֿײַנט אײַנשמועסן די הענט.

— דײַן טאַטע איז אַ דען אַ ייִד? — האָב איך זיך פֿאַרוווּנדערט.

אַפֿן זאַוואָד איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע בריגאַדע, וואָס הייסט „שטויב־אופֿראַמער". אַף אַ צעמענט־זאַוואָד איז מען ניט זשעדנע אַף אַ ביסל שטויב, און די בריגאַדע האָט וואָס אופֿצוראַמען, ס'איז זייער אַ שווערע און טאַקע זייער אַ שמוציקע אַרבעט. זײַנען ראַיעס עלטערן, דער טאַטע און די מאַמע, שוין יאָרנלאַנג די הויפּט־אופֿראַמערס אין יענער בריגאַדע.

4

— און וואָס מאַכן די ברידער אײַערע, ווי לעבט זיך זיי? — פֿרעג איך ווײַטער באַ ניקאָלײַען.

דאָס פֿאָנעם צעשײַנט זיך באַ אים, ווי ס'קאָן זיך נאָר צעשײַנען דאָס פּאָנעם באַ אַ מענטשן, וועלכער האָט צו דערציילן אַ סאַך גוטס וועגן זײַנע אייגענע.

— די ברידער זײַנען טוישוועס פֿון סיביר, און זיי איז גוט. — ענטפֿערט ער.

— וואָס הייסט — גוט?

— זיי אַרבעטן און זײַנען מיט דער אַרבעט צופֿרידן. אַלע האָבן זיי הויכבילדונג, נאָר איך אײנער האָב פֿאַרענדיקט ניט מער, ווי אַ טעכניקום, ווײַל איך האָב אַ ביסל זיך צוגעײַלט מיט דער כאַסענע און נאָך דער כאַסענע איז מיר שוין ווײַטער זיך לערנען ניט אויסגעקומען, כ׳האָב ניט געקאָנט און ניט געוואָלט צעשיידן זיך אַף אַ צײַט מיט דער מישפּאָכע. מישפּאָכעס, דאַרף איך זאָגן, האָבן מיר אַלע זייער גוטע. ס׳האָט אונדז אָפּגעגליקט סײַ מיט די ווײַבער, סײַ מיט די קינדער. כּוץ דעם, זײַנען מײַנע ברידער אָנגעזעענע מענטשן אין זייערע קאָלעקטיוון. דרײַ פֿון אונדז, און איך צווישן זיי, זײַנען מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי. איך בין דרײַסיק יאָר געווען אַ קאָמיוגיסט. אַפֿן זאַוואָד האָב איך געהאַט אַ געזעלשאַפֿטלעכע אָנלאָדונג — אַרבעטן מיט דער יוגנט, און כאָטש איך בין שוין אַרויס דעמלט פֿונעם קאָמיוגישן עלטער, בין איך נאָך אַלץ געווען אַ קאָמיוגיסט. אין אַ שפּאַס רופֿט מען אַזעלכע „קאָמיוגיסטן־פּענסיאָנערן“.

— אַן עמעסער פּענסיאָנער, — דערציילט ווײַטער ניקאָלײַ, — איז שוין איצט דער עלטערער ברודער, אווראָם. ער קריגט אַ געהעכערטע פּענסיע — 160 רובל.

— ער איז שוין אַלט זעכציק יאָר? — האָב איך זיך פֿאַרוווּנדערט.

— בלויז פֿופֿציק. אָבער אויב מע אַרבעט אַפֿ אין אַ קוילן־גרוב אונטער דער ערד צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד, האָט מען אַ להאָטע און מע גייט אוועק אַף פּענסיע פֿריִער מיט אַ יאָרצענדליק. אווראָם האָט פֿאַרענדיקט דעם טאָמסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און דערנאָך געאַרבעט אַפֿן ווײַטן מיזרעך, איך דער שטאָט אַרטיאָם, געבויט דאָרט אַ קוילנגרוב, שפּעטער האָט ער געבויט אַן אַרץ־גרוב אין טאַשטאַגאָל, קעמעראָווער געגנט, און די לעצטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר אַרבעט ער אין אַ שאַכטע אין פּראָקאָפּיעווסק. פּענסיע קריגט ער, אָבער פֿון דער אַרבעט איז ער ניט אוועק. „איך האָב נאָך קויעך, — זאָגט ער, — צו גיין ניט נאָר אַף דער ערד, נאָר אויך אונטער דער ערד“. די מישפּאָכע זײַנע איז „אַ מעדיצינישע“. די פֿרוי, טאַניע — אַ פֿאַרמאַצעווט, דער זון, איגאָר — אַ טעראַפּעווט און דער אַנדערער זון, מיכאַיל, האַלט באַם פֿאַרענדיקן דעם נאָוואָסיבירסקער מעדיצינישן אינסטיטוט.

— דער דריטער ברודער, יאַקאָוו, — זעצט פֿאָר ניקאָלײַ צו דערציילן וועגן זײַנע ברידער, — איז אויך אַ אינזשעניער. יאַקאָוו האָט געאַרבעט אין איסקיטים, און מיט פֿינף יאָר צוריק איז ער אוועקגעפֿאָרן אַפֿן באַם. דאָרט בויט ער די סטאַנציע פּאָסטישעוואָ. אַ סאַך גרויסע שטעט אין לאַנד האָבן גענומען שעפֿטום איבער די אײַזנבאַן־סטאַנציעס און קומענדיקע שטעט פֿונעם באַם. מאָסקווע האָט געבויט טינדאַ, און נאָוואָסיבירסק בויט פּאָסטישעוואָ. מיטן נאָוואָסיבירסקער אָטריאַד איז אויך געפֿאָרן יאַקאָוו, ער איז אין פּאָסטישעוואָ אַ פּראָראַב. די פֿרוי זײַנע, טאַניע, איז אַ נאָרמירערן, און דער זון, מיכאַיל, לערנט אין דער שול, וואָס דער טאַטע זײַנער האָט זי אויסגעבויט.

דער פֿערטער, דער ייִנגסטער ברודער, ליאָווע, אַרבעט אין נאָוואָסיבירסק אין אַ פּראָיעקט־אינסטיטוט, זײַן טאָכטער סאָניע איז נאָך אַ קליינינקע, גייט נאָך ניט אין שול.

די לעצטע פֿראַגע מײַנע איז וועגן דער מאַמען.

— די מאַמע לעבט, ווי פֿריִער, אין דאָרף, — ענטפֿערט ניקאָלײַ, — איך קום יעדע וואָך, שאַבעס אָדער זונטיק, צו פֿאָרן צו איר, אָפֿט קומט אויך מײַן פֿרוי מיט די קינדער — דער מאַמעס אייניקלעך. ס׳קומען אַראָפּ, נאָר שוין ניט אַזוי אָפֿט, די אַנדערע ברידער. מיטן גאַנצן האַרצן וויל יעדערער פֿון אונדז נעמען זי צו זיך. זי איז דאָך אין דאָרף געבליבן אַלײן, אָבער זי וויל פֿון דאָרט ניט אוועקפֿאָרן. „איך בין שוין צוגעוווינט דאָ, — זאָגט זי, — אין אַן אַנדער אָרט וועט מיר זײַן שווער, כ׳וועל בענקען“...

ניקאָלײַ איז אַנשווייגן געוואָרן, און איך האָב זיך דערמאָנט אין יענעם זוניקן אווגוסט־טאָג, ווען כ׳בין געווען צוגאַסט באַ די כאַנינס. עליע כאַנין איז אוועקגעפֿאָרן אַף אַ ווײַטערן באַצירק פֿונעם סאָווירט און איז געווען ביז שפּעט אין אָוונט אין פֿעלד. פֿריידע איז מיט מיר געגאַנגען איבער דער אײנציקער דאָרפֿישער גאַס, באַוויזן מיר די שול, ווו לייבל לערנט, און, גייענדיק אַזוי, האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַז אַף אַלע ראַכוועסן פֿון סיביר לעבן און אַרבעטן אירע קינדער, ענערגישע, אַרבעטזאַמע, געראָטענע, זי פֿילט זיי שטענדיק לעבן זיך...

ווײגעלעך

„אָטשערעד“ (ריי) איז אַן אומעטיק וואָרט. ווער וויל און ווער האָט צײַט צו שטיין אין אָטשערעד, און ס'וועט געוויס זײַן אַזאַ צײַט, ווען קיין רייען פון אַזאַ מין וועלן ניט זײַן.

אָבער איך בין זיך מודע, אַז אײניקע „אָטשערעדן“ קימערן מיך ניט שטאַרק איצט אויך. ס'באומרויִקט מיך ניט דאָס מענטשן־קייטעלע, וואָס ציט זיך צו דער קאַסע נאָך בילעטן אין טעאַטער, אַ פריילעכע אָטשערעד שטעלט זיך אויס אין דער שפּאָרקאַסע נאָכן טיראַזש פון דער מעלוכע־האַלוואָע, נאָך דער ספּאָרט־לאָטעריי און זאַכן־לאָטעריי.

אַנומלטן, אַף אײנעם פון די מאָסקווער פּראָספּעקטן — פּראָספּעקט מירא — בין איך אַ לענגערע ווײַלע געשטאַנען און געקוקט אַף דער ריי, וועלכע האָט זיך געצויגן פון דער גאַס צו אַ מאַגאַזין. אַ מענטש איז געשטאַנען בא דער טיר פון דער קלייט און אַרײַנגעלאָזט די קונים אײַנוויניק צוביסלעך — אַ צענדליק נפשעס אין אײן מאָל. איך האָב צום אָנהייב ניט געקאָנט פאַרשטיין, נאָך וואָס איז די אויסכאַפּעניש. דער מאַגאַזין הייסט „דעטסקי מיר“ („קינדער־וועלט“). דער ברייטער פּאַראַדנער אַרײַנגאַנג איז געווען פרײַ. ביטע, קומט אַרײַן, קויפט פאַרן קינד, פאַרן אײניקל דאָס, וואָס איר ווילט און וואָס עס דערלויבט אײַער קעשענע. דער אויסוואַל איז זייער אַ גרויסער, איר האָט דאָ די שענסטע, די קליגסטע, די טײַערסטע און וואָלוולסטע שפּילכלעך. ווילט איר אַ בער, ניט אַף אַ סאַך אַ קלענערן פון אַן עמעסן בער, גייט, באַצאָלט אין קאַסע און זײַט מאַצליִעך מיט אים, נעמט אים אַהיים. קויפט אַ פערדל, וואָס הירזשעט, אַ הינטל, וואָס בילט, אַ ציגעלע, וואָס מעקעט, טוט נאָר מיטן פינגער אַ קוועטש זייערע פּלאַסטמאַסעווע העלדזלעך, אָדער בײַכלעך, און זיי וועלן זיך לאָזן הערן, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. נו, און ליאַלקעס פאַר אײַערע קלייניטשקע מיידעלעך — טויזנט עמעסע שיינהײַטן מיט זייערע פּרעכטיקע פאַרגליווערטע פּענעמער קוקן אַף אײַך און בעטן: נעמט אונדז, ס'איז אונדז ענג צו שטיין אַף די פּאָליצעס! אַ העלפט זאַל איז פול מיט מאַשינעס, און קאָסמישע ראַקעטעס, און אָקעאַנישע שיפן, און לאָקאָמאָטיוון מיט וואַגאָנען, וואָס לויפן איבער רעלסן, ווי עמעסע צוגן. קיין שום ריי איז ניטאָ צו אָט די אַלע אויצרעס פאַר קינדער. מיט וואָס זשע האַנדלט מען אין צווייטן זאַל, וווהין מע לאָזט אַרײַן דורך אַ באַזונדער טיר? וואָס פאַר אַ „דעפיציט“ קאָן מען דאָרט קריגן?

אײנגיכן האָב איך דעם „דעפיציט“ דערזען. אַ יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי האָבן דורך יענער טיר אַרויסגעפירט אַף דער גאַס אַ וויגעלע מיט אַ העל־בלויען — הימל־קאָליר — דעכעלע. אַף די ווענטלעך זײַנען אָנגעמאָלט שיינע פאַרשיידנפאַרביקע בלימלעך. צווישן די פאָדערשטע און הינטערשטע רעדלעך איז פאַראַן נאָך אַן אונטערשט דעכל, אַ מין באַגאַזשניקל, וווהין מע קאָן עפּעס אַוועקלייגן.

דאָס וויגעלע האָט מען אַרומגערינגלט, און מע האָט אָנגעהויבן זאָגן מעווינעס.

— ס'איז שענער און בעסער פון די, וואָס כ'האָב נעכטן געזען אין „גום“ — זאָגט אַ יונגיטשק ווײַבעלע מיט צאַרט־רויטלעכע פלעקן אַף די באַקן.

— אין „דעטסקי מיר“ אַף דזערזשינסקע פאַרקויפט מען אויך וויגעלעך, — גיט צו וויסן אַ צווייטע יונגע פרוי אין זייער אַ ברייטער קלייד, — נאָר מיר מיטן מאַן זײַנען זיי ניט געפעלן געוואָרן. זיי זײַנען פון אַ גרויען שטאָף, און די רעדלעך זײַנען נידעריקע.

דער טראָטואַר ווערט אַלץ פולער מיט אײַנגעקויפטע וויגעלעך. איך אײַל זיך ניט אַוועקצוגייען. ס'איז מיר אינטערעסאַנט צו שטיין און קוקן און הערן, וואָס מע רעדט.

ס'גייען דורך פאַרבײַ דעם מאַגאַזין צוויי עלטערע פרויען.

— מע דאַרף דאָך זײַן מעשוגע, — זאָגט אײנע צו דער אַנדערער, אַז די „אָטשערעד“ זאָל הערן. — אין קאָמיסיִאָנעם שטייען די בעסטע וויגעלעך, וויל מען זיי ניט נעמען, מע וויל נאָר נײַע און נאָר טשעכישע און געדעראָווסקע.

— מײַן אײניקל אָלעג, — רופט זיך אָפּ די צווייטע פרוי, אויך אַף אַ קאָל, מע זאָל הערן, — איז אַפילע קיין האַלב יאָר אין וויגל ניט געלעגן, ס'איז טייקעף געוואָרן קליין פאַר אים, ער איז אַן אַקסעלעראַט, און טרוקן איז דאָס וויגל די גאַנצע צײַט געווען, ווי פּולווער בא אַ סאָלדאַט. איגאָריאָק, אַ קלוג קינד, האָט גלײַך גענומען זיך בעטן, שטייט דאָס וויגעלע אַ נײַס, אַ טרוקנס שוין צוואַנציק יאָר אין אונדזער הויז באַם אַרײַנגאַנג, בא דער אָפענער טיר, נאָר אַפילע אַ גאַנעוו נעמט עס ניט, ער ווייסט, אַז ער וועט ניט האָבן וועמען עס צו פאַרקויפן.

— און אײַער טאָכטער אָדער דער זון האָבן ניט געקויפט אַ נײַ וויגעלע פאַרן קינד? — שרײַט אויס צו די צוויי פרויען אַ ווײַבל פונעם אָטשערעד.

— שטייט, אויב איר ווילט, מיר פֿאַרגינען אײַך,— ענטפֿערט די פֿרוי, וואָס איר וויגל וויל אַפֿילו ניט נעמען אַ גאַנעוו.

אַף מײַנע אויגן קומען פֿאַר אַ פּאָר טשיקאַווע עפּיזאָדן.

עס „פּאַרט" אַרויס פֿון מאַגאַזין אַ טונקל־גרין וויגל אין דער באַגלייטונג פֿון אַ האַלבן צענדליק מיידלעך אָדער נאָך גאָר־גאָר יונגע פֿרויען. די באַלעבאָסטע פֿונעם וויגל איז גרינג צו דערקענען. זי איז צעטומלט, אויפֿגערודערט, די אויגן זײַנען באַ איר פֿײַכט.

— ס'איז אַ בעסערס פֿון אַלע איבעריקע וויגעלעך, וואָס זײַנען פֿאַראַן דאָרט,— זאָגט צו איר איינע פֿון אירע כאַווערטעס, וועלכע וויל, ווײַזט אויס, מיטן קאָמפּלימענט דעם וויגל דערמונטערן זי אַ ביסל.

— כ'האָב עס אַפֿילו ניט ווו צו שטעלן,— מורמלט די קומענדיקע מוטער.— שלעפּן אין צוזאַמענוווינונג?

— ווידער כאַזערסטו איבער דאָס זעלבע? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז ס'וועט דער וויגל שטיין באַ מיר,— באַרויִקט זי אַ צווייט מיידל.

— ניט געזאָרגט, מאַשענקע!— נעמט דאָס הענטל פֿונעם וויגל אַ דריטע כאַווערטע און שטופּט עס ענערגיש פֿאָרויס.— ער וועט דערזען אַזאַ שיין וויגעלע, וועט ער קומען צו לויפֿן.

— איך וועל אים אַף דער שוועל ניט אַרופֿלאָזן! איך דאַרף אים ניט!— שרײַט אויס מאַשענקע אַף אַ קאָל.

מיט גיכע, נאָר שווערלעכע טריט, ביט צו פֿאַרשפּעטיקן אַן איבעריקע ווײַלע, גייט צו און שטעלט זיך אין דער ריי אַ פֿרוי, פֿון אַ יאָר צוואַנציק, אַ שוואַרצכיינוודיקע, מיט גרויסע אויגן אַפֿן טונקעלן פּאָנעם. אָנגעטאָן עלעגאַנט, אין אַ דין קאָפּטל און אין אַ קליידל, וואָס איז עטוואָס לענגלעך. איך שטעל זיך הינטער איר, ס'ווילט זיך מיר פֿאַרפֿירן מיט דער יונגער פֿרוי אַ געשפּרעך.

איך הייב אָן מיט אַ שטיקל כאָכמע: וואָס פֿאַר אַ וויגל זאָל איך קויפֿן? עפּשער וועט גאָט העלפֿן און ס'וועט זײַן אַ צווילינג, דאַרף מען דאָך אײַנהאַנדלען אַ גרויס וויגל, אַ צווייענדיקס.

— וויגעלעך פֿאַר צווילינגען,— ענטפֿערט זי מיר קורץ און זאַכלעך,— וועט איר צו יעדער צײַט קריגן אומעטום. דער נאָכפֿרעג אַף זיי איז ניט קיין גרויסער, און זיי זײַנען שטענדיק פֿאַראַן אין פֿאַרקויף.

איך זע, אַז זי איז פֿאַרזאָרגט, עפּעס באַאומרויִקט זי. זי קוקט מיט אומגעדולד, נאָר ניט צו דער טיר, צו וועלכער מיר רוקן זיך גאַנץ פּאַמעלע, זי קוקט אין אַ זײַט און אַפּהינטן, צו דער גאַס, זי וואַרט, ווײַזט אויס, אַף עמעצן.

— אויב ס'וועט אײַך זײַן שווער אַלײן צו פֿירן דאָס וויגל, וועל איך אײַך העלפֿן,— פּרוּוו איך ווידער אָנקניפּן אַ שמועס.

— איר וועט דאָך אַליין האָבן וואָס צו פֿירן,— טוט זי אַ לאַך.

— יאָ, טאַקע... אָבער איך בין פֿונדעסטוועגן ניט נאָר אַ זיידע, נאָר אַ מאַנצביל אויך, וועל איך פֿירן צוויי.

— אַ דאַנק. ס'דאַרף קומען מײַן מאַן, און עפּשער וועט נאָך אויך קומען די מאַמע. אינדרויסן ווילן מיר דאָס וויגעלע ווי־עס־איז אוועקפֿירן,— אין אירע ליפּן שנירלט זיך דורך אַ שוואַכער שמייכל. אַ ביסל שטאַרקער, ברייטער שמייכלען איז זי, זעט מען, איצט ניט אויפֿגעלייגט.

די ריי טוט מיטאַמאָל אַ שטאַרקן רוק זיך פֿאָרויס, נעענטער צו דער טיר. מײַן שכיינע בײַט זיך מיט אַ פֿרוי, וועלכע שטייט פֿונהינטן, באַם עק. איך שטעל זיך ווידער לעבן איר.

— איר וואַרט אויך?— פֿרעגט זי מיך.

פּלוצעם, אַזוי ווי פֿון אַ פּראָזשעקטאָר, טוען אירע אויגן אַ שײַן אויף, זי האָט דערזען דעם, וועמען זי דאַרף.

— באָריע!— רופֿט זי פֿריידיק אויס.

— ליובע!— ער האָט זי שוין אויך דערזען און אויך זיך דערפֿרייט. דער יונגערמאַן איז אין אַ גרינק העמדל מיט גרויסע אויסיִעס אַפֿן רוקן MИИT. אַזעלכע העמדלעך מיט די ראַשעטייוועס פֿון אינסטיטוטן טראָגן סטודענטן פֿון בוי־אַטריאַדן, ווען זיי פֿאָרן זומער, אין פֿערטן אַרבעט־סעמעסטער, אַף בויונגען.

באָריע שטעלט זיך אַוועק לעבן ליובען. זי קוקט אַף אים, ווי זי וואָלט אים ניט געזען אַ לאַנגע צײַט. ביידע שווײַגן. זיי האָבן, מיסטאָמע, וועגן וואָס צו רידן, נאָר די זײַטיקע מענטשן שטערן. דער יונגערמאַן כאַפּט אַ בליק אַף מיר און אַף דער פֿרוי, וועלכע שטייט פֿונפֿאָרנט, און אַף דער פֿרוי, וואָס שטייט פֿונהינטן. ליובע בייגט אָן צו אים אַ ביסל דעם

קאָפּ, לייגט אַרײַן זײַן האַנט אין איר האַנט, און פֿרעגט וועגן עפּעס שטיל, בלויז מיט איין קורצינק וואָרט, און אין דער שטילער קורצינקער פֿראַגע פֿילט מען סײַ אַ דערוואַרטונג אַף אַ גוטער נײַס, סײַ אַ צווייפֿל, אַ קווענקלעניש.

— נו?

— אַלץ אין אָרדענונג, — ענטפֿערט ער. — מאָרגן פֿאָר איך.

— האָסט גאָרניט געזאָגט, גאָרניט דערקלערט? — רײַסט זיך בײַ איר דאָס קאָל אַרויס העכער. זי דריקט שטאַרקער די האַנט זײַנע, ווי זי וואָלט וועלן דערמיט העלפֿן אים צו זאָגן דאָס, וואָס זי וויל, וואָס זי האָפֿט, און ס'זאָל געזאָגט ווערן, נאָר ער אַנטוישט זי.

— איך האָב גאָרניט דערקלערט. וואָס האָב איך צו דערקלערן? ס'איז דאָך ניט אַף לאַנג, אַף צוויי כאַדאָשים.

— צוויי כאַדאָשים... — כאַזערט זי איבער, און די ליפּן ציטערן. זי שטרענגט זיך אָן צו ריידן שטיל, נאָר דאָס גיט זיך איר ניט אײַן. זי ברענגט אַרויס די ווערטער זייער דײַטלעך:

— וועגן מיר טראַכטסטו גאָרניט...

ער טוט זיך אַ זײַטל מיט אַן אויג אַף די שכיינים אין דער ריי. דער „קנאָפּ" אין האַלדז באַוועגט זיך אַ ווײַלע אַרויף־צו, ווי באַם אַראָפּשלינגען עפּעס גאָר אַ האַרטן ביסן.

— די מאַמע וועט דאָך זײַן מיט דיר, ס'וועלן זײַן די שוועסטער, בלײַבסט ניט אַליין, — באַרויקט ער זי. — איך וועל דיר קלינגען אין טעלעפֿאָן, אַזוי ווי פֿאַראַיאָרן, און נאָך אָפּ־טער. אַלע טאָג, האַלב אַכט אינדערפֿרי, ווען די טעלעפֿאָן־ליניע איז פֿרײַ...

— יאָ, יאָ, — רעדט זי ווי פֿאַר זיך, — די מאַמע, די שוועסטער, דער טעלעפֿאָן — אַלץ וועט זײַן, נאָר דו וועסט ניט זײַן. האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, — שרײַט זי שוין קימאַט אויס, — אָנשרײַבן אַ מעלדונג, אַז דו קאָנסט הײַנטיקן זומער ניט פֿאָרן!

— כ'האָב די מעלדונג אָנגעשריבן און זי שוין געוואָלט דערלאַנגען, נאָר... — ער גיט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבער דער הינטערשטער קעשענע פֿון די דזשינסן.

— האָסט איבערגעקלערט? — פֿרעגט זי הויך, אַז די, וואָס שטייען ווײַטער אין דער ריי, קוקן זיך אום אַפֿן פֿאָרפֿאָלק.

— אַזוי האָט זיך באַקומען, — גיט ער איר צו פֿאַרשטיין. — מיר פֿאָרן אײנעם זעלבן סאָווירט, ווו מיר זײַנען געווען פֿאַראַיאָרן. איך בין געווען בריגאַדיר און הײַנטיקס יאָר וועל איך אויך זײַן בריגאַדיר, מיר בויען דאָרט אַ גאַנצן קאָמפּלעקס.

— און וועגן מײַן קאָמפּלעקס האָסטו פֿאַרגעסן. — זייער אַ קאַרג שמייכעלע באַהעלט אירע ליפּן. ס'איז צו זען, אַז ביכלאַל האָט זי ליב זיך אַ כאָכמע טאָן, נאָר איצט האַלט בײַ איר ניט דערבײַ. דער יונגערמאַן אָבער צעלאַכט זיך הילכיק, ער איז צופֿרידן, וואָס כאָטשבי עטוואָס האָט אַ ליכטיקער שטראַל זיך באַוויזן אַף איר אומרויִק געזיכט.

אונדזער ריי איז שוין בײַ דער געבענטשטער טיר. מיר קומען אַרײַן אין זאַל. אַ וועלט מיט וויגעלעך. ס'פֿינקלען הענטלעך, רעדלעך. אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן פֿאַרמאָגן די דעכלעך און ווענטלעך — בלוי, רויט, גריק, אָראַנזשעווע. בײַ די מאַמעס, באָבעס און זיידעס צעלויפֿן זיך די אויגן פֿון אַזאַ אַשירעס. מע ווייסט ניט, וועלכע אויסצוקלײַבן. מע באַקוקט, מע באַטאַפּט בײַ די וויגעלעך יעדן אייווער, מע זוכט אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם מום, אַ כיסאָרן, אַ דעפֿעקטל. אָבער קוים האָט מען שוין באַשלאָסן, אַז מע נעמט אָט־דאָס וויגעלע און ניט קיין אַנדערס און מע גייט אין קאַסע נאָכן טשעק, איז עס שוין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פֿון אַלע אַנדערע וויגעלעך. מע קוקט אַרײַן מיט ליבשאַפֿט אונטערן דעכל, ווי ס'וואָלט שוין דאָרט געלעגן דאָס קינד.

מײַן פּאָרל — דער יונגערמאַן, וואָס פֿאָרט מאָרגן אַוועק, און זײַן פֿרוי, וועגן וועלכער ער האָט פֿאַרגעסן, אַז זי האָט אויך „אַ קאָמפּלעקס", האָבן שוין אויסגעקליבן אַ וויגל. ער נעמט מיט בײדע הענט דאָס הענטל, ליובע לייגט אויך אַוועק אַ האַנט אַפֿן הענטל. זי דערזעט, אַז איך גיי הינטער זיי אַ ליידיקער.

— איר האָט גאָרניט אויסגעקליבן? — וווּנדערט זי זיך.

— אַליין האָב איך מוירע געהאַט אויסקלײַבן, — פֿאַרענטפֿער איך זיך. — מאָרגן וועל איך קומען מיטן גאַנצן הויזגעזינד, און מיר וועלן צוזאַמען נעמען דאָס בעסטע.

— אַוודע, — איז די מאַסקים מיט מיר, — אַזאַ זאַך דאַרף מען אויסקלײַבן צוזאַמען.

אינגיכן פֿאַרקערעוועט דאָס פּאָרל צום אַרײַנגאַנג אין אַ מויער, וועלכער פֿאַרנעמט אַ האַלבן קוואַרטאַל, און פֿאַרשווינדט פֿון מײַנע אויגן. איבערן פּראָספּעקט מירא, אַף איין זײַט טראָטואַר און אַף דער אַנדערער זײַט, הערט מען ניט אויף צו פֿירן אָקאָרשט געקויפֿטע וויגעלעך — די שענסטע סכוירע אין דער וועלט.

כ א ַ י ם ב ײ ד ע ר

דאָקטער ברודני

מיט צען יאָר צוריק האָב איך פאַרשריבן אין מײַן בלאָקנאָט:

אַלע אינדערפרי, אַפילע אין די אָפּרו־טעג, לאָזט ער זיך פלינק אַראָפּ פונעם צווייטן שטאָק מיט די טרעפּ פון דעם בעטאָנירטן לייטער, גייט אַרויס אַפן הויף־טראָטואַר, וועלכער ציט זיך לענגויס דעם פינפשטאָקיקן הויז, ווו ער וווינט, פאַרקערעוועט אַף לינקס און אײַלט דורך דער טאַרגאָווע־גאַס צו דער אָפּשטעלסטאַנציע פונעם אווטאָבוס.

מענטשן, וועלכע קומען אַנטקעגן אָדער יאָגן אים איבער, באַגריסן זיך מיט אים, שמייכלענדיק דערבײַ גוטמוטיק און מיט אָפּשײַ:

— וווהין, לעאָניד מאַרקאָוויטש?

— אַף דער סאָפּקע, — ענטפערט ער.

אָדער:

— אַפן „דאַלסעלמאַש“.

און די, וואָס פרעגן זיך אָן, ווייסן שוין, אַז אַף יענער זײַט בריק אָדער אינעם יישעוו פון די קאָמבײַן־בויער, צי אין ראַיאָן פון דער נייפאַבריק וואַרט מען אַפן דאָקטער ברודני: קאָלעגן ווילן אויסהערן זײַן אווטאָריטעטע מיינונג, יונגע, נאָרוואָס פון דער אינסטיטוטישער באַנק, ווילן זיך מיט אים אויסייצענען מיקויעך אַ זעלטענעם פאַל אין זייער אָנפאַנגלעכער מעדיצינישער פּראַקטיק. און אין געגנטלעכן שפּיטאָל צי אין דער פּאָליקליניק כידעשט מען זיך ניט, ווען עפּעס אַן אײַנגעשפּאַרטער כוילע, איבערהויפּט פון די עלטערע מענטשן, וואָרנט די שטוביקע:

— קיינעם דאַרף איך ניט, ברענגט צו מיר דעם דאָקטער ברודני.

— וואָס זשע, — פרעגט אַמאָל אַ סקעפּטיקער פון די נײַ־אָנגעקומענע אַהער, — אַ נאָווי איז ער, אײַער דאָקטער ברודני, אַ מין וואָלף מעסינג, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם סאָד?

די ביראָבידזשאַנער קנייטשן מיט די אַקסלען, מעסטן אָפּ דעם ניטגלייבנדיקן פון קאָפּ ביז די פיס און ווילן מיט אים ניט פאַרפירן קיין דיסקוסיעס.

— אין טעלעפּאַטיע גלייבט איר? — האָט מיר אַנומלטן בײַס אַ לאַנגן געשפּרעך מיט אים פּלוצעם אַ פרעג געטאָן לעאָניד מאַרקאָוויטש, און אַ קונדייסישער שמייכל האָט אַ בליץ געטאָן אין זײַנע קלוגע, גוטמוטיקע אויגן.

— אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? — האָב איך געפּרווט זיך אויסדרייען פון אַ גלײַכן ענטפער, ניט ווייסנדיק, וווהין ער בייגט דאָס.

— און איך גלייב, — האָט ער געזאָגט שוין גאַנץ ערנסט. — איך מיין אַפילע, אַז דאָס, וואָס מע רופט אָפּט אינטויִציע, איז אינדערעמעסן טעלעפּאַטיע, און אַן עכטער מעדיקער דאַרף אומבאַדינגט פאַרמאָגן דעם געפיל און די פּײַקײַט צו זען דעם כוילע אַף דורך און דורך, אַפילע געפינענדיק זיך אַף אַ ווײַטן מעהאַלעך פון אים.

— נו, דאָס איז שוין געוויס אַ גוזמע, — האָב איך געפּרווט דערווידערן.

לעאָניד מאַרקאָוויטש האָט נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטאָן:

— איגנאָראַנטיאָ נאָן עסט אַרגומענטום.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז באַלד וועט ער אָנהייבן שיטן מיט פּסוקים אַף לאַטײַן, אַף העברעיִש און אַף רוסיש, ווי עס געשעט מיט אים, ווען ער כאַפּט זיך אַרוף אַף זײַן באַליבט פערדל — מעדיצין. נאָר מײַן דאָקטער האָט זיך דאָס מאָל באַנוגנט בלויז מיט אָט דעם איין־און־איינציקן לאַטײַנישן ווערטל, איבערזעצנדיק דאָס גלײַך אַף יידיש:

— אַמעראַצישקײַט איז ניט קיין אַרגומענט!

און קעדיי דאָס געבראַכטע גלײַכווערטל זאָל ניט בלײַבן הענגען אינדערלופטן, האָט ער גענומען פאַרטײַטשן, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ מײַסע:



לעאָניד מאַרקאָוויטש ברודני

— פּאַסירט האָט עס מיט עטלעכע יאָר צוריק, קימאַט אין סאַמע אָנהייב פון מײַן ארבעט אין בירָאָבידזשאַן גופע — דעמלט איז נאָך געווען דורכויסיקע טײַגע, און מיר פּלעגן אהער קומען פּאַרגרייטן געהילץ פּאַרן שפּיטאָל...

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי כ'האָב דאָס ערשטע מאָל זיך באַגעגנט מיט ברודנין. געקומען פון מאָסקווע קיין בירָאָבידזשאַן און אײַנגעפונדעוועט זיך אפן נײַעם אָרט, האָב איך זיך פלוצעם דערוווּסט, אַז אין דער שטאָט לעבט מײַנע, ווי מע זאָגט, א באַס־איר, א זעמליאַטשקע לויט אונדזער פּאָדאָליער שטעטל קופּעל — מענציע בוים (איר ייִנגערע שוועסטער האָט צוזאַמען מיט מיר זיך געלערנט אין אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און איז אומגעקומען, ווי מיר איז געווען באַוווּסט, בייס דער דײַטשיש־פאַשיסטישער אָקופּאַציע).

מענציע האָט שוין געטראָגן איר מאַנס פאַמיליע — טענצער — און מע האָט זי גערופן מאַריִע באָריסאָוונע. פּונקט אין יענע טעג האָט מען זיך געגרייט אָפּמערקן א פײַערלעכע דאַטע: מאַריִע באָריסאָוונע, האָגאַם זי טראַכט ניט צו פאַרלאָזן די ארבעט, גייט אוועק אף פּענסיע. און ווען איך בין אַרײַנגעקומען צו זיי אין דער געמיטלעכער דירע אינעם פּירשטאָקיקן הויז אף דער גאָרקי־גאַס, וואָס שפּאַרט זיך אָן מיט איין עק שיר ניט אינעם ברעג פון דער בירע, — איז שוין דאָרט געווען ענג פון די פּילצאָליקע געסט, מערסטנטייל מעדיצין־טוער, ווי אליין די באַלעבאַטים (מאַריִע באָריסאָוונע ארבעט אינעם קינדער־שפּיטאָל און איר מאַן, באָריס סאַמאָילאָוויטש, איז א צייַן־דאָקטער).

פון כאַבאַראָווסק איז געקומען צו פאָרן זייער עלטערע טאָכטער אידע, אויך א דאָקטער, מיט איר מאַן יאַשע און דעם אַכטיאָריק יאַטל איגאָר, פון טשיטאַ, ווו זי פאַרענדיקט דעם דאָרטיקן מעדיציִנישן אינסטיטוט, האָט זיך אף א פּאָר טעג אַראָפּגעכאַפּט באַגריסן די מאַמע די ייִנגערע טאָכטער דאָרע. ס'איז געווען, ווי מע זאָגט, סאָסן־וועסימכע. און אף וויפל איך האָב

עטוואָס פאַרשפּעטיקט, האָב איך גלײַך ניט באַוויזן צו באַקאַנען זיך מיט די געסט, וועלכע זײַנען געזעסן באַ די צונויפגעשטעלטע טישן.

מיר איז אָנגענעם געווען צו הערן די פרײַלעכע ווינטשעוואַניעס לעקאָוועד דעם יובילאַר. מע האָט געלויבט די באַלעבאָסטע אין טאָג אַרײַן, און פון די רייד האָב איך זיך געקאָנט דערוויסן אייניקע פּראָטים פון מענציעס בירָאָבידזשאַנער ביִאָגראַפיע.

אין א באַליביקער קאָמפּאַניע קאָן מען שטענדיק אויסטיילן פאַרשיידענע טיפּן מענטשן: ענערגישע און אײַנגעהאַלטענע, היציקע און רויִקע, באַריידעוודיקע און שווײַגערס. צווישן די געסט האָט מײַן אופמערקזאַמקײַט צוגעצויגן דאַפקע איינער פון די שווײַגערס — אַן עלטערער ייִד מיט טיפע קנייטשן אפן הויכן שטערן און אַרום מויל, מיט מילדע און קלוגע לעבעדיקע אויגן. ווען די סאַמע מעליצעדיקע טאָסטן זײַנען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן און אַלע, דאַכט זיך, האָבן שוין גוט זיך אָנגערעדט, איז דער אַלטער אופגעשטאַנען, און כ'האָב דערהערט זײַן קאָל:

— באָריס, איצטער וויל איך אויך עפּעס זאָגן...

דער אַלטער האָט א שמוך געטאָן, איבערגעפירט דעם בליק אָט אפן באַלעבאָס, אָט אף דער באַלעבאָסטע:

— מײַנע פרײַנט... אָט אַזוי יאָגט די צײַט... וויי־וויי, וויפל וואַסערן זײַנען שוין פאַרלאָפן אין דער בירע פון יענעם יאָר, זינט איך האָב אײַך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אפן בירָאָבידזשאַנער וואָקזאַל. געדענקסט, באָריס?

— אַוואַדע געדענק איך, לעאָניד מאַרקאָוויטש! — האָט אויסגערופן טענצער.

— און די שטיוול געדענקסטו אויך?

ס'האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַלע, ווער עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין אָט דער היימישער מישפּאָכע, ווייסן, אפּאָנעם, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

איך בין נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס פאַר א געשיכטע דאָס איז, און ווען באַם טיש איז נאָכאַמאָל געוואָרן שטיל, האָט מיר באָריס סאַמאָילאָוויטש דערציילט.

זומער 1935 האָט דער גאַנצער אַרויסלאָזקורס פונעם הײַסינער ייִדישן מעדיצין־טעכניקום געמאָלדן, אַז ער פאָרט אין פולן באַשטאַנד קיין בירָאָבידזשאַן. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אף דער סטאַנציע אָבלוטשיע, איז אין וואַגאָן, ווו עס זײַנען געפאָרן די יונגע מעדיקער, אַרײַנגעקומען א גרופּע אָרטיקע יאַטן. דערהערט, אַז דאָס פאָרן ייִנגלעך און מיידלעך פון אוקראַיִנע און אַז זייער פאָרשטעלונג וועגן בירָאָבידזשאַן איז נאָך גאָר־גאָר א נעפּלדיקע, האָבן די כעווראַ באַשלאָסן אין גוטן מוט זיי אָפּטאָן א שפּיצל.

— פאָרט איר, הייסט עס, קיין בירָאָבידזשאַן? — האָבן זיי איבערגעפרעגט באַ די הײַסינער.

— אוודע, — האָבן יענע געענטפערט. — אַלע האָבן גרויס כיישעק צו בויען די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט.

די יונגעלייַט האָבן אַ מעסט געטאָן מיט פריילעכע בליקן פון קאָפּ ביז די פּיס די הייַסינער, וועלכע זייַנען געווען אויסגעפּוצט אין יאָמטעוודיקע זומערדיקע מאַלבושים, און געמאַכט פאַרזאָרגטע פּענעמער:

— זייער גוט, וואָס איר האָט אַזוי באַשלאָסן, ביראָבידזשאַן נייטיקט זיך טאַקע אין אַזעלכע ענטוזיאַסטן, אָבער... — זיי האָבן באַוויזן מיטן בליק אַף די פּיס פון די נייַע איבערוואַנדערער און מיט ערנסטן מיטלייַד זיך געווונדערט: — וויאַזוי זשע וועט איר אַראָפּקריכן אַף די ביראָבידזשאַנער בלאָטעס אין אָט אַזעלכע לייַכטע שיך?

די הייַסינער האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך אָנגעהויבן שושקען און אין איין קאָל געמאָלדן:

— וואָס זשע מיינט איר, מיר זייַנען שוין טאַקע אַזעלכע יאָלדן? מיר האָבן גענומען מיט זיך שטיוול...

— יאָ, — האָבן קלוימערשט זיך דערפרייט די אָבלוטשיער לייצים, — זייַט איר טאַקע עמעסע כוואַטן!

האַקלאַל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן, זייַנען אַלע הייַסינער יונגע מעדיקער געווען אָנגעטאָן אין שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס און האָבן שוין ניט מוירע געהאַט פאַר קיין שום בלאָטע...

— איר שטעלט זיך פאָר דאָס בילד? — באָריס סאַמאָילאָוויטש האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. — מיר שיטן זיך אַרויס פונעם וואַגאָן, אונדז באַגעגנט אַ גרויסער אוילעם בעראָש מיט לעאָניד מאַרקאָוויטש ברודנין (ער איז דעמאָלט געווען פאַרוואַלטער פון געגנטלעכן אָפּטייל פון געזונט־פאַרהיטונג), אַלע זייַנען אָנגעטאָן אין לייַכטע מאַלבושים און שיך, לעאָניד מאַרקאָוויטש — אַפילע אין אַ ווייַסן אָנצוג, עס שפּילט אַן אָרקעסטער, אַלע שמייכלען, מע האַלט רעדעס, מע שיט מיט ווינטשעוואַניעס, און מיר, אין שווערע שטיוואַלעס מיט כאָליעוועס שיר ניט איבער די קני, ווייסן ניט וווהין זיך אַהינטאָן פון בּיזאָיען... עמעצער זוכט די אָבלוטשיער לייצים, וועלכע האָבן אונדז אָנגעטאָן אַזאַ כאַרפּע, נאָר ווער, וואָס — זיי זייַנען גלייַך נעלעם געוואָרן, ווי נאָר מיר זייַנען אַראָפּגעשטיגן אַפן ביראָבידזשאַנער פּעראָן...

די סימכע באַ מענציע און באָריס טענצער האָט געדויערט. און אַזוי ווי מע האָט שוין דערמאָנט אָט דעם פריילעכן עפּיזאָד פון אַמאָל, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויך אַנדערע טשיקאַווע מייַסעס און געשיכטעס. בלויז לעאָניד מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט דער ערשטער אָנגערירט די סטרונע פון דערמאָנונגען, איז איצט געזעסן אַ פאַרטרוימטער, אַ פאַרכושטער, זיך ניט צוגערירט צו די געשמאַקע מייַכאָלים, וואָס זייַנען געווען צעשטעלט אַפן טיש. ער איז געווען ווייַט־ווייַט פונדאַנען — פון אָט דעם יאָמטעוודיקן טיש, פון דעם טומל, וואָס איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער.

אָט אַזוי האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אומגעריכט געטראָפן מיטן דאָקטער ברודני, דעם קויהען־גאָדל פון דער ביראָבידזשאַנער געזונט־פאַרהיטונג, דעם ערשטן דיפּלאָמירטן כירורג אַף דער ביראָבידזשאַנער ערד...

אַ זון פון אַ ייִדישן קאָלווירטניק אין קאַלינינדאָרף, איז ער אַליין געוואָרן דער פּאָרזיצער פון אַ קאָלווירט. אין 1927 פאַרענדיקט ער דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, קומט קיין שעפּעטאָווקע, ווו ער ספּעציאַליזירט זיך אין כירורגיע. און ווען אין דרייַ יאָר אַרום האָט ער דערפילט, אַז ער קאָן שוין זיך ספּראַווען מיט זייַן שווערן פאַך זעלבשטענדיק, אָן קיינעמס הילף, האָט ער אָנגעשריבן קיין מאָסקווע, אין „געזערד", אַז ער איז גרייט פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. אין מאָסקווע האָט מען אים געגעבן געלט אַף אייַנקויפן די געהעריקע אינסטרומענטן און מעדיקאַמענטן. געקומען קיין כאַבאַראָווסק, האָט ער גענומען זייַנע פּעקלעך און איז אַוועק צום פּריטשאַל אַפן אַמור. דאָ האָט זיך פּונקט געגרייט צו דער ערשטער נאַוויגאַציע דער פּראַכט־פּאַסאַזשירישער דאַמפּער „איליטש", און מיטן ערשטן רעיס איז דער יונגער כירורג אָנגעקומען קיין מיכײַלאָ־סעמיאָנאָווסק, אַראָפּגעשטיגן און זיך דערקליבן צו דעם אָרט פון זייַן נייַער אַרבעט — אין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק.

— טיכאָנקע, — דערמאָנט זיך דאָקטער ברודני, — האָט נאָך דעמאָלט קיין אייגענעם שפּיטאָל ניט געהאַט. יעקאַטערינאָ־ניקאָלסקער שפּיטאָל איז אין גאַנצן קאַנט געווען דער סאַמע אייַנגעאָרדנטער. נאָך אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט האָט מען אַפּגיך אויסגעבויט אַ באַראַק פאַר קראַנקע אַף פּעסט — ס'האָט דעמאָלט אַקוראַט אויסגעבראָכן די שרעקלעכע מאַגייפע — און אַוועקגעשטעלט אַ דרייַ צענדליק בעטלעך. זינט אָט דער „שפּיטאָל" האָט עקזיסטירט, האָט ער נאָך, ביז מייַן אָנקומען, קיין עמעסן דאָקטער ניט געזען. דער מעדפּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַ סאַניטאַרקע, וועלכע האָט אויסגעפילט די פליכטן פון אַ דאָקטער...

האַקלאַל, ער האָט קוידעמקאָל געמאַכט אַ שטיקל רעמאָנט אינעם באַראַק, געבראַכט אין אָרדענונג די צימערן, צונויפגעקלאַפּט עטלעכע עטאַזשערקעס פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך צו פירן, צעלייגט די אינסטרומענטן — און שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געמאַכט די ערשטע אָפּעראַציע. פון דעמאָלט אָן איז אַוועק אַ גאַנג.

איך בעט אים, ער זאָל דערציילן, וויאַזוי ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן אַ כינעזיש מיידעלע נאָך קימאַט אין סאַמע אָנהייב פון זייַן אַרבעט אין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק.

— איך שטיי, הייסט עס, באַ אַ לאַנגן טיש, אַף וועלכן עס ליגט מייַנער אַ כוילע, און אָפּעריר אים. ליזע, די כירורג־שוועסטער, שטייט

לעבן מיר. זי ווייסט שוין גוט, וואָס מע דאַרף דערלאַנגען און אין וועלכער אָרדענונג. און אויך ווייסט זי, אַז נאָך אָט דער אָפּעראַציע וועלן מיר דאַרפן זיך זעצן אין וועגעלע און ארויספאָרן אין ראיאָן, איבער פאַרשיידענע דערפער, פון איין גרענעץ־זאַסטאַווע ביז א צווייטער. פּלוצעם דערהער איך: „לעאָניד מאַרקאָוויטש, אײַך רופט ארויס דער קאָמענדאַנט פון די גרענעצלער". ענטפער איך, אַז ווען איך וועל פאַרטיק ווערן מיט אַלע מײַנע כאַלאָים, א מענטשן אַכצן, ניט ווייניקער, וועל איך קומען צום קאָמענדאַנט. זאָגט מען מיר: „ניין, דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן דרינגענד, ניט אָפּלייגנדיק אף קיין מינוט, זיך יאַווען צו אים". ווייל איך שוין אָנהייבן זיך צו בייזערן — ביסט טאַקע א קאָמענדאַנט, אָבער בלויז איבער דער זאַסטאַווע. מיט מיר קאָן קאָמאַנדעווען נאָר דער ראַיאָנישער געזונט־אָפּטייל, אי דאָס, ווען איך שטיי ניט באַם כוילעס בעט. כאַזערט מען איבער דאָס דריטע מאָל: „לעאָניד מאַרקאָוויטש, מע האָט געבעטן אײַך איבערגעבן, אַז קיין שום טערוצים קאָנען דאָ ניט זײַן — איר מוזט זיך יאַווען באַלד, טייקעף אומיאַדי!".

און פּאַסירט האָט אָט וואָס.

באַם כינעזישן נאַיאָן — דעם מער פון דער שטאָט פּויואַן, וועלכע געפינט זיך אפן קעגנייבערדיקן ברעג פונעם אמור, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן א נײַניאָריק טעכטערל. די אָרטיקע דאָקטוירים האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען און אַלע רעפּועס, קעדיי אויסהיילן דאָס קינד. ס'האָט ניט געהאָלפן — דאָס מיידעלע האָט שוין קוים געעטעמט. האָט נאַיאַן באַשלאָסן בעטן, ס'זאָל קומען א דאָקטער פון דער סאָוועטישער זײַט. די כינעזישע גרענעץ־וואַך האָט זיך צונויפגערעדט וועגן דעם מיט דער סאָוועטישער קאָמענדאַטור.

געווען איז עס אין דעקאַבער. א פראָסט, א וויוגע. אונדזערע גרענעצלער האָבן באַגלייט ברודנין צום סאַמע ברעג פון דער כינעזישער זײַט, און דאָרט האָבן אים שוין איבערגענומען די כינעזער. מע האָט אים געבראַכט אין א גרויסער פאַנזע, ווו עס איז געלעגן און געפיבערט פון היץ דאָס מיידעלע. באַם בעט זײַנען געשטאַנען אָן אָנדערהאַלבן צענדליק מענטשן און אַלע האָבן געשוויגן. בלויז איינער האָט געקענט רוסיש — האָט ער דערציילט, וואָס עס איז געשען מיטן קינד. באַטראַכט דאָס מיידעלע, רופט זיך ברודני אָן:

— מע דאַרף מאַכן א דרינגענדע אָפּעראַציע. פירט טייקעף אריבער דאָס מיידעלע צו אונדז אין שפּיטאָל.

ס'איז געוואָרן א גערודער — עפּעס טײַנען צווישן זיך די כינעזער, וועלכע נעמען אָן דעם פאָרשלאָג פונעם סאָוועטישן דאָקטער. מע האָט אײַנגעשפּאַנט א שליטן, אײַנגעוויקלט דאָס קינד אין וואַרעמע פעלצן, און נאָך אָט דעם שליטן פאָרט נאָך איין שליטן, און נאָך אים — נאָך עטלעכע. מע ברענגט דאָס קינד אין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסקער שפּיטאָל.

און אָט ליגט עס שוין אפן אָפּעראַציע־טיש, די אינסטרומענטן זײַנען גרייט. ס'איז נאַכט, אָבער דער צימער איז פול מיט מענטשן. אַכוץ דעם דאָקטער, דער כירורגישער שוועסטער און דעם קראַנקן קינד, געפינען זיך דאָ דער שעף פון דער זאַסטאַווע מיט נאָך א פּאָר גרענעצלער און אויך דעם קינדס פּאָטער, דער נאָיאַן, עטלעכע קרויווים און דער איבערזעצער.

...ווען די אָפּעראַציע איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט, האָט מען שוין געזען: דאָס קינד הייבט אָן עטעמען לײַכטער, די געפאַר איז פאַרבײַ!..

איך קוק אף לעאָניד מאַרקאָוויטשן, בייס ער דערציילט די אויסטערלישע געשיכטע. ס'איז מאַמעש צו זען, ווי עס הייבן זיך אָן אויסגלײַכן די קנייטשן אף זײַן פּאָנעם:

— נו, געוויינלעך, דער כינעזער האָט גאָרניט געוווסט, וויאַזוי מיך אָפּדאַנקען — פאָרגעלייגט מאַטאָנעס, גאָלד, אַלדאָס גוטס... איך אָבער האָב אים געזאָגט, אַז א סאָוועטישער דאָקטער נעמט ניט פאַר זײַן ארבעט קיין געצאָלטס בא פּריוואַטע מענטשן — אים צאָלט די מעלוכע...

באָריס טענצער, וועלכער זיצט דערנעבן, שמייכלט אונטער. אים, טענצערן, זײַנען באַוווסט צענדליקער געשיכטעס, וועלכע האָבן געטראָפן מיטן דאָקטער ברודני, און וואָס, אויב זיך גוט אײַנטראַכטן אין זיי, זײַנען זיי ניט ווייניקער טשיקאַווע, איידער די מײַסע מיטן כינעזישן מיידעלע.

זײַן דער איינציקער דאָקטער־כירורג אף א שעטעך פון הונדערטער קילאָמעטער איז ניט פון די לײַכטע זאַכן. דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז ארום און ארום איז טײַגע, און קיין וועגן זײַנען ניטאָ, און עס זײַנען צעגאָסן פּילצאָליקע טײַכן און אָזערעס...

ס'איז געווען דעם 2־טן סענטיאַבער פונעם זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר. נאָך שטאַרקע רעגנס האָבן זיך אומעטום צעגאָסן די טײַכן, באַזונדערס דער בידזשאַן מיט זײַנע בײַטײַכלעך. און פּונקט אין יענע טעג דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק מיט איינער א געווינערן, וועלכע געפינט זיך אין בידזשאַן און איז מעוברעס מיט א טויט קינד. צוויי דאָקטוירים האָבן זיך אַהין שוין דערקליבן פון לענינסק אף א שיפל, נאָר זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעפן זיי זיך מיט אַזא פאַל. באָריס טענצער, וועלכער האָט געארבעט אין וווענצעלעוואָ, קלינגט ברודנין: „לעאָניד מאַרקאָוויטש, פאָרט ארויס — די האָפענונג איז בלויז אף אײַך!".

לעאָניד מאַרקאָוויטש שטרענגט אָן דעם מויעך, ער זאָל, כאָלילע, גאָרנישט ניט דורכלאָזן:

— דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע איז שוין געווען אינפאָרמירט, — דערמאָנט ער זיך. — מאַכט ער צו מיר: „נא דיר מײַן „גאַזיק", מע דאַרף

פרווון... אויב ניט, וועסטו זיך אומקערן". דער שאָפער האָט א קוק געטאָן אף אונדז ביידן, ווי אף מעשוגאָים: „מע דארף פרווון? און וועגן דעם „שיידים־בריקל" האָט איר פארגעסן?". ניט דער שעף פונעם פאָליט־אָפּטייל, ניט איך האָבן, געוויינלעך, ניט פארגעסן וועגן אָט דעם בריקל אפן צוועלפטן קילאָמעטער, נאָר קיין אנדערע וועגן האָט מען פאר אונדז ניט צוגעגרייט... האקלאל, דאָס „שיידים־בריקל" זייַנען מיר טאקע דורכגעשפרונגען, אָבער מיט א צוויי צענדליק קילאָמעטער ווייַטער האָבן מיר געמוזט זיך אָפּשטעלן — א גאנצער יאם האָט זיך צעגאָסן ארום. לאָז איך אָפּ דעם שאָפער, נעם אראָפּ די אינסטרומענטן, טו אויס די שטיוול, פארקאטשע די הויזן — און לאָז זיך גיין.

— איך ווייס, אז ערגעץ דארף דאָ זייַן א פאראָם, מיט וועלכן מע קאָן זיך איבערשיפן קיין ווענצעלעוואָ, זוך איך מיט די אויגן — קיין זייכער ניטאָ פונעם פאראָם. פלוצעם שטויס איך זיך אָן אין א שיפל, וואָס איז אף האלב אייַנגעגראָבן אין זאמד, א צווייטע האלב אין וואסער. אליין זיך ספראווען מיטן שיפל וועל איך ניט קאָנען — הייב איך אָן רופן די מענטשן, נאָר קיינער הערט מיך ניט — ניט אָט דאָ אפן ברעג, ניט אפן קעגנייבערדיקן. איך ברעך אויס א פלאָקן, מאך זיך א מין הייב־מאשין, פרווו זי אויס — דאָס שיפל האָט זיך א ריר געטאָן עפשער אף א סאנטימעטער, ניט מער. בין איך אָבער א ייִד אן אקשן און כאזער איבער נאָכאמאָל.

— וויפל מאָל האָב איך אזוי גערוקט מייַן הייב־מאשין מיטן שיפל — געדענק איך ניט, אָבער כ'האָב עס אין וואסער טאקע ארייַנגעשטויסן. א כאפּ געטאָן די אינסטרומענטן און איך שווים קיין ווענצעלעוואָ. קוים זיך דערקליבן אהין! בא טענצערן אין שפּיטאָל קלאָר איך אויס די לאגע. איך הער אים אף איין פוס — און גלייַך צום שעף פון דער זאסטאווע: „גיב פערד!" ער ענטפערט: „ווו זאָל איך דיר נעמען פערד, אז אלע זייַנען אוועק אין נאריאד, די איבעריקע פאשען זיך". בין איך ניט פויל, כאפּ פון דער פאשע א פאָר פערד. קיין זאָטלען זייַנען ניטאָ — איז מיילע, אז מע דארף, קאָן מען פאָרן אָן א זאָטל. ערגער איז, וואָס עס באפאלן מיך גאנצע כמארעס מיט קאָמארן. פאר מיר איז דאָס שוין קיין נאָווינע ניט, אָבער דאָס מאָל ווייַזט זיך מיר אויס, אז קאָמארן זייַנען אינדערלופטן מער, איידער לופט גופע. איך וויקל זיך ארום דעם קאָפּ און דעם האלדז מיט מארליע.

— אָפּגעפאָרן אזוי א פיר־פינף קילאָמעטער (א צעגאָסענער יאם, און אכוץ וואסער זעט מען גאָרניט...), קום איך, ענדלעך, צו א סאָיע־פלאנטאציע. און דאָ האָט מען שוין מיך באגעגנט. אין דער שטוב, ווו עס ליגט די געווינערן, טרעף איך די צוויי דאָקטוירים, וואָס זיצן לעבן דער קראנקער פרוי. איך נעם גרייטן די אינסטרומענטן, און אליין בין איך נאס, קויטיק, צעביסן פון די קאָמארן. מע טאָר אָבער ניט פארלירן קיין איין מינוט — די פרוי פיבערט, און דאָס טויטע קינד ליגט אין איר גוף שוין באלד צוויי מעסלעס. נאָך א ביסל זיך פארזאמען — און זי וועט אומקומען. קאָלזמאן די אינסטרומענטן גרייטן זיך, ווער איך אנשלאָפן, אָבער עפּעס א שטארקע קראפט וועקט מיך אוף — איך וויש זיך אָפּ מיט א פייַכטן האנטעך און טרעט צו צו דער אָפּעראציע. ווען די קראנקע קומט צו־זיך, עפנט די אויגן, טוט א שמייכל אלס ענטפער אף מייַן וויץ, בין איך שוין דער גליקלעכסטער מענטש אף דער וועלט, איך דארף גאָרניט, סייַדן א פאָר שאָ זיך אָפּרוען, ווייַל דאָרט, אין מייַן שפּיטאָל, ווארטן שוין אף מיר מענטשן.

— אזייגער עלף אינדערפרי זעץ איך זיך אפן פערד (איצטער האָט מען שוין מיך באזאָרגט מיט א זאָטל) — און ווידער אין וועג. ווען איך קער זיך אום אין שפּיטאָל, דערוויס איך זיך, אז טענצער האָט געגעבן א טעלעגראמע בליוכערן, דעם קאָמאנדארם פונעם ווייַטמיזרעכדיקן מיליטער־קרייַז, און נאָך מיר איז ארויסגעשיקט געוואָרן אן אעראָפּלאן. אָבער איך בין שוין דעמלט געווען אין וועג, אף קיין שום אעראָפּלאנען ניט געווארט — צו אזא וווילטיק בין איך ניט געווען צוגעוווינט...

עפּיזאָדן, עפּיזאָדן, עפּיזאָדן... פאר העכער א האלבן יאָרהונדערט, אין מעשעך פון וועלכן ברודני ארבעט אין דער מעדיצין, ביפראט נאָך אין אזא ווייַטן און פארוואָרפענעם העק, וואָס עס האָט מיט זיך אינעם ערשטן יאָרצענדליק פארגעשטעלט ביראָבידזשאן, זייַנען אין זייַן לעבן געווען גענוג אזעלכע פאסירונגען, וועלכע וואָלטן געקלעקט פאר א גאנצן צענדליק דאָקטוירים ערגעץ אין א פונלאנג באוווינט אָרט.

כאַים גורעוויטש

צוגאַסט אין זשיטאָמיר

אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן האָב איך געלעבט אין זשיטאָמיר. אַהין איז געקומען צוגאַסט מײַן מאמע, פּלוצעם קראַנק געוואָרן און נאָך אַ ניט געלונגענער אָפּעראַציע געשטאָרבן. אינגיכן נאָך אָט דעם טראַגישן צופאַל בין איך פון דאָרט אוועקגעפאָרן, און אַזוי האָט שוין פּאַסירט, אַז אַף קיִיווער־אָוועס בין איך געווען גאָר ניט לאַנג צוריק.

זשיטאָמיר האָט זיך פאַר דער צײַט אַזוי געענדערט און פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַז די אָרטיקע כאַכמאַטשעס רופן אים איצט אָן ניט אַנדערש ווי „מאָסקווע אַף דעם טעטערעוו“. עמעס, צו מאָסקווע כאַפּט נאָך דערוויַיל גאַנץ ווייַטלעך, אָבער אַז דער אימפּעט, די אינטענסיווע באַוועגונג פונעם טראַנספּאָרט איז שוין דאָרט, ווי אין אַ גרויסער שטאָט — דאָס איז זיכער אַזוי. און אויב דיר ווערט זיך, ווי אַ פאַרכאָלעמטן מאַלעך, אײַנמיטנדערינען פאַרגלוסטן ציילן די וואָראָנעס אַף די פּרעכטיקע קאַשטאַנען, ווערסטו זיך מאָמענטאַל פּאַקן אונטער די שווערע רעדער פון אַן אווטאָ.

כוץ דעם, טאָר מען דאָך בעשום־אויפן ניט פאַרגעסן, אַז אין דער קאָסמישער ערע איז „מאָסקווע אַף דעם טעטערעוו“ ניט די פינפטע ראָד אין וואָגן, נאָר טאַקע אַ גאַנצער באַליכעס: דאָרט איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אין דער יוגנט אַליין דער אַקאַדעמיקער קאָראַליאָוו!

קורץ, דער הײַנטצײַטיקער זשיטאָמיר האָט קאָשער פאַרדינט, מע זאָל וועגן אים שרײַבן, און אַפילע מע זאָל זינגען לידער וועגן אים.

בא מיר אָבער איז געווען גאָר אַן אַנדער ציל. דערצו איז די אורלויב־צײַט זייער באַשרענקט, און דעריבער בין איך גלײַך פונעם וואָקזאַל אוועקגעפאָרן אַפן בעסוילעם.

ווי נאָר כ׳האָב פאַרמאַכט הינטער זיך די פירטקע, איז ווי אַ גוטער גנאָם, פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן אַ קליינינק זשוואַוו יִדל, אָנגעטאָן אין אַזאַ אויסטערלישן אָנצוג, אַז זײַן יעדער בעגעד וואָלט זיך קאָטירט ווי אַן אוניקאַלער רעקוויזיט פאַרן ייִדישן טעאַטער. ער האָט ווי אַ מיליטערמאַן צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום דאַשעק און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— איך בין דאָ הײַנט דער דעזשורנע, בין איך...

— זייער פײַן. און איך בין געקומען פון נאָוואָסיבירסק, דאָ רוט מײַן מאמע...

— איז לאָמיר גיין זוכן אײַער מאמען, לאָמיר...

צום באַדויערן, האָט זיך פאַר דער צײַט פאַנאַנדערגעוואַקסן ניט נאָר די שטאָט, נאָר אויך דער בעסוילעם, און דער דעזשורנע האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרגעלייגט:

— איז לאָמיר גיין נאָך אַן אייצע צום סטאַרשוי, לאָמיר...

דער סטאַרשוי, אַ הויכער, קרעפּטיקער ייִד, איז געזעסן אונטער אַ געדיכט־צעצווײַגטן בוים, אין אַן אַלטמאָדישן פּאָטעל, לעם אַ הויכן טישל, אַף וועלכן עס זײַנען געלעגן סידורים, לוכעס און נאָך אַזעלכע אַטריבוטן. מײַן באַגלייטער האָט אויסגעשאָסן:

— זיי זוכן די מאמע, זוכן זיי...

ענטפערנדיק, קלוימערשט, דעם דעזשורנעם, מאַכט דער סטאַרשוי אַ גרויסאַרטיקן רעווערענס אין מײַן זײַט:

— מע דאַרף קוידעמקאָל קויפן אַ לאָשנקוידעשדיקן טשיסלעניק, דערנאָכדעם וועלן מיר זיך יאַקאָס מעיאַשעוו זײַן...

ענטפער איך אים:



— א גרויסן דאנק אײַך. אָבער איך האָב זיך שוין באַזאָרגט אין דער היים מיט א קאלענדאר פונעם זשור־נאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

טוט ער זיך ווידער א קער צו יויעלקען:

— מע זעט גלײַך, אז דאָס איז א ליטוואַק. איך זאָג אים, אז דאָ דארף מען קויפן א לאָשנקוידעשדיקן „טשיסלעניק“, דערציילט ער מיר, וואָס ער האָט בא זיך אין דער היים. אין דער היים האָב איך א פלוינעס־טע און, א דאנק דעם אייבערשטן, א גאנץ האבאריטנע.

יויעלקע האָט צוערשט א קוק געטאָן אף מיר פון אונטער זײַן דאשעק, דערנאָך אזוי מײַסטערהאפט א כיכיקע געטאָן, אז איך האָב געמוזט קאפיטולירן.

— אָט איצט איז שוין אן אנדער כופּע, — איז געוואָרן פריילעך דער סטארשוי. גייט, זײַט מויכל, ארײַן צו מיישקע פעלדמאנען, וועט ער אײַך אָנווײַזן ווו און וויאזוי צו געפי־נען דאָס, וואָס איר זוכט...

ווײַזט זיך ארויס, אז סײַ דער דעזשורנע און סײַ דער סטארשוי ארבעטן דאָ אף גע־זעלשאפטלעכע יעסוידעס. ביכלאל אָבער באדינט דער בעסוילעם א ספּעציעלע קאָנטאָר מיט א געהעריקן שטאט, וועלכער פּילט אויס זײַן פליכט, ווי בא יידן זאָגט מען, מיט לײַב און לעבן. ניט אומזיסט איז דער סאניטארער צושטאנד און די אָרדענונג דאָ אָן א גוזמע א מוסטערהאפטע.

די הויפט־זעלטנהײַט אפן זשיטאָמירער בעסוילעם זײַנען די אומפארגעסלעכע אופשריפטן אף די מאציייוועס. יעדער בוכשטאב איז דאָ אזא צאפלדיק־פרישער, אז עס דאכט זיך: אָט־אָט וועט ער טאָן א שפרונג, ווי א זילבערן פישעלע. פון די אָנגעצייכנטע און אויסגעקריצטע אויסיעס איז אפילע ליכטיק, ווײַל דער בליאסק איז אזא, ווי זיי וואָלטן זײַן ארומגעפירט ניט מיט פארב, נאָר מיט ווײַסן פאָספאָר. אָט אזעלכע שעדעווורען גייען עס ארויס פון אונטער פעלדמאנס גילדענע הענט!

ווען מיר זײַנען ארײַנגעקומען אין פאווילאָן, איז מאָיסיי דאווידאָוויטש געווען אזוי פאר־טאָן, אז ער האָט ניט געהערט ווי מיר האָבן געעפנט די טיר. מײַן באגלייטער האָט ארויס־געלאָזט א קלאנג, גאָר פונקט ווי טארזאן אין דער דזשונגל, און, ניט איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, ראפּאָרטירט, פונוואנען און צוליב וואָס איך בין געקומען. דאן האָט פעלדמאן זיך מיט אונדז הארציק באגריסט און געבעטן צוווארטן א ווײַלע. ער האָט א שוואונק געטאָן דאָס פענדזל פריער אין איין גלאָז, דערנאָך אין א צווייטער און אָט אזוי איך א גאנצער באטארייע גלעזער, וועלכע זײַנען געשטאנען אין ראנזשיר, און ערשט דעמלט, ווען ער האָט זיך אי־בערצײַגט פולקאָם, אז דאָס פענדזל איז ריין, האָט ער זיך אָפּגערוקט פונעם טיש און א פרעג געטאָן בא מיר:

— זײַט זיך מאטריעד, וויאזוי האָט מען גערופן אײַער מאמען?

— פרומע גורעוויטש, פרומע...

ער האָט א קנײַטש געטאָן דעם ברייטן שטערן, צוגעזשמורעט די אויגן און מאָמענטאל אויסגעשריגן:

— ווארט נאָר, ווארט. דאָס איז ניט יענע גורעוויטש, וועלכע איז געקומען אהער פון בעלאָרוסיע צו דעם זון אף א כאסענע?

— יאָ, דאָס איז זי אף מײַן כאסענע דעמלט געקומען.

— נו מיר איז שוין אלץ קלאָר. איר וועט גיין איבער דער צענטראלער אלייע ביז דער צווייטער ראזווילקע. דאָרט וועט איר פארקערעווען אף לינקס און גיין ביז יענעם אָרט, ווו עס ליגט א גרויסער שטיין. פון אָט דעם שטיין צום פלויט פירט א גלײַך שטעגעלע. און אויב איר וועט אין ערגעץ ניט אָפּקערן, וועט איר, ניט דערגייענדיק צום פלויט א טריט פיר־פינף, זיך אָנשטויסן אקוראט אף אײַער מאמען. און טאָמער איז נאָך דאָס ווייניק, וועל איך אלס צוגאָב אָנווארפן פאר אײַך א סכעמע.

בעשאַס ער האָט געעפֿנט דאָס טישקעסטל און אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר האָב איך אין שופֿלאָדל באַמערקט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, און פּונקט יענעם נומער, אין וועלכן עס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט מײַנע לידער. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַ באַרים געטאָן:

— דאָ זײַנען פֿאַראַן אויך מײַנע לידער...

— גאָר אַזוי, דאָס איז שוין טשיקאַווע. געווײַנלעך לייען איך דעם זשורנאַל, אָנהייבנדיק פֿונעם אַלעף און פֿאַמעלעכקע דערגייענדיק ביזן טאָף. דאָס מאָל וועט אָבער אויסקומען צעשטערן דעם סיידער און אָנהייבן פֿון אײַער פּאָעזיע. איך וועל לייענען, ווען עס וועט זײַן דער איבערײַס אויף וואַרמעס, און אויב איר ווילט, וועל איך דערנאָך אַרויסזאָגן מײַן מיינונג...

אַ שטילע טויב מיט אַ צאַרט האַרץ און מיט אַ ליכטיקער נעשאָמע איז געווען מײַן מאַמע, אַ טאָכטער פֿון אַ פּאַטאָמסטוועגע סטאַראָבינער באַלעגאָלע. אין שטעטל פֿלעגט מען זי טאַקע רופֿן די שטילע פֿרומע. כאָטש פֿון היטלערס הענט האָט זי זיך אַרויסגעריסן, נאָר אויף איר דאָליע זײַנען אויסגעפֿאַלן ניט ווייניק צאָרעס: די בעסטע יונגע יאָרן אירע זײַנען דורכגעגאַן אין דער פֿינצטערער צאַרישער צײַט. אין בירגערקריג, ווען אין ווײַסרוסלאַנד האָבן געבושעוועט די ווײַספּאָליאַקן און באַלאַכאָוויטשעס באַנדעס, האָט זי זיך מיט אונדז אויסגעבאַהאַלטן אין די שײַערס בײַ שכיינים־פּאָלישוקעס. פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט זיך ניט אומגעקערט איר ליבלינג — מײַן עלטערער ברודער רעפֿאָעל... אָבער וואָס עס זאָל ניט טרעפֿן, פֿלעגט זי אַלץ איבערטראָגן שטילערהייט. שטענדיק האָט זי אונדז געטרייסט: „ערגערט זיך ניט, מײַנע טײַערינקע. עס וועט אַלצדינג זײַן קעשורע“. זי פֿלעגט אַפֿילע ניט וויינען, נאָר פּאָשעט נאָך יעדן אומגליק ווערן גראָווער און קלענער.

הײַנט וויפֿל אַגמעסנפֿעש האָבן מיר איר פֿאַרשאַפֿן! אַפֿילע שוין אין די בעסטע יאָרן, ווען מיר זײַנען, נאָך גאָר יונגע, זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלויגן פֿון די ענגע שטעטלדיקע נעסטן איבער די אומענדלעכע ראַכוועסן פֿונעם ליבן היימלאַנד, ווען אומעטום האָבן אונדז גערופֿן און גערייצט די גרינע סעמאַפֿאָרן, ווען אויף אַלצדינג האָט בײַ אונדז געקלעקט צײַט, נאָר קעדיי אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער דער מאַמען, דערקוויקן איר אומרויִק האַרץ, זײַנען מיר שטענדיק געווען פֿאַרנומען, טאָמיד פֿלעגן מיר אָפּלייגן אויף מאָרגן...

עמעס, אויב נאָר מיט לידער קאָן מען כאָטש אַ ביסל אויסקויפֿן די שולד, האָב איך אין די ווײַטע יונגע יאָרן זיי געווידמעט דער מאַמען. ביז איצט פֿרייט מיך, וואָס מײַן ערשטע פּובליקירטע ליד איז אויך געווען וועגן איר. אָט זײַנען יענע זעכצן שורעס:

שפּעט באַנאַכט

שפּעט באַנאַכט, כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר,
דער זייגער האָט געציילט די שאָ די פֿערטע.
עס האָט די מאַמע שטיל געעפֿנט מיר
און נאָך באַם שוועל אַ פֿרעג געטאָן: וואָס הערט זיך?
וואָס ענטפֿערן אין שאָ אין שפּעטער?
וואָס זאָגן, ווייס איך ניט אַליין,
אַז עס האָפֿן אויף מיר עלטערע פּאָעטן?
אַז ס׳וועט מײַן שטרעבונג ניט פֿאַרלאָרן גיין?
און אָפֿן האַרצן ווערט אַזוי פֿאַרדראָסיק.
ווער ווייסט, וואָס ס׳הייסט אַ מאַמעס וואָרט אין נאַכט.
מאַמע, כ׳האָב דיר נײַנקע קאַלאָשן
און וואַליקעס אַ פּאָר פֿון שטאָט געבראַכט...
די מאַמע שווײַגט, כ׳באַהאַלט פֿון איר די בליקן,
איר שאָטן ציטעריק דרייט אויף דער וואַנט זיך אום,
די מאַמע שווײַגט. זי ווייסט, אַז ניט דעם איקער
האָט איר געזאָגט דער טרוימענדיקער זון.

קאָנטיק, זייער לאַנג בין איך געזעסן לעבן דער מאַמען, ווײַל די ווײַס־שנייִקע פֿלאַטערלעך אינדערלופֿטן, די אָרטיקע אַבאָריגענען זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן ראָזעווע — מיט אָט דער צאַרטער פֿאַרב איז רײַך דער זון־פֿאַרגאַנג. ס׳האָט זיך געפֿילט, אַז אָט־אָט וועט דער סאָף־זומערדיקער טאָג זיך אויסלעשן. איך האָב נאָך געהאַט צו דערלייזן אייניקע איניאָנים,

און ווי ס'איז ניט געווען שווער צעשיידן זיך מיט אָט דעם אָרט, האָב איך זיך געמוזט אופ־הייבן און גיין. איך בין ארײַן צו פעלדמאנען, באדאנקט אים, אויסגעהערט זײַן רעצענזיע:

— איך האָב איבערגעלייענט אײַערע לידער, איז וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ערשטנס, וואָס נאָר איר זעט, וועגן דעריק שרײַבט איר, נאָר דאָס איז נאָך א האלבע צאָרע. אָט שרײַבט איר, צום בײַשפיל, אז איר פילט זיך בעסער אין א וואגאָן אידער אין א סאמאָליאָט. פאר אזא מין ליד וועט אײַך דער אעראָפלאָט פארן קעפעלע ניט א גלעט טאָן. איר רײַסט דאָך אונטער בא אים דעם פלאן, אָבער דאָס איז נאָך אויך ניט אלץ.

ער כאפט דעם זשורנאל, טוט אים ענערגיש א מיש און שטרײַכט אונטער מיטן נאָגל פונעם גראָבן פינגער:

אין געדיכטער נעץ פון הויכוואָלטאָווע דראָטן
א פלעדערמויז אן איינזאמע זשאָנגלירט...

— הער נאָר, א נײַס! א פלעדערמויז זשאָנגלירט!

מאָיסיי דאווידאָוויטש לייגט אוועק אין טישקעסטל דעם זשורנאל און דערלאנגט פון דאָרט א העפטל:

— טאָמער מיינט איר, אז איך שרײַב ניט קיין פּאָעזיע, האָט איר א גרויסן טאָעס. איך שרײַב אויך, און דאפקע קינדער־לידער. אָט הערט:

א זעג

איינס־צוויי, איינס־צוויי,
גייט די זעג אהין, אהער...

— אָט דאָס, — קאָמענטירט ער, — זײַנען קלאָרע דיבורים. מע קאָן עס אפילע באווײַזן אף דער פראקטיק...

ער נעמט מיך אָן פארביידע הענט, מיר שטייען אינמיטן דער מאסטערסקאיע און זעגן די לופט. איך באפרײַ אף דעם סאמע דעליקאטן אויפן פריִער אין האנט, דערנאָך די צווייטע און זאָג:

— אף קינדער־לידער איז דער נאָכפרעג שטענדיק גרויס, מע כאפט זיי, ווי צוקערלעך. שיקט אײַער העפטל אוועק אין „סאָוועטיש היימלאנד“, דאָרט זײַנען פאראן גוטע מע־ווינים. און אײַך — נאָכאמאָל א גרויסן דאנק. איך אײַל אף דער אווטאָבוסנער סטאנציע, כ'וויל אינאָוונט אוועקפאָרן קיין ווײַסרוסלאנד.

מאכט ער:

— נייק, טײַערער כאווערל, מיט א דנק וועט איר ניט אָפּקומען. אָט האָב איך אָנגע־שריבן עטלעכע ווערטער, איז זײַט אזוי גוט און גיט עס איבער מײַן זון מארקן.

— ווו לעבט אײַער זון?

— ניט ווײַט פון אײַך, טאקע אין נאָוואָסיבירסק, אין אקאדעמישן שטעטל, ער איז א מאטעמאטיקער, האָט שוין אייגענע ארבעטן...

עס ווערט מירווארעם און גוט. מיט אלע פיבערן פון דער נעשאָמע דערפיל איך, וואָס פאר א גרויסער אויצער ס'איז פעלדמאנס זון. אין אקאדעמישן שטעטל קלײַבט מען אָפּ די סאמע עכטע, טאלאנטפולע יוגנט, צווישן וועלכער עס האָט זיך שוין, קאָן זײַן, פארטראכט וועגן דער סטרוקטור פונעם וועלט־רוים א קומענדיקער איינשטיין. דאָרט ווערט געבוירן דער מאָרגנדיקער טאָג פון אונדזער וויסנשאפט.

פון זשיטאָמיר בין איך אוועקגעפאָרן קיין ווײַסרוסלאנד, פון דאָרטן קיין לענינגראד, דערנאָך קיין מאָסקווע. געקומען פון דער לאנגער יאזדע אהיים, בין איך עטלעכע טעג געווען ניט געזונט, און ווי נאָר כ'האָב זיך געשטעלט אף די פיס, בין איך טייקעף אוועק אין אקא־דעם־שטעטל, אין דער אספיראנטור פונעם נאָוואָסיבירסקער מעלוכישן אוניווערסיטעט. אף מײַן פראגע, צי איך קאָן זיך זען מיט מארק פעלדמאנען, ענטפערט מען מיר:

— ער האָט שוין פארענדיקט די אספיראנטור, און פונקט מיט א וואָך צוריק איז ער אוועקגעפלויגן אף ארבעט קיין קראסנאָיארסק.

דעם בריוו פונעם טאטן האָב איך מארקן איבערגעשיקט מיט דער פּאָטשט, און אליין טראכט איך זיך: ווי שיין עס איז אונדזער צײַט, מאמעש א מעכײַע!

✧ ✧ ✧

בוזי מילער

הייליק איז דער צאַרטער כיין

איך ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט פון אונדזער היימלאַנד איז פּאָפּולער אזא פאָרם פון אָפּרו, ווי צווייוואָכעדיקע רײַזעס אף קאָמפּאָרטאבעלע טוריסטישע שיפן איבערן אמור.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס טראָגט אײַך דער מעכטיקער טײַך צווישן זײַנע מאַלערישע ברעגן.

איר שטעלט זיך אָפּ אינעם גרויסן דאָרף באָגאָראָדסקאָיע — דעם צענטער פונעם אולטשער ראַיאָן, אין דעם דאָרף טראָיִצקאָיע — דעם צענטער פונעם נאנאיער ראַיאָן. די שיף לאָזט אראָפּ איר אנקער בא דער לעגענדארער יוגנט־שטאָט קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור און בא איר יִינגערן באגלייטער אמורסק.

איך האָב אויך געהאַט דעם פארגעניגן אינעם הארבסטיקן כוידעש סענ־טיאבער דורכצומאכן אזא רײַזע איבערן אמור. זאָגן, אז איך האָב אָנגעשריבן א ציקל לידער וועגן אָט דער נעסיִע, וועט זײַן ניט אינגאנצן ריכטיק. ווי פון זיך אַליין האָבן זיי זיך אָנגעשריבן אָט די לידער. זיי האָבן ניט געקאָנט ניט אָנגעשריבן ווערן אפן שויס פון דער פראכטפולער ווײַטמיזרעכדיקער נאטור, וועלכע ווערט מיט אזא דערפאָלג איבערגעשטאַלטיקט מיצאד די סאָ־וועטישע מענטשן.

דער אווטאָר

אין מי איז נאָך א טאָג פארגאנגען

באם האָריזאָנט די סאָפּקעס קניִען,
ווי קעמלען ריזיקע און מידע.
מע האָט פארן טאָג זיך אָנגעשריִען,
און איצטער רוט מען שטיל, צופרידן.

אין מי איז נאָך איין טאָג פארגאנגען,
אין מי ניט לײַכטער און געטרײַער.
די פישער האָבן ניט געפאנגען,
און פלינקע שיפלעך, גאנצע סטײַעס,

אהין־אהער האָבן געשניטן
די כוואַליעס פונעם טײַך, ווי שיידים.

די נאכט האָט שוין דעם טאָג פארביטן,
נאָר ביידע ווילן זיך ניט שיידן.

שוין דריבנער, זעלטענער עס ווערן
די פײַערלעך דאָרט אין דער ווײַטן.
מאָטאָרן קוים זיך לאָזן הערן,
ס'פארגייט דאָס רוישן דאָס פארשײַטע.

אין דעמער גרויען אײַנגעהילטע,
זיך שלעפעריק די כוואַליעס סוידען.
אף שטרעקעס טונקלע, אײַנגעשטילטע,
קוים־קוים זיך בלויע שאָטנס הוידען...

קאַמסאַמאַלסק

אפן ברעג פונעם אמור שטייט א ריזיקער אָנדענק־שטיין מיט אן אויסגעקריצטן אופשריפט: „אָף אָט דעם אָרט האָבן דעם 10 מיי 1932 זיך ארויסגעזעצט די ערשטע קאָמיוגיסטן — די בויער פון דער שטאָט קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור".

איך בין געשטאַנען בא דעם שטיין
אָף דעם אמורער ברעג דעם הויכן.
ס'איז איבער אים דער הימל ריין
און ריין דער טײַך צופוסנס אויכעט.
כ'געדענק: ס'האָט וויסטעניש געליוערט,
עס האָט דער בער געברומט:
— ווער קומט?
ווער זײַנען זיי?
וואָס דארפן זיי
איך אָט די קאַנטן
אומבאַקאַנטע,
אין אָט די ערטער
אומגעהערטע,
אָף אָט די שטעגן
קוים באַטראָטענע,
אָף אָט די ברעגן,
ניט געראָטענע?
יאָ, וואַלד און ווילדעניש ארום.
מיט רוגזע ברומט
דער טײַך.
ער שלײַכט און שלײַכט
זײַן אומרויִקן פלוס
צווישן די ברעגן
העפקערדיק און פוסט.
אָט דאָ געשטעלט
דעם ערשטן טראָט
עס האָבן העלדן פון יאָרהונדערט,
און אָט —
א שטאָט!
א לויכטנדיקער וווּנדער!
א ראַכוועסדיק צעשפּרייטע
מיט גאַסן און פּראָספּעקטן ברייטע,
מיט גאָרנס הויכע,
טונקלע רויכן.
א שטאָט — א ריז,
צעבלענדט, צעהעלט
אָף אייביק איז
אוועקגעשטעלט.
באַם שטייק עס בליט אָף ברעג פון טײַך
א בינטל לעבעדיקע בלומען.
איר, ערשטע,
איר, געוואַגטע, —
אײַך
דאָ קאָוועד אָפּגעבן עס קומען
די אייניקלעך — א דאָר א נײַער.
איך זיי אויך פלאַקערט אײַער פײַער,
געוואַגטקײַט אײַערע באַשײַנט
די וועגן זײַערע אויך הײַנט.
און הייליק איז דער צאַרטער כיין
פון פרישע בלומען בא דעם שטיין...

יאַגעדעס

גרויס איז דער טײַנעג
נאָך אזא רעגן אין דער טײַגע
יאַגעדעס צו קלײַבן.
דער קוסט דער גאַנצער — גאָלד־און־גרין,
בלויז ערגעץ נאָר א בלאַט איז גרין.
ס'איז רויט די יאַגעדע,
ווי פײַער,
און ווייך איז זי
און זיס.
דאָס הארץ איז זיך מעכײַע.
די יאַגעדע איז שיין און וווּל,
זי בעט זיך גלײַך צו דיר אין מויל,
פון איר עס שרײַט ארויס
דאָס צונטער־רויטס:
אָ, רײַס מיך,
רײַס מיך אָפּ וואָס גיכער,
ניט לאָז פאַר ווינטערדיקן וויכער,
פאַר שניי און פראָסט
ניט לאָז...
אָט דעם געבעט
כ'פאַרנעם,
איך רײַס, איך נעם...
נאָר אָט — א יאַגערע, ניט אָפּגעריסן,
אָף העלפט בלויז איז זי אָפּגעביסן.
ווער? א פייגעלע געוויס. און
ס'האָט עפּעס אים געשטערט
די יאַגעדע דערפּיקן.
וועל איך זיך באַלד מיט איר דערקוויקן.
ניט ווייניק יאַגעדעס כ'האָב אָנגעצײַלט,
נאָר די באַטאַמסטע — די,
וואָס מיטן פייגעלע
איך האָב צעטײַלט.

8—1717

א מיטינג

1

אינמיטן טאָג, פון גאַס אינמיטן
געהילכט עס האָט אין דאָרף א מיטינג.
קיין רעדנער האָבן ניט געפעלט,
און יעדערער — א לויב דעם העלד.
געלעבט ער האָט אין אָט דעם הויז,
האָט ערלעך, טרײַ טאָג־אײַן, טאָג־אויס
אין מעשעך פון אזויפיל יאָר
געפעדערט פלײַסיק זיך קאַיאָר
און מיט אָט דער־אָ גאַס געשפּאַנט
אין פעלד, אין שטאַל, דעם טײַגע־ראַנד.
עס האָט זײַן באַלעבאַטיש אויג
געזען אף לאָנקעס יעדן סטויג.
פון אָרדענס פיל א קאַוואַלער
פון קריג זיך אומגעקערט האָט ער,
און אים באַשײַנט האָבן דערבײַ
פון רום די אָרדענס,
אלע דרײַ.
מיט יענע רום־אָרדענס באַנאַנד —
דער סאַמע העכסטער פונעם לאַנד
פאַר די, וואָס זיי דאָס פאָלק האָט האָלט,
א שטערנדל פון לויטער גאָלד.
און פונקט ווי פריִער דער סאָלדאַט,
אויך איצט בלויז איינס האָט ער געהאַט
אין וואַכן זינען טאָג און נאַכט —
פון לאַנד די גוורע און די פּראַכט
זיך מערן זאָלן אָן א שיר.
ער האָט זײַן לײַבלעכן קאָלווירט
צו שפע היימישער געפירט.

2

געלעבט ער האָט אין אָט דעם הויז,
האָט ערלעך, טרײַ טאָג־אײַן, טאָג־אויס
אין מעשעך פון אזויפיל יאָר
געפעדערט פלײַסיק זיך קאַיאָר
און מיט אָט דער־אָ גאַס געשפּאַנט
אין פעלד, אין שטאַל, צום טײַגע־ראַנד.
עס זאָל ניט טרעפן... טרעפן פלעג,
אז ערגעץ אין דער מיט פון וועג
דאָס האַרץ געטאָן האָט שטאַרק א קלעם,
בלויז כמורנע האָט ער מיט דער ברעם
געטאָן א פיר, און ווײַטער יאָגט
דער „גאַזיק" זײַנער אָנהייב טאָג.

דאָך איז געשען — גאָר מיטאַמאָל
געטראָפן האָט ער אין שפּיטאָל.
ניט קיין קאַטאָוועס, אויב דאָס האַרץ
מיט קראַמפּן ווייטעקלעכע שמאַרצט.
א מילדע פרילינגדיקע שײַן
אין דער פּאַלאַטע פלייצט ארײַן.
צעגאַנגען איז דער לעצטער שניי.
גרייט זײַן קאָלווירט איז צום פאַרזיי.
די טראַקטאָרס דונערן אין גאַס, —
און ער? ווי ליגט מען פּוסט־און־פּאַס?
אף מאָרגן הייבט זיך דער שפּיטאָל:
ווו איז דער כווילע? גאָר ניטאָ...
און ער אין פעלד איז שוין, באַם טראַקטאָר,
און לאַכט זיך אויס: — מיט מײַן כאַראַקטער
דעם קישן קוועטשן מיט דער באַק?
אָן אַרבעט ס'איז פּאַר א פּויליאַק!
די רייען זייעלקעס זיך ציִען,
און זוימען פולינקע עס פליִען
און לייגן זיך, ווי שטיקער זון,
און אים קומט צו א פּוד געזונט...

3

פון קריג ער האָט זיך גאַנץ געקערט
צו זיך אין דאָרף, צו ליבער ערד.
נאָר דאָ, גיי ווייס, אָן לאַנגע רייד
ס'האָט הינטערווײַלעכס, שטילערהייט
אים אָנגעיאָגט די בייזע שאָ.
און אויס.
ער איז שוין מער ניטאָ...
אינמיטן טאָג, פון גאַס אינמיטן
געהילכט עס האָט אין דאָרף א מיטינג.
קיין רעדנער האָבן ניט געפעלט.
און יעדערער — א לויב דעם העלד.
געלעבט ער האָט אין אָט דעם הויז,
האָט ערלעך, טרײַ טאָג־אײַן, טאָג־אויס
אין מעשעך פון אזויפיל יאָר
געפעדערט פלײַסיק זיך קאַיאָר
און מיט אָט דער־אָ גאַס געשפּאַנט
אין פעלד, אין שטאַל און אין וואַרשטאַט.
דער מיטינג איינשטימיק באַפעלט:
דער גאַס — דעם נאָמען פונעם העלד.
און לעבן זאָל און שטענדיק זײַן
פון רום זײַנעם די הויכע שײַן!
אָט דעם באַשלוס אף צו דערגאַנצן
באַשלאָסן האָט מען אויך: פאַרפלאַנצן
אין גאַס פון ביימער אָן אליי,
זײַן רום דערטראָגן זאָלן זיי
פון אונדזערע צעהעלטע יאָר
צו אייניקלעך פון ווײַטסטן דאָר...
אינמיטן טאָג, פון גאַס אינמיטן
געהילכט עס האָט אין דאָרף א מיטינג.

א וויקועד

— אוי, וואָלט מען איצט באַדאַרפט אַ רעגן!
— וואָס איז? וואָס דאַרפט איר אים? צום רומל?
— איַי־איַי, רעבּ ייִד, איר זאָלט אונדז גאָר פרעגן?
עס וואַרפט דער אַנדערער אַ בּליק צום הימל:
— מע האָט איך הויף בּאַ אונדז פאַרפלאַנצט היַינט בּיימלעך.
— איז וואָס? האָט איַיך אַ גליק געטראָפן?
— וואָס רעדט איר? ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן הימלעך.
עס זיַינען קינדער זיך צונויפגעלאָפן,
פון פרייד מע האָט זיך אַזש פאַרכליפּעט.
אַף יעדן בּיימעלע די בּלעטעלעך די גרינע —
אַזוי מיט זייער אומבּאַהאָלפנקיַיט זיי רעגן...
נאָר אויבּ, כאָלילע, ס׳וועט ניט גיין קיין רעגן,
בּיט היַינט און מאָרגן אויך ניט,
פאַרמאָגן וועלן זיי קיין קוי׳ך ניט,
די בּיימעלעך, זיך צו פאַרפעסטיקן אין בּאָדן.
ס׳איז גוט זיי איך אַ פרישן רעגן אויסצובּאָדן.
— וואָס גייט איַיך אָן, — עס פרעגט איך ייִד בּאַם אַנדערן, —
צי ס׳וועט דאָרט אויסוואַקסן אַ בּיימעלע אַ קליינס?
מיר וועלן גיך מיט איַיך אַריבּערוואַנדערן
אין יענעם קאַנט, ווו אַלץ איז שוין אַלציינס...
— וואָס הייסט אַלציינס? — איך זאָקן זאָגט דעם צוויטן, —
וואָס הייסט? איַיך פרייען ניט די בּיימעלעך די קליינינקע? —
ער טוט אַ פרעג
שויך אופגערעגט:
— איר האָט קיין קינדער ניט? איר האָט קיין אייניקלעך?

אירמע דרוקער

געזען און געהערט

אפּילע א גראָשן האָט זײַן לאָשן

קיין שאָלעם־באַיס צווישן דעם זיידן יאַנקעוו־מוישע מיט דער באָבע דאסל איז קיינמאָל ניט געווען. קאָן דען פֿײַער מיט וואסער, טאָג און נאכט, זומער און ווינטער, שניי און רעגן הריזן צווישן זיך?

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע איז געווען א ברייטהארציקער, א געבער שעבעגעבער. בא די טשערנאָבילער האָט ער געהייסן שעלישעלאָכניק — דײַנס איז דײַנס און מײַנס איז דײַנס. די זאליעסיער פּויערים האָבן געהאלטן, אז פֿארן ווײַטסטן מענטשלעכן קאָל זײַנען דעם זיידן יאַנקעוו־מוישעס אויערן אָפן, און פֿארן קלאנג פֿון דער מאטבייע, ווי נאָענט עס זאָל ניט זײַן, בלײַבן זיי טויב.

וועגן דעם זיידנס אָפענער האנט האָבן זיך סײַ אין זאליעסיע און סײַ אין טשערנאָביל ארומגעטראָגן לעגענדעס, מײַסעס און געשיכטעס.

איינמאָל איז ער ערעוו א כאָגע געגאנגען קיין טשערנאָביל אײַנקויפן אין דער מאָנאָ־פּאָלקע דעם ביטערן טראָפּן פֿאר זײַנע זאליעסיער קוינים, האָט ער אפֿן וועג באגעגנט אן ערעווראוו פֿון אָרעמעלײַט, באוואָפּנטע מיט טאָרבעס, מיט שטעקנס און פֿון קאָל־האמיגים שטומע, קרומע, לאָמע, בלינדע און הויקערדיקע.

דער ערעווראוו האָט גלײַך דערקענט דעם זיידן, מע איז אים באפאלן און ארומגערינגלט פֿון אלע זײַטן, און דער זיידע האָט ניט פֿארשעמט קיין איין אויסגעשטרעקטע האנט אפּילע דאָן, ווען איינע און די זעלבע האנט האָט זיך געלאָזן אויסשטרעקן א צווייטן און א דריטן מאָל.

דער צדאָקע־מאבל האָט פֿארכלינעט דעם זיידן מיט א סאך א גרעסערער פֿרייד, ווי פֿלו־צעם, פֿון דער העלער הויט, זאָל אים באפאלן א האָגל פֿון רענדלעך.

בא דער מאָנאָפּאָלקע האָט דער האָגל, וואָס קלאפּט אויס ביזן לעצטן זאנגען־קערנדל, דער עמעסער האָגל, וואָס טרעפֿט אזוי אָפּט, אויסגעניכטערט דעם זיידן. ער האָט צענדליקער מאָל באטאפּט און דורכגעטרייסלט זײַן ליידיק געוואָרענעם טײַסטער, און קיין איין מאטבייע האָט זיך ניט באוויזן, קיין איין מאטבייע האָט זיך ניט געלאָזט הערן מיט א וועלכן־ניט־איז טרייסט־קלאנג.

דורכגייענדיק אין איינעם א הארבסט־טאָג פֿארבײַ דעם טשערנאָבילער צווינטער, האָט דער זיידע באגעגנט א יונגע ווייגענדיקע פֿרוי. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז הײַנט ערשט דער דריטער טאָג, ווען עס האָט געטראָפֿן דער גרויסער אומגליק — זינט זי איז געוואָרן אן אלמאָנע. צוריק מיט א שאָ איז פֿאָרגעקומען די קווורע און עס פֿעלט איר אויס איצט א

דרייַערל אַף פּאַמינקעס — אַף דער ייִזקער־סודע לעקאָוועד דער נעשאָמע פון איר מאַן. לאַנג ניט געטראַכט, האָט דער זיידע איר אוועקגעגעבן דאָס איין־און־איינציק דרייַערל, וועלכן די באָבע דאָסל האָט אים פאַרטרויט אײַנקויפן צוקערקעס פאַרן אָפּן אָרון־קודש.

באַם געזעגענען זיך האָט דער זיידע געבעטן די דרייַטאָגיקע אַלמאָנע, אַז קיינער זאָל ניט וויסן וועגן דעם, ווייַל טאָמער וועט עס דערגיין צו זייַן אַלטיטשקער, וועט ער דאַרפן אַנטלויפן ניט בלויז פון זאַליעסיע און טשערנאָביל, נאָר אַף טויזנטער וויאָרסט ווייַטער.

אַזעלכע און ענלעכע געשיכטעס זייַנען געווען אַזויפיל, אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז יעדער זאַליעסיער, יעדער טשערנאָבילער האָט זייַן באַזונדער געשיכטע וועגן דעם זיידן. איין געשיכטע האָט איבערגעשטיגן די צווייטע.

אַזעלכע שיינע געשיכטעס, אַזעלכע וווּנדערלעכע מייַלעס, און באַ דער באָבע דאָסל זייַנען זיי געווען פאַרעכנט פאַר די גרעסטע כעסרוינעס — געלט איז די וועלט, און באַ אים איז געלט שמעלט! אַ זעקסער[1] איז באַ אים גאָלע גאָרניט, און אַ קאָפּעקע איז באַ אים ווי דער שטויב פונעם ווינט. שטשיפּעט ער אָפּ אַ גריוונקע[2] פון אַ קערבל, צעפאַלן זיך די איבעריקע גריוונקעס ווי איבערגעצייַטיקטע פּיירעס, און אַז אויס גריוונקעס, איז אויס קערבל. אַ קערבל — אַ מאַמזער! אַפילע פאַר קיין אַסיגנאַציע האָט ער קיין דערעכערעץ ניט. באַם וואָרט אַסיגנאַציע פלעגן דער באָבעס טיף אַרייַנגעוואַקסענע קליינע אויגן ווערן נאָך קלענער. אַזוי קליין, אַז מ'האָט זיי אַפילע ניט געקאָנט אָנרופן אייגעלעך. וואָס קלענער די אויגן ווערן, אַלץ מער גאָטספאָרכטיקער זעען זיי אויס, ווי באַם דערמאָנען גאָטס נאָמען, זייַן הייליקע טוירע, — אַן אַסיגנאַציע, קאָן די באָבע ניט מויכל זייַן דעם זיידן, איז באַ אים, פאַר קיין ייִדן און פאַר קיין מענטשן געדאַכט, אַ מעשומעד! עפּעס אַ קלייניקייַט אַן אַסיגנאַציע! ער פאַרגעסט, אַז די קלענסטע פון די קלענסטע אַסיגנאַציעס, אַפילע אַ דרייַערל, איז אַ גוויר אַן אוישער — באַשטייט פון דרייַסיק גריוונקעס, פון זעכציק פּיאַטאַקלעך, פון דרייַ הונדערט קאָפּעקעס און זעקס הונדערט גראָשנס. אַן אַשירעס, אַ מאָטניאַ מיט געלט, אַ קאַפּיטאַל אַ גאַנצער, און באַ אים זייַנען עס שערבלעך פון אַ צעבראָכענעם טאָפּ.

לויט דער באָבע דאָסלס האַסאָגעס און כעזשבוינעס האָט זיך באַקומען, אַז אַפילע אַ גראָשן האָט זייַן לאָשן: אַ גראָשן מיט אַ גראָשן — און עס ווערט אַ קאָפּעקע. זי איז געגאַנגען נאָך ווייַטער און אַפילע אַ דענישקע געהאַלטן פאַר געלט — צוויי דענישקעס זייַנען אַ גראָשן, און פון פיר ווערט אַ קאָפּעקע, און אַ קאָפּעקע איז געלט. אײדער אַ זאַק פּאָלאָווע, — האָט זיך די באָבע געווונטשן, — וואָלט איך בעסער געוואָלט פאַרמאָגן אַ זאַק מיט דענישקעס. אַף קיק צוויי זעק מיט דענישקעס האָט איר קיין האָזע ניט געסטייַעט בעטן באַ דעם דענישקע־מאַלעך.

צוויי באַזונדערע וועלטן — דער זיידע מיט זייַן זיידישער, און די באָבע מיט איר באָבישער.

צוויי באַזונדערע כעזשבוינעס — אַ דענישקע־כעזשבן און אַן אַסיגנאַציע־כעזשבן...

די צוויי באַזונדערע וועלטן האָבן זיך ניט געקאָנט צונויפגיין און ווערן איין וועלט, ווי די צוויי כעזשבוינעס האָבן זיך ניט געקאָנט אויסגלייַכן און קומען צו איינעם און דעם זעלבן סאַכאַקל. און אַז עס גלייַכט זיך ניט, קרימט זיך, ווערט פּידרעך הייפּעכדיק, וואָס טאָטשעט דעם שאָלעם, פּירעט צו מאַכלויקעסן און ברענגט צו צוזאַמענשטויסן.

ס'איז נאָך אַ גליק געווען, וואָס די באָבע דאָסל האָט געציטערט איימעס־מאָוועס פאַר גאָט, פאַר שיידים און רוכעס, פאַר אַלע ניט־גוטע, וואָס קאָנען בייז טאָן. זיי, די פאַרשיידענע הימל־לייַט, פלעגן שטענדיק קומען דעם זיידן צוהילף אַף אָנצוסטראַשען די באָבע.

דאָ אַף דער וועלט האָט זי ניט געהאַט קיין מינדסטן כיילעק — אַ לעבן געקלאָפּאָטשעט, וויִאַזוי אַרויסצוברענגען די וואָך און אַרייַנברענגען דעם שאַבעס, וויִאַזוי זיך דערשלאָגן אַריכאַס־יאָמים פאַרן גראָשן, ער זאָל זיך ציִען און ציִען און ניט וואַגן דורכברעכן די פינגערגראַטעס, זיך אַרויסרייַסן און אַרויסכאַפּן זיך פון אירע פעסט געשלאָסענע הענט.

אַלס סכאַר פאַר דעם, האָט זיך איר געוואָלט דאָרטן, אין דער אייביקער וועלט, פאַרמאָגן איר כיילעק אוילעמהאַבע, וואָס זאָל איר געבן די מעגלעכקייַט זיך אויסרוען פון איר שיינער אוילעמהאַזע, וואָס זי האָט, מישטיינסגעזאָגט, געהאַט. צוליב דעם איז זי גרייט געווען זיך אָפּזאָגן פון איר אייגענעם כעזשבן, באַשטייך בלויז פונעם קלענסטן ציפער אינעם זיידנס כעזשבן, זי איז גרייט געווען אַפילע מעגולגל ווערן אין אַ נול, דינען אים אַלס פּוסבענקעלע, אַלס געהאָרכזאַמע געטרייַע דינסט, וואָס וועט אים קיינמאָל ניט דערווידערן.

---

[1] אַ דרייַקאָפּעקעדיקע מאַטבייע, וואָס לויט גראָשנס איז עס אַ זעקסער.
[2] אַ זילבערנע מאַטבייע, וואָס באַשטייט פון צען קאָפּעקעס.

דער זיידע האָט וועגן דעם אַלץ געוווּסט, כאָטש די באָבע דאַסל האָט אים וועגן דעם קיינמאָל ניט געזאָגט. ער האָט עס געפֿילט בעכוש, זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז אַזוי און ניט אַנדערש טראַכט זי.

דאָס זעלבע לעקעכל האָט געהאַט זײַנע צוויי באַזונדערע טאַמען — דעם זיסן טאַם פֿון געווינען און דעם ביטערן טאַם פֿון פֿאַרלירן. פֿלעגט די באָבע פֿאַרהאָגלען דעם זיידן מיט אירע דעניִשקעס און אים זינדיק מאַכן מיט אָנצאָליקע אווירעס: אַן אווירע — עסן ווייצנס אינדערוואָכן, צימעס און קאָמפּאָט איז אַ צווייענדיקע אווירע. אָדער צימעס, אָדער קאָמפּאָט. אָנצינדן אַ לאָמפּ אין אַ לעוואָנעדיקער נאַכט איז ניט נאָר אַן אווירע, נאָר אויך אַ שטראָף — דאָס הייסט אַראָפּברענגען צו זיך אין שטוב אַ פֿײַערל פֿונעם געגעם־פֿײַער. ס׳איז אַן אווירע פּאַטערן אַ שוועבעלע, ווען איינס קאָן צעשפּאָלטן ווערן אף צוויי און אַפֿילע אף דרײַ. זיך ניט אָנבייגן אף אופֿצוהייבן אַ שפּאַגאַטל, אַ שטריקל, אַ צוועקל, — איז די זעלבע אווירע ווי ניט טאַנצן קיין קאָדעש...

— דאַסל! — פֿלעגט דער זיידע זיך אָפּשלאָגן מיט דער ביטערער זײַט פֿונעם לעקעכל, — דאַסל, דו פֿאַרמויערסט זיך אַזוי מיט אווירעס, אַז די קלענסטע מיצווע וועט צו דיר ניט קאָנען צושטיין. ווען דו וועסט אף יענער־וועלט פּרוּוון מיר דינען אַלס אַ פֿוס־בענקעלע, וועל איך אַזוי אויסבאַהאַלטן און אונטערלייגן די פֿיס הינטער זיך, גלײַך ווי איך האָב קיינמאָל קיין פֿיס ניט געהאַט. דו האָסט גענוג מיר פּאַרוויסט און פֿאַרכוישעכט די זאַליעסיער ערד, יועל איך ניט דערלאָזן, אַז דו זאָלסט עס איבערכאַזערן אָפֿן הימל. נעמאַ דורבּיך! אַלע טויערן וועלן זײַן פֿאַר דיר פֿאַרשלאָסן, אַפֿילע די טויערן פֿון גענעם. דו וועסט אין אוילעם־האַטויהו בלאָנדזשען, און אין קאַפֿאַקאַל וועלן די סאַמע ערגסטע צוויי מאַלאָכים פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער זיך וואַרפֿן מיט דײַן נעשאָמע, ווי קינדער וואַרפֿן זיך מיט זייערע פּילקעס.

די באָבע דאַסל פֿלעגט אַזוי ביוול־ווענישטוימעס ווערן, אַז זי פֿלעגט קיין וואָרט ניט קאָנען אויסריידן, ווי זי זאָל אָנעמען אַ פֿולן מויל מיט וואַסער, געשווינד אָפּטרעטן און זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל.

בייזע מינוטן פֿאַרשווינדן גיך ווי די גוטע. דער זיידע האָט כאַראָטע און נעמט גלײַך אויסגעפֿינען פֿאַר דער באָבע דאַסל איין זכוס נאָכן צווייטן — נעבעך אַ קאַפּצנטע, נעבעך אַ געשטראָפֿטע מיט דער שטראָף פֿון זיך ניט פֿאַרגינען דאָס לעבן, פֿון זשאַלעווען זיך דעם ביסן אין מויל. ס׳איז ראַכמאָנאָ־ליצלאָן אף קרענק אַזאַ.

אין די מינוטן פֿון כאַראָטע און מויכל זײַן, ווען מ׳דערפֿילט זיך ווי איינער, וואָס פֿאַרלירט און געפֿינט, פֿלעגט דער זיידע אַ רוף טאָן די באָבע גלאַט אין דער וועלט אַרײַן: — דאַסל! דאַסל!

יעדער קלאַנג פֿון זײַן שטים האָט געקלונגען אין דער באָבעס אויערן, ווי דער קלאַנג פֿון אַ סאַך צעוואָרפֿענע מאַטבייעס, וואָס אַלע קײַקלען זיך גלײַך צו איר. אירע קליינע אויגן פֿלעגן זיך עפֿענען, ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. איר באַרויגעזער פּאָנעם פֿלעגט נעמען אופֿשײַנען. אין די מינוטן, ווען מ׳זאָל בא איר בעטן אַ נעדאָווע, וואָלט זי עפּשער געגעבן די העכסטע קופּערנע מאַטבייע — אַ פּיאַטאַקל.

די אייך־און־איינציקע יידישע שטוב אין זאַליעסיע האָט געהאַט אַ שעם פֿאַר דער סאַמע האַכנאָסעס־אָרכימדיקער שטוב, וואָס אַזאַ איז ניט צו געפֿינען אין דער גאַנצער סוויווע אַרום.

אינדערוואָכן האָבן אָרעמעלײַט געזוכט אָט די גוטע זאַליעסיער שטוב, פֿול מיט ראַכמים און כעסעד. שאַבעס, ווען יעדער באַלעבאָס נעמט צו זיך אַן אוירעך און די פּרײַז אף אָרעמעלײַט ווערט געהעכערט, האָט דער זיידע געהאַלטן פֿאַר אַ באַזונדער קאָוועד זיך מאַטריעך זײַן, אַרויס אָפֿן שליאַך אויסצוגעפֿינען אַ פּאַסיקן אוירעך, וואָס זאָל באַשײַנען זײַן שאַבעסדיקן טיש.

פֿון אַ יאַריד־טאָג איז שוין אָפּגערעדט. יאַרידן אין טשערנאָביל פֿלעגן פֿאָרקומען יעדן כוידעש. אין אַזאַ טאָג איז דעם זיידנס טיר געווען אָפֿן, אַרײַן און אַרויס, אַרויס און אַרײַן.

אַ מאַרק־טאָג האָט אויך ניט געלאָזט דעם זיידן גענעצן. מאַרק־טעג פֿלעגן פֿאָרקומען צוויי מאָל אַ וואָך.

דעם זיידנס שטוב איז אויך באַרימט געווען בא די פֿאַרשיידענע סטאַרצעס און באַנדוריסטן. זיי האָבן געוווּסט, אַז אין דער איינציקער יידישער שטוב אין זאַליעסיע איז דער באַלעבאָס מעקאַיעם די מיצווע פֿון ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן אָרעמעלײַט, פֿאַרקערט, קומען איינצײַטיק אַרײַן אַ יידישער און ניט יידישער אָרעמאַן, ווערט, צוליב שאָלעם און צוליב פֿרײַנטשאַפֿט וועגן, פֿריִער אופֿגענומען דער ניט יידישער אָרעמאַן. אַזאַ מיצווע און אַזאַ אָנזאָג איז בא יידן פֿון דאָר־דוירעס.

די באָבע דאסל איז ניט קאָנטעט געווען פון די וואָכיקע אָרכים און נאָך מער פון די שאבעסדיקע, עס טרעפן אזעלכע, וואָס קומען אָן פרײַטיק צו די פלעצלעך און גייען אוועק זונטיק נאָך ווארמעס. מע באדארף דאָך האָבן צו זיי קווינעכס אויצרעס. ווען די קינדער, ארן פון קאשאראָווקע, אווראָם און יִיצכאָק פון טשערניכאָוו, וואָלטן ניט צוגעשיקט קיין נײַן רובל א כוידעש אף אונטערהאלטן טאטע־מאמע, וואָלטן מיר דאָך אליין פון געבער געוואָרן נעמער. און ווו וואָלטן מיר געפונען אזא שטוב מיט אזא יאנקעוו־מוישע, וואָס איז גרייט אויסטאָן די העמד פון זיך! מיר וואָלטן ערגעץ געשטאָרבן אונטער א פלויט.

די וואָכעדיקע און שאבעסדיקע אָרכים זײַנען בא דער באָבע דאסל געווען אײַנגעשטעלט אף קײַערס און שלינגערס, אף הויכע און בידעריקע, אף דארע און דיקע. שויך בעסער א קײַער מיט ציִק, אידער א שלינגער אָן ציִק. א קײַער קײַט ביז ער שלינגט אראָפּ, און דער שלינגער מאכט עס בעקיצער, ער נעמט זיך גלײַך צום שלינגען. א הויכן פלעגט די באָבע באטראכטן ווי א פאָלטאָרא יאנקלעך, ווי א אָנדערהאלבנדיקן אָרעמאן, וואָס עסט פאר זיך דעם גאנצן און עסט אויך פארן האלבן. א הויכער גוף איז א הויכער מאָגן, ער שטאָפּט פון אויבן אראָפּ און פון אראָפּ ביזן אויבן, און ווידער איבערגעכאזערט איינס און דאָס זעלבע.

קורצע זײַנען דאָסראָוו ברייטע. זייער מאָגן איז, לעהאוודל, ווי א גריבל; וויפל עסנווארגן מ'זאָל ניט ארײַנשטעלן אהין, איז אלץ ווייניק.

דארע עסן, און עס עסט זיי, א מײַסע אָן א סאָף, און דיקע האָבן א טעווע ווערן דיקער און דיקער, און אף ווערן דיק באדארף מען דיק פרעסן. איז ווו נעמט מען עס אָן?!

האָט פון א קריטיקן אוירעך זיך געטראָגן א שלעכטער רייעך, האָט די באָבע דאסל באַ־ווײנט דאָס זייף, וואָס וועט געפאטערט ווערן אף אויסצוואשן די ציך פונעם קישן, אף וועלכן ער וועט לייגן זײַן קאָפּ, און די רעדנע, מיט וועלכער ער וועט צודעקן דאָס לײַב זײַנס.

זייף! אזא יאקרעס אף זייף! זייף ברענט אפן מארק, ווי ס'זאָל פאראָשטשינעט און גע־קנאָטן געוואָרן מיט קעראָסין.

און דער זיידע — ווי גאָרניט צו אים. יעדן שאבעסדיקן אוירעך, וועלכן ער פלעגט אָפּ־קלײַבן אפן זאליעסיער שליאך, וואָס האָט געפירט קיין טשערנאָביל, האָט ער געהאלטן פאר א מיצווע שעבעמיצווע, וואָס נאָר אים איז אזוינס באשערט. דער זיידע האָט ניט איין מאָל דערקלערט, איך וואָס באשטייט די מיצווע זײַנע:

— דו פארשטייסט, אז אפילע זיי, די אָרעמעלײַט, די בעטלער, די רעכטלאָזע פון אלע רעכטלאָזע באגייען זיך ניט אָן אומרעכט, אָן צוויִעס, אָן פארשטעלענישן, אָן פארבלענדן יענעם די אויגן.

עס זײַנען דאָ קאַליקעס גענארטע און קאַליקעס, וואָס מאכן נאָך קאַליקעס. קאַליקעס פון גאָטס־גנאָד און קאַליקעס געזונטע ווי די אײַזנס. אז עס ווערט זיי נימעס דער מום, מיט וועלכן זיי האָבן זיך שוין אײַנגעלעבט, גיבן זיי א טראכט צו און א שפּיל אויס א שפּאָגל־נײַעם מום — נאָרוואָס האָבן זיי געשפאנט ווי די ניקאָלײַעווער סאָלדאטן, און גלײַך אזעלכע געגנג און געגנגעלעך, אז אף אלע סאָנים געזאָגט געוואָרן. אָט האָבן די שטעקנס אויסגעקלאָפּט דעם וועג, געפירט און געקערעוועט רעכטס און לינקס נאָך זיך די פארשאָלטענע אָן א טראָפּן שײַן, און קעהערעף־איך ווערן זיי אָן אָנשפאר פאר די הינקענדיקע, וואָס זײַנען נאָרוואָס בלינד געווען.

— שטענדיק, ווען עס קומט מיר אויס שאבעס האלטן אין טשערנאָביל, — איז זיך דער זיידע מוידע פאר מיר, — קרענק איך אויס דעם פארגעניגן פון מעקאבל־פּאָנעם־זײַן די פּרינצעסן שאבעס, ס'איז געגנוג מיר א קוק טאָן, ווי די באלעבאטים קלײַבן זיך אויס אָרכים צום שאבעסדיקן טיש.

וואָס מער דער אָדער יענער אָרעמאן איז פארשטעלט, וואָס מער ער ציט אף זיך ארוף דעם קאפּצן, העם אָני־וועעוויען, דעם טאלמיד־כאָכעם און גאמזולעטויוועניק, וואָס איז מע־קאבל בעאהאווע זײַן גוירל, אלץ גיכער פּאָפאדעט ער צו א יוסטן באלעבאָס, צו א זאטן, פעטן און זמירעסדיקן טיש. און ער, דער אָרעמאן, וואָס איז קולוי אָרעמאן, דער קאַליקע, וואָס איז קולוי קאַליקע, באהאלט זיך אויס ערגעץ אין א ווינקל און קיינער קוקט זיך ניט אום אף אים.

און אָט גראדע פון די, וואָס באהאלטן זיך אויס, אף וועלכע קיינער קוקט זיך ניט אום, קלײַב איך אויס מײַן אוירעך אף שאבעס, האנדל איך אײַן די מעציִע פון אלע מעציִעס. און ס'איז ניט געווען דער פאל, אז די באָבע זאָל נאָכגעבן דעם זיידן און האלטן זײַן מעציִע פאר א מעציִע.

— עד מיר א מעציִע! — פלעגט זי מיט שפּיזיק־שנײַדנדיקע אויגן באטראכטן דעם אוי־רעך פון אלע זײַטן און אויסמורמלען איר מעווינעס. די מורמלדיקע ווערטער זײַנען שווער

געווען צו פֿאַרשטיין, צו פֿאַנאַנדערקלײַבן, און זיי זײַנען לאַכלוטן איבעריק געווען. ס'איז גענוג געווען אַ קוק טאָן אויף אירע ליפּן, וויאַזוי זיי האָבן זיך צונויפֿגעשלאָסן און צונויפֿגעגאַנגען אין דער מיינונג, אַז אַלץ זאָל ווערן קלאָר.

דער זיידע האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און ער פֿלעגט אין די מינוטן אַפּלאָזן פֿון קײַט דעם שלעכטן מאַלעך, וואָס קומט פֿרײַטיק אָפּדערנאַכט צו יעדן ייִדן אין שטוב אויף צו פֿאַרשעלטן די, וואָס זײַנען ניט מעקאַיעם די מיצווע פֿון האַכנאָסעס־אָרכים, וואָס זײַנען מיט זייער קאַרגשאַפֿט און ביזיקײַט מעכאַלעל שאַבעס.

ער רעדט צום אוירעך און מיינט די באָבע. די מיינען און אויספֿירן זײַנען אַזעלכע שרעקלעכע, אַז דער באָבען נעמט זיך דוכטן, אַז זי שטאַמט פֿון סדאָם און ווײַבען וווינט זי אין אַ מוירעו[1], אַז אָט באַלד ווערט פֿון איר ווערן ווי פֿון לאָטס ווײַב, פֿון לאָטעכען, אַ שטיק זאַלץ, ווײַל זי איז געווען אַזוי שלעכט און אַזוי קאַרג, אַז ווען דער אָרעמאַן פֿלעגט בעטן פֿאַר זײַן אויסגעדאַרטער סקאָרינקע אַ ביסעלע זאַלץ אויף צו מאַכן אַ האַמויצע, פֿלעגט לאָטעכע זיך בייזערן: „פֿאַר ווערמען זאַלץ איז וואָלוול, און פֿאַר מיר איז עס טײַער, פֿאַר מיר איז עס בלויז צוליב מיר".

— ווי איז מיר, ווי איז מיר! — פֿלעגן דער באָבעס קליינע קאַרגע אייגעלעך ווערן פֿול און פֿול מיט טשוווע. די טשוווע אָטכאַיעט, מונטערט זיי אויף און זי פֿרעגט באַם אוירעך: עפּשער דאַרף מען פֿאַרלאַטען אַ העמד, פֿאַרמערעזשען אַ שקאַרפּעטקע? עפּשער וויל דער אוירעך טרינקען? ווערט זי גלײַך שטעלן דעם סאַמאָוואַר און אים מעכאַבעד זײַן מיט אַ שטאַרקער גלאָז וויסאָצקי־טיי, מיט מעזוינעס־קיכלעך, וועלכע מע קאָן עסן אומגעוואַשן? און עפּשער וויל דער אוירעך עסן? ביז ליכט בענטשן איז נאָך ווײַט.

גייט אַוועק דער שאַבעס, גייען אַוועק מיט אים אַלע גוטע מאַכשאָוועס און מײַסים.

אויף אַזעלכע, ווי מײַן באָבע, פֿלעגט מען זאָגן, אַז נאָך יאָמקיפּער דערפֿילן זיי זיך גלײַך ווי קיין יאָמקיפּער איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. ווידער אַ וואָכיקע, ווידער אַ קאַרגע באָבע. וואָס מער מיט אַ וואָך, מיט אַ כוידעש, מיט אַ יאָר, איז איר קאַרגשאַפֿט אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן.

האָט דער זיידעס שטאַרקער אַרויסגעדרייט דאָס לעמפּל אויף טיפֿער אַרײַנצודרינגען אין די דריבנע אויסיעלעך פֿון דעם סייפֿער, האָט די באָבע געליאַרעמט, ווי אַ קעראָסין־מאַבל זאָל זיך פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן און פֿאַרברענען די גאַנצע וועלט:

— ס'איז אַן אַוויירע, ס'איז אַ שאָד, ס'איז אַן אויסברענגערײַ, קעראָסין איז ניט קיין וואַסער, ניט קיין רעגן, וואָס רעגנט פֿון אויבן אומזיסט. קעראָסין קאָסט געלט! פֿאַר יעדן טראָפּן שײַן, וואָס דער לאָמפּ שײַנט אַרויס פֿון זיך, הייסט ער זיך באַצאָלן!

האָט דער זיידע געבערשטלט די נאַקעטקע, פֿלעגט די באָבע אים פּאַקן באַ צוויי אַוויירעס מיטאַמאָל:

— אַן אַוויירע דאָס בערשטל, ציין אַפּילע פֿאַלן אַרויס, איז וואָס איז שוין צו זאָגן וועגן האָר! אַ כאַזערשע האָר הענגט אויך אויף אַ האָר, און אַ מאַלבעשע איז אויך ניט קיין אייביקע זאַך: וואָס מער מ'רייניקט אים, אַלץ מער קומט פֿון אים אָפּ, אַלץ גיכער גייען אים אויס די יאָרן.

דער זיידע האָט געהאַט אַ טעווע — שטענדיק, ווען ס'איז אים געווען אויפֿגעלייגט אויפֿן האַרצן, האָט ער ליב געהאַט אָנטאָן די גאַנצע, ניט פֿאַרלאַטעטע הויזן און די גאַנצע, נאָך ניט אָפּגעטראָגענע שיך. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ פּאָר הויזן מיט נײַע לאַטעס אויף אַלטע לעכער און שיך מיט פֿאַרקלעפּטע פֿלאַסטערן אויף די הוילע וווּנדן פֿאַטערן אַוועק די שטימונג, די אויפֿגעלייגטקײַט און דאָס ביסל פֿאַרגעניגן, וואָס מ'האָט פֿון דער וועלט, וואָס מ'באַקומט פֿון לעבן. אָט די טעווע האָט געקראַבעט די באָבע דאָסל אַלציינס, ווי דער זיידע זאָל האָבן אַ טעווע אַלע טאָג מאַכן אַ שעהאַקל איבער אַ שפּאָגל־נײַער, נאָרוואָס געקויפֿטער פֿלאַש בראָנפֿן און ביזן לעצטן גראָשן האַלטן איך איך פֿאַרשפּילן אין קאָרטן.

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, — איז דער באָבע דאָסל ניט נימעס געוואָרן איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע, — אין אַ וואָכיקן טאָג, אין אַ פּאָשעטן מיטוואָך זיך אויספּוצן אין האָניק און אין עסיק, מיט גאַנצע הויזן און מיט ניט קיין פֿאַרלאַטעטע שיך, דאָס זײַנען דאָך פֿריצישע שטיק, פֿריצישע געננג.

[1] צוויי שטעט, וואָס לויט דער ביבלישער מיטאָלאָגיע, זײַנען זייערע אײַנוווינער געווען די ערגסטע און נידערטרעכטיקסטע מענטשן אויף דער וועלט. אַז עס פֿלעגט פֿאַרבלאָנדזשען צו זיי אַן אָרעמאַן, פֿלעגן זיי אים ניט אָפּלאָזן, ביז ער פֿלעגט אויסגיין פֿון הונגער. גאָטס צאָרן אויף סדאָם און אַמוירע האָט זיך געשטילט בלויז דאַן, ווען ער האָט זיי פֿאַרברענט, און אַ הויפֿן אַש פֿון זיי געמאַכט.

דער באָבעס קליינע, טיף איינגעוואָקסענע אויגן מיט שפּאַרעוודיקע בליקן זייַנען ווייַט ניט שפּאַרעוודיק געווען, ווען זי פלעגט זיי אופהייבן צום הימל — עפּשער ווייסט פון דער זון, פון דעם גרעסטן שטיק גאָלד אַף דער וועלט, אַראָפּפאַלן אַ שטיק גאָלד פאַר איר? עפּשער ווייסט פון אַ וואָלקן, ווי פון אַ קאַרב, זיך נעמען שיטן גאָלדענע, זילבערנע און קופּערנע מאַט־בייעס? מ׳האָלט דאָך איך איך דערציילן וועגן הימלשע ניסים וועניפלאָעס, וואָס זייַנען דאָרטן, פון אויבן, אַ סאַך מער איבערגעלאָזן, איידער די ערד דאָ, איך דער בידער, מיט דאַלעס, מיט אַנגסטן, ווייטעקן, יעסורים און פּוראַניִעסן.

ווי גוט וואָלט געווען ווען די ניסים וועניפלאָעס וואָלטן אַ פליוכע געטאָן ווי אַ גאָס־רעגן, אַ האָגל טאָן ווי אַ האָגל. און דערווייַל, ביז עפּעס־וואָס, איז קוק זיך אויס די אויגן. און אַז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך איר און די אויגן הייבן אָן ווי טאָן פון צו הויך קוקן, לאָזט זי זיי אַראָפּ אַף דער ערד: עפּשער ווייסט די ערד זייַן מער געפעליקער צו איר? עפּשער ווייסט פון דער ערד אַ שייַן טאָן פאַר איר אָן אַראָפּגעפאַלענער, אַ פאַרהאַלטענער, פון קיינעם ניט באַמערקטן און פון קיינעם ניט אופגעהויבענעם אוצער?

וווהין זי זאָל ניט שפּאַנען, וווהין אירע טריט זייַנען נאָר געווענדט, זוכט זי אַף דער ערד, גלייַך ווי זי האָט עפּעס פאַרלוירן, גלייַך ווי עפּעס־וואָס קומט איר אַרויס פון איר. ס׳איז דאָך מעגלעך, אַז אַ סויכער אָדער אַ פּאַרעץ זאָלן, דורכפאַרנדיק זאַליעסיע, פאַרלירן אַ טייַסטער מיט געלט, און ווייסט זיך ערגעץ־ווו וואָלגערן אַ קאָפּצאַנישע קאָפּעקע, איז אַ קאָ־פּעקע אויך געלט, און אַפילע אַ גראָשן גייט אויך ניט צופּוס. נאָר אַזוי ווי אַלע ווילן געפינען און קיינער וויל ניט פאַרלירן, בייגט זיך די באָבע און הייבט אוף פון דער ערד אַלץ נאָר, וואָס עס קומט איך האַנט אַרייַן — אַ פאַרזשאַווערטן, איינגעבויגענעם, איינגעהאַרבעטן צוואָק. די באָבע באַטראַכט אים פון אַלע זייַטן און זעט ווי בינווע, וואָס פון אים קאָן ווערן, ווען מ׳וועט אים אויסגלייַכן — אָן אוויִרע, אַ שאָד, עס ווייסט צוניץ קומען; אַ שפּאַגאַטל, אַ שטריקל, דוכט זיך וואָס, אַז מ׳באַדאַרף עס ניט, איז עס גאָרניט מיט גאָרניט, און באַדאַרף מען עס, קערט מען איבער די שטוב, צעוואָרפּט מען די סקריניע, טאַפּט מען אויס אַלע קעשענעס — אָן אוויירע, אַ שאָד, עס קאָן צוניץ קומען!

אוואָדע איז דער ערגסטער אָנהייב בעסער פונעם בעסטן סאָף, נאָר באַ אונדז, אַמאָליקע כיידער־ייִנגלעך, איז געווען אַ סאָף, וואָס קיינע שום אָנהייבן האָבן זיך ניט געקאָנט פאַר־גלייַכן מיט אים. דאָס איז געווען סאָף זמאַן, דאָס הייסט, דער סאָף פון גיין איך כיידער און לערנען. אָט דער גליקלעכער סאָף האָט זיך איבערגעכאַזערט צווי מאָל איך יאָר, אינעם כוי־דעש ניסן, איך וועלכן עס פאַלט אויס פייסעך, און אינעם כוידעש טישרע, ווען עס קומען אָן די יאָמים־נוירָאִים, די פּאַרכטיקע שרעקלעכע טעג פון טשווּווע טאָן, פון אָפּגעבן אַ כעזשבן פאַרן איבערשטן און פון באַקומען דורך אים אַליין די קסיווע וועכסימע טויווע, דאָס קויטל, וועלכן מ׳האָט פאַרדינט. אַפן קוויטל האָט מען געוואָרט מיט דעם זעלבן ציטער, מיט וועלכן מע וואַרט אַף אַ פּסאַקדין, מיט די זעלבע האָפענונגען אַף אַ נעס, ווי דער פּריזיוּוניק פלעגט וואַרטן אַפן ווייַסן ניע גאַדיען־בילעט...

ס׳איז סאָף זמאַן. איך בין אַ פרייַער פויגל, איך קאָן פליִען קיין זאַליעסיע וויפל איך וויל און ווען איך וויל. און אַזוי ווי מיך האָט שטענדיק געצויגן צום זיידן יאַנקעוו־מוישע, האָב איך די גאַנצע צייַט ניט אופגעהערט וועלן. ערשט געווען — און ווידער געקומען. עס פלעגט טרעפן טעג, אַז דער „ערשט געווען“ און „ווידער געקומען“ פלעגן זיך איבערכאַזערן ניט ווייניקער ווי דרייַ מאָל.

— דאַסל! דאַסל! ווו ביסטו? זע סאַרא טייַער אייניקל מיר האָבן, ער קאָן זיך גאָרניט צעשיידן מיט אונדז.

באַם זיידן בין איך שטענדיק געווען אָן אָנגעלייגטער גאַסט, ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט צייַט. וואָלט איך געקומען ניט דרייַ מאָל, נאָר צען מאָל אַ טאָג, וואָלט ער מיך אַלציינס אַרומגעכאַפּט, געהאַלדזט, געקושט און ניט אופגעהערט אַ מאָלעסימכעדיקער איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע:

— סאַרא גרויסן גאַסט מיר האָבן, אַזאַ לאַנגע צייַט זיך ניט געזען, געזונט זאָלסטו מיר זייַן און האַלטן איך איך לויפן פון טשערנאָביל קייך זאַליעסיע און פון זאַליעסיע קיין טשער־נאָביל... דאַסל! דאַסל! דערוואָרעם די ציקאָריע און גיב דעם קינד פאַרזוכן פון הייַנטיקע קני־שעס, אָנגעפּילטע מיט הירזשענער קאַשע!

די באָבע דאַסל בייזערט זיך אַפן זיידן און אַף מיר:

— ציקאָריע האָט ער שוין געטרונקען איך טשערנאָביל, און אַז מע טרינקט איך טשער־נאָביל, איז מען שוין יוצע אויך מיט זאַליעסיע, און וואָס איז שייַעך די קנישעס, זייַנען זיי אַף וואָרמעס און ניט אַף פרישטיק.

— וויסטו וואָס, — גייט אײַן דער זיידע אָף אַ פשאָרע, — נעם אַראָפּ אַ צוויי קנישעס פון מײַן וואַרמעס־כיילעך, און דו וועסט פאַרשפאָרן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ.

און די באָבע — אײַזן פעסט, ניין און ניין!

— בא מײַן מאמען, בא מײַן באָבען און בא מײַן באָבעס באָבען איז ניט געווען אײַנגעפירט אַזוינס, אַז מ׳זאָל אַראָפּכאַפּן אַ כיילעך פונעם וואַרמעס פאַרן פרישטיק. איך וועל אויך קיינמאָל ניט אײַנגיין אָף אַזוינס, איך וועל קיינמאָל ניט ברעכן דעם אײַנגעשטעלטן סיידער פון דוירעס.

ווען איך קום צו לויפן דאָס דריטע מאָל צו מינכע־צײַט, בעט זיך דער זיידע בא דער באָבען, זי זאָל מיר אָטכאַיען מיט אַ פולער שאָל סמעטענע:

— סמעטענע איז אַ סגולע צום קאָל, זי מאַכט אים וויכער און לײַכטער. אַז מ׳שמירט, פאַרט מען, אַז מע שמירט, זינגט מען. ער איז דאָך בא אונדז ניט אַבי־ווער, ער איז דאָך בא אונדז אַ זינגערל, דעם טאַטנס אַ מעשוירער. סמעטענע שטילט דעם דורשטיקן, זעטיקט דעם הונגעריקן, סמעטענע קערט אום בעקויפּל־קיפּלאָים די קוירכעס פון די לויפנדיקע פיס.

און די באָבע דאַסל פאַלט אָף אַ האַמצאָע, אָף אַ פאַטעפּאַלנעס, זי גיט מיר פלוצעם אַ פרעג, וואָס פאַר אַ וואַרמעס איך האָב הײַנט געגעסן אינדערהיים און ווען האָב איך געגעסן.

איך בין זיך גלײַך מוידע, אַז בא אונדז איז הײַנט געווען אַ פליישיקער, זייער און זייער אַ געשמאַקער עסיק־פלייש. איך רעכן, און רעכן, און וויפל איך זאָל ניט רעכענען, באַקומט זיך ניט מער ווי פינף שאָ.

— און וויפל שאָ דאַרף מען וואַרטן, אַז מ׳זאָל נאָך פליישיקס מעגן עסן מילכיקס? — נעמט מיר די באָבע אָפּן צימבל מיט דער זעלבער ניצאָכנדיקער האַנאָע, ווי אַ פאָרשער, וואָס פאַרפלאָנטערט, פאַרדרייט דעם באַשולדיקטן און פאַנגט אים, ווי אַ פיש אין נעץ, אָף ניט אַרויסצוקריכן, אָף זיך ניט אויסצוּאַפּלען און זיך מוזן אונטערגעבן. איך פרוּוו אַ לעצטן צאַפּל טאָן און איבערכעזשבענען דעם כעזשבן, און ס׳געפינט זיך ניט די גוטע מינוט, וואָס זאָל מיר אונטערטראָגן די נייטיקע און גוטע שאָ. מײַנע ליפּן נעמען ציטערן, ווי זיי זאָלן זײַן מיט סמעטענע פאַרפלעקט, ווען די ציין זײַנען נאָך ניט אויסגעקאַלופּעט פון די לאָקשן־פלייש, וואָס האַלטן איך איך פאַרמאַסערן, איך אײַן אַרויסגעבן.

מיר נעמט אָפּ דאָס לאָשן, און די באָבע ענטפערט פאַר מיר:

— זעקס! זעקס זײַנען ניט קיין פינף, ווי פינף זײַנען ניט קיין זעקס. דו הערסט, יאַנקעוו־מוישע? דו האָסט געוואָלט טרייף מאַכן דאָס קינד, דו האָסט דײַן גאַנצע אוילעמהאַבע שיר ניט געפאַטערט איבער אַ שאָל סמעטענע.

דער זיידע פאַרציט אַ מײַסע וועגן טאַרפעס, און די מײַסע פאַרפלאָנטערט זיך אין נאָך אַ מײַסע, און עס ווערט אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז ניט די באָבע און ניט איך קאָנען זיך רירן פון אָרט.

דער זיידע דערציילט און דערציילט, און דער זייגער ציילט און ציילט, און אַזוי אומבאַמערקט גייט דורך אַ שאָ. דער זייגער קלינגט, און דער זיידע שרײַט אויס ווי ער זאָל אָפּהאַלטן דעם גרעסטן ניצאָכן:

— ס׳זײַנען שוין דורך זעקס שאָ, זינט דאָס קינד האָט געגעסן פליישיקס, ער מעג שוין אַלפּי־דין און אַלפּי־יוישער עסן מילכיקס. סמעטענע! די סמעטענע אַהער!

איך פריי זיך מיטן זיידנס פרייד, און מיר טוט וויי פאַר דער באָבען, וואָס זעט אויס הילפלאָז, דערשראָקן, גלײַך ווי נאָרוואָס זײַנען זי גאַזלאָנים באַפאַלן. איך זאָג דעם זיידן און כאָזער איבער פאַר דער באָבען, אַז איך האָב פײַנט מילכיקס, מ׳זאָל מיר אָפּגילטן, וואָלט איך איצט קיין סמעטענע אין מויל ניט גענומען.

— וואָס זשע האָסטו ליב? — פאַרפלאָנטערט דער זיידע זײַנע פינגער אין מײַנע קוטשעראַווע האָר, — זאָג, וואָס דו פאַרלאַנגסט, אין וואָס באַשטייט דײַן באַקאָשע, און האַלב זאַליעסיע וועט דיר אָפּגעגעבן ווערן.

איך כאַפּ זיך, פונוואַנען עס גייט און עס קומט דאָס אויעקשענקען האַלב זאַליעסיע, און גיב אַ קנאַק אָפּ מיטן ניגן פון דער מעגילע דעם קייסער אַכאַשווייראָשעס ווענדונג צו עסטער דער מאַלקע: „וואָס איז דײַן פאַרלאַנג, עסטער די מאַלקע, און דיר וועט עס געגעבן ווערן! וואָס איז דײַן באַקאָשע ביז אַ האַלבער מעלוכע, און דאָס וועט געטאָן ווערן“.

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון אַסאָציאַציעס, און אויך איך, וואָס פיל זיך איצט אין דער אַסאָציאַציע־וועלט ווי אַ פיש אין וואַסער, האָבן דאַן ניט געוווּסט, אַז האַלב זאַליעסיע, וואָס האָט אויפגעוועקט אין זיכּאָרן אַכאַשווייראָשעס האַלבער מעלוכע, וועלכע ער האָט זיך געקליבן שענקען עסטער דער מאַלקע, באַטײַט אַסאָציאַציע.

דער זיקאָרן־אײַנפֿאַל, דער מעהאַלעך פֿון זאַליעסיע ביז אַכאַשווירעשעס האַלבער מעלו־כע (די גאַנצע מעלוכע איז באַשטאַנען פֿון הונדערט זיבן און צוואַנציק מעדינעס) איז אונדז ביידן שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

דער זיידע האָט מיך געלויבט איך טאָג אַרײַן, ער האָט ניט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ וואָרט און וואָס פֿאַר אַ שוואַך אויסצוגעפֿינען פֿאַר מיר אַף ווייך צו מאַכן דער באָבעס האַרץ, אַז זי זאָל מיר אין גאָרנישט ניט אָפּזאָגן, אַז זי זאָל אויספֿילן אַלע מײַנע פֿאַרלאַנגען און באַקאָשעס.

אַן איבעראַשטעטער פֿון דעם זיידנס היספּײַלעס און אַ זיכערער, אַז דער באָבעס קאַרגשאַפֿט וועט צעגייִן ווי אײַז אין אַ וואַרעמען זוניקן פֿרילינג־טאָג, שרײַ איך אויס:

— איך האָב ליב צוקערקעס!

— איז וואָס זשע פֿאַר אַ צוקערקעס זאָל מען דיר געבן? — האָט געפֿרעגט דער זיידע, און די באָבע איז געשטאַנען אין איין ציטעריניש פֿאַרן קומענדיקן ענטפֿער.

— איך פֿאַרלאַנג צוויי הענדעלעך מיט לאַנגע קאַמען, וואָס שטייען אַף די דינע שטע־קעלעך, ווי אַף איין פֿיסל אָפֿן פֿלויט, און אַלס אַ צוגאָב — אַ סאָלאָמקע!

— ווי איז דער באָבען, — זײַנען אירע הענט זיך צעפֿלויגן אין דער לופֿטן מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך ווי די פֿליגלען פֿון די צוויי הענדעלעך זאָלן זיך פּלוצעם צעפֿאָכען פֿאַרן אויסקרייען אַ שלעכטע בסורע, — ווי איז מיר, ער וועט אונדז בעדיל־האַדאַל שטעלן, אונדז איבערלאָזן אין איין העמד, אויב ער וועט דרײַ מאָל אַ טאָג זײַן אַ גאַסט בא אונדז און דרײַ מאָל אַ טאָג בעטן צוויי הענדעלעך און איין סאָלאָמקע ווי אַ פּריבוטעק. זאָל ער זיך אַרויס־שלאָגן פֿון קאָפּ, מער פֿון איין סאָלאָמקע גיב איך ניט.

אַן אומצופֿרידענער, לויף איך אַרויס פֿון שטוב אָפּזוכן מײַנע דאָרפֿישער כאַווירים.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער זיידע יאַנקעוו־מוישע מיך דעריאָגט און איך ביידע קעשענעס פֿון מײַן פּידזשאַקל אַרײַנגעשפּאַרט צוויי הענדעלעך. איך האָב זיך געלאָזט לויפֿן מיט אַלע קויכעס. ווען איך האָב זיך אַף אַ רעגע אומגעקערט אַף צוריק, האָב איך דערזען, ווי דער זיידע האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. ווײַזט אויס, אַז ער האָט געקליבן נאַכעס פֿון מײַן שווינדיקן לויפֿן, פֿון דער באַפֿליגלטקײַט, מיט וועלכע די צוויי הענדעלעך האָבן מיך באַפֿליגלט.

ס׳איז כאַלעמויעד סוקעס, די פֿאַרטאָגיקע הימלען זײַנען ריין געווען, אָן דעם מינדסטן וואָלקן־פֿלעק, עס האָט זיך געדוכט, אַז באַלד וועט די זון אַראָפּ פֿון איר מיזרעך־נאַכטלעגער און וועט פֿאַנאַנדערשיקן אירע שטראַלן אַף צו פֿאַרטרײַבן די פֿרימאָרגנדיקע קעלט און אָפּ־ראַמען פֿון די העכער העם ווײַסן גליוועך.

סוקעס איז טאַקע סוקעס, סימכאַסטוירע איז טאַקע סימכאַסטוירע, און דער האַרבסט האָט זיך זײַנס אין זינען. אומגעריכט זײַנען די הימלען פֿאַרוואָלקנט געוואָרן, ווי זיי זאָלן קיינמאָל העל און בלוי ניט זײַן, ווי די זון איז אַף זיי קיינמאָל ניט אויפֿגעגאַנגען און קיינמאָל ניט פֿאַרגאַנגען.

אַלפֿי־סייכל און אַלפֿי־דערעכהאַטעווע האָט אַ דריבנע בײַסיק־יאַכידנע רעגנדל געדאַרפֿט געזייט ווערן דורך זײַנע אָנצאָליקע זײַערס, זיך ציִען און ציִען לאַנגזאַם מיט זײַנע שמאָל־דינפּעדעמדיקע, טריפֿנדיקע פֿאַסיקלעך. האָט דער צעטראָגענער מאַלעך (ניט אומזיסט זאָגט מען אַף אַ צעטראָגענעם מענטשן, אַז ער איז אַ צעטראָגענער מאַלעך) אָפּגעדרייט גאָר די מאַבל־קראַנען פֿון נויעכס צײַטן, וואָס האָבן אויסגעמאַבלט אַזויפֿיל וואַסער, אַז זיי האָבן פֿאַר־טרונקען די יאַבאָשע פֿון גאָר דער וועלט און איבערגעלאָזט בלויז נויעכן און זײַן פֿון פֿריִער צוגעגרייטן און באַוואָרנטן קאַסטן, אין וועלכן ס׳זײַנען געווען אויסגעבאַהאַלטן און אויסגעהיט פֿאַר די קומענדיקע דוירעס דער מין מענטש, די מינים פֿון פֿאַרשיידענע בעהיימעס, כײַעס און פֿויגלען. עס האָט גענומען פֿליוכען אַזאַ רעגן, אַז איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז איך האָב דאַן ניט געטראַכט וועגן דעם מין מענטש, וועגן די מינים בעהיימעס, כײַעס און פֿויגלען פֿאַר די קומענדיקע דוירעס. איך האָב געטראַכט בלויז, וויאַזוי ראַטעווען מען זיך אַליין, ווי ראַטעווען מען מײַן ביז גאָר גוראָטן אויפֿגענייטן אָנצוג, מײַנע נײַע שיך, וואָס ווי נאָר זיי זײַנען דורכגעווייקט געוואָרן אין די לויפֿנדיקע וואַסערן, האָבן זיי גלײַך פֿאַרלאָרן זייער יאָמ־טעוודיקן און זינגעוודיקן סקריפּ. איך האָב געטראַכט וועגן יאַבאָשע, וועגן דעם גיידנס שטוב, וואָס וועט מיך אויסבאַהאַלטן און ראַטעווען, און אַרײַנגעפּאַקט האָב איך זיך אין אַ זינקענדי־קער שיף, וואָס גייט צום גרונט — דער אַלטער שטרוי־דאַך, וואָס איז אויסגעטריקנט געוואָרן פֿון די היצן, איבערגעפֿרוירן אין די קעלטן, דורכגענעצט און דורכגעווייקט געוואָרן פֿון די צעגייענדיקע שנייען און שלאַקס־רעגנס, האָט ניט אויסגעהאַלטן, זיך צעשפּאָלטן און ברייט זיך פֿאַנאַנדערגעעפֿנט פֿאַרן מאַבלדיקן רעגן.

שטייענדיק ביז די קנעכלעך אין וואסער, האָט דער זיידע מיטן גרויסן פּאַילע־צעבער זיך געראַנגלט מיט דער פאַרפּלייצעניש. ער גיסט אויס אין דרויסן איין צעבער, און עס גיבן גלײַך א לויף צוויי און דרײַ צעבערס. איך א רוּיקער צײַט, ווען מ'זאָל גוט א מעסט טאָן, וואָלטן עפּשער געווען אַלע פיר. דער זיידע ראַטעוועט זיך. אים צוהילף קומען אָן די פּויערים, וועמענס הײַזער ס'זײַנען געווען אויסער סאַקאַנע. די מאַנצבלען מיט צעבערס, די פרויען מיט דייזשעס, די באָכערים מיט גראַבײַזנס און לאָמען אָף פאַנאַנדערגראָבן קאַנאַוועס, פרײַ צו מאַכן דעם וועג פאַר די לויפנדיקע וואַסערן, און מיידלעך מיט קאַראָמיסלען אָף די אַקסלען, אָף יעדן קאַראָמיסל צוויי זיך הוידענדיקע עמער.

ווען דער זיידע האָט מיך דערזען אין דער צײַט פון אַזאַ פאַרפּלייצעניש, איז פון שרעק דער צעבער אַרויסגעפאַלן פון זײַנע הענט. ער האָט מיך גלײַך א כאַפּ געטאָן אָף די הענט, מיך אַוועקגעזעצט צו זיך אָפן קאָפּ, ווי א באַוואָרעניש, אַז די וואַסער זאָל מיך ניט פאַר־פלייצן, און גענומען מיט מיר אַרומלויפן הין און צוריק איבער דער שטוב, ווי ער זאָל זוכן א מער זיכער אָרט, ווו די וואַסער רײַסט זיך ניט מיט אַזאַ קראַפט.

— שרעק זיך ניט, האָב קיין מורא ניט, מײַן קינד, אונדזער צײַט איז ניט נויעכס צײַט, ווען עס איז ניט געווען קיין שטיקל ערד, זי זאָל ניט פאַרדאַרבן ווערן פון די פאַרדאַרבער — אומעטום רויב, אומעטום רעציכע, אומעטום בלוט, אומעטום גאַזלאָוואַיסטווע. גאָט האָט מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און אויסהאַלטן דאָס אומרעכט. ער האָט כאַראָטע געקראָגן פאַר באַשאַפן דעם מענטשן און באַשטימט אויסמעקן און אויסקאַרעניִען דעם מענטשן און אַלדאָס לעבעדיקע פון דער ערד. און איצט איז דאָ אָף דער וועלט א זאַליעסיע, וואָס איז מעכאַפּער אָף אַלע זינד פון דער וועלט. די זאַליעסיער, איך פאַרגלײַך מיט די מענטשן פון נויעכס צײַטן, זײַנען צאַדיקים, א דאַרף פון גאַלע לאַמעדוואָוניקעס, זיי פאַרמאָגן אַזוי וויניק, און ביז עס וועלן אַמאָל קומען די גוטע צײַטן, פאַרלאַנגען זיי בלויז, אַז דאָס וויניקע זאָל כאָטש וויניקער ניט ווערן.

דער זיידע דריקט מיך אַלץ פעסטער און פעסטער צו זיך און בעט זיך בא מיר, איך זאָל פאַרמאַכן דאָס מויל, ניט אַרײַנלאָזן דאָס וואַסער, וואָס רינט פון די האָר אינוויניק אין זיך, איך קאָן זיך נאָך, כאַסוועכאַלילע, צוקילן און פאַטערן דאָס קאָל, די קיילע מײַנע.

— דאַסל! דאַסל! — רופט דער זיידע די באָבע צוהילף. ניין, ער רופט זי ניט, ער בעט זיך בא איר, — דאַסל, ווו ביסטו? וואָס האָסטו דאָרט צו טאָן מיט דער קראַם? צען קראָמען א קאַפּאָרע פאַר אונדזער אייניקל. דאַסל, גיכער אהער, דאָס קינד ציטערט פון נעץ און פון קעלט.

נאָר ווו, ווער, וואָס. די באָבע דאַסל איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיט ראַטעווען דעם אָפּן־אויוון, ווו עס האָט זיך געפונען די קראַם מיט סכוירע, אַז מער עפּעס אַנדערש האָט זי ניט געקימערט, מער עפּעס אַנדערש האָט זי ניט געפילט, מער עפּעס אַנדערש האָט זי ניט גע־הערט און ניט געזען — ווו נאָר א רעדנע, ווו נאָר א זאַק, ווו נאָר א סטעזשקע, ווו נאָר א בעגעד, א קישן, א קאָלדרע, א מולטער, א האָלץ־וואַלגער, א לאָקשנברעט, א האַק־ברעטל, האָט זי געוואָרפן אָפן אויוון. ס'איז אַגעגאַנגען א מינוט, אַז זי זאָל זיך אַליין אַרופוואַרפן אָפן הויכן העסעבעט און מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע הענט, מיטן גאַנצן לײַב און לעבן באַ־שיצן דעם אויצער פון איר כאַיונע.

דער צווייטער צעטראָגענער מאַלעך, דער געהילף פון דעם ערשטן, האָט זיך שטאַרק טויע געווען. ער האָט פּלוצעם פאַרביטן די האַרבסט־הימלען אָף זומערדיקע און אַרויסגעלאָזט די זון פון איר פּוטערפּאַס ווי אין א זומערדיקן טאָג.

די שכיינים פון אַרום און אַרום האָבן פון אַלע זײַטן געטראָגן קוליעס שטרוי, מע איז געקראָכן אין דער הייך, מ'האָט דערלאַנגט פון אונטן. עס האָט זיך אָן אָן ערעך בעסער און גיכער געאַרבעט, ווי בא דעם דויר האַמאַבל, וואָס האָט געפּרוווט בויען א געבײַ ביזן הימל, א קוק טאָן, צי זײַנען טאַקע דאָרט, אויבן, פאַראַן א גאָט מיט מאַלאָכים, און אויב זיי זײַנען דאָ, איז וואָס טוען זיי און וויאַזוי לעבן זיי.

א שפּאָגל־נײַער דאַך האָט זיך גענומען איבערנעמען פאַר אַלע אַלטע דעכער אַרום, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דערלעבן זייערע לעצטע כאַדאָשים. און ווער ווייסט, עפּשער זייערע לעצטע טעג?

פּויערטעס זײַנען באַפאַלן די שטוב פון אַלע זײַטן און האָבן צוזאַמען מיט דער באָבע דאַסל געטינקעוועט, פּאַרקרעפּעוועט מיט ליים די ווענט.

די זונען־שטראַלן האָבן דורך דער אָפענער טיר אויסגעטריקנט די שטוב פון איבעוויניק. די באָבע האָט פאַרליימט אַלע צעיאַטערטע ווונדן פון די צוויי ליימיקע דילן. עס איז געוואָרן

אזוי, כאָטש נעם און שטעל זיך אוועק אין דעם פּאָשעטן כאַלעמויעדיקן מיטוואָך בענטשן ליכט, מעקאַבל־שאַבעס זײַן און פּראַווען יאָמטעוו.

אהיים אָפּ נאָכטלעגער האָט מען מיך ניט געלאָזט, דער וועג איז נאָך היפּש בלאָטיק, און קיין איין טײַכל און קיין איין קאַליוזשע האָט ניט געוואָלט ווערן אויס טײַכל, אויס קאַליוזשע.

ביז פאַרנאַכט איז נאָך געווען ווײַט, און די באָבע דאַסל האָט געהאַלטן, אַז נאָך אַזאַ רעגן, נאָך אַזאַ האָרעוואַניע מעג מען זיך הײַנט, פּריִער פון אַלעמאָל, לייגן שלאָפן. דאָס פּאָדערן זיך לייגן שלאָפן איז בײַ דער באָבען געווען אַן אַלטע קרענק — זי האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין דערמאָנען, אַז קרעכצן איז ניט קיין וואַסער, אַז ס׳איז אַן אַווירע קרעכצן!

דער זיידע האָט זיך געכאָכמעט, אַז די באָבע וועט זיך אַזוי לאַנג פּעדערן מאַכן נאַכט, אַז עס וועט אויסקומען זיך לייגן שלאָפן מיט אַ שאָ צוויי פּריִער, איידער די הינער אָפּן סידעלע, אַז מינכע, מײַרעוו און קרישמע וועט אויסקומען פּאַרייניקן אין איין טפילע. עס וועט ניט סטײַען קיין צײַט אָפּ צו מאַכן דעם קלענסטן איבעריַיס.

דער זיידע איז געווען אַזוי מיד, אַזוי אויסגעשעפּט, אַז ער האָט גראַדע הײַנטיקס מאָל ניט דערווידערט דער באָבע דאַסל, ווי ער טוט עס אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. נאָר ווען די באָבע דאַסל האָט גענומען מיר אויסבעטן אָפּן ליימיקן דיל, האָט זיך פּאַנאַנדערגעפּלאַקערט אַ שפּאָגל־נײַע קריג, וואָס האָט פּאַרצויגן דאָס לייגן זיך שלאָפן שפּעטער ווי אַלעמאָל.

— וואָס טוסטו עס? — איז דער זיידע געווען אויסער זיך, — דאָס ליים איז נאָך ניט אויסגעטריקנט ווי ס׳געהער צו זײַן, עס גייט נאָך אָפּ מיט פּײַכטקייט. דאָס קינד קאָן, כאַס־וועכאָלילע, זיך נאָך צוקילן! אַזוי טוט אַ באָבע? פּאַר אַזוינס וועט דער גענעם זײַן ווייניק פּאַר דיר.

ווי אַן אָפּגעבריטע, גיט די באָבע אַ שפּרונג אָפּ, זי לעשט זיך מיט די צעפּאָכעטע הענט, גלײַך ווי די גענעם־פײַערן האָבן אַרומגעכאַפּט פון אַלע זײַטן איר גוף.

— ווו זשע זאָל איך אים אויסבעטן אַ געלעגער? — בעט זיך די באָבע באַם זיידן, ער זאָל איר קומען צוהילף, — ווו זאָל איך אים אַנדערש לייגן?

— אָפּן אויוון! אָפּן אויוון! — שטרעקט אויס דער זיידע זײַן האַנט מיט דעם אימפּעט און מיט דער סימכע פון איינעם, וואָס ווײַזט אָן דעם ריכטיקסטן וועג אַ פאַרבלאָנדזשעטן, וועלכער ווייסט ניט ווו זיך צו קערן און ווו זיך צו ווענדן, ווו אויס און ווו אײַן.

— אָפּן אויוון? — קאָן די באָבע ניט קומען צו־זיך, — דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, ווי אַרײַנלייגן דעם קאָפּ דעם לייב אין מויל אַרײַן. דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, ווי אַליין זיך אונטערצינדן, ווי זיך אַליין אין וואַסער אַרײַנוואַרפן. דו שטעלסט זיך פאָר, מיט וויפל הענדעלעך ער וועט ביז פאַרטאָג אָפּשלאָגן קאָפּאָרעס, מיט וויפל סאַלאָמקעס, מיט וויפל דראָבס און ווערעם־קרויט ער וועט זיך האַלטן אין איין מעכאַבעד זײַן?

דער זיידע פאַרבײַסט די ליפּן, און די שפּריצנדיקע פײַער־פונקען פון זײַנע אויגן צינדן פאַנאַנדער די העכסטע פײַערדיקע שטראָף פון אייש (פײַער) און אש, וואָס עס קומט פאַר פאַר דער אַווירע ניט מעקאַיעם זײַן די מיצווע פון אהאַוואַס איינִיקל — פון ליב האָבן דאָס איינִיקל. וויפל אייוורים — אַזויפיל וווּנדן, וויפל וווּנדן — אַזויפיל בערג מיט אש, אין יעדן בארג פון אש וועסטו אופשטיין טכיִאַס האַמייסים, אַז גלײַך זאָל מען דיך ווידער פאַרברענען, אַז גלײַך זאָל צוקומען אַ נײַער באַרג אייש און אש, אש און אייש!

די באָבע דאַסל וויל שרײַען — נעמט איר אָפּ פון שרעק דאָס לאָשן, זי כאַפּט מיך אַרום, דריקט מיך צו צו זיך, און מיט אירע אייגענע הענט מאָסטעט זי מיך אײַן אָפּן אויוון.

איך האָב זיך גלײַך אויסגעצויגן מיט דער גרעסטער האַנאָע און מיט די בעסטע קאַוואָנעס — מיר האָט זיך געוואָלט דערווײַזן, אַז דער זיידע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט, אַז די באָבע האָט אומזיסט מיך כוישעד געווען, אַז איך וועל באַגאַזלענען דעם אָפּן־אויוון און זי שטעלן בעדיל־האַדאָל.

איך לייען קרישמע, און אין מיטן קרישמע זאָג איך צו דעם איין־און־איינציקן, אַז עס וועט קיין האָר ניט געמינערט ווערן פון דעם אָפּן־אויוון.

איך בין געווען אַ גרויסער איבערקלײַבער און ביז גאָר פאָרזיכטיק בענעגייע שוועס, ווײַל אין כיידער זײַנען שוועס געווען העפקערדיק וואָלוול, ווי גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. האָט אַ יִינגל דערציילט אַ ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מײַסע, וואָס ער האָט נאָרוואָס צוגעטראַכט, פלעגן אַלע יִינגלעך אין איין קאָל שרײַען: „ס׳איז אַ ליגן!“ פלעגט זיך דאָס יִינגל, דער דערציילער, שווערן מיט כײַ אַדוינוי, מיטן גאָטס לעבן, מיטן לעבן פון טאַטע און מאַמע און מיטן אייגענעם לעבן.

איז מען זיך ניט צונויפגעגאַנגען באַם בײַטן קנעפּלעך אָפּ שווינדל־גלאָז, איז דער כײַ

אדוינוי געפלויגן פון ביידע זײַטן. דאָס זעלבע פלעגט פּאַסירן באַם שפּילן די „לעכאָ דודי"־שפּיל, באַ צורקע פּאַלקע, באַם שלײַדערן די פּילקע.

די כיידער־ייִנגלעך האָבן שטענדיק געהאַט צו מיר טײַנעס און געהאַלטן אין איין צו־שטיין, אַז איך זאָל זיך ניט אויסטיילן פון זיי און שווערן, ווי אַלע שווערן, מיט גאָטס לעבן, מיטן לעבן פון טאַטע־מאַמע און מיטן אייגענעם לעבן. האָב איך זיך געאַמפּערט און געהאַלטן אין איין דערווײַזן, אַז מ'קאָן זיך ניט שווערן מיט גאָטס לעבן, ווײַל גאָט לעבט אייביק. און וועל איך ניט אויספּילן די שוווע באַם שווערן זיך מיטן לעבן פון טאַטע־מאַמע, קאָן איך, כאַסוועכאָלילע, בלײַבן אַ יאָסעם! דאָס זעלבע איז געפערלעך זיך שווערן מיטן אייגענעם לעבן, ווײַל וועל איך נאָר פאַרשניטן ווערן פון דער וועלט, וועלן דער טאַטע מיט דער מאַ־מען עס ניט אויסהאַלטן.

איך בין אײַנגעגאַנגען בלויז אַף דער סאַמע לײַכטסטער שוווע, וואָס טראָגט אין זיך ניט קיין שום סאַקאָנעס און קיין שום געפאַרן: אַזוי ווי מיר האָבן הײַנט דינסטיק אַף גאָר דער וועלט, אַזוי מעג מען זיכער זײַן, אַז איך וועל אויספּילן אַלץ, וואָס איך האָב צוגעזאָגט. איז געווען מיטוואָך, האָב איך אַלס אײדעס אַרויסגעשטעלט דעם מיטוואָך, איז געווען דאָנערשטיק, האָט דאָנערשטיק פאַרזיכערט, אַז אַזוי וועט עס זײַן. און אַזוי ווי איך האָב קיין איין טאָג ניט אונטערגעפירט, האָבן די כיידער־ייִנגלעך אָנגענומען מײַן לײַכטסטע שוווע ווי די האַרבסטע און האָבן מיך געלאָזט צורו.

די ליבע וואַרעמקײַט פון דעם אָפּן־אַויוון, וואָס האָט מיט מאַמישער צאַרטקײַט געגומען טריקענען מײַנע דורכגעווייקטע ביינער, האָט מיך גענומען פאַרוויגן און אײַנוויגן. דורך די זיך אַראָפּלאָזנדיקע ברעמען, דורך די אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שליסן און צומאַכן זיך, האָב איך געזען ווי די נעשאָמע מײַנע האָט זיך צעשיידט מיט מײַן גוף, זיך פאַרייניקט מיט אַלע ריינע נעשאָמעס און געפלויגן צוזאַמען מיט זיי איבערנעכטיקן די נאַכט באַם קיסיי־האַקאָוועד.

איבערגענעכטיקט בעשאָלעם, ווער איך ביספּאָעל פון גאָטס זיקאָרן, פון זײַנע בעריע־שאַפטן, צווישן אַלע נעשאָמעס אין גאָר דער וועלט מאַכט ער קיין טאָעס ניט, פאַרפּלאָנטערט ניט און קערט אום יעדן איינעם זײַן נעשאָמע. ער קערט זי אום אַ מער געלײַטערטע, מער רייך־אויסגעוואַשענע. איז וויאַזוי זשע לויבט מען אים ניט, איז וויאַזוי דאַנקט מען אים ניט? און איך דאַנק אים פון פולן האַרצן מיטן „מוידע אַני" פאַר אומקערן מיר מיט גרויס ראַכמים, גנאָד און ליבשאַפט מײַן נעשאָמע.

גאָט קלײַבט נאַכעס פון מײַנע רייד, און ער טראָגט מיר אונטער אַ גוטמאָרגן.

— אַ גוטמאָרגן דיר, קינד מײַנס! דו האָסט געהאַלטן וואָרט! דו האָסט אויסגעהאַלטן! שטענדיק זאָלן דײַנע מײַסים לעבן בעשאָלעם מיט דײַנע מאַכשאָווס!

נאָר ווי ווײַט איז דער כאָלעם פון דער וואָר. עס כאָלעמט זיך מיר, אַז איך בין וואַך און איך בין גאָר אײַנגעשלאָפן, אָבער ניט אַף לאַנג. אַ ווײַניק־זיסער רייעך קלעפּט זיך צו צו מײַנע ליפּן, דרינגט אַרײַן אין מײַנע נאָזלעכער, גייט זיך פאַנאַנדער טיף אינווייניק. די זיסקײַט פאַרפּלאָנטערט זיך אין מײַנע האָר, רינט אַראָפּ פון מײַנע פינגער און פאַרשווענקט מײַנע אויגן.

דער שלאָף ווערט פאַרוואָגלט. איך בין וואַך. עס קומט מיר אַרוף אַפן זינען דאָס, וואָס איך האָב געלייענט אין אַ מוסער־סייפער, אַז דער יעיצערהאָרע וואַרפט פאַנאַנדער מיטאַמאָל אַ סאַך נעצן: אַ נעץ פון רייכעס, אַ נעץ פון פאַרבן, אַ נעץ פון קלאַנגען. די זון גייט אוף און די זון פאַרגייט. באַם אופגייען און באַם פאַרגייען וועבט זי אויס אַ נעץ פון שטראַלן. דער הימל איז אַ נעץ פון אויבן, און די ערד איז אַ נעץ פון אונטן. יעדער שיינער בוים איז אַ נעץ, יעדעס שיין מענטשלעך פּאָנעם איז אַ נעץ! ס'איז אַזוי שיין, אַז מ'קאָן די שיינקײַט ניט פאַר־שווײַגן און מ'האַלט אין איין זאָגן, אין איין איבערכאַזערן:

— ווי שיין איז דער בוים!

— ווי שיין איז דער מענטש!

וואָס שענער, אַלץ טיפער פאַלט מען אַרײַן אין די נעצן, פון איין נעץ אַרויס און אין דער צווייטער אַרײַן!

און טאַקע דערפאַר, — שטייט געשריבן אין דעם מוסער־סייפער, — טאָר דער מענטש זיך אַליין ניט גלייבן ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. מ'קאָן אַ שאָ פאַרן טויט פון אַ צאַדיק ווערן אַ ראָשע און פון אַ ראָשע — אַ צאַדיק.

דער יעיצערטויוו איך איין קאָל:

— האַלט זיך! ראַנגל זיך!

איך צעפּאָכע זיך מיט די הענט און פּרווו פאַרטרייַבן די רייכעס, ווי מ'פאַרטרייַבט דעם רויך. איך מאַך צו די אויגן, פאַל מיטן פּאָנעם אין קישן אַרייַן און פּאַרטוליע מייַנע נאָזלעכער. די אָנגרייַפנדיקע רייכעס באַפאַלן מיך, ווי אַ שטורעם־ווינט, און קערן מיך איבער אַף דער פּלייצע. און ווי געשריגן, די פאַרשיידנפאַרביקע קייַקעלעך פליִען אַרויס פון דעם ווערעם־קרויט־סלוי, רייַסן אויף מייַנע ליפּן, עפענען מיט גוואַלד פאַנאַנדער דאָס מויל, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמע טוען עס, ווען איך וויל ניט אייַנעמען אַ ביטערע רעפואה, ווען איך בין קראַנק.

דער יעיצערטויוו פאַרשטעלט זיך פון בושע און צאַר דאָס פּאָנעם, און דער יעיצערהאָרע קוועלט. שווער איז נאָר מאַכן די ערשטע אווירע, דערנאָך גייט עס אַוועק ווי אַ מיזמער. איך אווירע שלעפּט די צווייטע. דער וועג איז פרייַ. דיקלעכע צוקערקעס, ווי פינגער באַ דערוואַקסענע מענטשן, מיט גראָבע לאַנגע הענט. און אַלע צו מיר, און אַלע אַף מיר! און אַלע באַפוילן! און אַלע רײדן זיי מיך אייַן: „פאַרזוך! עס! האָב האַנאָע. אַזאַ נאַכט קאָן זייַן אין לעבן בלויז איין נאַכט!“ איך האַלט שוין באַ דער דריטער צוקערקע, און די פערטע קלאָגט זיך פאַר מיר, און די פינפטע בעט זיך: „מיט וואָס בין איך ערגער פון די פריִערדיקע פיר?“ איך האָב קיין ברײרע ניט, איך עס! איך קייַ! איך שלינג!“

אָן אָנגעשטאָפּטער און איבערגעשטאָפּטער מיט זיסקייַטן, דערפיל איך, אַז אַלץ, וואָס עס איז אַרייַן אין מיר, קריכט אַף צוריק. עס ווערט אַזוי פריקרע זיס, אַז איך וואָלט זיך מעכייַע געווען מיט אַ געזאַלצן שטיקל הערינג, מיט אַ זויערער אוגערקע, מיט אַ ביסל האַרבן כריין און בריִענדיקן זענעפט. און ווי אַפּצולאָכעס ווערן סאַלאָמקעס ווי די שפּיזן אויסגעשטרעקט קעגן מיר. זיי נעמען מיר שטיקן און וואַרגן, ווי בייַנער פון פיש און פון פלייש צוזאַמען זאָלן זיך מיר שטעלן אין האַלדז.

איך האַלט ניט אויס און הייב אָן שרייַען מיט די לעצטע קויכעס:

— זיידע, ס'איז מיר שאָפל, ס'איז מיר ניט גוט, זיידע, ראַטעווע מיך!

דער זיידע כאַפּט זיך אויף ניט טויט און ניט לעבעדיק, כאַפּט מיך אַראָפּ פון דעם אָפּן־אויוון און דריקט מיך פעסט צו זיך.

— וואָס איז מיט דיר, מייַן קינד? מיר פאַר דייַנע בייַנער!

און אײדער איך האָב באַוויזן ענטפערן, און אײדער איך האָב זיך געוואָלט מיסוואַדע זייַן אַף מייַנע זינד, האָב איך גענומען ברעכן מיט אַזויפיל זיסקייַט, אַז די גאַנצע שטוב איז זיס געוואָרן, ווי זי זאָל זייַן געבויט פון צוקער און צוקערקאַנדל. די זיסקייַט האָט ווי אַ פאַרע געזעצט פון אַלע זייַטן, זיך געריסן דורכן קוימען און דורך די שפּעלטעלעך פון די קליינע פענצטערלעך. אין דער נאַכט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז גאַנץ זאַליעסיע, די גאַנצע וועלט איז נאָך אַזויפיל ביטערקייַטן מיטאַמאָל זיס געוואָרן.

די באָבע דאָסל האָט זיך אופגעכאַפּט ניט טויט און ניט לעבעדיק און דערזען, ווי דער כאָלעם, וואָס האָט זיך איר אַ גאַנצע נאַכט געכאָלעמט, אַז איר אייניקל איז געוואָרן אַ רוי־בער און צום אָלעם ערשטן באַרויבט זייַן באָבע און זייַן זיידן, איז מעקויעם געוואָרן. זי פאַרברעכט די הענט, און ווײ און ווינד באַגלייטן יעדעס וואָרט אירס:

— ווײ איז מיר און ווינד! הייַנט זעסטו שוין, אַז דו, דער קלוגער יאַנקעוו־מוישע, איז געבליבן באַם נאַר, אַז איך בין גערעכט געווען. זע נאָר, ווי דער טאַכשיט ברעכט. ניט אַנדערש, אַז ער האָט אייַנגעשלונגען דעם גאַנצן אָפּן־אויוון, ווײ איז מיר און ווינד. ער ברעכט דען מיט גרינער גאַל? ער ברעכט דאָך מיט קאָפּעקעס, מיט גריוויִנקעס, מיט האַלבע און גאַנצע קערבלעך, ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אין איין העמד, געמאַכט אונדז פאַר האָלישן, פאַר אָרעמעלייַט, פאַר ווּעמען עס איז געבליבן בלויז איינס — גיין איבער די הייַזער.

מיר איז געוואָרן גרינגער. איך האָב אופגעהערט ברעכן. דער „מיר איז שאָפל“ איז געוואָרן שטילער און רויִקער, און דער „אוי ווײ, מאַמע“ איז געווען אַ מער זיך פעסטנדיקער, אײדער אַן אויסגעשריי נאָך הילף. איך האָב זיך דערפילט ווי אַ נייַ־געבוירענער, וואָס זעט אַלץ ווי צום ערשטן מאָל. וואָס מער איך האָב איבערגעכאַזערט „אוי ווײ, מאַמע“, איז די מאַמע מיר געוואָרן ליבער און טייַערער. איך האָב נאָך קיינמאָל ביז דאַן ניט אַרויסגעבראַכט דאָס ליבסטע וואָרט פון אַלע ווערטער מיט אַזאַ מילדקייַט, מיט אַזאַ ליבשאַפט און מיט אַזאַ מעסיקעס. דאָס איז געווען פאַרן זיידן דער סאַמע פאַסיקסטער מאָמענט אַף זיך אָפּצורעכענען מיט דער באָבען. דער זיידע האָט גערופן צוהילף די כאַכאָמים:

— די כאַכאָמים אונדזערע זאָגן, — די רויִקייַט פון דעם זיידנס שטים האָט פאַרשטאַרקט די אומרויִקייַט פון דער באָבען, וואָס איז גרייט געווען אויסהערן דאָס סאַמע ערגסטע, — זיי זאָגן, אונדזערע כאַכאָמים, אַז ווער עס ראַטעוועט דאָס לעבן פון איין נעפעש, איז גלייַך ווי ער האָט אַ נייַע וועלט באַשאַפן, און ווער עס מאַכט כאָרעוו אַן איין־און־איינציק לעבן

אפילו, איז גלײַך ווי ער האָט כאַרעוו געמאַכט א וועלט. דו, דאָסל, געהערסט צו די אומ־ברעגנער, צו די כאַרעווומאַכערס. און מישפּעטן און שטראָפן וועט מען דיך ווי פאַר דער זינד איבער אַלע זינד — פאַר אומברענגען א וועלט.

דאָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף דער באָבען, אַז זי האָט זיך צעוויינט הויך אויף א קאָל מיט א ביטער געוויין, זי האָט גענומען ציטערן, ווי א צאָן אין א צאַן האָט בא איר גע־קלאַפּט. זי האָט מיך גענומען קושן און בעטן בא מיר מעכילע, זי האָט אויך מעכילע געבעטן באַם זיידן:

— זײַט מיר מויכל! זײַט מיר מויכל! א נאַרישע יידענע, וואָס קאָן איך טאָן, אַז די קאַרגשאַפט זיצט אין מיר, ווי א דיבעק, און דער דיבעק האַלט אין איין פאַרמערן מײַנע זינד, אין איין פאַרגרעסערן מײַנע אווירעס. זײַט מיר מויכל! זײַט מיר מויכל!

אין דער סאַמע ציטערנישׁ פון מעכילע בעטן איז דער באָבע דאָסל געוואָרן ניט גוט און זי איז געפאַלן אין כאַלאָשעס. דער זיידע און איך האָבן זי געראַטעוועט, זי געוועקט מיט כאַלאָשעס־טראָפּן, באַשפּריצט מיט קאַלטער וואַסער, דערלאַנגט איר וואַלעריאַן־טראָפּנס אויף צו באַרויִקן דאָס האַרץ. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געהאָלפן, ביז דער זיידע און איך האָבן איר געגעבן א טקיִעס־קאַף און עטלעכע מאָל אויף א קאָל איבערגעכאַזערט:

— מיר זײַנען דיר מויכל! מויכל בימכילע גמורע! מויכל! מויכל!

און נאָך דער מעכילע איז ווידער געווען גלײַך ווי די באָבע האָט קיינמאָל קיין מעכילע ניט געבעטן, און ווידער האָט דער דיבעק פון קאַרגשאַפט געאַרודעוועט אין איר.

די צוזאַמענשטויסן פלעגן פאַרקומען באַזונדערס כאַנעקע באַם כאַנעקע־געלט געבן, פּו־רים בא שאַלאַכמאָנעס שיקן און יאָמקיפּער פאַר קאַלנידרע טיילן צדאָקע אַרעמעלײַט. יעדער צוזאַמענשטויס האָט דעם זיידן געגעבן גענוג שטאָף אויף צו דערווײַזן מיר, אַז קאַרגשאַפט איז די ערגסטע מידע פון אַלע מענטשלעכע מידעס. נאָך יעדן צוזאַמענשטויס האָט דער זיידע אופגעמישט פאַר מיר א נײַ בלעטל וועגן דער געמיינקײַט, וועגן דער פאַרדאַרבנקײַט, וואָס די קאַרגשאַפט ברענגט מיט זיך:

— א קאַרגער קאָן ניט זײַן קיין גוטער, קאָן ניט ליב האָבן בעעמעס א צווייטן, די קלענסטע מאַטבייע שטייט בא אים העכער פון דעם העכסטן מענטשן. מיט א קאַרגן איז גע־פערלעך זיך לאָזן אין א ווײַטן וועג. ווען דו וועסט אויסגיין פון א טרונק, וועט ער דיר זשאַלעווען א טראָפּן פון זײַן וואַסער אויף אָטכײַען דיך, ער וועט טײַנען, אַז ער איז בילכער, דער וועג איז נאָך ווײַט, און נאָך ניט איין מאָל וועט אים אויסקומען דורכנעצן זײַן אויסגע־טריקנטן גאָרגל מיט א זופּ, מיט א טרונק.

דער זיידע פירט מיך איבער די וועגן, איבער וועלכע איך בין שוין דורכגעגאַנגען, איבער די צײַטן, וואָס זײַנען מיר שוין גוט באַקאַנט פון כומעש, פון די ערשטע און פון די לעצטע נעווייִם. ער ברענגט מיר קיין סדאָם און אַמוירע, די צוויי שטעט, וואָס האָבן געדינט ווי די צוויי גרעסטע מיסטקאַסטנס אין דער וועלט פאַר קאַרגשאַפט און אַכזאַריעס. אַהער, אין די צוויי שטעט, זײַנען פאַרטריבן געוואָרן די קאַרגסטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשיי־דענע מעדינעס, שטעט און דערפער, דאָס זײַנען געווען צוויי מיכוץ־לעמאַכנע־שטעט, ווי פאַר די קרעציקע, פאַר די אומרייִנע און רינענדיקע, אַז זיי זאָלן פאַרשפּרייטן זייער געפערלעכע קרענק.

יאָ, דאָס בייז פון סדאָם און אַמוירע האָט זיך אָנגעהויבן פון קאַרגשאַפט, און אין זייער אומגאַנגס־לאָשן זײַנען געווען אויסגעמעקט די ווערטער פון ליב האָבן דעם כאַווער ווי זיך אַליין, בײַשטיין אין נויט, קומען צוהילף, ראַטעווען, זיך טיילן און אַנטלײַען. אפילו א בײַ־סעלע זאַלץ, דאָס סאַמע וואָלוולסטע אויף דער וועלט, האָט מען געזשאַלעוועט. און פון זאַלץ איז אַריבער צו אַלץ — די סדאָם־ און אַמוירע־לײַט האָבן ניט געקאָנט פאַרלײַדן קיין שיינע, קיין גוטע און קיין קלוגע. זיי האָבן פײַנט געהאַט הויכע, ווײַל צו באַטראַכטן א הויכן פון אַלע זײַטן דאַרף מען אַליין העכער ווערן, זיך שטעלן אויף די שפּיץ פינגער, אופהייבן דעם קאָפּ, אַז די בליקן זאָלן שטײַגן אַלץ העכער און העכער.

ניט בעסער זײַנען די נידעריקע — פאַר אַזעלכע באַדאַרף מען אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, און דאָס קאָן אויסגעטײַטשט ווערן אַלס האַכנאָע, אַלס אָפּגעבן קאָוועד.

אָנקוקן האָבן זיי ניט געקאָנט קיין דיקע: אויף צו פּײַניקן און מיימעסן אַזעלכע לײַט באַ־דאַרף מען פאַטערן א סאַך קויכעס. נאָך ערגער איז מיט די דאַרע און קוואַרע: אין זען מיט א פּוסט איבערן קאָפּ, און זיי גיבן אָפּ די נעשאָמע. און וואָס פאַר א האַנאָע איז דאָס, וואָס פאַר א פאַטעכע, אַז מ׳קאָן זיך ניט אָנזעטיקן מיט דעם פאַרגעניגן פון צוקוקן, ווי דער גע־שלאָגענער ראַנגלט זיך אין קראַמפּן, שרײַט און בעט ראַכמים.

אַלע טאָג פֿלעגן די סדאָם־ און אַמוירע־לײַט זיך לאָזן איבער די װײַטסטע װעגן אַף געפֿאַנג. מ׳האָט געזוכט און גענישטערט אַ דורכגײער אַף אויסצופּרוּװן איבער אים די נײַע צוגעטראַכטע מיסעמעשונעס. מ׳האָט געמוזט לאַנג זוכן, װײַל ס׳זײַנען שױן ניט געװען אַזעלכע, װאָס זאָלן מיט אײגענעם װילן פֿאַרקערעװען אין די צװײ שטעט.

האָט מען געפֿאַקט אַ שײנע פֿרוי — האָט מען זי נאַקעט אויסגעטאָן, אויסגעשמירט זי פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין האָניק, אַז די בינען זאָלן בײַסנדיקערהײט אַרויסבײַסן פֿון איר די נעשאָמע.

איז אין די הענט אַרײַנגעפֿאַלן אַ שײנער מאַנצבל — האָט מען ניט געװוּסט, מיט װאָס פֿאַר אַ מיִעסקײַט אים מיִעס מאַכן. צום אַלעם ערשטן פֿלעגט מען אים אַרויסהאַקן די צײן, דערנאָך אויסקרימען דאָס מױל, בײדע אויערן מיט אַ שטיק נאָז אָפּשנײַדן, און אַז דאָס אַלץ זאָל באַשפּילט װערן מיט אַ שרעקלעכער כריפּערײַ, פֿלעגט מען אים אָפּשלאָגן די לונגען.

אַלץ איז בײַ זײ געװען מיט אַ מאָס און מיט אַ װאָג. קײנער פֿון די זיך אַרײַנגעפֿאַקטע האָט ניט געטאָרט זײַן לענגער אָדער קירצער פֿונעם סדאָם־בעטל. איז עס געװען אַ צו לאַנגס, װאָס האָט זיך ניט אײַנגעפּאַסט און זײַנע פֿיס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען, האָט מען זײ געהאַלטן אין אײן אונטערהאַקן. און װײ און װינד איז אױך געװען דעם קורצן — מ׳האָט אים געצױגן און געצױגן, מ׳האָט אים געצױגן אַזױ לאַנג, ביז מ׳האָט אים אויסגעגלײַכט מיטן בעטל און אַרויסגעצױגן פֿון אים די נעשאָמע.

איך פֿאַרשיט דעם זײדן מיט פֿראַגן. װאָס מער פֿראַגן, אַלץ מער דערפֿילט זיך דער זײדע װי אַ געניטער שװימער, װאָס פֿאַרשװוּמט אין די טיפֿע װאַסערן.

— סדאָם און אַמוירע, — קומט דער זײדע צום אויספֿיר, — זײַנען אופגעריסן געװאָרן און אװעק מיטן פֿײַער פֿון זיך אַלײן, פֿון דער איבערגעלאָדנקײַט מיט קאַרגשאַפֿט, אַכזאָריעס, בײז און רישעס. צום גרױסן אומגליק, איז דער אַש זײערער זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלױגן און האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשאָטן איבער גאָר דער װעלט, און װי נאָר ער איז געפֿאַלן, איז ער געפֿאַלן אַף אַ גינסטיקן פֿעטן באָדן. די קאַרגשאַפֿט און דאָס בײז האָבן קײנמאָל ניט געװוּסט פֿון קײן אומגערעטעניש, באַזונדערס האָבן זײ זיך פֿאַרשטאַרקט, װען אַף דער װעלט זײַנען אופגעקומען רײַכע און אָרעמע, האַרן און קנעכט.

דער זײדע פֿאַרטראַכט זיך אַף אַ װײַלע װעגן דעם װײַטערדיקן העמשעך, װאָס ער האָט צו זאָגן פֿאַר מיר, און װען ער כאַפּט זיך אָן אין נײטיקן פֿאָדעם, װאָס קניפּט זיך מיט דעם נאָרװאָס פֿאַרענדיקטן און לאָזט זיך שפּינען װײַטער, גיט ער פּלוצעם אַ פֿרעג:

— דעם מאָשל פֿון נאָסאָן האַנאָװי, װאָס ער האָט אויסגעניִמשלט פֿאַר דאָװיד האַמײלעך, געדענקסטו?

— איך געדענק! איך געדענק! — און איך צעװאַרעם, צעזאָג און צעזינג זיך, װי שאַבעס נאָך װאַרמעס, װען דער זײדע פֿאַרהערט מיך די סעדרע פֿון דער װאָך.

דאָװיד האַמײלעך דער טילים־זאָגער, דער שירמיזמויר־זינגער און לאַמנאַצײעך־שפּילער, װאָס האָט געשפּילט אַף אַלע קײלים, האָט געהאַט אַ סאַך װײַבער און קעפּס־װײַבער און ס׳איז אים אַלץ װײניק געװען. און אָט אין אײנעם אַ פֿאַרנאַכט, װען ער האָט שפּאַצירט אַפֿן דאַך, האָט ער דערזען, װי אַ שײנע פֿרוי װאַשט זיך. האָט ער גלײַך באַפֿױלן זיך דערװיסן, װער זי איז. געװען איז עס באַשעװע, די טאָכטער פֿון עליִאָם, די פֿרוי פֿון דעם מילכאָמע־עלטסטן אוריאָ האַכיטי. האָט דער קײסער פֿאַרלאַנגט, מ׳זאָל זי ברענגען צו אים, און זי איז געװאָרן זײַן װײַב. נאָך דעם, װאָס ס׳איז זיך פֿאַרלאָפֿן, האָט דאָװיד אָפּגערופֿן פֿון שלאַכטפֿעלד אוריאָ האַכיטי, באַשעװעס מאַן, און אים פֿאַרגעלײגט עטלעכע טעג אָפּרוען אינדערהײם און זײַן מיט באַשעװען. געטאָן האָט ער עס, אַז ס׳זאָל ניט פֿאַלן אַף אים קײן פֿלעק, דער מינדסטער כשאַד.

אוריאָ האַכיטי האָט ניט געפֿאָלגט דעם קײסער און איז ניט געגאַנגען צו זיך אַהײם, ער האָט זיך ניט פֿאַרגינט שלאָפֿן אַף זײַן געלעגער, װען די סאָלדאַטן מיטן פֿאָלקנפֿירער יויאָװ נעכטיקן אַף די שלאַכטפֿעלדער. דאַן האָט דער קײסער דאָװיד באַפֿױלן יויאָװן אַװעקשטעלן אוריאָ האַכיטי אַף די פֿאָדערשטע שלאַכטן און טאָן אַלץ, אַז ס׳זאָל אין אים גלײַך טרעפֿן דעם סוינעס אַ פֿײַל. דער באַפֿעל איז גלײַך אויסגעפֿילט געװאָרן. דאַן איז דער נאָװי נאָסאָן געקומען אַן אופֿגעבראַכטער און אופֿגעצאָרנטער צו דאָװידן און אים דערצײלט דעם מאָשל װעגן רײַכן און אָרעמען, װעלכע האָבן געװױנט אין אײן שטאָט.

דער זײדע שלאָגט מיך איבער און דערקלערט מיר, אַז װען דער נאָװי נאָסאָן האָט געװאָלט אויסדריקן דאָס ערגסטע אינעם מענטשן, האָט ער אויסגעקליבן קאַרגשאַפֿט און אַרויסגעשטעלט דעם קאַרגן גזױר. דעם זײדנס פֿײַערעש גיט מיר צו מוט. ער דערװײַזט, אַז

איך פאַרפעל גאָרניט און גיי אַפּן ריכטיקן וועג. און איך זעץ פאַר מיט אַ מער לוויטערער שטים, מיט אַ ברייטערן און טיפן אָטעם.

צוויי מענטשן האָבן געווינט אין איין שטאָט. איינער אַ רײַכער און איינער אַן אָרעמער. באַם רײַכן זײַנען געווען שאָף און רינדער זייער אַ סאַך, און באַם אָרעמען איז גאָרנישט ניט געווען, אויסער איין קליין שעפעלע, וואָס ער האָט געקויפט. האָט ער דעם דאָס לעבן אוועקגעגעבן, און ס'איז געוואַקסן צוזאַמען מיט אים און מיט זײַנע זין. פון זײַן ברויט האָט עס געגעסן, פון זײַן גלאָז האָט עס געטרונקען, אין זײַן שויס איז עס געלעגן, און ס'איז געוואַקסן בא אים ווי אַ טאָכטער.

איז אַ גאַסט געקומען צום רײַכן, האָט ער געזשאַלעוועט נעמען פון זײַנע שאָף און רינדער אַף צוגרייטן אַ מאָלצײַט, און ער האָט גענומען דאָס שעפעלע פון דעם אָרעמאַן און עס צוגעגרייט צוליבן גאַסט, וועלכער איז געקומען צו אים. איז דאָוויד שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אַף דעם מענטשן און געזאָגט צו נאָסאָנען:

— כאַי אַדוינוי — איך שווער בא גאָטס לעבן, אַז אַ מענטש, וואָס האָט אַזוינס געקאָנט טאָן, דאַרף געטויט ווערן.

האָט נאָסאָן געזאָגט צו דאָווידן:

— אתּה האִיש![1], דאָס ביסטו דער מענטש.

— יאָ, יאָ, — איז דער זיידע אַזוי שטאַרק דערשיטערט, ווי ער זאָל באַרוואָס זיך דער־וויסן וועגן אָט דער געשיכטע, — יאָ, יאָ, וואָס מער דיר וועט אויסקומען צו לעבן אַף דער וועלט, אַלץ מער וועט דיר אויסקומען אויסשרײַען יעדן פאַרדאַרבענעם קאַרגן מענטשן גלײַך אין פּנים אַרײַן „אַתּאַ האִיש, — דאָס ביסטו אָט דער מענטש!" ווער ווייסט, — גיט דער זיידע אַ טיפן זיפץ, — ווען מענטשן וועלן זיך קאָנען באַגייען אָן נאָסאָן האַנאָווויס מאָשל און נישמל, אָן זײַן האַרצרײַסנדיקן אויסגעשריי „דאָס ביסטו דער מענטש! דער מענטש, וואָס איז קיין מענטש ניט! דאָס ביסטו און אַזעלכע, ווי דו".

ווי ווײַט ס'איז פונעם כומעש, פון די ערשטע און לעצטע נעוויִים ביז די טאַנאָים און אַמויראָים. און אויך זיי, די דורכזויכיקע כאַכאָמים, די רײַפע זקיינים און טיף פאַרשטאַנדיקע, האָבן דעם סימען פון קאַרגשאַפט אַרויסגעשטעלט פון די ערשטע סימאָנים אַף צו דערקענען דעם מענטשן:

— אָדם נכר בכוסו בכיסו, ובכוסו[2] — דעם מענטשן דערקענט מען לויט זײַן קאָס, לויט זײַן טרינקען, זשליאָקען און זויפן, לויט זײַן קאָס און לויט זײַן טײַסטער...

ס'איז ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן זיך געשפּילט מיט ווערטער, זיי זײַנען דער עמעס פון אַלע עמעסן, דאָס זײַנען די דרײַ פאַרשיידענע שיקרעסן, וואָס מאַכן דעם מענטשן פאַר אויס מענטש!

און מיר געפעלט גראָד די שפּיל פון וואָרט, און איך פאַרשפּיל זיך מיטן בעקויסוי, בע־קאַסוי אוּווקיסוי און קײַך פון געלעכטער.

— זייער גוט, מײַן קינד, וואָס דו לאַכסט, — קוועלט מיט דער זיידע, — עס זײַנען גע־ווען אַזעלכע, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ פערטן סימען — געלעכטער, דעם שענסטן סימען, וואָס וועגט אַריבער די אַלע דרײַ מיִעסע סימאָנים. לאַכן קאָן בלויז דער מענטש. ווײַנען קאָן אַ קינד, וואָס איז נאָרוואָס געבוירן געוואָרן, און לאַכן הייבט ער אָן, ווען ער קאָן אונטערשיידן פון פינצטערניש ביז ליכטיקײַט, פון אַ וואָרעמען בליק ביז אַ קאַלטן, פון אַ שמייכל ביז אַ בייזער שטומעניש, פון אַ האַרציק־אָפּריכטיק וואָרט, וואָס קלינגט מיט אַלע זיסע קלאַנגען, ביז אַ וואָרט, וואָס איז ווי אַ ליידיקע סאָסקע, וואָס גיט ניט אַרויס פון זיך קיין טראָפּן מילך, קיין טראָפּן וואַסער.

געלעכטער — דאָס איז די קרוין פון דער מענטשלעכער נעשאָמע!

געלעכטער איז דער סאַמע מאַימכאַימדיקסטער קוואַל פון סימכע, וואָס פרישט אָפּ, וואָס פאַרשטאַרקט די ליבע צום מענטשן און די טײַווע צום לעבן.

און ווידער פראַגן, און נאָכאַמאָל פראַגן. מיך קימערט שטאַרק, וואָס די מאַמע לערנט מיך שטענדיק שפּאָרן. איך וועל עס גאָרניט אויסהאַלטן, אויב איך וועל עס אַנטפּלעקן פאַרן זיידן און ער וועט אַ זאָג טאָן, אַז דאָס עפּעלע קאַטשעט זיך ניט אָפּ ווײַט פונעם ביימעלע, אַז שפּאָרן — דאָס איז דער אָנהייב פון קאַרגשאַפט.

סאָפּקאָלסאָף וואָג איך און איך פרעג, און דער זיידע זאָגט מיר, אַז די מאַמע איז גע־רעכט. סײַ דער זיידע, סײַ די מאַמע וואַקסן אויס אין מײַנע אויגן. איך כאַפּ אַרום דעם

[1] אתּאַ האִיש.
[2] אָדאָם ניקאַר בקויסו, בעקאַסו, אוּוּביסו.

זיידן, איך האַלדז אים, איך קוש אים. איך פֿיל זיך שולדיק פֿאַר דער מאַמען אין כוישעד זײַן זי אין אַזאַ זינד, און איך לאָז די מאַמע פֿון מויל ניט אַרויס: „מאַמע! מאַמע! מאַמע!"

— די מאַמע איז גערעכט! אַוודע איז זי גערעכט! — כאַזערט איבער דער זיידע עטלעכע מאָל און דערווײַזט מיר, אַז מ'טאָר ניט צונויפֿפּלאָנטערן שפּאָרן מיט קאַרגן.

די זאַליעסיער אָרעמע פּויערים, די טשערנאָבילער באַלמעלאָכעס און אָרעמע קרעמלעך זײַנען קיינמאָל ניט זיכער מיטן מאָרגן. די דײַגע פֿאַרן קומענדיקן שאַבעס אין טשערנאָביל הייבט זיך אָן זונטיק, און אין זאַליעסיע הייבט זיך אָן די דײַגע פֿאַרן קומענדיקן זונטיק — מאָנטיק.

גלײַך נאָך געזונט גייט בײַ ייִדן די בראָכע פֿון פּאַרנאָסע — געזונט און פּאַרנאָסע! אָן אָט די צוויי בראָכעס קומען אַלע קלאָלעס פֿון דער וועלט און מ'ווערט פֿאַרשניטן פֿאַר דער צײַט.

נאָך אין די צײַטן פֿון די טאַנאָים און אַמויראָים האָט מען פּאַרנאָסע פֿאַרגליכן צו קריִעס יאַם־סוף, וואָס איז קימאַט ווי אַן אומגלייבלעכער נעס. קשה פּרנסה כקריעת ים סוף[1] — שווער איז די פּאַרנאָסע, ווי שווער עס איז געווען דאָס צעריסן ווערן פֿון דעם יאַם־סוף.

— אין אַלע אומשטענדן דאַרף אָבער דער מענטש זײַן אַ מענטש, — לערנט מיך דער זיידע. — שרעקלעך איז דעם קאַפּצן, וואָס שלעפּט אַף זיך דעם קאַפּצן, און שיין זײַנען די טריט פֿון דעם קאַפּצן, וואָס אַנטלויפֿט פֿון דעם קאַפּצאָנישן, וואָס אַ מאַקע ווערט וויסן יענער, וואָס עס טוט זיך בײַ אים אינווייניק.

דאָס פֿאָלק זאָגט, אַז די העכסטע מענטשלעכע מידע דערגרייכט יענער אָרעמאַן, וואָס קראַצט די פּלייצע בײַ אַ צווייטן אָרעמאַן, קראַצט יענעם, ווען אים אַליין הערט ניט אויף צו בײַסן.

אַ שטאַרק אופֿגעלייגטער, נעמט דער זיידע צונויפֿדרייען אַ דין פּאַפּיראָסל פֿון שמעקנדיקן טאַבאַק לעקאָוועד די, וואָס רופֿן אַרויס דערהעכערעץ צו זיך. וואָלקנדלעך רייעכניכויעכדיקער רויך גייט זיי אַנטקעגן און ברענגט זיי פֿון דער ווײַט אָן פֿון דער נאָענט.

אין איינער אַן אַגאַדעטע ווערט דערציילט וועגן זייער אַ פֿאַראָרעמטן הויזגעזינד, וואָס האָט אין איינעם אַ שיינעם פֿרײַטיק אויסער ליידיקע טעפּ און טשוהונעס ניט געהאַט וואָס אַרײַנצושטעלן אין אויוון לעקאָוועד שאַבעס. דער אויוון אָבער איז געווען אײַנגעהייצט, און דער רויך פֿון קוימען איז ניט אָפּגעשטאַנען פֿון אַלע רויכן. געטאָן געוואָרן איז עס צוליב דעם, אַז קיינער זאָל אַפֿן אָרעמען הויזגעזינד קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן און ניט באַנעבעכן פֿון אַלע זײַטן מיט נעבעכן — אַ קוימען אָן רויך איז בלויז בײַ אַ ניט געהייצטן אויוון, אַז הייצט זיך ניט, איז אַ סימען, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו קאָכן, און אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו קאָכן, איז ניטאָ וואָס צו עסן, און וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער און כאַרפּעדיקער, איידער אַ הונגעריקער שאַבעס?

— דאָס איז געווען אַמאָל, און אויך איצט, אין אונדזערע צײַטן, — קוויקט זיך דער זיידע, וואָס די געשיכטע וועגן שטאָלצע קאַפּצאָנים ווערט פֿאַרגעזעצט, — איך ווייס אין טשערנאָביל איינעם אַ שנײַדער אַ לאַטוטניק, וואָס באַגייט זיך אַ גאַנצע וואָך מיט אַ טרוקן שטיקל שוואַרץ ברויט און מיט אַ ביסל פּיסנעם זופּ, אַז אַף שאַבעס זאָל ער קאָנען נעמען אָן אוירעך און אים מעכאַבעד זײַן מיט פֿלייש און מיט פֿיש.

צווישן די טשערנאָבילער אָרעמלײַט, וואָס רײַסן פֿון טויטע און לעבעדיקע, זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס יעדן יאָמקיפּער פֿאַר קאָלנידרע גיבן זיי זייערע באַשטענדיקע עכטע קאַליקעס מײַסער אַ צענטכיילעק פֿון זייערע צונויפֿגעקליבענע נעדאָוועס.

גאָלד שײַנט אַפֿילע פֿון בלאָטע אַרויס.

די טעמע קאַרגשאַפֿט און קאַרגע זײַנען באַם זיידן געווען אומויסשעפּנדיק, יעדע געשיכטע האָט זיך געהאַט איר באַזונדער שניט, איר באַזונדער גאַנג. אַפֿן איצטיקן לאָשן וואָלט עס געהייסן, אַז די טעמע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע זשאַנרען. אַ באַזונדער אָרט האָבן פֿאַרנומען די זשאַנרען פֿון סאַטירע און הומאָר. דער קויעך פֿון געלעכטער, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפֿילע די באָבע דאַסל, וואָס איז ווײַט געווען פֿון די לאַכנדיקע און איז קאַרג געווען אַף אַ שמייכל, האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און מיטגעלאַכט צוזאַמען מיט אונדז, מיטן זיידן און מיט מיר.

איינע און די זעלבע געשיכטע פֿלעגט דער זיידע פֿון מאָל צו מאָל דערציילן אַנדערש, און ס'איז ניט געווען צו דערקענען, אַז דער זיידע האָט עס שוין דערציילט און מ'האָט עס שוין געהערט פֿון אים.

---

[1] קאָשאָ פּאַרנאָסאָ קעקריִאַס יאַם סוף.

דאָס האָט מיר דערנאָך, ווען איך בין עלטער געוואָרן, געגעבן דאָס רעכט כּוֹשעד זײַן דעם זיידן, אַז ער אַליין איז געווען איינער פון יענע אַנאָנימע אוטאָרן, פון וועמען עס האָט געשלאָגן דער טיפער קוואַל פון פאָלקס-חכמה, פון פאָלקס-שאַרפזין און כּוונעק, אַז ער איז געווען איינער פון יענע אַרײַנבערענגער און אַרויסבערענגער, וואָס האָט באַפרוכט דעם ייִדישן פאָלקלאָר.

דער זיידע האָט אַלץ באַשפּילט, און דורך דעם פלעגט אויסשפּילן יעדע געשיכטע, יעדע דערציילונג, יעדעס שטאָך-וואָרט און גלײַכוואָרטל. האָט ער אויסגעבריִעט, אַז דער קאַרגער עסט אויך מיט אַ גאָפּל און טרייסלט נאָך אָפּ, האָט איר געזען פאַר זיך דעם קאַרגן, דעם גאָפּל, וואָס זעט אויס ווי אַ צעלעכערטע נעץ, וואָס קען גאָרניט פאַנגען.

דער זיידע גיט אַ פאַרשטעקל מיט ביידע הענט זײַן באָרד, דאָס פּנים זײַנס ווערט פול מיט קנייטשן, און יעדער קנייטש איז אַ באַזונדער טײַנע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון אַ זיבעציקיאָריקן קעלכנדל. די ייִדענע טײַנעט צום באַשעפער, אַז דאָס לעכל פון האַלדז איז גאָרניט אזא קליין לעכל, זי פאַרשלינגט דאָס הויז מיטן דעכל. לויט איר מעטאָדע און אַלפי איר סייכל האָט דאָס לעכל באַדאַרפט זײַן צען מאָל קלענער. אויך וועגן מאָגן האָט זי וואָס צו זאָגן — ס'איז דאָך אָן אַ קישקע אָן אַ דנאָ, וואָס איז געגליכן צו אַ ייִדן-טעפּל, וואָס וויפל מ'זאָל ניט גיסן, אַלץ מער דאַרף מען דערגיסן און דערגיסן. און נאָך אַ טײַנע, און ווידער אַ טײַנע, אַלעמיי אַ קאָפּעקע איז ניט ווי אָן איי, מ'זאָל אוועקלייגן איינע און באַקו־מען צוויי.

פאַר דער באַשפּילטער ייִדענע רײַסט דערנאָך דעם זיידנס האַרץ, און ער געפינט אויס פאַר איר אין זכות נאָכן צווייטן, ווי ער געפינט אויס פאַר דער באָבע דאָסל. אַ דרײַערל איז פאַר איר אָפּט אַזוי שווער צו באַקומען, ווי אין אַ מידבר זיך דערשלאָגן צו אַ קוואַל. אַ לעבן, אַז זי האַלט אין איין בעטן באַם אייבערשטן, זי זאָל צו קיין מאָעסכּיטים ניט באַ־דאַרפן אָנקומען און ניט געבראַכט ווערן צו קווורע אין פרעמדע טאַכריכים.

נאָר וואָס איז שײַעך גווירים קאַמצאָנים, האָט דער זיידע פאַר זיי קיינמאָל ניט אויס־געפונען קיין זכות, און וויפל ער האָט זיך געקילט דאָס האַרץ אין זיי, האָט ער עס אַלץ ניט געקאָנט אָפּקילן.

ביז גאָר בעריעש פירט אַרויס דער זיידע אַ נאָגיד אַ קאַמצן, וואָס איז אַ באַלבעכי — אַ ווײַנער. זאָגט ער אַ קאַפּיטל טילים — ווײַנט ער, דערציילט מען אים, ווי גאַזלאָנים זײַנען באַפאַלן אַ נאָגיד און איבערגעלאָזט ווי די מאַמע האָט אים געבוירן — ווײַנט ער, דערוויסט ער זיך וועגן אַ כּוילע מעסוקן — ווײַנט ער, קלאַפּט ער זיך אַלכעט און טוט טשוווע — ווײַנט ער.

דער זיידע גיט פּלוצעם אַ סווישטש, אַ סווישטש און אַ פײַף, אַ הודע און אַ ברום — אַ זאַווערוכע האָט זיך צעזאַווערוכעט, אַ קאַלטע פראָסטיקע נאַכט, ציטערט אויף דער זיידע און קאַרטשעט זיך אײַן אינדרײַען. ער ווערט אויס זיידע, ער ווערט אָן אָרעמאַן, וואָס איז אַ פאַר־צוקונג צווישן די בײַסיקע ציינער פון דעם פראָסט מיט דער זאַווערוכע: „עפנט! עפנט! — קלאַפּט דער אָרעמאַן אין פענצטער פון דעם באַלבעכי. — איך ווער פאַרפרוירן!“

„ווײַ איז מיר, סאַראַ גרויסער ראַכמאָנעס ס'איז אָף אים!“ — צעווײַנט זיך דער באַלבעכי.

„וואָס ווײַנסטו? — זאָגט אים די פרוי זײַנע, — עפן אויף די טיר און ראַטעווע דאָס לעבן פון דעם פאַרפרוירענעם אָרעמאַן“.

„וואָס זאָגסטו אָף דער כאָכמע, — צעבייזערט זיך דער באַלבעכי, — אַז איך וועל עפענען די טיר און אָפּראַטעווען דעם אָרעמאַן, וועל איך דאָך אופהערן ראַכמאָנעס האָבן. איז וואָס פאַר אַ פּאָנעם וועל איך דאַן האָבן? אַ ייִד אָן ראַכמאָנעס איז דאָך גאָר קיין ייִד ניט“.

דעם זיידנס שטים ווערט האַכנאָעדיק, און זײַן האַנט ציט זיך אויס נאָך אַ נעדאָווע, מ'באַדאַרף אַ נײַעם פּלויט פאַרן בייסהאַקוואָרעס. אַ בויך־שטים, ווי אַ פאַרשאָטענע מיט ערד און פאַרקלעפּטע מיט ליים, ווי זי זאָל נאַרוואָס פון קיוועד זיך אַרויסגעריסן, שרײַט אָף די נעדאָווע:

— די טויטע קאָנען ניט אַרויס פון די קוואָרים, און די לעבעדיקע ווילן ניט אַרײַן אין זיי, איז ווער באַדאַרף אַ פּלויט? ס'איז אַרויסגעוואָרפן געלט, און איך וואָרף זיך קיינמאָל ניט מיט קיין געלט.

אַ נאָגיד אַ קאַמצן שעבעקאַמצן האָט מיט גרויסע קידעש־לעוואָנע־אויסיעס אָנגעשריבן אָף דער טיר פון זײַן הויז: „איך גיב ניט!“ האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אים אָן אָרעמאַן מיט אַ ביטער געמיט און אים צוגעוווּנטשן, אַז ער און אַלע גווירים פון דער וועלט זאָלן לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר! האָט זיך דער גוויר, דער קאַמצן שעבעקאַמצן, שטאַרק פאַרוווּנ־

דערט, ער האָט אפילו צוגעזאָגט א נעדאָווע, אז דער אָרעמאַן זאָל אים דערקלערן, פארוואָס ער צאָלט מיט גוטס פאר שלעכטס.

— מיט גוטס? — האָט זיך דער אָרעמאַן צעלאַכט, — איך בין טאַקע אָרעם, אָבער פון די געדאַנקען בין איך נאָך ניט אַראָפּ. ס'איז א פּאַשעטער כעזשבן — גווירים זײַנען דאָ א סאך אַף דער וועלט. אז מ'וועט פאנאַנדערטיילן די הונדערט און צוואַנציק יאָר אַף אַלעמען, זאָל האַלעוואַי אַף אײַער כיילעק אויספאַלן א שאָ, וואָס זאָג איך א שאָ, האַלעוואַי א רעגע.

א צווייטן גוויר האָט דער אָרעמאַן מיט ביטער געמיט צוגעוווּנטשן, אז ער זאָל זײַן ווי אַווראָם, יִצכאָק און יאַנקעוו צוזאַמענגענומען. און זײַן פּיירעש האָט דער אָרעמאַן דערקלערט דעם נאָגיד, אז מיינען מיינט ער, זאָל זײַן נאָוונאַד ווי אַווראָם, בלינד ווי יִצכאָק און הינקעדיק ווי יאַנקעוו.

דער קאַמצן איז שטענדיק זיכער, אז ס'זײַנען דאָ גרעסערע קאַמצאָנים פון אים, באַ וועמען מ'דאַרף זיך לערנען.

— איז אָט, — הייבט אָן דער זיידע א נײַע געשיכטע וועגן איינעם א קאַמצן, וואָס האָט זיך געלאָזט עק וועלט צום קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים, קאַמצאָנעס זיך לערנען באַ אים. ווען דער קאַמצן האָט געעפנט די טיר פון דעם גרעסטן קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים, איז ער ניט שטאַרק ניספּאָעל געוואָרן. לאָזט זיך אויס, אז זײַן דירע איז ניט קיין סאך ערגער פון זײַנער.

באַם פרישטיק האָט דער קאַמצן געלערנט, אז אין פאַרגלײַך מיטן קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים איז ער אַן אויסברענגער. דער קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים, וואָס האָט אזא גרויסן נאָמען, באַנוגנט זיך מיט א סקאָרינקע און מיט א ביסל קאַלט וואַסער, און ער פאַרגינט זיך טרינקען טיי מיט צוקער. מ'באַדאַרף עס נעמען אין אַכט. און נאָך האָט ער באַמערקט און געלערנט, אז די גרעסטע זעט געפינט דער קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים באַם פרישטיק, ווען ער ציילט, ציילט און ציילט איבער די גאָלדענע, זילבערנע און קופערנע מאַטבייעס. ער פאַרציילט זיך אזוי, אז ער פאַרשפּאָרט עסן וואַרעמס. אָט דאָס איז אן אײַנפאַל, אָט דאָס איז א האַמצאָע, ער וועט עס אומבאַדינגט אײַנפירן באַ זיך.

ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, האָט דער קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן.

דער קאַמצן, וואָס איז געקומען לערנען, האָט שיר ניט געפּלאַצט פון פאַרדראָס אַף זיך אַליין: אים איז גאָר ניט אײַנגעפאַלן אַפן סייכל, אז מ'קאָן זיך באַגיין אָן א לאָמפּ — פון הײַנט אָן און ווײַטער איז פינצטער זאָל זײַן! באַם ווינטשן זיך די פינצטערניש האָט דער קאַמצן זיך אָנגעשטויסן, אז דער קאַמצן איבער אַלע קאַמצאָנים נעמט זיך אויסטאָן.

— אזוי פרי שלאָפן?

— כאַסוועכאָלילע, באַ מיר איז דער גרעסטער פאַרגעניגן זען אין דער פינצטערניש, אָנטאַפּן ווי אַף דער וואָר מיט די פינגער מײַנע פינפערלעך, מײַנע רובלען, מײַנע גילדנס, מײַנע גריוועניקעס, מײַנע פּיאַטאַקלעך און מײַנע קאָפּעקעס. זיי זײַנען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי די סאַמע געטרײַסטע פרײַנט, זיי געזעגענען זיך מיט מיר און ווינטשעווען פאַרטאָג זיך ווידער באַגעגענען.

— וויבאַלד אזוי, איז צוליב וואָס דאָס אויסטאָן זיך?

— ס'איז א פּאַשעטע זאַך, וויבאַלד איך זיץ אינדערפינצטער, איז צוליב וואָס איז אומזיסט רײַבן די הויזן?

— פון דער געשיכטע איז געדרונגען, — קומט דער זיידע צום פריידיקן אויספיר, — אז גאָט האָט דערהערט דאָס געשריי פון די אָרעמעלײַט און זיי אזוי געטאָן טון זאָגן: „איר האָט קיין האַנאָע ניט פונעם לעבן, ווײַל איר האָט קיין צעבראָכענעם גראָשן באַ דער נעשאָמע, וועל איך מיט מײַן גרימצאָרן מאַכן אזוי, אז ניט איין נאָגיד וועט באַ מיר אויסקרענקען זײַן בעגידישקײַט. איך וועל די גווירים צעטיילן אַף צוויי טיילן. אַף איין טייל וועל איך אָנרייצן אַלע טײַוועס, וואָס וועלן באַרויבן זייער געלט, זייער ווירדע, זייערע נעשאָמעס און זיי מאַכן פאַר אויס מענטשן. און די צווייטע טייל וועט דורך דער טײַווע צו געלט פאַרלירן אַלע טײַוועס, צו יעדער מאַטבייע וועלן זיי זיך קניִען און בוקן ווי צו אן אָפגאָט. פאַר געלט זיך ווילטיק אָנטאָן וועט באַ זיי הייסן אַפּיקאָרסעס. געלט וועט פאַר זיי פאַרשטעלן די וועלט, פאַרבײַטן די ליבע צו מענטשן, צו פרײַנט, אפילו צו די סאַמע נאָענטסטע, צו ווײַב און קינד, צו ברידער און שוועסטער. זיי וועלן אויסזען ווי עמעסע כאַסערדייעניקעס".

און גלײַך אַפן אָרט שפּילט אָפּ דער זיידע איין בײַשפּיל נאָכן צווייטן. אָט פאַלט ער פון די פיס, און אָט איז ער אן אויסגעניכטערטער הוליאַקע, וואָס האָט ניט באַ וועמען צו מאָנען, ווײַל אַלץ איז שוין אײַנגעמאָנט געוואָרן.

די שטוב ברענט, און דער קאַרגער צעשיידט זיך ניט מיט דעם טײַערסטן אין זײַן לעבן — אויב אומקומען, איז צוזאַמען מיט די קלינגערס און אסיגנאַציעס, אַף וועלכע ער האָט אוועקגעגעבן דאָס לעבן זײַנס.

דאָס פײַער ברענט און ברענט — און אויס קאַרגער, און אויס געלט!

דעם פאַרברענטן פאַרבײַט א פאַרשאָטענער פון קאָפּ ביז די פיס אין מאַטבייעס. א באַרג האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אַף אים, עס פעלט אים אויס אָטעם. מיט די לעצטע קויכעס באַ־פרײַט ער זײַן האַנט אַף נאָכאַמאָל א גלעט טאָן און א צערטל טאָן זײַנע ליבע מאַטבייעס, וואָס האָבן זיך מיט אים ניט צעשיידט באַם לעבן און צעשיידן זיך איצט ניט באַ זײַן טויט.

מיר האָט זיך זייער און זייער געוואָלט, אַז דער זיידע יאַנקעוו־מוישע זאָל אַראָפּקומען אין דער איצטיקער נײַער זאַליעסיע, אין דעם איצטיקן נײַעם טשערנאָביל.

דורך זאַליעסיע און טשערנאָביל וואָלט ער דערזען אַזוינס, וואָס באַ זײַן לעבן האָט ער זיך פאָרשטעלן אַפילע ניט געקאָנט, ער וואָלט דערזען א נײַע וועלט, א נײַ לאַנד, א נײַעם מענטשן.

נאָר ווי וועקט מען אים אוף פון זײַן אײביקער רו? ווי ברענגט מען אים אַראָפּ, אַז ס'איז נישטאָ קיין וועג ניט אַף דער יאַבאָשע, ניט אַפן יאַם און ניט אינדערלופטן. ווײַזט אויס, אַז קיין באַם פון יענער־וועלט וועט קיינמאָל ניט זײַן, וועט קיינמאָל ניט אַרײַנגערעכנט ווערן צווישן די גראַנדיעזע בויונגס־פּלענער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק אין איינעם פון מײַן „געזען און געהערט" האָב איך זיך באַ־נוגנט מיט א „וואָס וואָלט געווען": „וואָס וואָלט געווען, ווען מ'זאָל מאַטריען זײַן דעם זיידן פון זײַן אײביקער רו און מיט א קאָמאַנדירונג פון יענער־וועלט אים אַראָפּברענגען אַהער קיין זאַליעסיע". עס וואָלט געווען אַזוינס, אַז ס'איז מאַמעש זיך שווער פאָרצושטעלן...

נאָר ווי קאָן עס געשען, אַז די יענע־וועלט איז ניט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש פון דער־וועלט, וואָס הערט ניט אוף צו באַשרײַבן ווערן פון בערײשיס ביז הײַנטיקן טאָג, וואָס ווערט באַזונגען, געלויבט, געבענטשט, באַוויינט, געזידלט און געשאָלטן.

בין איך געפאַלן אַף א האַמצאָע און פאַרביטן דעם „וואָס וואָלט געווען" אַפן געדאַכט, אַף דער פאָרשטעלונג, וואָס פירן צונויף א דאָר מיט א דאָר, א לאַנד מיט א לאַנד, מישן אוף די בלעטלעך פון פאַרשיידענע צײַטן, פלעכטן איבער דעם הײַנט מיטן מאָרגן.

איך האָב אויסגענוצט, ווי ווײַט מעגלעך ס'איז, דעם כאָלעם, וואָס איז דער גרעסטער לויפער, דער סאַמע שווינדיקסטער פליער, ווענן וועלכן מ'האָט נאָך גאָר אין די אַלטע צײַטן געזאָגט — כחאַלום־יעוף[1], ער פליט ווי א כאָלעם. ער פליט אַזוי, אַז דער סאַמע הײַנטצײַטיק־סטער רעאַקטיווער עראָפּלאַן קאָן אים ניט דעריאָגן און איבעריאָגן.

אָנשטאָט די אַמאָליקע וואָכן און כאָדאָשים באַדאַרף איצט דער רעאַקטיווער עראָפּלאַן שאָען, און פאַרן כאָלעם זײַנען גענוג רעגעס. א רעגע — און דו ביסט גאָר אין אַן אַנדער וועלט, א מינוט — און דו וואַקסט אויס דאָרט, וווּ קיין מענטשלעכער פוס האָט ניט באַטראָטן. צאָל, צײַט און רוים שפּילן באַם כאָלעם קיין ראָליע ניט — טויזנט יאָר איז באַ אים ווי דער נעכטיקער טאָג, דער ווײַטסטער אַמאָל איז ווי ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק פאָרגעקומען.

און נאָך א מײַלע האָט דער כאָלעם. ער איז דערווײַל דער איך־און־איינציקער אַף גאָר דער וועלט, וואָס ווייסט דעם סאָד פון טכיִעס־האַמייסים — באַדאַרף מען אַף א פאַרהער, אַף א קעגנשטעלונג, אַף א גוויִעס־אײדעס, לאָמיר זאָגן אָדאָם האָרישן, איז מאַכטייסע, ער וועט אים אַראָפּברענגען אָדאָם־נאַקעט, ווי גאָט האָט אים באַשאַפן, א זאָרגלאָזן און אויסגעקעכלטן, פונקט ווי ער האָט איין גאַניידן אויסגעזען. וועט גיין א רייד ווענן רעציכע, ווענן גאַזלאָוואָי־סטווע, וועט דער כאָלעם מאַטריען זײַן קאַינען, דעם ערשטן רעצייעך אַף דער וועלט, דעם אור־אור־פאָטער פון אַלדאָס בייז, פון אַלע האַריגעס און שכיטעס.

און וועט מען באַדאַרפן, אַז דער ערשטער קאָרבן, דער ערשטער געהאַרגעטער זאָל דערציילן, ווי ער איז געהאַרגעט געוואָרן, וויאַזוי ער האָט צום ערשטן מאָל פאַרן אַוועקגיין פון דער וועלט זיך דערוווּסט דעם קויעך פון בלוט, באַזיניקט, אַז בלוט — דאָס איז לעבן, אַז פאַרגאָסן בלוט קאָן זיך מער ניט אומקערן אינעם גוף פונעם געהאַרגעטן, ווײַל ער איז פאַרגליווערט, ווײַל ער איז קאַלט, און מיט קעלט קאָן מען קיינמאָל ניט דערוואַרעמען קיין קעלט.

א ריוועטשיקל, א קאַליוזשע העוועל־בלוט, און ס'איז דערגאַנגען צו יאַמען, מיליאָנען, מיליאַסן העוועלס זײַנען אומגעקומען און קומען אום! און די פאַרשאָלטענע קאַינס אין די

---

[1] קאַכאַלוים יאַאוף.

בלוטיקע קאַיִן־לענדער שרײַען — ס'איז ווייניק, ס'איז אַ טראָפּן קעגן יאַם, ס'איז אַ ליכט קעגן אַ פלאַם! ס'איז ווייניק, פונקט ווי די טײַכן פליסן צום יאַם, אַזוי דאַרפן די יאַמען פליסן אין אָקעאַן.

יאַמען בלוט זײַנען ווייניק! מיר דאַרפן אָקעאַנען! אָקעאַנען דאַרפן מיר!

בײַ זײַן גאַנצן ניט געשטויגן־און־ניט־געפלויגן איז דער כאָלעם ביז גאָר רעאַל, ווײַזט זיך אַרויס פאַר מער שפּעטער, ווי דער שפּעטער אַליין.

ניט איין מאָל האָט בײַ מיר געטראָפן, אַז די פּען האָט זיך ווי אַ ווילד פערד געריסן פון שפּאַן און קיין איין טראָט ניט געוואָלט מאַכן. זי איז פאַרהריזנבעט געוואָרן, ווי אין אַ טיפער ליימיקער בלאָטע, ניט אַהער און ניט אַהין.

קומט צו אַ נײַ וואָרט, איז שטערט עס מער ווי עס העלפט, קומען צו עטלעכע נײַע שורעס און אַבזאַצן, איז עס ווי אַן אַנוואַלגער פון שטיינער און ציגל, וואָס פאַרשטיינערן די מינדסטע האָפענונג ווען־עס־איז זיך רירן פון אָרט. עס ווילט זיך שלאָפן, ווי עס ווילט זיך שרײַבן, און עס שלאָפט זיך ניט, און עס שרײַבט זיך ניט...

נאָך אַ לאַנגן טויטשען דאָס געלעגער קומט אָף די פליגלען פון שלאָף דער כאָלעם, און ער אַנטפּלעקט פאַר מיר דאָס, וואָס ס'איז געווען פאַרבאָרגן, און אַלץ באַקומט זיך, ווי עס האָט זיך געוואָלט ס'זאָל זיך אַזוי באַקומען, עס באַקומט זיך אַזוי רעאַל וואָרהאַפטיק, אַז מ'דאַרף אין ערגעץ ניט פויסער־כאָלעם זײַן.

אַ גליקלעכער לויף איך צו צום שרײַבטיש און פאַרשרײַב אַלץ, וואָס דער כאָלעם האָט מיר איבערגעגעבן.

פון פרייד באַגריס איך די נאַכט:

— אַ גוטע נאַכט!

פון באַגײַסטערונג באַגריס איך דעם פרימאָרגן:

— אַ גוטמאָרגן!

ווען דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האָט נאָך געלעבט, און איך בין געווען זײַן אָפטער גאַסט, האָט ער ניט איין שמועס געפירט מיט מיר וועגן כאָלעם.

— דו פאַרשטייסט, — האָט ער מיר דערקלערט, — יעדער בויט זײַן לייטער לויט דער הייך פון זײַן הימל. ס'זײַנען דאָ אַזעלכע, בײַ וועמען דער כאָלעם איז לענגער פון דער נאַכט, און ס'זײַנען פאַראַן אַזעלכע, בײַ וועמען דער כאָלעם גייט אַ כאָלעם אָפּ ווי אַ שפּריץ רעגן, וואָס הערט גלײַך אויף. אַ ראַכמאָנעס, נעבעך, אַפן כאָלעם. ער געפינט זיך אַ גאַנצע נאַכט קיין אָרט ניט. באַזונדערס איז אים שווער אין די לאַנגע טייוועס־נעכט. אָן דעם באַלהאַכאַלוימעס איז דער כאָלעם ווי דער פידלער אָן דעם פידל און ווי דער פידל אָן דעם פידלער.

אַז דער כאָלעם זאָל זיך ציִען און ציִען, דאַרף מען פאַרמאָגן אַ גרויסן קנויל פון מאַכשאָוועס, פון באַדאַכטעניש און באַטראַכטעניש. דאַרף מען זײַן אַ סיִעם און בערייִשיסמענטש, וואָס איז ניט געקומען אָף אַלעם גרייטן, ער דאַרף שטענדיק זיך מיסוואַקייעך זײַן מיט די טנאָיִם און אַמוראָיִם, מיט די פאַרשיידענע מעפאָרשים, גלײַך ווי ער זאָל זײַן איינער פון זיי.

אַלס בײַשפּיל פון קליינהאַסאָגעסדיקע כאַלוימעס, דערציילט מיר דער זיידע וועגן דער באָבע דאַסלס כאַלוימעס, וועלכע ער האָט איר שטענדיק געמוזט פויסער־כאָלעם זײַן. איך לייג אויס צום גוטן די אָפּטע באַזוכן פון שיידים, רוכעס, טײַוואָלאָנים, ריזן אָף הינערשע פיסלעך, הינער און העגער מיט אַזעלכע לאַנגע און הויכע פיס, אַז זיי דערלאַנגען ביז צום הימל, שוואַרצע קעץ מיט פײַערדיקע ברענענדיקע אויגן, דאָס האַווקען פון די הינט, דאָס הירזשערײַ פון די פערד, דאָס שפּרינגען פון די לאָשעקלעך און קעלבלעך, דאָס געשריי פון די זיך קעלבנדיקע קי, מעקערײַ פון שעפסן און דעם וואַסער־פליוך, וואָס שפּרינגט אַרויס פונעם ברונעם ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און באַגיסט זי פון קאָפּ ביז די פיס.

— וואַסער איז מאַזל! וואַסער איז גליק!

— עס פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג ניט קאָנען אויסהאַלטן אירע כאַלוימעסדיקע דוואָרים בעטיילים און זיי אויסלאַכן: „מיט זאַליעסיע הייבט זיך אָן בײַ דיר די וועלט, דערמיט איז בײַ דיר טשערנאָביל און טשערניכאָוו, וווהין דו פאָרסט צוגאַסט צו די קינדער, צו אוררעמלען און איציקן, איז בײַ דיר דער סאָף פון אַלע סאָפן. סאַראַ קליין וועלטל דו פאַרמאָגסט, קליין, ווי אַ קלאַדאָווקע, ווי אַ ענג גריבל, וואָס נעמען ווייניק אין זיך אַרײַן און גיבן ווייניק אַרויס". זאָגט מיר די באָבע: „ווי קאָן זײַן קליין, אַז אָף דער וועלט איז דאָ זאַליעסיע און בישכיינעס אַזאַ קראַך, ווי טשערנאָביל, און אַזאַ אויסרײַסעניש, ווי טשערניכאָוו. ס'איז אַזוי ווײַט, אַז מ'דאַרף אַהין פאָרן מיט אַ צוג".

וואָקזאַלן, סטאַנציעס, פּאָלוסטאַנקעס, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, און ווידער לויפן

אַן אַנטקעגן שטעטלעך און דערפֿלעך, און ווידער א טומלערײַ, א געדודערײַ. מ׳פֿאָרט און מ׳פֿאָרט און עס דוכט זיך, אז מ׳וועט קיינמאָל ניט אויספֿאָרן און קיינמאָל ניט דערפֿאָרן און בלײַבן שטעקן אינמיטן וועג.

און אָט אזוי פּלוצעם קומט אָן ושיטאָמיר אַנטקעגן. ס׳איז דען א קראַך? ס׳איז א טראַך־טאַרעראַך, צונויפֿגעשטעלט פֿון צען טויזנט זאליעסיעס און עפּשער נאָך מער. א שטוב אויף א שטוב קלעטערט אין דער הייך. וואָס איז דאָס קריכן און דאָס קלעטערן?

בא אונדז אין זאליעסיע, אז מ׳גייט ארויס אין א זומערדיקן טאָג אויף דער גאַס, זעט מען ניט קיין לעבעדיקן מענטשן. מ׳איז צופֿרידן, אז א הונט גיט א האווקע. און דאָ, אין ושיטאָמיר, זײַנען די גאַסן שטענדיק פֿול און פֿול. מ׳לויפֿט, מ׳לויפֿט מעשוגענערווײַז, ווי מ׳זאָל מוירע האָבן, אז טאָמער וועט מען גיין, וועט מען אַלץ פֿאַרשפּעטיקן. צוליב וואָס אזויפֿיל גאַסן? וואָס לויפֿט מען? וווהין לויפֿט מען? א ראַכמאָנעס, נעבעך, אויף דער ערד. אזא וויכע, ליגט זי זיך אונטער יעדן טראָט דײַנעם. האָט מען גענומען און מ׳האָט זי פֿאַרשטיינערט, פֿאַרשאָלטן, אז קיין גרעזל זאָל אויף איר ניט וואַקסן.

סאַראַ ליבן און טײַערן זיידן איך האָב געהאַט. ער איז פֿאַר מיר געווען אַן אומויסשעפּנדיקער ברונעם, א שטענדיק פֿריש־שלאָגנדיקער קוואַל.

ביז איצט איז ער אין מיר, ביז איצט האָב איך זיך ניט צעשיידט מיט אים. און וועגן וועמען טראַכט מען נאָך אזויפֿיל, און ווער קומט דיר אזוי אָפּט צו כאָלעם, ווי דער, וואָס איז דיר אײַנגעגראָבן אין האַרצן?

אין יעדן כאָלעם דערעדט דער זיידע פֿאַר מיר דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו דערציילן פֿאַר מיר בא זײַן לעבן.

אין יעדן כאָלעם קומט ער זיך דערוויסן נײַס וועגן זײַן געוועזענער און מײַן איצטיקער היים.

זײַן אַנציקונג און איבעראַשונג וואַקסט פֿון כאָלעם צו כאָלעם.

אין אייניעם א כאָלעם איז דער זיידע אַראָפּגעקומען צו מיר ניט אַליין, נאָר מיט אַן אמאָליקן כיידער־ייִנגל, אין וועלכן איך האָב דערקענט זיך אַליין. פּונקט אזא ווי אין יענע צײַטן, ווען איך פֿלעג עטלעכע מאָל א טאָג לויפֿן פֿון טשערנאָביל קיין זאליעסיע און פֿון זאליעסיע קיין טשערנאָביל. אַלע דרײַ באַקוקן און באַטראַכטן מיר זיך. עס ווילט זיך מאַמעש ניט גלייבן, וואָס די צײַט מאַכט, ווי די צײַט ענדערט — ווו איז דאָס געזען געוואָרן און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז אַן אייניקל זאָל עלטער זײַן פֿון זײַן זיידן? — ווען דער זיידע איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען זיבעציק, און איך בין איצט שוין נאָך די פֿינף און זיבעציק.

דער זיידע איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס זײַן אַריכאַס־יאָמים־בראָכע איז מעקוייעם געוואָרן. שטענדיק, ווען ער פֿלעגט מיך באַגעגענען און באַגלייטן, האָט ער מיך געבענטשט מיט איינער און דער זעלבער בראָכע: „זאָלסט מיך נאָך איבערלעבן. ווען מײַן ליכט וועט פֿאַרלאָשן ווערן, זאָל זיך דײַן ליכט אָנצינדן, זי זאָל לויכטן און לויכטן ביז די פֿינצטערניש וועט פֿאַרשווינדן פֿון דער וועלט“.

ס׳איז שווער אויך צו גלייבן, אז דאָס כיידער־ייִנגל, וואָס איז מיר ווײַט ניט קיין פֿרעמד ייִנגל, איז דער שײַן פֿון מײַן קינדהײַט און ייִנגלשע יאָרן, דער אָפּשײַן, וואָס האָט יעדן פֿרילינג אופֿגעבליט מיט א נײַער שײַן. איך קוק און קוק אויפֿן כיידער־ייִנגל, אויף די פֿריִע יאָרן, וואָס זײַנען געקומען צוגאַסט צו מײַן עלטער, און זע אין זיי ניט זיך, נאָר מײַן אייניקל, מײַן קומענדיקן אורייניקל, די קומענדיקע דוירעס, וואָס וועלן ניט אופֿהערן ציִען זייער זאַפֿט און קראַפֿט פֿון מײַן שטאַם.

א געמיש פֿון יאָרן און א געמיש פֿון צײַטן.

דער זיידע דרינגט אַרײַן אין די מאַסיי־בערײשיס, וואָס ווערן איבערבאַשאַפֿן אין רוסלאַנד, אין דעם אינערלעכן צעלעם־איבערפֿאָרמירונג אין יעדן מענטשן באַזונדער. ער קאָן זיך ניט אָנלויבן פֿון מאָסקווע. א שאָד, וואָס די באָבע דאַסל איז דאָ ניטאָ צווישן אונדז. וואָס וואָלט זי געזאָגט אויף מאָסקווע, אז ושיטאָמיר איז אזוי גרויס געווען אין אירע אויגן?

אין מאָסקווע זײַנען הויך און נידער ניט אויף קידער־ווידער. קוקסטו אויף די מויערן, אויף די טעלעוויזיע־טורעמס, ווערסטו דערהויבן מיט דער דערהויבנקײַט; לאָזסטו זיך אַראָפּ אין מעטראָ, ווערסטו פֿאַרטיפֿט מיט א באַזונדער טיפֿקײַט.

אונדזערע כאַכאָמים האָבן געוואָרנט ניט וווינען אין קיין גרויסע שטעט, ווײַל ישיבת כרכים קשה[1] — דאָס וווינען אין גרויסע שטעט איז שווער. וואָס וואָלטן זיי איצט געזאָגט,

[1] יעשיוואָס קראַכים קאָשע.

ווען זיי וואָלטן געקומען קיין מאָסקווע? זיי וואָלטן געוויס געזאָגט: „ס'איז דען אַ שטאָט? ס'איז אַ מעדינע! ס'איז דען אַ מעדינע? ס'איז אַ מעדינע מיט מעדינעס!"

זיי וואָלטן געוויס געזאָגט: „ווער עס האָט ניט געזען מאָסקווע, דער האָט קיין שיינס ניט געזען, האָט קיין נײַס ניט אָנגעקוקט מיט זײַנע אויגן, דער איז קיינמאָל ניט ניספּאָעל געוואָרן מיט דער העכסטער מאָס פֿון היספּײַלעס! באַ אײַך איז אַ לאַנד אַ קיניגרײַך! אַ קיניגרײַך ניט פֿאַר איינעם, ניט פֿאַר צען, ניט פֿאַר הונדערט און טויזנט, נאָר פֿאַר אַלע־מען — אַ ראַבים־קיניגרײַך, ווו יעדער מיילעך דערפֿילט זיך אַלס מיילעך צווישן מעלאָכים, ווו יעדער קאָפּ איז געקרוינט מיט דער זעלבער און אייגענער קרוין.

אַלע פֿריידיקע אָפּקלאַנגען, אַלע מעכטיקע קוילעס, וואָס טראָגן אין זיך די בסורעס טוי־זנטער פֿון בעסער און נאָך בעסער, האָבן זיך באַהעפֿט אין מײַן זיידנס קאָל, און איך בין צו־פֿרידן, וואָס אונדזערע קוילעס, אונדזערע געזאַנגען גייען זיך ניט פֿאַנאַנדער און גיסן זיך צונויף אין איין געזאַנג.

פּלוצעם גיט דער זיידע אַ ציטער אויף, זײַן קאָל ווערט שטילער און שטילער, ווי אָט גלײַך פֿאַרלירט ער אים און בלײַבט אָן אַ קאָל.

— וואָס איז געשען? וואָס אַזוינס האָסטו עס דערהערט? — כאַפּ איך אַרום דעם זיידן.

— איך האָב דערהערט, — ציטערט נאָך אַלץ דער זיידע, — אַ קול ענות[1] — אַ קאָל, וואָס פּײַניקט.

איך האָב מוישע ראַבייגוס קול ענות דערהערט, ווען ער איז פֿונעם הימל אַראָפּ מיט די לוכעס אין די הענט און אים האָט באַגעגנט דער ראַש און געפֿילדער פֿון די ייִדן אַרום דעם ערשט אויסגעגאָסענעם טאַנצנדיקן גאָלדענעם קעלבל.

— אָט דאָס איז דײַן גאָט!

— אָט דאָס איז אונדזער גאָט, — האָבן געשריִען איינער צום צווייטן, — דער גאָט פֿון אַלע געטער, וואָס האָט אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון מיצראַיִם און וועט נאָך ערשט ווײַזן וואָס ער קאָן.

אָט דעם פּײַניקנדיקן קאָל האָט אויסגעברומט און מיט צאַר און צאָרן אויסגעשריִען דאָס באַסקאָל.

לויט דעם, ווי דער זיידע האָט מיר דערציילט אין דעם עלטער פֿון דעם ייִנגל, וואָס געפֿינט זיך צווישן אונדז, האָב איך געוווסט, אַז אַ באַסקאָל איז צום אַלעם ערשטן געווען ניט מער ווי אַ ווידערקאָל, וואָס האָט ווי אַ דונער זיך געקײַקלט איבער די הימלען, האָט געקלעטערט איבער די בערג, ליב געהאַט זיך אַרײַנרײַסן אין די געדיכטע וועלדער, קריכן אָף דיביימער און ווי פֿון אַ הויכן טורעם פֿון יעדן צווײַג אויסהילכן פֿאַר די פֿאַרבלאָנדזשע־טע, ווו זיך קערן און זיך ווענדן, וויאַזוי זיך ראַטעווען פֿון דער וואַלד־געפֿאַנגעניש. און ווען אַלע לעצטע נעוויִים זײַנען אויסגעשטאָרבן, און דער הייליקער גײַסט איז איבערגעריסן גע־וואָרן און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל צאָרענען, וואָרענען, שטראָפֿן און מוסער זאָגן, זײַנען פֿון אַלע נעוויִישע קוילעס אַרײַן אינעם באַסקאָל, און ווו נאָר אָן אומיוישער און אומרעכט, אַ רעציכע, אַ קאַיִניש שטיקל אַרבעט, לאָזט זיך הערן דאָס באַסקאָל... דער זיידע איז אַווי־סער־זיך, וואָס ערגעץ־ווו האָט זיך נאָך פֿאַרוואַלגערט מיסט, וואָס פֿאַרמיסטיקט און סאַמט אָפּ די לופֿט, וואָס די צעקלאַפּטע דאָרדוירעסדיקע קאַרגשאַפֿט אונטער פֿאַרשיידענע שלייערן פֿאַרפֿעסטיקט זיך און פֿאַרנעסטיקט זיך אין נעסטן.

— פֿונוואַנען קומט עס? פֿונוואַנען גייט עס? — מאָנט דער זיידע באַ מיר אָן ענטפֿער.

— ס'איז אַ יערושע פֿון דוירעס! ס'איז די זיך איבערכאַזערנדיקע קרענק פֿון וועלן וואָס מער. וואָס מער עס מערט זיך דער מער, אַלץ שטאַרקער ווערט דער ווילן פֿון וועלן און וועלן. האָט דער מענטש הונדערט, וויל ער צוויי הונדערט, האָט ער צוויי הונדערט, וויל ער דרײַ הונדערט, און אַזוי אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג.

— אַזוי איז געווען, אַז געלט איז געווען די וועלט, ווען אַלץ האָט זיך געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט. איצט, אין מײַן געוועזענער און אין דײַן איצטיקער היים, איז ניטאָ קיין באָדן פֿאַר דעם. איז אָף וואָס זשע האַלט זיך די קאַרגשאַפֿט? איז דען מעגלעך אַזוינס?

— מעגלעך, — דערקלער איך דעם זיידן. — ס'איז ריכטיק, אַז דער באָדן פֿון קאַרגשאַפֿט איז שוין פֿון לאַנג באַ אונדז פֿאַרשוווּנדן, נאָר, ווי עס ווײַזט אויס, קאָן אָט די שרעקלעכע מענטשלעכע פּלאָג זיך נאָך היפּש האַלטן אָן אָפּגעריסענע פֿונעם באָדן.

דער זיידע פֿאַרמאַכט די אויגן, פֿאַרבײַסט די ליפּן און שליסט צונויף די ציין. די קנייטשן לייגן זיך פֿאַנאַנדער אין דער לענג און אין דער ברייט פֿון זײַן פּאָנעם, פֿאַרכאַפּן דעם

[1] אַ קאָל אַנוס.

שטערן — ווער וואָלט זיך עס געקאָנט ריכטן אַף אַזוינס, אַז די אַנשטעקנדיקע קרענק, פֿון וועלכער ער האָט זיך אַלע יאָרן אויסגעהיט און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געקעמפֿט קעגן איר, זאָל נאָך איר שליטע האָבן באַ הײַנטיקן טאָג.

לויט דער באַקאַשע פֿונעם זיידן לאָז איך זיך מיט אים און מיטן ייִנגל, וואָס איז פֿאַר מיר ווײַט ניט קיין פֿרעמד ייִנגל, אָנקוקן אַף טשיקאַווע די פֿינצטערניש־נעסטן.

מיר גייען איבער די אָדעסער גאַסן. די געשפּרעכן, וואָס מיר פֿירן צווישן זיך, פֿאַר־קירצן אַף גאָר אַ סך דעם וועג.

אַ נײַער שיינער מויער, וואָס האַלדזט זיך מיט די זײַלן, וועלכע אַלע מויערן דאָ אַרום האָבן זיך שוין יאָרנלאַנג ניט געזען, ציט צו אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט. ער לאַדט אונדז אײַן באַטראַכטן אים פֿון אינווייניק, ווײַל ניט אַלעמאָל אַנטשפּרעכט דער דרויסן דעם אינ־ווייניק, ווי דער אינווייניק דעם דרויסן.

אַ גלעקל. ניט קיין קלינגענדיקער קלונג, נאָר אַ זינגענדיקער, אַ שפּילנדיקער. די טיר עפֿנט זיך, און גלײַך אַנטקעגן קומען אונדז אָן דרײַ פּאָר שטעקשיך. יעדע פּאָר דערנעענ־טערט זיך צו די פֿיס לויט דער מאָס.

די שטעקשיך פֿאַלן אונדז צו די פֿיס און בעטן אונדז געדענקען, וואָס גאָט האָט אײַן זײַט גערעדט מיט מוישען דורכן דאָרנבוים, וואָס האָט געברענט און ניט פֿאַרברענט געוואָרן:

— מוישע, דו זאָלסט אַהער נאָענט ניט צוגיין. טו אויס דײַנע שיך פֿון דײַנע פֿיס, ווײַל דאָס אָרט, אַף וועלכן דו שטייסט אַף אים, איז אַ הייליקע ערד.

מיר טוען אויס די שיך און בלײַבן ווי פֿאַרגליווערטע שטיין אָפֿן הייליקן אָרט פֿון דעם פּאַרביק־בלישטשענדיקן פּאַרקעט־דיל, וואָס פֿירט צום גרויסאַרטיקן צימער. אַ צווייטער צי־מער, אַ דריטער, אַ פֿערטער. אַף געוויס זײַנען זיי אויך גרויסאַרטיק. פּאַרויכעס־טעפּיכער, פּאַרוועבטע מיט דער הייליקײַט פֿון די שטעקשיך. יעדע וואַנט מיט איר פּאַרויכעס, יעדע וואַנט מיט איר פֿאַרב.

קרישטאָל שײַנט און באַשײַנט, קרישטאָל פֿינקלט און בלישטשעט! קויסעס, פּוזשערן, שי־סעלעך, וואַזעטשקעס, שיפֿעלעך, בלומען־טעפּעלעך, קריגעלעך — און אַלע פֿון קאַפּטויר־וואַפֿעראַך־קרישטאָל. דאָס גלאַזיקע גלאָז, וואָס לאָזט אַף זיי קיין שטויבעלע ניט פֿאַלן, גיט צו נאָך מער כשיוועס די קיילים, וואָס זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן אַף צו האַנאָע האָבן און באַרי־מען זיך מיט זיי.

די „סטענקע“, וואָס פֿילט זיך מײַסע־באַלעבאָס איבער דער שענסטער אויבנאָניקער מיזרעך־וואַנט, איז באַ דער גאַנצער לענג און באַ דעם גאַנצן גרויסן אָרט, וואָס זי פֿאַרנעמט, היפּש באַליידיקט — מ'האָט פֿאַרביטן די יאַצרעס. אַנשטאָט דעם, וואָס די וואַנט האָט באַ־דאַרפֿט הייסן לויט דער נײַער קאַלבוי־דערפֿינדונג, הייסט זי, די כאַשעווסטע פֿון די כאַשעווו־סטע, לויטן נאָמען פֿון דער וואַנט. נאָר גיי שרײַ כײַוועקאָים! גיי רייד צו דער וואַנט...

די אויסגעפּוצטע מאַדאַם איז ביז גאָר צופֿרידן מיט אונדז, די אומגעריכטע געסט. אַז וויפֿל זי זאָל זיך ניט באַרימען מיט איר „זאַגראַניטשנע“ מעבל, מיט די „זאַגראַניטשנע“ קליידער, מיטן „זאַגראַניטשנעם“ צירונג, אַז וויפֿל זי זאָל ניט ווײַזן, איז עס שפּאַט ווייניק, איז עס ניט מער ווי אַ טראָפּן אין יאַם. די מאַדאַם פֿילט גוט דעם פֿאַרגעניגן, ווען אַ פֿרעמד אויג קאָן זיך ניט אָנקוקן, ווען אַן אָפֿן מויל קאָן זיך ניט אָנליובן, ווען מע איז איר מעקאַנע און מע זאָגט איר אָפֿן אין די אויגן, אַז זי איז איינע פֿון די גליקלעכסטע אין דער וועלט. די מאַכניס־אורעכטע פֿירט אונדז איבער יעדן צימער, פֿאַרהאַלט זיך באַ יעדן כייפֿעץ ווי אַן עקסקורסן־פֿירערן אין אַ מוזיי.

באַ אַ קליין יאַפּאַניש טראַנזיסטערל צערעדט זיך די מאַדאַם וועגן דער גרויסקייַט און אומענדלעכקייַט פֿון דער וועלט.

צווישן אַלע מײַלעס פֿון דעם יאַפּאַנישן טראַנזיסטער רעכנט די מאַדאַם אַרײַן די מײַ־לע, וואָס ער קאָסט זייער טײַער, וואָס ניט יעדער איינער קאָן זיך פֿאַרגינען אים קויפֿן. און אַז יענער קאָן ניט און דו קאָנסט, איז עס דאָך ניט אָפּצושאַצן.

וועגן דעם אַמעריקאַנער קאָליר־טעלעוויזאָר רעדט די מאַדאַם מיט אַזאַ באַגײַסטערונג, ווי זי זאָל זײַן ניט בלויז די אייגנטימערן פֿון דעם קאָליר־טעלעוויזאָר, נאָר זײַן דערפֿינדערן. זי רעדט און רעדט, רעדט וועגן דעם, אַז דער קאָליר־טעלעוויזאָר רעדט אַף אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט, האָט אין זיך אײַנגעשלונגען ווו נאָר אַ קאָל, ווו נאָר אַ קלאַנג. ער כיינדלט זיך, ווי אַ פּרווי, וואָס האַלט זיך אין איין אָנטאָן און איבערטאָן, וואָס ווייסט ניט, מיט וועל־כער פֿאַרב וועט זי מיט אַ שפּיז טיפֿער דורכשטעכן דאָס האַרץ פֿונעם מאַנצבל, וועלכע קלייד וועט זיך אַרויסווײַזן פֿאַר אַ מער פֿעסטערער נעץ אַף צו פֿאַנגען וואָס מער בליקן, וואָס מער

דאָרשטיקע ליפּן, וואָס אָט פּלאַצן זײ און גיסן זיך פּאַנאַנדער מיט א קוש. באַם לאַנדאָנער מאַגניטאָפאָן פילאָסאָפירט די מאַדאַם וועגן דער קורצקײַט פון לעבן. ס׳איז נאָך א גליק, וואָס ס׳איז דאָ א מאַגניטאָפאָן אױף דער וועלט, וואָס פאַרהיט פאַר דער אײביקײַט דאָס קאָל, דאָס אַרט רײדן און דאָס אַרט אַרויסברענגען די געדאַנקען. אויב איר טראַכט וועגן דער אײביקײַט, איז ביטע שיק, וועל איך אײַך גלײַך אַהין אַרײַנפירן. רעדט אַרײַן אין מאַגניטאָפאָן און טײלט זיך מיט אײַערע אײַנדרוקן וועגן מײַן מוזײ־קוואַרטיר.

די ״צווײ זקנים״ און דאָס יִנגל ווערן מיד. די מאַדאַם לאַדט אײַן אױף קאַפע מיט ליקיאָר. אַזױ טרינקט מען אין אויסלאַנד, און אַזױ טרינקט מען דאָ. מיר באַדאַנקען און זאָגן זיך אָפּ.

די מאַדאַם שטרעקט אויס איר האַנט און ווײַזט אָן אױף א קלײן טישל פון דעם סאַמע יִכעסדיקן און געהויבענעם האַלץ, אַרומגערינגלט מיט נידעריקע ווײכע שטולן. פון אויבן אױפן טישל — דינע אילױסטרירטע זשורנאַלן אױף דורכצוקוקן, אױף דורכצובלעטערן.

— איז לאָמיר שמועסן, — לײגט פאָר די מאַדאַם, — באַ דעם טישל איז באַזונדערס געמיטלעך, עס רעדט זיך מאַמעש אַלײן.

דער געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן פון די שטעקשיך.

— איר האַלט טאַקע, — גיט דער זײדע א וואָרף א כויזעקל דער מאַדאַם גלײַך אין פּנים אַרײַן, — אַז אײַער געפּאַרבטער פּאַרקעט איז א הײליק אָרט, אַז אַרופטרעטן אױף אים באַדאַרף מען אויסטאָן די שיך?

א הילכיקער געלעכטער, ווי ער זאָל זיך אַרויסרײַסן פון א טיפן קעלער און ניט אופהערן שפּרינגען פון טרעפּל צו טרעפּל אויבן אַרוף און צעשיט זיך איבערן דיל ווי א בײַטש צעשאָטענע קאַרעלן.

— וואָסער הײליקײַט, וועלכע הײליקײַט, — לאַכט אויס די מאַדאַם אַלע הײליקײַטן. — אין אונדזער שטוב זײַנען ניטאָ קײן גלויביקע. איך, מײַן מאַן, מײַנע קינדער ווײסן א כעזשבן, זײַנען שטענדיק אויסגערעכנטע. מיר ווײסן זײער גוט, אַז ווער עס וואַרפט זיך מיט געלט, פון דעם אַנטלויפט און קערט זיך קײנמאָל ניט אום דאָס געלט. איר פאַרשטײט, די שטעקשיך קאָסטן צענדליקער מאָל ווערלועלער, ווי מיר זאָלן לאָזן באַטרעטן דעם פּאַרקעט מיט שטויביקע שנײיִק־בלאָטיקע שיך און אים האַלטן דערנאָך אײן אײן איבערפּאַרבן.

דער געשפּרעך קלעפּט זיך ניט. ווי קאָן ער זיך קלעפּן, אַז דער זײדע טראַכט אױף זײַן אויפן, איך אױף מײַנעם, און דאָס יִנגל, וואָס איז מיר ניט קײן פרעמד יִנגל — אױף זײַנעם.

גיט די מאַדאַם א קוועטש א קנאָפּקע פון א מין קישעפדיק קעסטל, און עס נעמען זיך שיטן און יאָגן גאָלדענע לעפּעלעך, ווי אַמאָל די כײדער־יִנגלעך, ווען דער רעבע האָט אויסגערעדט דאָס צוועלפשאָיִק געוואַרט און געוואַרט וואָרט — אַהײם!

די מאַדאַם שרײַט אויס ניט מיט איר קאָל:

— גאָלע גאָלד! גאָלד! גאָלד!

אַלדאָס בעסטע אין דער וועלט איז דאָך מיט גאָלד גלײַך — א גאָלדענער מענטש! א גאָלדן האַרץ! א גאָלדענער טאָג! א גאָלדן פּנים! א גאָלדן מויל!

א צווײטער דרײ — און די גאָלדענע לעפּעלעך לויפן זיך געהאָרכזאַם צונויף, ווי א סטײַע פויגלען, ווו עס ווערט פאַרטריבן אין איר נעסט.

א דריטער דרײ. זילבערנע לעפּעלעך, ווי ערשט אָפּגעטױוולטע אין ווײַסן שנײ, טוען נאָך די גאָלדענע לעפּעלעך.

די מאַדאַם שמײכלט האַנאָעדיק:

— גאָלד און זילבער זײַנען ווי א צווילינג, וואָס צעשײדט זיך קײנמאָל ניט.

יעדער כײפּעץ ווערט גערימט און געלויבט, ווי ער זאָל אָן דער הילף פון א מײַסטער באַשאַפן געוואָרן פון זיך אַלײן מיט אַלע זײַנע שײנקײַטן און כײנעז.

דאָס וואָלנס יִכעסט זיך מיט זײַן שעפּסן־יִכעס און דאָס זײַדנס מיט די געוועבן פון די זײַד־ווערעמלעך, די פוטערוואַרגן שטאָלצירן מיט דעם, וואָס ביז זײ האָבן זויכע געוועזן האַלדזן און דערוואַרעמען די מאַדאַם אין די גרעסטע קעלטן, זײַנען זײ געוועזן לײַב־אײגן נאָענט, א טײל פון די פאַרשײדענע באַלעכאַיִם־גופים.

ווען אַלץ איז שוין אויסגעשעפּט, לאַדט אונדז אײַן די מאַדאַם צו די ביכער־שראַנקען. פאַרן יִנגל זײַנען די ביכער ניט לויט זײַנע יאָרן, בלעטערט ער און לאָזט ניט דורך קײן אײן פּאַטאָ, קײן אײן געמעל.

דער זײדע איז געווױנט געוואָרן צו לאַנגע, דיקע און הויכע געמאָרעס אײן־יאַנקעווס און מעדראָשים, האַלט ער אײן אײן פאַרגלײַכן זײ מיט די ספאָרים, וואָס זײַנען געשריבן און איבערגעזעצט געוואָרן פון פאַרשײדענע אומע־וועלאָשן־שרײַבער. נײַע ספאָרים — נײַע

שראנקען! זייַנע ספאָרים וואָלטן זיך דאָ ניט איינגעפּאַסט. די כאַכאַמים פון זייַנע ספאָרים האָבן זיך אָפט פאַרופן אף דער כאַכמע פון די פרעמדע כאַכאַמים. יעדע באַזונדערע כאַכמע האָט זיך איר באַזונדערן פרישן קוואַל, איר באַזונדערן אויסשעפּנדיקן ברונעם. און וואָס מער מ'שעפּט פון אַנדערע ברונעמס, אַלץ טיפער, אַלץ לויטערער ווערט דער אייגענער ברונעם.

דער זיידע בלעטערט און מישט ביכער פון דער רוסישער און מיַירעוו־איראָפּעיִשער קלאַסיק, און ער איז איבעראַשט פון דער ליבע, פון דעם עמעס און יושער, וואָס ווערט געפּריידיקט אין זיי. ער איז איבעראַשט פון די געדאַנקען, פון די נאַטור־געמעלן און שיינקייט פון יעדן וואָרט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט די אַלע ביכער געקאָנט אויסלערנען על רגל אחת[1], אף איין פוס.

בא די אָפענע שראַנקען האָט דער זיידע זיך דערמאָנט וועגן דעם ניט־יידן, וואָס איז געקומען צום געלערנטן שאַמיַי און אים געזאָגט: „זיַי מיך מעגאַיער ביטניַי, אַז דו זאָלסט די גאַנצע טוירע מיך אויסלערנען פאַר דער צייַט, וואָס איך וועל קאָנען אויסשטיין אף איין פוס". איז שאַמיַי שטאַרק אופגעבראַכט געוואָרן און אים דורכגעטריבן. איז דער ניט־ייד אַוועק צו הילעלן און איבערגעכאַזערט פאַר אים דאָס זעלבע. האָט הילעל אים זייער וואַרעם אופגענומען און געזאָגט: „דאָס איז מעגלעך, זייער און זייער מעגלעך. דאָס בייז, וואָס דו ווילסט ניט, אַז מ'זאָל עס טאָן מיט דיר, זאָלסטו עס ניט טאָן דיַין כאַווער". אין דעם באַשטייט די גאַנצע טוירע, און אַלדאָס איבעריקע איז ניט מער ווי א פּיירעש אף דער טוירע.

דער זיידע נעמט אף זיך שטיין אף איין פוס מער, ווי עס האָט ביז אַהער באַוויזן אין גאַר דער וועלט א מענטש אויסצושטיק. וועט מיד ווערן די רעכטע פוס, וועט פאַרבייַטן די לינקע, און די לינקע וועט צאָלן מידע קענעגעד מידע דער רעכטער. אַזויפיל דורכגעלאָזט, קאָן דער זיידע ניט קומען צו־זיך און געפינט ניט אויס דעם מינדסטן זכוס פאַר דער צייַט. אין אַלץ איז שולדיק די צייַט — ער האָט געלעבט אין א פינצטערער און אין א וויסטער צייַט!

איך באַגעגן זיך מיט די ביכער, ווי מיט די סאַמע נאָענטסטע פריינט. איך בין קיינמאָל מיט זיי ניט געווען צעשיידט, זיי זיַינען שטענדיק געווען מיר איַינגעבאַקן אין האַרצן, און מיַין מוימעך האָט פאַר זיי אויסגעטיילט דעם סאַמע געדאַנקען־אויבנאָן.

מיַין קאָפּ גייט איבער פון איין שראַנק צום צווייטן. איך פאַרמעסט זיך מיט מיַינע ברייט צעשפרייטע הענט איבער יעדער ריי, כאַפּ אַרום יעדן בוך באַזונדער. איך פאַרהער זיך אַליין און בין גליקלעך, וואָס איך געדענק זיי, וואָס פאַר די יאָרן פון צעשיידונג זיַינען מיר צו־געקומען א סאַך נייַע געדאַנקען וועגן זיי.

סאַרא וועלטבארימטע נעמען!

סאַרא גרויסע און אומשטערבלעכע ווערק!

איך פרעג אף טשיקאַוועס בא דער מאַדאַם, וועמען פון די שרייַבער האָט זי אויסגעוויילט פאַר איר באַליבסטן שרייַבער, וועלכער בוך איז בא איר דער בוך פון ביכער?

— פאַר וועמען האַלט איר מיך, — באַליידיקט זיך די מאַדאַם, — איך בין ניט קיין לייַ־דיקגייערן, איך באַוויַיז אפילע ניט איבערצוליינען די ליטעראַטור פונעם קליינעם זשורנאַל־טישל.

— איז צוליב וואָס זשע זיַינען איַיערע שראַנקען איבערגעלאָדן מיט ביכער, ווי די שיַיערס מיט טווּוּ אין א גערעטעניש־יאָר?

— ס'איז א פּאַשעטער כעזשבן, — ענטפערט זיכער אָפּ די מאַדאַם, — פרייַער פון אַלץ זיַינען גוטע ביכער, גוט געלט, קאַראַנטע אַסיגנאַציע, פעסטע וואַליוטע. גוטע ביכער ווייסן קיינמאָל ניט פון קיין דעוואַלוואַציעס. פאַרקערט, זיי ווערן שטענדיק טייַערער און טייַערער. און צוויַיטנס, זיַינען ביכער מיט שיינע איַינבונדן, מיט רייצנדיקע רוקנס ניט קיין קלענערע צירונג ווי קרישטאָל, ווי גאָלד און זילבערנע צירונג.

ס'איז דאָ, מיט וואָס זיך צו באַרימען, ס'איז דאָ, מיט וואָס זיך איבערצונעמען.

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האַלט ניט אויס און רוימט מיר איַין אין אויער זיַין אומצופרידנקייַט:

— וווּהין האָסטו עס מיך פאַרפירט? וווּהין האָסטו עס מיך געבראַכט? ס'איז דאָך א הויז פון געצנדינעריַי, פון אָווידע־זאָרע. אָפּגעטער און אָפּגעטער. ווו דו גיסט זיך א קער און ווענד, זיַינען בלויז אָפּגעטער און אָפּגעטער. וויאַזוי הייסט עס בא איַיך אָפּן לאָשן פון איַיער צייַט?

[1] אל רעגל אכאס.

— אפן לאָשן פון אונדזער צײַט, — דערקלערט איך דעם זיידן, — הייסט עס שמאָכטע־ליאַקעס, שמאַטיזם. שיינע בעטן, שיינע שראַנקן, „סטענקעס“, דיוואַנען, שטולן, וועלאָסיפּעדן, מאָטאָציקלען, אויטאָמאַשינעס מיקאל האמינים הייסן אַפן לאָשן פון אונדזער צײַט כייפעציזם. דער שוירעש פון כייפעציזם איז כייפעץ — וועלן און ניט אופהערן וועלן און ניט אופהערן גלוסטן.

כייפעציזם, אַז מ'זעצט איבער אין רוסיש, הייסט עס „וועשטשיזם“. „וועשטשיזם“ איז אַ קרענק ניט אויסער זיך, נאָר אַ קרענק, וואָס איז טיף אַרײַן אין זיך, אַף צו מאַכן פון דעם איך אויס איך, אַף צו מאַכן פון מענטשן — אויס מענטשן.

די אָדעסער קינאָ־סטודיע איז בישכיינעס מיט מײַן הויז. פּלאַקאַטן האָבן געגעבן צו וויסן, אַז די קינאָ־סטודיע גרייט זיך שאַפן אַ גרויס אַלזײַטיק כראָניק־בילד וועגן קאַרגע און קאַרגשאַפט. מיר טוען עס פאַר די קומענדיקע דורות, אַז זיי זאָלן האָבן אַ פאַרשטעלונג, אָן אָנונג וועגן דער פאַרדאַרבענער מידע פון דעם פאַרדאַרבענעם מין מענטש.

אַ גרויסער גרינער פּלאַץ. אַפן בייזוווּנדער קומען אָן אַלץ מער געסט און צושויער.

דער זיידע קוועלט אָן, וואָס די סינע און פאַראַכטונג צו קאַרגע און קאַרגשאַפט איז אַזוי גרויס. פון עטלעכע רופאַרס שרײַען קוילעס, אַז מ'זאָל ניט שרײַען, מ'זאָל ניט טומלען. עס ווערט שטיל.

דער רעזשיסער ווײַזט אָן אַף די ערשטע מענטשלעכע טריט, אַף די ערשטע קאַרגע, וואָס האָבן די קאַרגשאַפט געבראַכט אַף דער וועלט. עס בלעטערן זיך די בלעטער. איינער כאַפּט דעם צווייטן בא דער האַנט און שרײַט אויס גלײַך אין פּאָנעם: „דאָס ביסטו דער מענטש! דאָס ביסטו דער קאַרגער!“ עס שוועבן דורך די קאַרגע פון פאַרשיידענע צײַטן, פעלקער און לעשוינעס, אַף וועלכע די גרעסטע שרײַבער אין דער וועלט האָבן ניט געקאַרגט קיין פאַרב, קיין סינע און פאַראַכטונג.

דער רעזשיסער דערקלערט, אַז קאַרגשאַפט איז פילגעשטאַלטיק. איין קאַרגער איז ניט ענלעך אַפן צווייטן: „ס'זײַנען דאָ קאַרגע, בא וועמען די קרענק ווײַזט אַרויס אירע ערשטע סימאָנים, דעם עמבריאָן. אין אַזעלכע פאַלן איז נאָך דאָ אַ האָפענונג אַף צו ראַטעווען. און ס'זײַנען פאַראַן קאַרגע, וואָס זײַנען פאַטאָלאָגיש קראַנק, אַזעלכע אויסצוהיילן איז אומעגלעך“.

— בושע! בושע! — פאָדערט דער רעזשיסער בא די קומענדיקע העלדן פון דעם פילם, — בושע! וואָס מער בושע!

די אַסיסטענטן לויפן אַרום, לייענען דורך יעדנס פּאָנעם, קוקן אַרײַן אין די אויגן און גיבן צו וויסן:

— ניטאָ! ניטאָ קיין בושע, קיין ברעקל בושע ניטאָ! פאַר די קאַרגע איז קאַרגשאַפט נאַטירלעך, ווי אָטעמען מיט לופט. קיין איינער פון זיי שטייט ניט מיט קיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, פאַרמאַכט ניט די אויגן, פאַרשטעלט ניט דאָס פּאָנעם. זיי זײַנען רויק און זיכער — ניטאָ אַזא קאָדעקס, אין וועלכן קאַרגשאַפט זאָל באַצייכנט ווערן אַלס פאַרברעכן, זאָל פאַרמאָגן זײַנע באַזונדערע באַשולדיקונגס־ און שטראָף־פּונקטן.

דער רעזשיסער טרעט צו צו די כאַראַקטעריסטיקעס. ער הייבט אָן פון אַ בעקאָוועדגאָדלדיקן אויסגעצויגענעם יונגנמאַן, וואָס מיט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט און מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט האַלט ער אין איין פאַנאַנדערטיילן זײַנע געגנוג פאַנאַנדערגעטיילטע שוואַרצע וואָנצעלעך:

— קוקט אָן אָט דעם בען־אָדאָם, ער איז אײַנצײַטיק אַ קאַרגער, אי אַ צעוואָרפענער. אַ פאַנאַנדערגעטיילטע נעשאָמע, ווי פאַנאַנדערגעטיילט ס'זײַנען זײַנע וואָנצעלעך. ער איז קאַרג בענעגייע זײַן אייגענעם גראָשן און איז שטאַרק ברייטהאַנטיק, צעוואָרפן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן מעלוכיש געלט און מעלוכיש פאַרמעגן. דאָ האָט ער פּײַנט כעזשבענען, דאָ סאַכאַקלט ער ניט, ער נעמט, וויפל עס לאָזט זיך נאָר נעמען, לייגט אַרײַן אין דער אייגענער קעשענע, וויפל נאָר עס לאָזט זיך אַרײַנלייגן.

— אין מײַנע צײַטן, — דערקלערט דער זיידע, — זײַנען אַזעלכע נעפאַשעס ניט געווען. זיי זײַנען ניט געווען פּאַשעט דערפאַר, וואָס אין די צײַטן, ווען עס האָבן געקיניגט מעלאָכים, האָבן יידן ניט געהאַט דעם מינדסטן צוטריט צו מעלוכישע איניאָנים, צו מעלוכיש געלט.

איך טראָג אַרײַן אַ טיקן־טאָעס:

— און וואָס וועסטו זאָגן וועגן יידן פּאָדריאַדטשיקעס, וואָס האָבן געבויט בריקן, צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי און באַגאַנוועט די מעלוכע אַף וואָס די וועלט שטייט?

— נאָר ניט זיי, די פּאָדריאַדטשיקעס, וואָס זײַנען געווען קליין אין דער צאָל, דערווײַטערט און אָפּגעזונדערט פונעם פאָלק, זײַנען געווען די פאָרגייער פון אָט דעם קאַרגן און

צעוואָרפענעם. די עמעסע פאָרגייער זײַנען געווען דעריקער צווישן די רעדלפירער פון קאַהאַל, צווישן די באַלעטויוועס און קאָראָבקע־לײַט, וואָס ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי באַגאַנוועט און באַגאַזלט דאָס פאָלק, וואָס ווו נאָר זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי פון די באַ־רויבטע אָרעמע גראָשנס זיך אָנגעשלאָגן קאַפּיטאַלן.

עס ווערט כאַראַקטעריזירט א זעלבסטצופרידן מענטשל, וואָס איז גרייט צו יעדער מי־נוט זיך אַליין פּאַטשן אין פּלייצע פאַר דער שיינער מידע, וואָס ער האָט דערגרייכט אין לעבן — „מײַנס איז מײַנס און דײַנס איז דײַנס!“

דער זיידע בעט א וואָרט. ער האָט עפּעס־וואָס צו צוגעבן צו דער כאַראַקטעריסטיק. דער רעזשיסער דערלויבט, און דער זיידע רעדט כאַצי רוסיש און כאַצי אוקראַיִניש:

— אונדזערע כאַכאָמים האָבן די מידע פון מיטלמעסיקײַט אָפּגעשאַצט אַלס איינע פון די סדאָם־מידעס.

דער רעזשיסער איז מאַסקים און זעצט פאָר די כאַראַקטעריסטיק:

— האָט פּאַסירט, און איר האָט געקויפט פאַר אָט דעם מיטלמעסיקן א טראַמוויי־בילעט, ווערט עס פאַרשריבן אין סייפער האַזיכרוינעסל, און איר מעגט זײַן זיכער, אַז דער כויוו וועט אומבאַדינגט אומגעקערט ווערן. מעג עס זײַן אין א יאָר און אַפילע אין צוויי יאָר אַרום. און אומקערן וועט ער אומגעקערט ווערן דערפאַר, אַז טאָמער וועט טרעפן, אַז עס וועט ניט זײַן קיין אַנדער אויסוועג און דער מיטלמעסיקער וועט קויפן פאַר אײַך א טראַמוויי־בילעט, זאָלט איר אים אומקערן די דרײַ קאָפּעקעס, ווי ער האָט אײַך אומגעקערט.

דער רעזשיסער באַשפּילט דעם זיך דינגענדיקן דינגער, וואָס קאָן בא דער וואַנט אַפילע עפּעס אויסדינגען, ער באַשפּילט דעם עפּל־קויפער. די שפּיל איז אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז דער גרינער פּלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין א יאַם פון געלעכטער. אַלע אָפּגעגעסענע עפּל, אָנהייבנ־דיק פון די גאַניידן־עפּל ביז הײַנטיקן טאָג, און אַלע עפּל, וואָס דאַרפן ערשט קומען אָף דער וועלט, שטייען אוף טכיִאַס האַעפּל. אַלע לאַכן זיי, לאַכן מיט זייערע רויטע בעקעלעך, מיט די פאַרבליבענע בלעטעלעך, מיט די פאַרשיקערנדיקע רייכעס און מיט די דערקוויקנ־דיקע זאַפטן. זיי לאַכן און באַלאַכן, כויזעקן און שפּאַסן איבער דעם דינגער און אויסדינגער איבער אָט דעם עפּל־באַלטײַוועניק.

אין איינעם א זומער, ווען די עפּל זײַנען נאָרוואָס רײַף געוואָרן, האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט פאַרזוכן א פרישן עפּל. איז ער אוועק אפן מאַרק. אפן מאַרק פאָרט ער קיינמאָל ניט, ווײַל די רײַזע־הוצאָעס קאָנען אײַנשלינגען אין זיך די מעציִע. איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי לאַנג, אַז מ׳וואָלט פאַר דער צײַט א סאָד געקאָנט פאַרפלאַנצן און מ׳וואָלט געקאָנט איבערציילן די רײַפע פּרוכטן, וואָס זײַנען געהאַנגען אָף די צווײַגן פון יעדן בוים באַזונדער אין א לאַנג רײַפנדיקן סאָד. ווי אַלעמאָל, איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן מינהעג דורכגיין דעם מאַרק אינדערלענג און אינדערברייט. ער מוז אומבאַדינגט וויסן, ווי האַלט עס מיט דער פּרײַז. דערנאָך גייט דאָס אָנקוקעניש, דאָס באַטאַפּעניש מיט די אויגן און מיט די הענט, דאָס אָנשמעקן זיך מיט די רייכעס, דאָס פאַרצאַמען די ליפּן, זיי זאָלן בע־פאַרהעסיע זיך ניט וואַרפן אָף פרעמדע מאָלעכיינעוודיקע בעקלעך. דערנאָך הייבט זיך אָן דאָס דינגעניש גלײַך פונעם ערשטן טישל. א דינג אַהער, א דינג אַהין, נאָר ווו, ווער, וואָס, אַפילע קיין גראָשן גיט ניט קיין צאַפּל, ס׳איז א הוילע נעץ, וואָס האָט גאָרניט געפאַנגען. וואָס זשע טוט ער? ער לויפט. לויפט פונעם ערשטן טישל צום לעצטן, און אַזוי פון טישל צו טישל. אים ווילט זיך אַלץ אַראָפּזועצן די פּרײַז פון א קילאָ עפּל כאָטש אָף צוויי קאָפּעקעס נידערי־קער. קאָפּעקעס זײַנען דאָך ניט קיין עפּל, וואָס וואַקסן אפן בוים.

פון אַהער אַהין און פון אַהין אַהער קומט ער צום לעצטן מאָל צום ערשטן טישל, ווען די זון האַלט בא פאַרגיין און די פאַרקויפערנס נעמען זיך פּאַקן אין וועג אַרײַן.

און דאָ גיט א שפּיל דאָס מאַזל. ער דינגט אויס צוויי קאָפּעקעס און לויפט א גליקלעכער אַהיים מיטן קילאָ עפּל, מיט דער מעציִע.

א שטיל מענטשל, ווײַזט אָן דער רעזשיסער, קאָן, דוכט זיך, קיין צוויי ניט ציילן, און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז ער איז א גרויסער באַלכעזשבן.

נאָך דרײַסיק יאָר זיך ניט זען מיט זײַן קינדהײַט־ און יוגנט־כאַווער, ווען ער האָט ניט אופגעהערט שרײַבן די סאַמע הייסע ליבע־בריוו און ניט אופגעהערט אײַנלאַדן צו זיך אָף צו מעכאַבעד זײַן אים מיט דער אָדעסער זון, מיט די אָדעסער בלויע הימלען און שוואַרצן יאַם, איז ער אַראָפּגעקומען אין קאָמאַנדירונג קיין אָדעס. דאָס שטיל מענטשל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן, האָט גלײַך אָף מאָרגן זײַן אַלטן פרײַנט אײַנגעלאַדן צו זיך אָף וואַרמעס. א נאַכט האָט ער זיך געיִישעווט מיט זײַן ווײַב, ער מיט א בלײַער און זי מיט א בלײַער האָבן א מעניו צונויפגעשטעלט.

— ס'איז ניט פּאָר אונדזערע קויכעס און ניט פּאָר אונדזערע קעשענעס, — האָט דער מאכניס־אוירעך אָפּגעשטעלט זײַן בלײַער, ער זאָל זיך אַזוי ניט יאָגן ווי אַ זווילעל־וועסוי־ווּעניק נאָך די מײַכאָלים.

— מ'באַדאַרף קירצן, — האָט דאָס ווײַב געצייִטעט.

מיט דעם זעלבן אימפּעט, ווי באַם צונויפשטעלן די מעניו, האָבן בײדע בלײַערס גע־קירצט. מ'האָט אַזוי לאַנג געקירצט, ביז פון דער מעניו איז קיין זייכער ניט געבליבן. האָט מען אָף די טאָוולען פון פאַרשריבענע העפטן אַ צווייטע מעניו געגומען צונויפשטעלן. די בלײַערס זײַנען געוועזן געצאַמט און זיך קוים גערירט, און ווען מ'האָט גענומען אײנער פאַרן צווייטן איבערלייענען דעם צווייטן מעניו־וואַריאַנט, האָט אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן די צוויי צונויפשטעלער.

— אָן אָף! אָן אָף אומבאַדינגט. אָן אָף איז דער יאָמטעוו קיין יאָמטעוו ניט.

— אָן אָף? — האָט אויסגעשריִען דער מאכניס־אוירעך. — דו ביסט אַנדערש ניט געווינט געוואָרן באַ דײַן טאַטן ווי עסן אָף אינדערוואָכן? אָן אָף איז פּאָר אונדז ווי אָן אָדלער, אָף ניט צו דעריאָגן און אָף ניט צו כאַפּן.

— איז זאָל זײַן פלייש.

— פלייש? דאָס איז דאָך אַלצײנס ווי פּאַסעוועןן זיך דאָס לײַב, ווי שנײַדן איוורימווײַז פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש.

— איז זאָל זײַן פיש.

— פיש? מאַכבעטײסע, נאָר געפּרווירענע און אין קיין פאַל ניט קיין פרישע.

— און ווי קוקסטו אָף אַ פאַרשמאַקל פון אַ פּאָר גוטע הערינגלעך?

— מ'ווּעט זיך באַגיין מיט טיולקעס. די אָדעסער טיולקעס האָבן אַ שעם אין גאָר דער וועלט.

— און ווי קוקסטו אָף מאַשקע? בראַנפן אָדער ווײַן?

— ניט דאָס און ניט יענץ, די בעסטע מאַשקע פון אַלע מאַשקעס איז גאַזירטע וואַסער מיט סיראָפּ.

ווען דער לעצטער מעניו־וואַריאַנט איז אָנגענומען געוואָרן פון בײדע צדאָדים, זײַנען די בלײַערס ווידער אַוועק אַ גאַנג. מ'האָט גענומען ציילן און רעכענען, רעכענען און ציילן, וויפל דער וואַרמעס וועט אָפּקאָסטן. דער סאַכאַקל האָט קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט — דאָס, וואָס דער וואַרמעס לעקאָוועד דעם גאַסט וועט אָפּקאָסטן, קאָן זיי סטײַען אָף אַ וואָך צײַט צו עסן. זיי טאָרן עס ניט טאָן. איז וואָס זשע טוט מען? אַ נאַכט האָבן זיי ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, און ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אָף טאָג, האָט אַ ליכטיקער געדאַנק זיי באַלויכטן און באַרויִקט: צו דער באַשטימטער צײַט דאַרפן זיי אַוועקגיין ווײַט און זיך אויסבאַהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווי זיי האָבן פאַרטראַכט, אַזוי האָבן זיי געטאָן. ווען דער אײַנגעלאַדענער גאַסט איז געקומען צום וואַרמעס, האָט ער געטראָפן אַ שלאָס אָפן טיר.

אַ כאַראַקטעריסטיק נעמט זיך צו האַדראַס־פּאָנעם און האַדראַס־באָרד, מיט געל פאַר־פלּיאַמעטע וואָנצעס. די כאַראַקטעריסטיק דערקלערט דעם מיין פון די צוויי באַהעפטע, שפּרינג־געגדיקע און בעטנדיקע פינגער, אָט פון דער רעכטער און אָט פון דער לינקער האַנט, דעם מיין פון די פּאַטשנדיקע ליפּן, ווי באַ אַ גויסעס, ווי באַ אַ זיך טרינקענדיקן.

ער איז אַ גוואַלדיקער רייכערער, רויך און אָטעם זײַנען באַ אים אַלצײנס. אָט דעם מין רויך דערשלאָגט ער זיך בלויז פון אָן אויסגעבעטענעם פּאַפּיראָס. דער רויך פון אַ געקויפטן שטיקט אים, וואַרגט אים און רופט באַ אים אַרויס עקל. און טאַקע דערפאַר האָט ער ניט קיין אַנדערן נאָמען ווי „באַקומאָוועץ" — דער רייכערער, וואָס רייכערט בלויז פון דער פּאָב־ריקע „באַקום".

דער באַקומאָוועץ מיט די צוויי באַהעפטע, שפּרינגענדיק־בעטנדיקע פינגער און פּאַטשנ־דיקע ליפּן איז אַזוי דערגאַנגען די יאָרן זײַנע מיטאַרבעטער, אַז אײנער אַ לעץ האָט זיך געלאָזט מיט צוויי טיף איבערגעקערטע שליאָפּעס איבער די צימערן פונעם אַנשטאַלט און אויסגעבעטלט צוויי פולע שליאָפּעס פּאַפּיראָסן פאַרן באַקומאָוועץ.

דער אײַנפאַל פון דעם לעץ האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז ס'האָט לאַנג ניט גע־דויערט און איך אַנשטאַלט האָבן זיך באַוויזן אַ כעוורע לייצים, וואָס האָבן מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן נאָכגעטאָן דעם ערשטן לעץ.

— און וועגן וואָס זאָרגט אָט דער? — ווײַזט אָן דער רעזשיסער אָף אײנעם אַ שטאַרק פאַרזאָרגטן. — די כאַראַקטעריסטיק דערקלערט: אויב איר מיינט, אַז ער זאָרגט פאַר דער וועלט, פאַר עמעצן אַ נאָענטן און פאַר עמעצן אַ ווײַטן, האָט איר אַ גרויסן טאָעס. ער האָט

זיך זײַן אײגענע זאָרג — די טעג איז ער אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. די צײַט איז ניט קאַרג אַפילע בענעגײַע קאַרגע. זי צײלט און צײלט ביז א יאָר און גלײַך נעמט זי טראַכטן וועגן א צװײטן יאָר. אַזױ א יאָר נאָך א יאָר. נאָר ניט אין דעם באַשטײט זײַן אומגליק. ער איז שטאַרק באַטריבט, וואָס אײנער זײַנער א מיטאַרבעטער האָט אים צו זײַן געבורטסטאָג אונ־טערגעטראָגן א ביז גאָר פײַנע און טײַערע מאַטאָנע. האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, און אָנשטאָט א דאַנק געגומען מיט דער גאַנצער בײזער זײַנער זאָגן אים מוסער: „וואָס האָט איר עס גע־טאָן? איר האָט דאָך אָן א מעסער געקױלעט אי זיך, אי מיך! זיך האָט איר געקױלעט מיט אויסגעבן א סאַך געלט, און מיר האָט איר פאַרשטערט די סימכע, פאַרצאַפּט בלוט און באַ־רויבט מײַן רו — איר פאַרשטײט, אינגיכן וועט זײַן אײַער געבורטסטאָג, און מיר וועט אויסקומען קױפן א מאַטאָנע, וואָס זאָל ניט וויניקער ווערט זײַן ווי אײַערע. הײַנט זעט איר שוין, ווי פון א טויווע קאָן אַמאָל אַרויסקומען די גרעסטע ראָע?"

די רעזשיסערישע כאַראַקטעריסטיקעס און געשיכטעס וועגן יעדן קאַרגן באַזונדער נע־מען שטאַרק אויס באַם אוילעם. מ'הערט זײ אויס מיט אַזא פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס, גלײַך ווי דער קאָמענדיקער פילם איז פאַר זײ אָפּגעשפּילט געוואָרן מיט אַלע פּישטשעווקעס.

צום שלוס דערקלערט דער רעזשיסער:

— קאַרגשאַפט באַם קאַרגן איז די האַנאָע פון אַלע האַנאָעס, ווי באַם שיקער די מאַשקע, ווי באַם שווינדלער דאָס שווינדל, ווי באַם גאַנעוו די גנײווע, ווי באַם רױבער די גזילע, באַם רעצײַעך זײַן רעציכע. פון דער האַנאָע ווילן די קאַרגע מיטן גוטן ווילן זיך קײנמאָל ניט אָפּזאָגן, קײנמאָל ניט פּרוּוון זיך אויסהײלן פון איר. און מיט דעם איז די קרענק באַ־זונדערס געפערלעך. דאַרפן מיר טאָן אַלץ אַף צו פאַרמיִעסן אין זײַנע אויגן די האַנאָע, ווי די מעדיקער פאַרמיִעסן די מאַשקע אין די אויגן פון דעם שיקער. מ'דאַרף די האַנאָע אַזוי פאַרמיִעסן, אַז ס'זאָל פון איר עקלען, אַז דער קאַרגער אַלײן זאָל נעמען שרײַען: „גענוג! איך קאָן שוין מער ניט! איך וויל שוין מער ניט און וועל שוין מער ניט!"

דער זײדע יאַנקעוו־מוישע פאַלט אַרײַן אין היסלײַוועס פון יענע קומענדיקע טעג און קומענדיקע צײַטן, וועגן וועלכע עס האָבן געטרוימט די נעוויִים, די שענסטע און בעסטע מענטשן ביז זײ און נאָך זײ.

אין יענע טעג... סאַראַ גליקלעכע טעג עס וועלן זײַן!

א פאָלק אַף א פאָלק וועט מער קײן שווערד ניט אופהייבן!..

די פּסוילעס־לײַט וועלן מער ניט פאַרהאַלטן די געולע, די אַנטפּלעקונג פון דעם פּסוי־לעס־מענטש, פון דעם ערשט־סאָרטיקן, פונעם בעסטן און שענסטן.

סוילעס און פּסוילעס זײַנען קײן פּאָר ניט. סוילעס איז שטאַרקער פון פּסוילעס.

פּסוילעס מוז אָפּפאַלן, מוז אויסגעזיפּט ווערן און וועט אויסגעזיפּט ווערן.

— אין יענע טעג! אין יענע טעג! — קאָן זיך דער זײדע גאָרניט צעשײדן מיט זײ. — אַזוי וויל צו די, וואָס וועלן לעבן אין זײ!

„יאָ, אין יענע טעג, — שרײַבט דער ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער בוזי מילער אין זײַן נאָוועלע „שלעכטקײַט", — ווען עס וועלן שוין ניט זײַן קײן מילכאָמעס, ווען די וועלט וועט מער ניט זײַן צעטײלט אַף אָרעם און רײַך, וועלן שלעכטע מידות נאָך פונדעסטוועגן זײַן. נאָר דעמלט וועט מען זײ פאַר זײער שלעכטקײַט מישפּעטן, ווי מ'מישפּעט איצינד פאַר גנײווע און דיווערסיע, דאַן וועט עס זײַן דער גרעסטער פאַרברעכן קעגן מענטשלעכקײַט".

איך מײן, אַז דאָס זעלבע וועט אויך געשען מיט קאַרגשאַפט, וואָס איז דער טאָך פון שלעכטקײַט...

א קלוגער ייִד איז געווען דער זײדע יאַנקעוו־מוישע. זײַן פאָרמולירונג וועגן קאַרגע איז גילטיק נאָך ביז הײַנטיקן טאָג — א קאַרגער איז קאַרג־מענטש, קאַרגשאַפט האָט ביז גאָר וויניק אין זיך מענטשלעכקײַט.

אוודע וועט די צײַט טאָן אירס! אוודע וועלן די קומענדיקע צײַטן ניט אונטערפירן און ניט אַנטוישן די דאָר־דוירעסדיקע טרוימער! און דערווײַל, ביז עפּעס־וואָס, היט זיך פאַר קאַרגע, גלײבט זײ ניט, שטײט ניט אין זײערע דאַלעדאַמעס, לאָזט זיך מיט זײ ניט אין וועג אַרײַן, ווענדט זיך ניט צו זײ נאָך הילף אין אַן אײס־צאָרע, איך א געפאַר. זײ וועלן זיך קײנמאָל ניט טײלן מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן טראָפּן וואַסער.

היט זיך פאַר קאַרגע!

אוראַן גוראַלניק

א בריוו פון דושאַנבע

א... זעלטענעם ערעוו־יאָמטעוודיקן אונטן האָבן מיר פאַרבראַכט אין דעם הויז פון אמין באַדאַלבייעוו. ער, דער באַוווּסטער אין דושאַנבע ציין־טעכניקער, איז דער פּאָטער פון מיין אַספּיראַנטקע בעלע. אמין דאַווידאָוויטש איז אַ בוכאַרער ייִד, ער האָט פרי פאַרלאָזן זיינע עלטערן און איז אויסגעוואַקסן אין אַ קינדערהיים. אין דער צייַט פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אַ שווער פאַרוווּנדעטער, האָט ער זיך געהיילט אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל. דאָרט האָט ער באַגעגנט זיין באַשערטע, די שטאָלצע יעווגעניע באָריסאָוונע, וועלכע שטאַמט פון בערדיטשעוו. אין די מילכאָמע־יאָרן איז זי געווען אַ דאָנאָר, געראַטעוועט מיט איר בלוט ניט וויניק סאָוועטישע סאָלדאַטן. אַן ענערגישע און האַרעפּאַשנע, האָט זי שוין פון דעמלט אָנגעהויבן זיך ציִען צו מעדיצין. אין מעשעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער אַרבעט זי אין דעם בעסטן רעפּובליקאַנישן הייל־אַנשטאַלט. דאָ באַצייט מען זיך צו איר מיט ליבע און קאָוועד, מע שעצט הויך איר מי. און ס'איז טאַקע קיין וווּנדער ניט: יעווגעניע באָריסאָוונע האָט גאָלדענע הענט און איז פול מיט גוטהאַרציקייַט. איר, דער עלטערער קראַנקן־שוועסטער פונעם כירורגיע־אָפּטייל, פאַרטרויט מען צוגרייטן די שווערע כאָלאָים צו די סאַמע קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס.

איך טו אַ קוק אין פענצטער און זע די שטאָט, אַ באַצירטע מיט פייערלעכער אילומינאַציע. היינטער איר פאַרשווינדן ניט סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט די זיגזאַגן פון די מעכטיקע, אין שניי פאַרהילטע בערג. פון מאָסקווע קומען אָן ידיִעס וועגן די ערשטע פרעסטלעך, אָבער דאָ, אין דושאַנבע, האַלט זיך אַ מעכייַעדיקע וואַרעמקייט. אומעטום — פּראַכטפולע גרינע ביימער און קוסטעס, צו וועלכע דער האַרבסט האָט נאָך ניט דערוועגט זיך צורירן.

מע באַזעצט אונדז באַם טיש. די גאַסטפריינטלעכע קיינעוודיקע באַלעבאָסטע איז אונדז מעכאַבעד מיט אַ ברייטער האַנט. די אויגן צעלויפן זיך: וועלכן מייכל פריִער אָפּגעבן קאָוועד? מיר זיינען שוין זאַט, נאָר וויאַזוי זאָגט מען זיך אָפּ פון אַ שטיקל מעכייַעדיקן לעקעך, וועלכער צעגייט זיך מאַמעש אין מויל, אָדער פון דעם שטרודל, וואָס רייצט די נאָז מיט זיין אַראָמאַט? דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן יעדן געקעכץ און געבעקס, וואָס עס האָט אַזוי מייסטערהאַפט און מיט אַזויפיל ליבע צוגעגרייט יעווגעניע באָריסאָוונע.

מע האָט אויפגעהויבן די קעלישעקלעך מיט דעם בעסטן ווונטש — פאַר שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ פייערלעכער מינוט האָט מען דערמאָנט די קרויווים און די נאָענטע פריינט. בא יעווגעניע באָריסאָוונען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, און ס'איז געווען פון וואָס: 67 מענטשן האָט אָנגעציילט די גרויסע מישפּאָכע אין פאַרמילכאָמעדיקן בערדיטשעוו. געבליבן לעבן איז אָבער נאָר זי איינע. איר גאַנצע טרייסט איצט זיינען די טעכטער און די אייניקלעך.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין איבער פאַרשיידענע דינסט־איניאָנים קימאַט אין אַלע הויפּטשטעט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן. נאָר אין דושאַנבע בין איך קיינמאָל ניט געווען. דערפאַר איז קיין כידעש ניט, וואָס איך האָב אַזוי גערן אָנגענומען די איינלאַדונג פון דעם טאַדזשיקישן מעלוכישן אוניווערסיטעט און פון

דער רעפובליקאַנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין דער טעאָרעטישער קאָנפערענץ, געווידמעט דער געשיכטע און דער מעטאָדאָלאָגיע פון ליטעראַטור־פאָרשונג. אין דושאַנבע אַרבעטן מײַנע קאָלעגן, מיט וועלכע איך שרײַב זיך שוין פון לאַנג איבער, דאָ לייענען לעקציעס מײַנע שילער. בעלע נאַדאַלבײַעוואַ איז איינע פון זיי. זי פאַרענדיקט איצט די קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע וועגן מיכאַיל קאָלצאָוו, דעם אָנגעזעענעם שרײַבער און זשורנאַליסט פון די 20־30־ער יאָרן. מיכאַיל קאָלצאָוו, אַ זון פון אַ באַשיידענעם קיִעווער באַלמעלאָכע יעפים פרידליאַנד, דער אויטאָר פונעם „שפּאַנישן טאָגבוך" און פון אַנדערע באַוווּסטע פאַרצייכענונג־ביכער, דער פעליעטאָניסט פון דער „פּראַוודאַ", דער גלענצנדער פּובליציסט, רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „אָגאָניאָק", „זאַ רובעזשאָם" און אַנדערע, האָט איבערגעלאָזט אַ באַדײַטנדיקן שפּור אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער קולטור. זײַן שעפערישע ירושה האָט ניט פאַרלאָרן איר אַקטועלקײַט אויך הײַנט. די קינסטלערישע מײַסטערשאַפט פון קאָלצאָווס פּובליציסטיק — אַזאַ איז די טעמע פון דער דיסערטאַציע פון ב. באַדאַלבײַעוואַ.

ס'איז פאַר מיר ניט קיין נײַעס אָנטיילצונעמען אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענצן און סימפּאָזיומס. ניט זעלטן קומט אויס אַרויספאָרן אַף דער פּעריפעריע און לייענען דאָרט לעקציעס אין די אוניווערסיטעטן אָדער הויכשולן. אַזעלכע רײַזעס גיבן אַ סך קוידעמקאָל דעם לעקטאָר: די באַגעגענישן מיט יונגע צוהערער, וועלכע זײַנען אַקטיוו און נײַגעריק, פאַרברייטערן דעם אַקאַדעמישן האָריזאָנט. אין אָט דעם פּראַט האָבן זיך מיר באַזונדערס פאַרגעדענקט מײַנע נסיעות קיין טאַלין און לענינגראַד, טאַשקענט און קיִעוו, מינסק און טבילִיסי, קאָסטראָמאַ און קאַלינין, אין מײַן געבורט־שטאָט ווינִיצע. אָבער די זעקס טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דושאַנבע, דאָס איז, קאָן מען זאָגן, אַ באַזונדער קאַפּיטל.

כ'וועל אָנהייבן, לעמאָשל, פון דעם, אַז דער איניציאַטאָר און די נעשאָמע פון דער קאָנפערענץ איז געווען ב. ל. מיליאַווסקי, דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון רוסישער ליטעראַטור אין אָרטיקן אוניווערסיטעט. זײַן לעבנס־וועג האָט ער אָנגעהויבן אין כאַרקאָוו. שפּעטער האָט ער געקעמפט מיט די פאַשיסטן, געפינענדיק זיך אין דער לעגענדאַרער 18־טער אַרמיי. נאָך דער מילכאָמע איז ער באַוווּסט געוואָרן אין די ליטעראַרישע קרײַזן ווי אַן ערנסטער פאָרשער פון מאַיאַקאָווסקיס שאַפונג. אַן ערעך מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין דושאַנבע, ווו ער האָט אויפגעצויגן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פילאָלאָגן, צוגעגרייט ניט איין הונדערט קוואַליפיצירטע לערער פון ליטעראַטור. דאַרף מען זיך דען וווּנדערן, וואָס אַף זײַן ווענדונג זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון טאַדזשיקיסטאַן, צוליב באַהאַנדלען די פרישצאַפּלדיקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, געלערנטע און פּעדאַגאָגן פון די הויכשולן פון צוואַנציק שטעט? באָריס לוואָוויטש האָט אונדז באַצויבערט מיט זײַן ערודיציע, באַהאַוונטקײַט אין די פּראַגן פונעם טאָג־סיידער, מיט זײַן אומאָריסטישפּלעכן הומאָר.

כ'מיין, אַז דאָ איז ניט דאָס אָרט צו פאַרנעמען זיך מיט איבערדערציילן די פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ, דעם אינהאַלט פון די פאָרטראָגן און מיטיילונגען, וועלכע מע האָט דאָ פאָרגעלייענט אין דרײַ אימפּאָזאַנטע סעקציעס. איך גלייב, אַז דער היפּשער באַנד, וועלכער אַנטהאַלט די מאַטעריאַלן פון דעם דאָזיקן וויסנשאַפטלעכן סימפּאָזיום (עס איז פאַרפּלאַנירט אַרויסגעבן דעם באַנד פאַר זייער אַ קורצן טערמין), וועט פאַראינטערעסירן ניט נאָר ספּעציאַליסטן.

אין אָט דעם בריוו מײַנעם, וועלכן כ'שרײַב צו אײַך, ליבע כאַווײרים פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", טאַקע דאָ אַפן אָרט, אין דושאַנבע, ווייל איך זיך אָפּשטעלן אַף עפּעס אַנדערס, כ'וויל אײַך דערציילן וועגן דער עכטער אינטערנאַציאָנאַלער פרײַנטשאַפט, וואָס האָט געהערשט אין די אַודיטאָריעס, ווו עס האָבן זיך צונויפגענומען אינאיינעם מיט די טאַדזשיקישע געלערנטע, פאָרשטייער פון פיל וויסנשאַפטלעכע צענטערס פונעם לאַנד — פון מאָסקווע און אָדעס, פון לענינגראַד און פּערם, פון קיִעוו און סאַראַטאָוו. מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן גערעדט אַף איין שפּראַך — אַף דער שפּראַך פון פרײַנטשאַפט. געווען זײַנען ניט ווייניק אָנגעזעענע פּראָפעסאָרן, אויטאָרן פון מאָנאָגראַפיעס און לערנביכער, נאָר דעם הויפּט־טאָן האָט פונדעסטוועגן פאַרגעבן — און דאָס איז אָנגענעם אָפּצומערקן — דער ווידערוווּקס אין דער ליטעראַטור־קענטעניש: די נאָך יונגע קאַנדידאַטן פון פילאָלאָגישער וויסנשאַפט און אַ היפּשע צאָל אַספּיראַנטן. זייערע אַרויסטרעטונגען זײַנען געווען דרייסטע, איבערצײַגעוודיקע, באַזירטע אַף טיפע קענטענישן.

אַ גוט אָרגאַניזירטע וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ פאַרגעדענקט זיך געוויינלעך ניט נאָר מיט אירע שעפערישע סאַכאַקלען, נאָר אויך מיט די באַגעגענישן, מיט די פּערזענלעכע קאָנטאַקטן, אין רעזולטאַט פון וועלכע ס'האָבן זיך באַפרײַנדעט געלערנטע פון פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס און ריכטונגען. אין דושאַנבע בין איך זיך נאָענט צונויפגעגאַן מיטן פּראָפעסאָר

פונעם דאָנעצקער אוניווערסיטעט מ. מ. גורשמאַן. מיכאיִל מאָיסייעוויטש האָט א באַדייַטנדיקן אוטאָריטעט אין געביט פון ליטעראַטור־טעאָריע, ער איז א באַוווּסטער פאָרשער פון פּאָעזיע. דערצו נאָך שפּרודלט פון אים מיט קלוגשאַפט און שאַרפזיניקייַט, מיט ליבע צום לעבן. דער כאַרקאָווער פּראָפעסאָר לעאָניד גענריכאָוויטש פריזמאַן האָט זיך געפילט אין דושאַנבע ווי אַן אָרטיקער טוישעוו: אין דושאַנבעער אוניווערסיטעט איז ער ארויסגעטראָטן ניט איין מאָל מיט זייַנע ספּעצקורסן איבער דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אַף דער טורבאַזע „וואַרזאָב“, ווו מיר האָבן געוווינט („וואַרזאָב“ באַטייַט „גרויס וואַסער“, אַזוי רופט מען דאָס באַרג־טייַכל, וואָס פליסט דאָ דערנעבן), האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלעקסאַנדער לאַזאַרעוויטש זשאָוטיסן — מייַן ווינניצער לאַנדסמאַן. איצט איז ער א פּראָפעסאָר, וווינט אין אַלמאַ־אַטאַ. מיט 45 יאָר צוריק, לערנענדיק נאָך אין שול, האָבן מיר ביידע באַקומען א פּרעמיע אַפן אַלוקראַיִנישן קאָנקורס פון יונגע ליטעראַטן. א סאָלידער געלערנטער, א מיטגליד פונעם פאַריין פון סאָוועטישע שרייַבער, אַוטאָר פון ברייט באַוווּסטע פאָרשונגען, געווידמעטע דעם „וואַרליבר“, זעצט א. זשאָוטיס פאָר צו שרייַבן לידער.

...ס'איז שווער אין א קורצן בריוו איבערגעבן דעם איבעראַשנדיקן אייַנדרוק, וואָס אַף מיר האָט געמאַכט די גיגאַנטישע נורעקער הידראָעלעקטראָסטאַנציע, אַן אויפגעבויטע הויך אין די בערג, און די שטאָט נורעק גופא — „די שטאָט פון דער צוקונפט“, וועלכע האָט זיך געמיטלעך צעשפּרייט באַם קינסטלעכן יאַם, וואָס איז געשאַפן פאַר זייער א קורצן טערמין.

פון דושאַנבע קיין נורעק ציט זיך דורך א באַרג־רוקן אַן ערשטראַנגיקער אַספאַלטירטער וועג. דאָס איז בעעמעס א קאָפּשווינדלעריש פאָרן! דער וועג שלענגלט זיך איבער פעלדזיקע אָפּריסן, שלייַכט זיך אַרייַן אין באַרג־שפּאַלטן און רייַסט זיך ארויס אַפן ראַכוועס פון טאָלן, באַדעקטע מיט בוימוואָל־פעלדער, ווייַנגערטנער און סעדער. מיטאַמאָל גייט דער שאָסיי אַריבער אין א פראַכטפולער שטאָטישער מאַגיסטראַל — דאָס איז נורעקער לענין־גאַס. פון ביידע זייַטן — שיינע הייַנטצייַטיקע הייַזער. דער אַוטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אַף א ברייטן, גראַמען שטאָט־פּלאַץ. אַף זייַנע ראַנדן זעען זיך עטלעכע מאָדערנע מויערן — א גאַסטפרייַנטלעכער האָטעל, אַן אוניווערמאַג, א קינאָטעאַטער. די יונגע שטאָט איז צויבערדיק שיין. זי איז אויסגעוואַקסן מיט צען יאָר צוריק אַפן אָרט פון א פאַרלוירענעם אין די בערג קליינעם קישלאַק.

נאָר דער גרעסטער וווּנדער איז נאָך פאָרויס. אונדזער אַוטאָבוס, וועלכער האָט מיט שוועריקייַטן זיך אויפגעהויבן, שיר ניט אונטעררייַסנדיק זיך, אַלץ העכער און העכער אַף די פאַרדרייטע באַרג־וועגן, איז ענדלעך אַרייַן אין א טונעל, וועלכן ס'האָבן דורכגעהאַקט אין א ריזיקן גראַניט־פעלדז די מאָסקווער מעטראָבויער. און אָט האָט זיך שוין געעפנט פאַר אונדזערע אויגן די באַוווּסטע אוניקאַלע הרעבליע, וועלכע פאַרהאַלט דעם דראַנג פון צען מיט א האַלבן מיליאַרד קובאָמעטער וואַסער פונעם טייַך וואַכש. און וואָס פאַר א טייַך דאָס איז, ווייסן די מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן לעגענדעס וועגן זייַנע ווילדע אופטועןן. איצט טוקט זיך דער קלאָרער הימל אין די צויבער־בלויע וואַסערן, וועלכע דאַרפן שטילן דעם דורשט פון הונדערטער טויזנטער העקטאַר ערד, אַן אויסגעברענטע פון דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער דאָרעמדיקער זון.

ווייניקער פון א וואָך צייַט זייַנען מיר אין טאַדזשיקיסטאַן, אין איינער פון די פופצן סאָוועטישע סאָציִאַליסטישע רעפּובליקן. אין דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן קאַנט, אַף דער סאַמע דאָרעמדיקער גרענעץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך איצט א סך נייַע פרייַנט.

יויסעף שוסטער

יאָרשים

פאַראַן אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, קימאַט אומבאַוווּסטע, אָבער ווי נאָר דו קומסט מיט זיי אין באַריר, דערשפּירסטו, ווי וויכטיק זיי זײַנען פאַר דער פאָלקסווירטשאַפט. אַזאַ אוניקאַלער אַנשטאַלט, דער איינציקער בײַ אונדז אין לאַנד, איז דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט פון כײַעס־ און קראָליקצוכט, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט זײַנע לאַבאָראַטאָריעס און פּראָדוציר־פערמעס, זיך צעשפּרייט אַף אַ שעטעך פון עטלעכע צענדליק העקטאַר צווישן צוויי הינטערמאָסקווער דאַטשע־יִישוווים אודעלנאַיאַ און ראָדניק, און ער מערקט שוין האַיאָר אָפּ אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זײַן עקזיסטענץ.

אין געוויינלעכן קאָרידאָר פונעם צענטראַלן קאָרפּוס פון דעם אינסטיטוט זעט מען געציילטע מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן. אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן באַגעגנט מיך, און, ווי מע זאָגט, זי פאַרשטייט שוין אַפן ווונק, אַז איך דאַרף צו עמעצן פון דער נאַטשאַלסטווע.

— אַ שאָד, וואָס איר וועט מוזן היפּש וואַרטן. אַלע געפינען זיך אין קאָנפערענץ־זאַל. דאָרט האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן די פאַרטיידיקונג פון אַ דיסערטאַציע. — דערבײַ האָט זי מיטפילנדיק צוגעגעבן: — קעדיי ניט פאַטערן אומזיסט קיין צײַט, קאָנט איר אויך אַהין אַרײַנגיין, עפּשער וועט עס זײַן פאַר אײַך אינטערעסאַנט...

זעט אויס, אַז מיט דער דאָזיקער צופעליקײַט האָט מיר גאָר אָפּגעגאָלטן, ווײַל ווען נאָך קאָנסטו אַרײַנפאַלן אין אַזאַ אַרבעטס־מאָמענט פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, זיך געפינען אין דער סוויווע פון אַ גאַנצן שעפערישן קאָלעקטיוו? איך האָב שטיל געעפנט די טיר און זיך צוגעזעצט אַף אַ פרײַ אָרט. באַם פּרעזידיום־טיש איז געזעסן אַ מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן (זעט אויס, איינער פון די אָנפירער פונעם אינסטיטוט). נעבן אים, ווי אַ צוגעשמידטע צום אָרט — אַ יונגע סעקרעטאַר־סטענאָגראַפיסטקע.

די דיסערטאַנטקע, בינע געאָרגיעוונע נאָסאָווא — אַ פרוי פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, וועמען עס האָט שוין פיל מאָל אין איר לעבן געטיאָכקעט דאָס האַרץ בעשאַס עקזאַמענעס, איז געשטאַנען אַף דער קאַטעדרע, אַרומגערינגלט מיט צעהאַנגענע טאַבעלעס און דיאַגראַמעס, אַף וועלכע ס׳זײַנען געווען אָנגעצייכנט ניט צוגענגלעכע פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן פאָרמולעס וועגן גענעטיק און מוטאַציעס. זי האָט הײַנט געהאַלטן איר וויכטיקסטן עקזאַמען...

בעשאַסמײַסע האָט עמעצער מיך אַ טאָרע געטאָן אין דער פּלייצע. אויסשטרעקנדיק צו מיר אַ פּאַפּיר, איך זאָל אויך אַרײַנשרײַבן מײַן פאַמיליע אין דער ליסטע צווישן די בײַוועזנדע. זעט אויס, אַז דאָס איז וויכטיק פאַרן צערעמאָניאַל פון דער דיסערטאַציע־פאַרטיידיקונג. פון דער ליסטע האָבן אַרויסגעקוקט אַ היפּשע צאָל נעמען פון וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער, דאָקטאָרס, קאַנדידאַטן פון ביִאָלאָגישע און לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָרן און דאָצענטן.

אין דער פאָדערשטער ריי פונעם קאָנפערענץ־זאַל זײַנען געזעסן איינער לעבן אַנדערן צוויי באַיאָרטע מאַנצבלען: מיכאיִל דמיטריִעוויטש אַבראַמאָוו און נאָכעם שליאָמאָוויטש פּערעלדיק — ביידע באַערטע מיט די טיטלען דאָקטאָר פון ביִאָלאָגישע וויסנשאַפטן. זיי זײַנען אָקאָרשט אַרויסגעטראָטן אין שײַכעס מיט בינע געאָרגיעוונעס דיסערטאַציע. שפּעטער האָב

איך זיך דערוווסט, וויאַזוי זיי ביידע זײַנען דערגאַנגען צו די הייכן פֿון דער וויסנשאַפֿט. געלערנט האָבן זיי אין אַלציינע הויכשולן, זיך פּאַרפֿולקומט אין איינע און די זעלבע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן, געגרייט און פּאַרטיידיקט דיסערטאַציעס, איבערגעגעבן זייער דערפֿאַרונג די יונגע.

שוין דאָס אַליין, וואָס זיי אַרבעטן אין מעשעך פֿון צוואַנציק יאָר צוזאַמען אין די לאַבאָראַטאָריעס פֿון אָט דעם אוניקאַלן אינסטיטוט, האָט א סאַך צו זאָגן.

— ווען די גענעטישע פֿאָרשונגען, וועלכע אונדזער אינסטיטוט פֿירט דורך אויף דער באַזע פֿון די כײַעסצוכטלערישע פֿאַרמעס, אין וועלכע עס ווערן יערלעך אויסגעכאָוועט צענדליקער טויזנטער כײַעלעך, וועט אײַך בעסער דערציילן מײַן קאָלעגע נאָכעם שליאָמאָוויטש, ער האָט פֿיל יאָרן געאַרבעט אַלס פֿאַרטרעטער פֿונעם דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט. — מיט אָט די ווערטער האָט מיכאַיל דמיטריעוויטש, אויפֿהייבנדיק זיך פֿון שטול, פֿאַרסאַכאַקלט אונדזער פֿאַרלויפֿיקן שמועס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך נאָך דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער דיסערטאַציע.

— איר ווייסט מיסטאָמע, — האָט זיך צו מיר געווענדט נאָכעם פֿערעלדיק, — אַז פֿאַר די לעצטע יאָרצענדליקער האָט אין דער וועלט זיך אויפֿגעהויבן א שטאַרקע באַוועגונג פֿאַר אײַנהיטן די נאַטור־סוויווע. אין א סאַך לענדער, דערונטער אויך בא אונדז, ווערן צוליב דעם געשאַפֿן פֿאַרמאַכטע וואַלד־גיטער, רעזערוואַטן, נאַציאָנאַלע פּאַרקן. די אַנטוויקלונג פֿון אַזעלכע זאָנעס איז דער בעסטער מעטאָד צו פֿאַרהיטן די לאַנדשאַפֿטן, די וואַלד־רעסורסן מיט זייער געוויקסן־וועלט און מיט די פֿיל וואַלד־כײַעס, וועלכע לעבן אין די צוגעפּאַסטע פֿאַר זיי נאַטירלעכע באַדינגונגען. אין מעשעך פֿון א סאַך יאָרן איז באַגרענעצט דער יאַגד אויף איניקע וואַלד־כײַעס, און אויף אַזעלכע, צום בײַשפּיל, ווי דער באַרגוזינער סויבל, איז דער יאַגד ביכלאַל פֿאַרבאָטן... די מענטשן אָבער זײַנען פֿון קאַמע יאָרן צוגעוווינט צו באַצירן זייערע מאַלבושים מיט ווערטפֿולן פֿוטער — מיט פֿעלעכלעך פֿון די וויכהאַריקע נאָרקעס (וויזעלעך) און טכוירלעך, פֿוקסן און סויבלען, בלויע פּאַליאַר־פֿוקסן און נוטריעס, שוין אָפּגערעדט פֿון די טראַדיציאָנעלע שוואַרצע און גרויע קאַראַקולן און פֿון פֿיל אַנדערע רויכוואַרגן פֿון היימישע באַלכאַיִם. די דאָזיקע נויטוועדיקײַט ווערט באַפֿרידיקט אַדאַנק דער קינסטלעכער אַנטוויקלונג פֿון דער כײַעסצוכט. אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד זײַנען אַלס אָביעקטן אין דעם געביט גענומען געוואָרן די נאָרקע, דער בלויער פּאַליאַר־פֿוקס, דער זילבערדיק־שוואַרצער פֿוקס, די נוטריע, דער סיבירער סויבל און אַנדערע וואַלד־כײַעלעך. די פּראָדוקציע פֿון אַזעלכע פֿעלעכלעך איז בא אונדז דערפֿירט געוואָרן ביז העכער 7 מיליאָן שטיק... די כײַעסצוכט לויט דער שטײַגן־סיסטעם איז אויך אַנטוויקלט אין אַמעריקע, קאַנאַדע און אין א ריי לענדער פֿון צאָפֿן־ און מיטל־אייראָפּע, אָבער אין קיין איינעם פֿון זיי וועט איר ניט געפֿינען קיין פֿאַרמע, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף אַזעלכע וויסנשאַפֿטלעכע אָנשטאַלטן, ווי אונדזער ספּעציאַליזירטער אינסטיטוט. ווען איר וועט זיך דורכגיין איבער די צעכן, וועט איר זען, וויאַזוי דאָס אַלץ זעט אויס אין דער פּראַקטיק.

אונדזער שמועס האָט איבערגעריסן א יונגערמאַן אין א ווײַסן כאַלאַט, וועלכער האָט, שטייענדיק בא דער צעעפֿנטער טיר, מיט אַנטשולדיקונג זיך געווענדט צו פֿערעלדיקן.

— מיר וואַרטן אויף אײַך, נאָכעם שליאָמאָוויטש, אין דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע.

— דאָס איז, אייגנטלעך, — קלערט אויף פֿערעלדיק, — דער מויעך פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער טעטיקײַט אין אונדזער אינסטיטוט. נינע געאָרגיעוונעס דיסערטאַציע, וועלכע מיר האָבן הײַנט באַשטעטיקט, איז א רעזולטאַט פֿון פֿיליאָריקער אַרבעט אין אָט דער לאַבאָראַטיע.

ער האָט אַרויסגענומען פֿונעם שופֿלאָד א דיקן פּאַפּקעלע און זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנג־טיר פֿונעם קאַבינעט.

דעם שמועס האָבן מיר פֿאַרגעזעצט אין א פּאָר טעג אַרום. פֿאַרלויפֿיק האָב איך אָנגעקלונגען אין אינסטיטוט.

— מיר דאַרפֿן דעם כאַווער פֿערעלדיק!

— וועלכן? נאָכעם שליאָמאָוויטשן, צי דאָוויד נאָכעמאָוויטשן, — האָט זיך דערהערט אין טרײַבל א פֿרויען־שטים.

אָט דער קורצער טעלעפֿאָן־דיאַלאָג האָט בא מיר אַרויסגערופֿן א צופֿרידענעם שמייכל. מיר האָבן זיך, הייסט עס, אָנגעשטויסן אויף נאָך איין פּערל, קאָנקרעט אויף נאָכעם פֿערעלדיקס זון.

ס'איז געווען א וואַרעמער טאָג פֿון אָנהייב האַרבסט. אײַנעם אַרום האָט געשמעקט מיט רײַפֿע גרינסן פֿון די בײַשטוביקע גערטנער. הויכע יעלן האָבן אָנגעמאָלט זייערע שאָטנס אויף די געל־געפֿאַרבטע ווענט פֿונעם אַדמיניסטראַטיוון קאָרפּוס.

בא פֿערעלדיקן אין קאַבינעט האָב איך געטראָפֿן צוויי פֿרויען אין ווײַסע כאַלאַטן, זעט אויס, לאַבאָראַנטקעס, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די רעזולטאַטן פֿון אַן עקספּערימענט אין דער פֿאַרמע פֿון די זילבערדיק־שוואַרצע פֿוקסן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז ביידע לאַבאָראַנטקעס אַרבעטן אײַנעם אָפּטייל פֿון



שטאַף־אויסטויש, מיט וועלכן עס פירט אָן נאָ־
כעם שליאַמאָוויטשס זון, דער קאַנדידאַט פון
ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן דאַוויד פערעלדיק —
א יונגער מענטש בא די פערציק, וועלכער האָט
זייַנערצייַט פאַרענדיקט די וועטערינאַרע אַקאַ־
דעמיע און איז אויך אָנגעקומען אף ארבעט אין
אינסטיטוט, צווערשט אלס ייִנגערער וויסנ־
שאַפטלעכער מיטאַרבעטער, און נאָך דער פאַר־
טיידיקונג פון דער דיסערטאַציע האָט ער זיך
ספּעציאַליזירט אף פּראָבלעמען פון גענעטיק
און סעלעקציע.

די צייַט שטייט ניט אף אָן אָרט. ס'איז שוין
דורכגעגאַנגען א האַלבער טאָג, ווי איך געפין
זיך אף דער טעריטאָריע פונעם אינסטיטוט, און
כ'האָב זיך נאָך אַלץ ניט דערקליבן, אזוי צו
זאָגן, צום פּראַקטישן ציל פונעם באַזוך — צו
די כייַעלעך. צוליב דעם, האָט מען מיר געזאָגט,
דאַרף מען באַקומען א ספּעציעלע דערלויבע־
ניש פון יוזאָוויצקין — דעם דירעקטאָר פון דער
עקספּערימענטאַל־פּראָדוצירישער ווירטשאַפט.
ער געפינט זיך אינעם צווייטן אדמיניסטראַטיוון
קאָרפּוס, נעענטער צו די פערמעס.

באַם דירעקטאָר איז גראָדע אָן אופנאַם־
טאָג. מענטשן גייען אָן אופהער. אַרייַנקומענ־
דיק, הערן מיר קורצע פראַזעס פון יאַקאָוו אַר־
קאַדיעוויטשעס א שמועס דורכן סעלעקטאָר:

— איך אייַצע דיר, סערגיי פּאַוולאָוויטש,
לאָמיר איבערשטעלן. אָן סוטיאַגינען וועט זיך
בא אונדז גאָרנישט ניט באַקומען. מיר דאַרפן
דאָרט אָן אויטאָריטעטן מענטשן.

אפילו אין די ניט פולע פראַזעס האָט מען
געקאָנט זיך אָנשטויסן, אז עס איז געגאַן א
רייד וועגן עפּעס א וויכטיקן איניען. אין אזעל־
כע טעג איז יאַקאָוו יוזאָוויצקיס קאַבינעט מער
ענלעך אף א דיספּעטשערסקע. און דאָך האָט
ער מיך גלייַך באַמערקט
און פאַרגעלייגט זיך צו־
זעצן.

— לאָמיר זייַן באַ־
קאַנט — האָט יאַקאָוו אַר־
קאַדיעוויטש, באַפרייַענדיק
זיך פונעם אַפּאַראַט, א זאָג
געטאָן מיט א גאַסט־
פרייַנטלעכן שמייכל. —
פאַר די צוואַנציק יאָר,
וואָס איך ארבעט דאָ, האָבן
אונדז, ווי מיר געדענקט
זיך, קאָרעספּאָנדענטן ניט
איבעריקס געבאַלעוועט.
עפּשער דערפאַר, וואָס
מיר זייַנען פאַרוקט אין
אזא שטיל ווינקעלע. און
מעגלעך, ווייַל וועגן אזא
פּראָדוקציע, ווי אונדזערע, איז ניט אזוי לייַכט
צו שרייַבן.

די ווירטשאַפט איז טאַקע אף אַן עמעסן א
גרויסע, און גרעסער איז זי נאָך דערמיט, וואָס
איבער איר שטייט א גאַנצער וויסנשאַפטלעכער
אינסטיטוט מיט געלערנטע פון אַלע ראַנגען,
און פאַר זיי אַלע שטייען פּראָבלעמען.

יוזאָוויצקי טוט זיך א באַרים:

— אָט דעם שיינעם קובאַק, וואָס איר זעט
דאָ פאַר זיך, האָבן מיר ניט לאַנג צוריק באַ־
קומען אף דער צווישנפעלקערלעכער אויס־
שטעלונג אין לאָנדאָן פאַר אונדזערע זעלטענע
עקזעמפּליאַרן פון זילבערדיק־שוואַרצע פוקסן.
דאָס איז, פאַרשטייט זיך, בלויז איינע פון די
דערגרייכונגען פון אונדזערע גענעטיקער און
כייַעסציכטלער...

— איך בעט אים, ער זאָל דערציילן וועגן זיך.
ענטפערט ער:

— אויב איר ווילט עפּעס וויסן פון די יו־
זאָוויצקיס, איז הייבט בעסער אָן פון אווראָם
יוזאָוויצקין, מייַן אכציקיאָריקן טאַטן, א וועטע־
ראַן פון דער מי, וועלכער האָט אין עלטער פון
צוועלף יאָר שוין געזאַלצן פעל אין א גראַבאַר־
ניע, און שפּעטער, אין די סאָוועטישע צייַטן
איז ער געוואָרן א ספּעציאַליסט ניט נאָר אין
געביט פון ווערטפולע פוטער־אויסאַרבעטונגען,
נאָר אויך אין דער כייַעסצוכט. ערעוו דער
פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט רעב אווראָם
געאַרבעט אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון
אויסערן־האַנדל פון ססר אלס מעלוכישער
קוואַליטעט־אינספּעקטאָר. אבראַם פּאַוולאָוויטש,
ווי מע רופט אים אין די אַנשטאַלטן, איז גע־
ווען איינער פון די גרינדער פון דער אָדעסער
כייַעסציכטלערישער ווירטשאַפט. און אויך
איצט, ניט געקוקט אף זייַן טיפן עלטער, איז
ער א פירנדיקער ספּעציאַליסט אין דער אָדע־

סער גענגנטלעכער געזעלשאַפֿט פֿון קראַליקעס־
צוכט.

אין 1941, ווען די היטלערישע האָרדעס האָבן זיך געריסן צו אָדעס, גייט אַווראָם יוזאָוויצקי אַוועק אַף דער מילכאָמע, קעדיי מיט דער ביקס אין האַנט פֿאַרטיידיקן די שווארציאַמישע שטאָט. דאָס איז געווען דער איינציקער איבעריַיס אין זײַן פֿיליאַריקער פֿראַצע. עטוואָס שפּעטער פֿונעם פֿאָטער גייען פֿריַיוויליק אַוועק אַפֿן פֿראָנט זײַנע זין סעמיאָן און יאַקאָוו. סעמיאָן, דער עלטערער, איז העלדיש אומגעקומען צו צוואַנציק יאָר הינטער מעליטאָפּאָל. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פֿאַר סטאַלינגראַד, אויסגעפּרוווט דעם ביטערן גורל פֿון דער היטלערישער געפֿאַנגענשאַפֿט, צווי מאָל פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן, פּאַרטיזאַנעוועט און ווידער אַריַינגעטראָטן אין אַ רעגולערער טייל. אַ סערזשאַנט, אַ מינענוואָרפֿלער, האָט ער אונטער דעם דאָרף מאַרדווינאָווקע אופֿגעהויבן זײַנע סאָלדאַטן אין אַטאַקע. דאָס איז געווען זײַן לעצטע שלאַכט. די געשיכטע פֿונעם העלדנטאַט פֿון דעם יונגן סערזשאַנט איז פֿאַרצייכנט אין מוזיי פֿונעם דאָרף מאַרדווינאָווקע, וווּ ער איז באַערדיקט אין אַ ברודער־קייווער.

יאַקאָוו, דער ייִנגערער זון, האָט נאָך דער דעמאָביליזאַציע אויסגעקליבן פֿאַר זיך די פּראַפֿעסיע פֿונעם טאַטן. צו די מילכאָמע־אָרדענס זײַנען צוגעקומען אָרדענס און מעדאַלן פֿאַר פֿרידלעכער מי.

צו יוזאָוויצקין אין קאַבינעט איז אַריַינגעקומען אַ מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן, אַ יאָדערדיקער און ברייטפּלייציקער, מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק פֿון אַ פֿאַרנומענעם מענטש.

— סערגעיִטש, אַף דיר וואַרט איך טאַקע, — האָט ווי אין איַילעניש, זיך געווענדט יוזאָוויצקי צו יעליסטראַטאָוו, דער הויפּט־אינזשעניער פֿון דער ווירטשאַפֿט.

ביידע האָבן זיי יעדן טאָג וועגן וואָס צו זאָרגן, באַזונדערס אין דער צײַט, ווען מע דאַרף צוגרייטן די פֿערמעס צום ווינטער און מאָביליזירן צוליב דעם אַלע באַהעלפֿיקע דינסטן, וועלכע געפֿינען זיך אין רעשוס פֿונעם הויפּט־אינזשעניער.

יעליסטראַטאָוו איז אַ מענטש אַ שטרענגער, אַן אופֿריכטיקער. ער פֿאָדערט, ווען מע דאַרף, ניט נאָר פֿון יענעם, נאָר אויך פֿון זיך אַליין. זיצן אין אַ קאַבינעט און אַדמיניסטרירן — דאָס איז ניט אין זײַן טעווע. אויב ס׳איז נייטיק, פֿאַרקאַטשעט ער די אַרבל, נעמט אין די הענט אַן אינסטרומענט.

יאַקאָוו אַרקאַדיעוויטש האָט בעשאַסן שמועס זיך אָנגעשטויסן, אַז דער קאָרעספּאָנדענט איז געקומען צו זען עפּעס אין דער ווירטשאַפֿט, און ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק אַף אַ קאָל:

— יאָ, איר ווילט, פֿאַרשטיי איך, זיך דורכגיין איבער אונדזערע צעכן און זען די לעבעדיקע באַשעפֿענישן...

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום סעלעקטאָר, און אַף זײַן רוף איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַריַינגעגאַנגען אַ פֿרוי.

— ביטע, איך בין אין איַיער רעשוס, — האָט זי מיט אַ שמייכל זיך געווענדט צו מיר.

מיר גייען איבער דער ראַכוועסדיקער טעריטאָריע, וועלכע איז אַרומגעגרויזט מיט אַ הויכן פּלויט, פֿון איין פֿערמע צו דער אַנדערער, פֿון די זילבערדיק־שוואַרצע פֿוקסן צו די נאָרקעס, פֿון די נוטריַיעס צו די בלויע פּעסעצן. יעדער צעך האָט זיך זײַנע געהילפֿס־צימערן און ספּעציעלע דעזשורקעס. אין איינער אַזאַ דעזשורקע האָבן צווי פֿרויען זיך געייסעקט מיט אַ קראַנקן פֿוקס, אים איַינגעגעבן רעפֿועס מיט דער הילף פֿון אַ טיי־לעפֿעלע.

לודמילע וואַסיליעוונאַ שפּילקאָווא, אונדזער באַגלייטערן, איינע פֿון די עלטסטע כיַיעס־ציכטלערנס, וויסט גוט די ווירטשאַפֿט, די אופֿירונג און די פּאָוואָדקעס פֿון די פֿירפֿיסיקע. באַ איר אַפֿן דיסקאָנט זײַנען די פֿעריאָדן, ווען עס קומט פֿאָר זייער נאַטירלעכע באַפֿרוכפּערונג. ס׳איז פּינקטלעך פֿעסטגעשטעלט, אין וועלכע צײַטן פֿון יאָר זיי ווערן אַגרעסיוו און אופֿגערעגט, און, פֿאַרקערט, ווען זיי זײַנען שטיל און נאָכגיביק (דעמלט קומען די לאַבאָראַנטן דורכצופֿירן די יערלעכע איַינשפּריצונגען, קעדיי צו זיכערן דעם ווידערשטאַנד פֿון די כיַיעלעך קעגן פֿאַרשיידענע עפּידעמישע שלאַפֿקיַיטן).

יעדע פֿערמע באַשטייט פֿון אָן אַ שיר שטיַיגן־קאָנסטרוקציעס פֿאַר צענדליקער טויזנטער כיַיעלעך, וועלכע האַלטן זיך אויף זומער און ווינטער אונטער ספּעציעלע דאַך־צודעקן. אַלץ איז דאָ געמאַכט אַזוי, אַז די כיַיעלעך זאָלן זיך פֿילן ניט ערגער, ווי אין די נאַטירלעכע באַדינגונגען. דער מענטש קאָן אַלץ — וויל ער, קאָן ער צו זיך צוגעוווינען, צולאַשטשען די סאַמע בייזע כיַיע — אַ טיגער, אַ לייב, אַ לעאָפּאַרד. כיַיעס פֿילן און שעצן דעם מענטשנס ליבע.

אַף ספּעציעלע וועגעלעך פֿירט מען פֿאַנאַנדער שפּיַיז. די פּאַציענטן וויסן שוין, וויַיזט אויס, די צײַט, ווען די מענטשן וועלן זיי מעכאַבעד זײַן מיט דער געשמאַקער דערנערונגס־פּאַסטע און מיט וואַסער צום טרינקען, דאָן ציִען זיי זיך צו זייערע פֿענצטערלעך און וואַרטן אַף דעם.

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אַזוי אַלע צעכן מיט די לעבעדיקע באַשעפֿענישן, ביז צום קאָמפּלעקס פֿון דער קראָליקעסצוכט, ווו עס

געפינען זיך ארום פופצן טויזנט קראָליקעס, פון וועלכע מע באַקומט אין מעשעך פון יאָר, כוץ די פעלעכלעך, ארום הונדערט פופציק טאָן פלייש.

דער אינסטיטוט, ווי יעדער אנדער אַנשטאַלט, שטאָלצירט מיט זײַנע קאַדראָווע אַרבעטער. עס זײַנען פאַראַן גאַנצע מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען שוין צענדליקער יאָרן פאַרנומען מיט אָט דערווירטשאַפט. אַזאַ, לעמאָשל, איז די מישפּאָכע נײַמאַרק. זי האָט זיך דאָ באַזעצט גלײַך נאָך דער מילכאָמע, דערוויסנדיק זיך אַף צוריקוועגס פון דער עוואַקואַציע אַפן אוראַל, אַז זייער שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד האָבן די היטלעריסטן אינגאַנצן כאָרעוו געמאַכט. מע האָט זיי דאָ געגעבן א וווינונג, צוגערעדט א צײַטווײַליקע אין א הילצערן צווייצימערדיק הײַזקעלע.

אַרבעט האָט געסטײַעט פאַר יעדערן — פאַר טאַטע־מאַמע און פאַר דער ייִנגסטער אין דער מישפּאָכע, דער שוואַרצכיינעוודיקער, בידאָוועער פיראָטשקע, וועלכע איז נאָכן פאַרענדיקן דעם אָוונטיקן טעכניקום אָנגעקומען אין דער אינסטיטוטישער וויסנשאַפטלעכער ביבליאָטעק, פאַרפולט קאַרטלעך, געפירט די פאָרמולירן און אַזוי פון יאָר צו יאָר פאַרפולקומט די טעאָרעטישע און פּראַקטישע קענטענישן, ביז מע האָט איר פאַרטרויט צו ווערן די פאַרוואַלטערן פון אָט דער סאָלידער ביבליאָטעק מיט א פאָנד פון אריבער הונדערט טויזנט בענדער וויסנשאַפטלעכע, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע ליטעראַטור.

אויך פירעס ברודער ליאָווע איז פון דער מילכאָמע געקומען אַהער און שוין אַף שטענדיק פאַרבונדן זײַן גוירל מיטן אינסטיטוט. פון א מײַסטער־פריבאָריסט אין איינער פון די לאַבאָראַטאָריעס ביז אַן אָנפירער מיטן אָפּטייל פון טעכנישער אינפאָרמאַציע, ער פאַרנעמט זיך אויך מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, לאָזט ניט דורך קיין איין אויסגאַבע, קיין איין רעפעראַטיוון זשורנאַל אין געביט פון ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן, באַזונדערס די אויסגאַבעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט כײַעסצוכט.

שווימט בא עמעצן אוף א פראַגע אין שײַכעס מיט די לעצטע דערגרייכונגען אין דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט, קומט מען צו לעוו איסאַקאָוויטשן. אין אינסטיטוט ווייסט מען נײַמאַרקס אײַנגעשפּאַרטן און סקרופּוליעזן כאַראַקטער. אויב ער האָט אין עפּעס ביזן סאָף זיך ניט איבערצײַגט, ניט געפונען דאָס, וואָס ער זוכט, וועט ער ניט זשאַלעווען קיין איבעריקע שאָען נאָך דער אַרבעט, אפילע אין די אָפּרו־טעג. אָפּט טײַנעט צו אים די שוועסטער:

— ליאָווע, יאַג זיך ניט אַזוי. פאַרענדיק איין זאַך, וועסטו זיך נעמען פאַר א צווייטער.

— פאַרגעס ניט, שוועסטערקע, אַז איך בין אַף דער מילכאָמע געווען אַן אויסשפּירער, — ענטפערט ער.

אַן אויסשפּירער איז דער סערזשאַנט לעוו נײַמאַרק געווען א געוואַגטער און ספּריטנער. ניט אומזיסט האָט מען אים אין באַטאַליאָן גערופן „דער וואַלד־הירש“. אַזאַ איז ער אויך איצט, א הויכער און שלאַנקער, מיט פעסטע און לײַכטע טריט, מיט גרויסע און שטײַפע הענט, וואָס מאָנען אַרבעט. ניט אַנדערש, ווי צוליב די הענט זײַנע, האָט ער פאַרפירט זיך א גאָרטן ניט ווײַט פון דעם נײַעם הויז, ווו די מישפּאָכע וווינט.

בא די נײַמאַרקס איז שוין פון טאָמיד אײַנגעפירט, אַז ווו זיי זאָלן ניט זײַן, דאַרף מען זיך פאָרען בא דער ערד. עס גייט אין דער האַנאָע. זיי האָבן האָלט אַראָפּצובערענגען פונעם גאָרטן אַן אייגן זעקעלע בולבע, א קירבעסל, א רויטן בוריק. איצט כאָוועז זיי שוין אויס אויך פרוכטן און יאַגעדעס: געשמאַקע ווײַנשל און פלוימען, רויטע און שוואַרצע ווײַמפּערלעך און אפילע א זעלטענעם סאָרט טריסקאַווקעס — קולטיווירטע וואַלד־פּילינעצעס, וואָס בליִען און רײַפן פונעם פריִען זומער ביז דעם טיפן האַרבסט.

אין איינעם פון די אָפּרו־טעג איז אין אָרטיקן קלוב פאָרגעקומען א באַריכט־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יאָמטעוו, וואָס האָט מאַמעש פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ייִשעוו. אין אָט דעם טאָג האָט אפילע געשפּילט א בלאָז־אָרקעסטער, און א גרופּע קינדערלעך פונעם אינסטיטוטישן קינדערגאָרטן זײַנען מיט בלימעלעך אין די הענט געקומען באַגריסן זייערע טאַטעס און מאַמעס.

דאָס איז געווען בעעמעס א יאָמטעוו פון מי, וועלכן מע האָט באַקרוינט מיטן נאָמען „דער טאָג פונעם כײַעציכטלער“. אַפן סאַמע זעבאַרן אָרט אַרויסגעשטעלט די איבערגאַנגפאָנען, די גראַמאָטעס, דיפּלאָמען און פּריזן פון אויסשטעלונגען און אַאוקציאָנען בא אונדז און אין אויסלאַנד.

אין פּרעזידיום זײַנען געזעסן פאָרשטייער פון די פּאַרטייִשע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

יאַקאָוו יוזאָוויצקיס פאָרטראָג איז געווען א קורצער און א געפּרעסטער, אָן אָנגעזעטיקטער מיט איבערצײַגעוודיקע ציפערן, אונטער וועלכע עס שטייען צוווּקסן פון טויזנטער און טויזנטער ווערטפולע פוטער־כײַעלעך און מיליאָנען רובל רעווער — סאַכאַקלען דערפרייענדיקע, וואָס אַנטשפּרעכן די היסכײַוועסן, וועלכע דער גרויסער קאָלעקטיוו האָט אַף זיך גענומען אינעם עלפטן פינפיאָר.

מיט א וואָרט איז דערנאָך ארויסגעטראָטן דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש פּאָמיטקא. ער האָט הויפּטזאַכלעך גערעדט וועגן וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פונעם אינסטיטוט און וועגן די פּראַקטישע אָנווענדונגען צו לייזן די פּראָדוציר־פּראָגראַמען אין די פירמעס פון דער ווירטשאַפט. און ווי א באַשטעטיקונג פון די גוטע סאַכאַקלען, זײַנען העכער צוויי הונדערט כײַעציכטלער און לאַבאָראַנטן באַלוינט געוואָרן אויף דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג מיט לויב־גראַמאָטעס, געלט־פּרעמיעס און ווערטפולע מתּנות.

א פּראָדוציר־באַראַטונג באַם שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דעם אינסטיטוט נאַכעם פּערעלדיק

בראָניק

א וועטעראַן פון דער יידישער קולטור

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָפּגעמערקט דעם 75־טן געבורטסטאָג פון אירן א מיטאַרבעטער, דעם וועטעראַן פון דער יידישער קולטור כאַים אָסטראָווסקי, וועלכער האָט קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט פון זײַן שעפעריש לעבן אָפּגעגעבן דער יידישער טעאַטראַלער קונסט.

מיט גרויס כשיוועס דערמאָנט כאַים אָסטראָווסקי זײַנע ערשטע לערער, וועלכע האָבן פאַר אים אַנטדעקט די סודעס פון דער טעאַטראַלער קונסט — מאָריץ באָרוויד, מיכאַיל ראַפּאַלסקי, און ביז הײַנט צו טאָג באַציט ער זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײַט צו דער שעפערישקײַט פונעם יידישן טעאַטער, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין פּרעמיערע פון די איצטיקע טעאַטער־קאָלעקטיוון, אין וועלכע עס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אזא שיינע יוגנט.

אין די לעצטע יאָרן אַרבעט אָסטראָווסקי אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". ער טרעט אויך ארויס אלס אוטאָר פון פאַרצייכענונגען און נאָטיצן.

פון פולן האַרצן האָט דער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו אויסגעדריקט דעם כאָשעוון יובילאַר די בעסטע ווונטשן, אונטערטראָגנדיק אים, צוזאַמען מיט א ווערטפולער מתּנה, א באַגריסונגס־אַדרעס, אין וועלכן ס׳ווערט, צווישן אַנדערס, געזאָגט:

„מיר שעצן הויך אײַער איבערגעגעבנקײַט דער אַרבעט. איר האָט דורכגעמאַכט א גרויסן און לאַנגן וועג פון א יידישן קולטור־טוער, און אומעטום, ווו איר האָט געלעבט און געאַרבעט, האָט איר איבערגעלאָזט א טיפן שפּור בײַ אַלעמען, ווער עס האָט אײַך געקענט אלס שוישפּילער, אלס מענטש, אלס כאַווער".

כאַים אָסטראָווסקי איז אַן אָנטײלנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה און איז באַלוינט מיט אַן אָרדן „רויטער שטערן" און מעדאַלן.

י. פּײַוווסאָוויטש

אָנשטאָט א פאַרצייכענונג

באָריס מאָגילנער

אייניקע קלערן, אַז אָנשרײַבן א פאַרצייכענונג איז א סאַך לײַכטער ווי פאַרפאַסן א ליד אָדער א דערציילונג. דאָס איז א מיספאַרשטייעניש. אַן אָטשערק פאָדערט פונעם מעכאַבער ניט ווייניקער מי און אופמערקזאַמקײַט, וויפל עס פאַלט אויס אָף אַן אַנדער ליטעראַטור־זשאַנער, עפשער נאָך מערער. כ׳וואָלט אַפילע געזאָגט, אַז דער מעכאַבער פון אַן אָטשערק — עס גייט א רייד, נאַטירלעך, וועגן א קינסטלערישער פאַרצייכענונג — געפינט זיך אין אַן ערגערער לאַגע, איידער א נאָוועליסט, צי א ראָמאַניסט, ער מוז זײַן צוריקגעהאַלטענער, דיסציפּלינירטער, ווײַל דער מאַטעריאַל, וועלכן ער באַאַרבעט, צוימט אים אָף יעדן טריט און שריט, דיקטירט זײַנע באַדינגונגען, טראָגט אַרײַן קאָרעקטיוון. אַזאַ איז דער אומשטרײַטבאַרער קלאַל, וועלכער איז גילטיק נאָך פון אָדאָם האָרישנס צײַטן.

ווי דאָס זאָל ניט זײַן פּאַראַדאָקסאַל, נאָר אָפטמאָל לאָזט מיך ניט אָנשרײַבן א פאַרצייכענונג די רײַכקײַט פונעם לעבנס־מאַטעריאַל, וועלכער געפינט זיך אין מײַן רעשוס. כ׳וואָלט, לעמאָשל, לאַנג שוין געדאַרפט דערציילן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — לויט זייערע פילצאָליקע באַקאָשעס — וועגן דרײַ אָנגעזעענע פערזענלעכקײַטן — ב. וואַניקאָוון, יאַ. זעלדאָוויטשן און יו. כאַריטאָנען. נאָך דעם, ווי אונדזער בײַלאַגע „סאָוועטישע ייִדן: פאַקטן און ציפערן" האָט געמאָלדן, אַז מיטן טיטל העלד פון סאָציִאַליסטישער מי זײַנען צו דרײַ מאָל אָפגעמערקט עטלעכע כאַווירים, ייִדן לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, באַקומען מיר א סאַך בריוו, אין וועלכע עס דאָמינירט די ביטע, מיר זאָלן ווידמענען זיי אין זשורנאַל ספּעציִעלע אַרטיקלען. פאַרשטייט זיך, אַז באַפרידיקן אַזאַ באַקאָשע איז א געזעצלעכע זאַך, און ס׳גלוסט זיך עס טאָן אָפן בעסטן אופן. עפשער דערפאַר טאַקע דערוועג איך זיך ניט אַדהײַעם אָנהייבן שרײַבן אַן אָטשערק, געווידמעט די אויבנדערמאָנטע מענטשן, הגם אייניקע אוניקאַלע מאַטעריאַלן וועגן זיי ליגן אין א באַזונדער פּאַפּקע אָף מײַן שרײַבטיש. אַגעוו, ווען אָפן טאָג־סיידער איז געשטעלט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן אַן אָרדנטלעכן ספּעציעלן פאַרצייכענונגס־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָב איך א קלער געטאָן, אַז אָט, אַדעראַבע, ס׳איז פּונקט געקומען די צײַט צו דערציילן וועגן באָריס לוואָוויטש וואַניקאָוון, דעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק פון אינזשעניער־אַרטילערישער דינסט, דעם קאָמוניסט פון 1919, וועמען מע האָט געבראַכט צו קווורע אין 1962 אָפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע; וועגן יאַקאָוו באָריסאָוויטש זעלדאָוויטשן, דעם אַקאַדעמיקער, פיזיקער־טעאָרעטיקער, לאַורעאַט פון דער לעניִן־פּרעמיע, וועמען עס איז פיר מאָל צוגעייגנט געוואָרן די מעלוכע־פּרעמיע פון פססר; וועגן דעם פיזיקער־אַקאַדעמיקער יולי באָריסאָוויטש כאַריטאָנען, וועלכער איז אויך באַערט מיט א לעניִן־פּרעמיע (מע קאָן זי באַקומען, ווי עס איז באַוווּסט, בלויז איין מאָל אין לעבן) און מיט דרײַ מעלוכע־פּרעמיעס, פינף לעניִן־אָרדענס באַצירן זײַן ברוסט. א קעפּל פאַרן אָטשערק איז בײַ מיר געווען פאַרגרייט: „דרײַ דרײַ מאָל העלדן", נאָר פאַרווירקלעכן מײַן פאַרטראַכט איז דערווײַל נאָך ניט געלונגען.

ס׳האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן אָנשרײַבן

וועגן דעם שעף פון דעם מאָסקווער אווטאָמאָביל־טראנספאָרט יאָסיף גאָבערמאנען, דעם דעלעגאט פון די צוויי לעצטע פארטיי־צוזאמענפאָרן, דעם העלד פון סאָציאליסטישער מי, האָגאם א קאָנטאקט מיט אים איז בא מיר אײַנגעשטעלט געוואָרן א דירעקטער. פון מײַן זיקאָרן וועפן זיך ניט אויס די ווערטער, וועלכע ער האָט מיר געזאָגט אין סאמע אָנפאנג פון אונדזער באקאנטשאפט:

— יעדן איניען דארף מען קודעמקאָל אָנהייבן...

ווײַזט אויס, אז דער פאך פון א זשורנאליסט פארמאָגט אומבאגרײַפלעכע אייגנשאפטן, וועלכע זײַנען אײַנצײַטיק סײַ א סטימול, סײַ אן אָפהאלט. די ווארשײַנלעכקײַט פון א דורכפאל איז בא אים רעאלער, איידער בא אן אנדער באליביקן פראָפעסיאָנאל, אפילע בא א געלערנטן. שוין פיל צײַט בין איך פארטיפט אין דער ארבעט איבער א גרעסערן אָטשערק וועגן א פארדינסטפולן כאווער, דעם פאָלקאָווניק סעמיאָן לוואָוויטש יערמאש, וועלכער איז בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געוועזן שטעלפארטרעטער פון דער אויסשפיר־דינסט באם שווארציאמישן פלאָט, און נאָכן קריג איז ער טעטיק אין געביט פון בירגערלעכער שוץ. איך בין מיט אים באפרײַנדעט, מיר שיקן איינער דעם אנדערן בריוו, כ'בין געוועזן עטלעכע מאָל צוגאסט בא אים אין סעוואסטאָפאָל, ער האָט באזוכט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד". זײַן לעבנס־וועג איז אן אויסטערלישער. ס'איז, ווי מע זאָגט, פאראן מיט וועמען צו גיין צום טיש. אָבער דעם אָטשערק וועגן אים קאָן איך נאָך ניט האלטן פאר פארטיק, ס'איז נאָך ניט קיין קינסטלעריש ווערק — דערווײַל בלויז אן אָנזאמלונג פון פאסיקע מאטעריאלן.

נאָר עפשער וואָלט שוין זײַן גענוג צו ריידן וועגן מײַנע שעפערישע פלענער. כ'האָב מוירע, דער לייענער זאָל, כאָלילע, ניט מאכן אן אויספיר, אז איך טונק ניט אײַן קיין פינגער אין קאלטער וואסער, דעריבער באקומט זיך בא מיר ניט. איך באהויפט לאכלוטן ניט, אז אלץ, וואָס איך טו, גיט זיך מיר אײַן. אייניקע זאכן מײַנע פארבראקיר איך, נאָך ווען זיי ליגן אפן שרײַבטיש. אזוי איז געשען מיט מײַן לעצטער פארצייכענונג — וועגן גרישע ספיוואקן, דעם יונגן מעכאניזאטאָר פונעם סאָווירט „זאריא קאָמוניזמא", דאָמאָדעדאָווער ראיאָן, מאָסקווער געגנט.

איך ווין אין א הינטערמאָסקווער יישעוו בישכיינעס מיט אים. אין איינעם א גרויען פרימאָרגן, פאָריקן הארבסט, שפאנענדיק צום אווטאָבוס, קעדיי פאָרן אף דער ארבעט קיין מאָסקווע, דערזע איך אומגעריכט א טראקטאָר, וועלכער אקערט אפן דערנעבנדיקן פעלד פרירערד, א ברייטפלייציק באָכער מיט אן אויסגעשפראָכענעם יידישן פאָנעם. א צעוואקסענע שווארצע באָרד פארדעקט דאָס פאָנעם פונעם קין ביז די סאמע אויגן. זיי, אָט די גרויסע טרויעריקע אויגן, האָבן טאקע מיך אָפגעשטעלט. אויב נאָך נעמען אין אכט די אופגעהויקערטע נאָז, דארף מען ניט זײַן קיין פיזיאָגנאָמיסט, קעדיי פעסטשטעלן דעם אָפשטאם פונעם יאט. „אָט דאָס איז מײַן העלד", — זאָג איך צו זיך אליין, באגלייטנדיק מיטן בליק דעם טראקטאָר, און איך טראכט דערבײַ, אז אליין דער ריבוינעשעלוילעם האָט מיר געבראכט אנטקעגן דעם יונגאטש אינעם שטאָלענעם זאָטל. כ'האָב שוין לאנג געוואָלט שטיין פאָנעם־על־פאָנעם מיט מענטשן, וועלכע לייזן די דערנערונגס־פראָבלעם מיט זייער קאָנקרעטער פראצע.

אף דער ארבעט אין רעדאקציע בין איך דאָס מאָל געקומען שפעטער, ווי געוויינלעך. מיט גרישע ספיוואקן האָב איך זיך באקאנט, געשמועסט מיט אים עטלעכע שאָ און גלײַך אָפגעצייכנט בא זיך די קאָנטורן פונעם קומענדיקן אָטשערק. אין אים האָט דאָמינירט דאָס, וואָס איז ראיעל און פארגלויבלעך — דאָס לעבן אליין, די רעאלע פאקטן. און אײַנצײַטיק דערמיט איז אין דעם, אפאָנעם, באשטאנען אויך מײַן פעלער. גרישע ספיוואק איז אינעם אפגיך פאר עטלעכע טעג אָנגעשריבענעם אָפוס ניט געווען ענלעך אף זיך אליין, און פונקט אזוי אויך — דער קאמף פאר לייזן די דערנערונגס־פראָבלעם. דערווײַל בין איך נאָך ניט זיכער, אז מײַן דורכפאל איז אן ענדגילטיקער. דער מאנוסקריפט איז געבליבן ליגן אפן שרײַבטיש. איך אײַל זיך ניט ארײַנשטופן אים טיף אין טישקעסטל.

עס דארף געזאָגט ווערן, אז מײַן באשיידענע ליטערארישע טעטיקײַט, כאָטש זי איז דירעקט פארבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון „סאָוועטיש היימלאנד", טאָר מען לאכלוטן ניט פארעכענען צום קרײַז פון מײַנע אמטלעכע פליכטן אלס מיטארבעטער פונעם זשורנאל. איך שטרײַך עס אונטער ניט בלויז דערפאר, ווײַל די שטעלע, וועלכע איך פארנעם, נעמט בא מיר צו דעם גאנצן צײַט־ביודזשעט, קוים־קוים ספראווע איך זיך מיט דער ארבעט, וואָס זי וואלגערט אָן אף מײַנע פלייצעס. מײַן סטאטוס אלס אָנגעשטעלטער באגרענעצט פילבאר די באדערפענישן און מעגלעכקײַטן פון א ליטעראטאָר. יעדן טאָג, פון אינדערפרי ביז אפדערנאכט, פארנעם איך זיך אין רעדאקציע מיט איניאָנים, וועלכע מע קאָן בלויז באדינגלעך דעפינירן אלס שעפערישע. שרײַבן אָטשערקן קומט אויס איבערטערמיניק — פאר דער ארבעט און נאָך דער ארבעט, אָפט שפעט אין דער

נאכט. איך קלאָג זיך ניט, איך קאָנסטאַטיר. עטוואָס מיט א באַרימערישן בײַגעשמאַק אפילע. איך האָרעווע אין רעדאַקציע ערלעך, און מיט מײַן גורל בין איך צופרידן. כ'בין גליקלעך, וואָס מײַן טירכע איז הויך אָפּגעשאַצט. מיט דער לעצטער רעגירונגס־באַלוינונג, מיט דער מעדאַל — „פאַר אַרבעטס־אויסצייכענונג" בין איך אָפּגעמערקט געוואָרן הויפּטזאַכלעך פאַר אָט דער דאָזיקער זשורנאַליסטישער מי מײַנער, פאַר געטרײַער דינסט דעם סאָוועטישן ייִדישן געדרוקטן וואָרט. כ'האָב באַקומען, אַזוי צו זאָגן, ניט די העכסטע באַלוינונג, אָבער אויך אַזעלכע מעדאַלן, פאַר ערלעכער פּראַצע, טיילט אויס די מעלוכע פאַר אירע זשורנאַליסטן ניט יעדן טאָג. מע דאַרף ניט זינדיקן, כ'בין געווען זייער צופרידן, איבערלייענענדיק אין דער מאָסקווער אָרטיקער פּרעסע און אינעם צענטראַלן כוידעש־זשורנאַל „זשורנאַליסט", אַז לויטן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון דעם אויבער־סאָוועט פון פּססר פאַרן 2 יוני 1981, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערפאָלגרײַכן אויספילן די פאַרגעבונגען פונעם צענטן פינפיאָר און מיט דעם אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע, בין איך, א מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", באַלוינט געוואָרן מיט א מעדאַל.

איבערגעגעבן האָט מען מיר די באַלוינונג אין קרעמל. פון יענעם טאָג איז שוין דורכגעגאַנגען א גאַנץ יאָר, אָבער פאַרגעסן אים קאָן איך ניט. ווײַזט אויס, אַז עפּעס־וואָס וועגן דעם וואָלט איך געדאַרפט זאָגן איצט, און זאָל דאָס פאַררעכנט ווערן אָנשטאָט א פאַרצייכענונג.

מיט א דורכלאָז־שײַן אין קרעמל, וועלכע עס האָט מיר צוגעשיקט מיט א וואָך צוריק דער מעלוכע־קאָמיטעט פאַר פּרעסע־איניאָנים, בין איך גאַנצפרי אַרויס פון שטוב גלײַך אין בלויִלעכן נעפּל אַרײַן, וועלכער האָט צוגעדעקט אַלץ אַרום — די זילבערדיקע יאָדלעס, דעם נידעריטשקן צאַם פון דאָרן־רויזן לענגאויס דעם וועג. מײַן סטעזשקע האָב איך אָבער געוווּסט אַף אויסווייניק, ווי דעם פּראָפּוסק אין קרעמל, וואָס איז געלעגן בא מיר אין בוזעם־קעשענע. צײַט אַף צו פאַרהיטן אין זיקאָרן דעם אויסזען פון דעם שטײַפן פּאַסמעלע קאַרטאָן, איז בא מיר געווען איבערגענוג. כ'האָב עס געזען אין שלאָף און אַף דער וואָר — מיט פאַרמאַכטע אויגן: דעם הערב פון פּססר אין אויבערשטן לינקן ווינקל, דעם נומער 3712, דעם אויפשריפט מיט שיינע קאַליגראַפישע אויסיִעס „דורכלאָז־שײַן כאַווער מאָגילנער ב. יו. געאָרגיִעווער זאַל. 15 סענטיאַבער, 1981". און אויך די וואָרענונג אינעם אונטערשטן לינקן ווינקל, אַז די דורכלאָז־שײַן איז גילטיק בלויז צוזאַמען מיט א דאָקומענט...

דער אויטאָבוס, וועלכער פירט מיך טאָגטעגלעך פון מײַן וואַלד־ייִשעוו צו דער סטאַנציע דאָמאָדעדאָוואָ, איז געלאָפן דעם גאַנצן וועג, א פאַרהילטער אין נעפּל, מיט לויכטנדיקע לאַמטערנס. בא אַלע אויטאָמאָבילן, וואָס זײַנען געפאָרן אַנטקעגן, זײַנען געווען אָנגעצונדן די פאַרעס. א פּאָר מאָל האָט די זון געפּרוּווט זיך דורכרײַסן דורכן נעפּל — ס'איז איר אפילע געלונגען אַרויסשטעלן פאָרויס א קײַלעכיקע מעשענע טאַץ, נאָר דורכרײַסן זיך האָט זיך איר פאָרט ניט אײַנגעגעבן.

אין עלעקטראָ־צוג איז געווען קילבלעך. ער האָט זיך אויך געשלעפּט דורכן נעפּל. די סוועטאָפאָרן האָבן קוים געפינקלט, און די אײַזנבאַן־אַרבעטער אַפן וועג האָט מען געקאָנט באַמערקן נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין זשילעטן.

ערשט לעבן פּאַוועלעצקער וואָקזאַל איז דער נעפּל נעלעם געוואָרן, אומבאַוווּסט וווּהין. צום מעטראָפּאָליטען בין איך געגאַנגען אונטערן רייַנעם, הויכן הימל, אין וועלכן עס האָט פײַערלעך געשײַנט די זון, און אַף דער נעשאָמע בא מיר איז געווען פײַערלעך און פריידיק. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס האָט די נאַטור ספּעציִעל צוליב מיר אָפּגעשאַפן דעם נעפּל און אַראָפּגענומען די כמורנע שטימונג פונעם הימל.

אַרויסגייענדיק פון מעטראָ, בין איך גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין דעם בונטן קיניגרײַך פונעם אַלעקסאַנדראָווער גאָרטן. אַלץ איז דאָ געווען פריש און יונג — סאַמעטענע הויכע גראָזן אַף שמאָלע לאָנקעס, בלומען אין פינף רייען, צעוואַקסענע אינדערברייט קליאָנעס.

לעבן דעם באָראָוויצקער טורעם זײַנען געשטאַנען פיל מענטשן. בא אייניקע פון זיי אין די הענט האָב איך באַמערקט פּונקט אַזעלכע קאַרטאָנענע דורכלאָז־שײַנען, ווי בא מיר. ווײַטער, הייסט עס, וועל איך גיין אינאיינעם מיט אַלעמען. דערווײַל האָב איך קיין באַקאַנטע פּנעמער ניט געזען. אָנפרעגן זיך בא פרעמדע מענטשן האָב איך ניט געוואָלט, און כ'האָב גענומען באַטראַכטן דעם טייל פון דער קרעמלוואַנט, לעבן וועלכער כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט. לאָזט זיך אויס, אַז די ווענט פון דעם באָראָוויצקער טורעם זײַנען ניט קיין גלאַטע, ווי עס דוכט זיך אויס פונדערווײַטנס. ס'באַצירן זיי באַרעליעפן. מיר איז באַזונדערס געפעלן געוואָרן די וואַנט־סקולפּטור, אַף וועלכער עס זײַנען אויסגעטעסעט, מיסטאַם פון מירמלשטיין, הערנער אַרום א רײַטער. א ביז גאָר אײַנדרוקספולער באַרעליעף. און נאָך איין דעטאַל האָב איך אָפּגעמערקט פאַר זיך: רינוועס אַף דער קרעמל־וואַנט. זיי הענגען, אָנהייבנדיק זיך בא די קרויניקע שיס־לעכער און ציִען זיך ביז צו דער סאַמע ערד. בעשאַס א שלאַקס־

דרעגן זינגען מיסטאמע אין זיי די וואסער־שטראמען. געוואוסט האב איך ניט לאנג. אין די צעפראלטע טויערן פונעם בראוויצקער טורעם באוויזט זיך אן עלעגאנט אנגעטאנענע פרוי, פאכעט מיט דער האנט, און די מאסע אומבאקאנטע מענטשן מיט אזעלכע פראפוסקן, ווי בא מיר, טוט זיך א וויג און לאזט זיך אנטשיידן גיך. און אט בלייבט שוין די דורכגאנג־ארקע פונעם בראוויצקער טורעם הינטער אונדזערע פלייצעס.

באם ביניען פון דער קלייזיין־פאלאטע קערעווע איך אויס דעם קאפ אפצוריק און ס׳ווייזט זיך ארויס, אז דער בראוויצקער טורעם, וועלכער איז שוין אלט קימאט פינף הונדערט יאר, מיט אלע זיינע שטאקן, יארוסן, מיט דעם רובין־שטערן אפן שפיץ, איז גאר ניט אזוי ריזיקער, ווי כ׳האב נארוואס געקלערט. ער אנטהאלט אינדערהויך בלויז פיר און פופציק מעטער — ניט קיין וואונדער פאר היינטיקע צייטן... אבער א מאדנע איבערלעבונג האט מיך פארכאפט — כ׳האב דערפילט טיף אין זיך א הילכיקן איבערוף פון עפאכעס, אן אומבאגרייפלעכן געמיש פון געשעענישן. בלויז מיט פינף יארהונדערטער צוריק איז דא, אף אט דעם בערגל, געשטאנען א רוסישער פויער מיט א פאק ציגל אף דער פלייצע, און דער איטאליענישער ארכיטעקטאר פיעטרא אנטאניא סאליארי האט מיט דערעכערעץ געקוקט אף אט דעם גוואר, דעם מוזשיק, און אף זיינע כאווירים, וועלכע וועלן באלד אנהייבן שטעלן די ווענט פונעם טורעם, א טייל פון דער נאך ניט עקזיסטירנדיקער מאסקווער קרעמל־וואנט, און טאקע ער, דער מוזשיק, צוזאמען מיט זיינע כאווירים, וועט מאכן דעם קרעמל אומשטערבלעך ניט נאר אין רוסלאנד — אין דער גאנצער וועלט. און דא, אף דעם ברוקירטן מיט געשלייפטע שטיינער פלאץ, האט ערשט ניט לאנג צוריק געשפאנט וולאדימיר איליטש לענין, באאבאכטנדיק פונדאנען די מאסקווער גאסן און געסלעך אף יענער זייט טייך...

דער מאדנער געפיל פון צייט־געמיש האט זיך אין מיר אומגעהייער צעוואקסן, ווען כ׳בין אריין אין גרויסן קרעמל־פאלאץ. ס׳האבן מיך איבערראשט די באגילדעטע הויכע טירן פונעם אויבער־סאוועט, זייערע גינגאלדענע הענטלעך, די קרוינלייכטער אף באצירטע מיט ארנאמענטן טומבעס, די ברא און קאנדעליאברען, די קאלאסאלע קרישטאלענע וואזעס. איך בין ניספאעל געווארן פונעם ברייטן לייטער און פון דעם גיגאנטישן טעפיך, וועלכער פליסט און גיסט זיך איבער אף זיינע טרעפ, געמאכטע פון בלויעכן מירמלשטיין. דער גארדעראבשטשיק האט פלינק אופגעהאנגען מיין רעגנמאנטל אף א קליידער־העקל, ארויסגעגעבן מיר א זשעטאן, און איך האב זיך א לאז געטאן צו די טרעפ, פארבייגייענדיק דערזען זיך א פארמערטן אין פילצאליקע שפיגלען פונעם וועסטיביול. דעם לייטער, צו וועלכן איך בין קימאט געלאפן, האב איך געוווסט פונלאנג, נאך פון דעם 1945 יאר, כאטש געזען האב איך אים איצט מיט די אייגענע אויגן, ווי מע זאגט — אין דער נאטור דאס ערשטע מאל, אף דעם באוווסטן בילד, וואס האט גלייך נאכן זיג איבער די פאשיסטן געשילדערט די פייערונג אין קרעמל דעם אלוועלטלעך־היסטארישן ניצאכן, איז דער דאזיקער לייטער געווען אנגעמאלט מיט איינדרוקספולע פראטים, ניט פארגעדענקען זיי איז געווען אומעגלעך, און דערזעענדיק אים איצט, א ווארהאפטיקן, האב איך גענומען פאנטאזירן, ס׳האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דעמלט, אין 1945, בין איך, א פראנטאוויק מיט א וואגיקן סטאזש, אויך בייגעווען אפן יאמטעוו, וועלכער איז פארגעקומען אין אט דעם זאל, האגאם דאן בין איך געווען שרעקלעך ווייט פון מאסקווע, פונעם קרעמל, בעשום־אופן ניט געקאנט זיין בא דער סימכע...

אפן לעצטן טרעפל פונעם לייטער בין איך געבליבן שטיין פארוווונדערט: גלייך אנטקעגן מיר איז מיט באגייסטערטע אויגן געשטאנען לענין אין אזא מין פאזע, גלייך ער האט אקארשט ארויסגעזאגט א וויכטיקן, אבער פאראדאקסאלן געדאנק און ווארט א ווילע, וויל זיך איבערצייגן, צי דער אוילעם האט אים פארשטאנען — אט דער יונגער אוילעם, די קאמיוגיסטן אין זאל און אף דער בינע. ס׳קאן זיין, אז אין א רעגע ארום, איבערכאפנדיק דעם אטעם, וועט וולאדימיר איליטש ווידעראמאל ארויסברענגען אזעלכע ווערטער, אז די צוהערער וועלן אפסניי זיך אופשטעלן און, ווארפנדיק די היטלען אינדערהייך, צעהילכן זיך מיט א „הורא“. איך האב געווארט א דערשטוינטער איין מינוט, צוויי, דריי מינוט, ביז כ׳האב זיך באפרייט פון דער אילוזיע. גאט מיינער, איך קוק דאך אף דעם קינסטלער יאהאנסאנס בילד: „לענין טרעט ארויס אפן דריטן צוזאמענפאר פון קאמסאמאל“...

די באלוינטע זיינען צעטיילט געווארן אף עטלעכע גרופעס, קעדיי עס זאל זיין באקוועמער באווייזן אונדז דעם קרעמל.

לעכאטכילע באקאנט מען דעם אוילעם מיט דער אזויגערופענער גראנאוויטער פאלאטע, מיט איר טראן־זאל, מיט די בילדער, וועלכע זיינען געמאלט געווארן אף די ווענט. אינעם זאל, ווו עס איז געשטאנען דעם קייסערס טראן, קומען איצט פאר זיצונגען פונעם ראט פון די עלטסטע בייס די סעסיעס פון דעם אויבער־סאוועט.

מיר זיינען געווען אינעם אזויגערופענעם טערעמנוי דווארעץ, ווו עס געפינען זיך די

הערבן־בארעליעפן — צוויקעפיקע אָדלערס, זיך באקאַנט מיט דער דומנער און סאָבאָרנער פּאַלאַטעס, מיט דער טראָנען־פּאַלאַטע (דאָ, אגעוו, האָט דער קייסער געפּראַוועט דעם מישפּעט איבערן פּאַטריאַרך ניקאָן). אין אָט דער פּאַלאַטע איז געווען א פענצטער, וועלכן מע האָט גערופן טשעלאָביטנאָיע אָקנאָ. דורך אים פלעגט אראָפּגעלאָזט ווערן אַף דער ערד א קאַסטן, וווהין דאָס פאָלק האָט געוואָרפן צעטעלעך מיט אָנקלאָגעס, באַקאָשעס. דעם דאָזיקן קאַסטן האָט דאָס פאָלק אויך אָנגערופן „דאָלגי יאַשטשיק“...

מיר האָבן באַזוכט דעם זאַל, ווו עס קומען פאָר די זיצונגען פונעם אויבער־סאָוועט. דאָרט איז אָנגענומען געוואָרן דער ערשטער פינפיאָרפּלאַן. יעדעס אָרט איז אויסגעשטאַט מיט ראַדיאָ. ביזוואַנען־וואָס האָב איך זיך צוגעזעצט אַף א דעפּוטאַט־אָרט, אינדערנאָענט באַטראַכט די באַווסטע פיגור פון לענינען, וועלכע עס האָט געשאַפן דער סקולפּטאָר מערקולאָוו.

דער ערשטער שטאָק פונעם פּאַלאַץ איז געווען דעם קייסערס רעזידענציע — די אַזויגערופענע „אייגענע העלפט“. כ׳וואָלט באַמערקט, אַז די קייסאָרים האָבן געוווּסט א טאָלק אינעם לעבן, א רועך אין זייער טאַטנס טאַטן. אַן אויסגעצייכנטער עס־צימער איז בא זיי געווען, א פּראַכטפולער אופנאַם־צימער בא דער אימפּעראַטריצע, מיט מעבל אין סטיל פון ראָקאָקאָ, מיט פאַרפאָר, לעמפּ, וואַזעס, טאָרשערן, מיט אָ פּיריאַרוסנעם אַנאַנאַסן־לייַכטער. די קייסערינע האָט איר קאַבינעט באַשטאַט מיט אינקרוסטירטן מעבל, אַפילע די טיר אין קאַבינעט איז אַן אינקרוסטירטע. און ביכלאַל, זייַן אויסשטאַטונג באַשטייט דורכויס פון הויך־קינסטלערישע כפייצים: דער גרויסאַרטיקער מאַלכאַמאָוועס מיט א קאָסע אין האַנט — דאָס איז א זייגער; א פּרעכטיקע וואַזע שטייט ניט אַף פיסלעך: דרייַ אידעלע מיידלעך האַלטן זי אַף זייערע הענט. אַן אייגנאַרטיקער איז דער אימפּעראַטריצעס בודואַר — דאָ הערשט מאָזאַיִקע פון מאַלאָכים. איר שלאָף־צימער איז געמאַכט פון ווייַסן איטאַליענישן מירמלשטיין. דעם קייסערס קאַבינעט איז א סאַך א שטרענגערער, איידער די אַפּאַרטאַמענטן פון דער קייסערינע. ער איז אויסגעשטאַט מיט טייַער מעבל פון יאַסען. כ׳האָב אָבער פאַר זיך אָפּגעמערקט: קיין ביבליאָטעק איז בא דעם צאַר ניט געווען. ס׳זייַנען געשטאַנען אין קאַבינעט בא אים אַלע בענדער מיט די געזעצן פון דער מעלוכע, דער אַזויגערופענער „סוואָד פון די געזעצן פון דער ראַסייסקער אימפּעריע“, און שוין.

נאָר לאָמיר זיך ווידער אופהייבן אַפן צווייטן שטאָק פונעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ, אין געאָרגיעווסקע זאַל, וועלכער האָט אַף מיר געמאַכט דעם סאַמע בעסטן אייַנדרוק. דאָס איז בעצעמעס א טעמפּל, ווו עס איז פאַרייניקט דער רום פונעם רוסישן קלייזייַען. ס׳איז א קאָלאָסאַל־גרויסער זאַל, א צווייפאַרביקער: ווייַס און גינגאָלד. ער פאַרמאָגט א שלאַל מיט מאָדעלירטע באַצירונגען. אכצן געפלאָכטענע זייַלן, אַף וועלכע עס שטייען סקולפּטורן פון פּרויען, האַלטן אונטער די סטעליע. אַף די ווענט זייַנען אויסגעקריצט די נעמען פון צען טויזנט סאָלדאַטן, וועלכע זייַנען באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „פאַר מוטיקייַט“ פון אַלע פיר שטופעס — די אַזויגערופענע געאָרגיִעווסקע קאַוואַלערן. זעקס בראָנזענע קרוין־לייַכטערס באַלייַכטן דעם זאַל. אַן אוניקאַלער איז דער פּאַרקעט, וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון צוואַנציק ווערטפולע האָלץ־מינים. אינעם געאָרגיִעווסקע זאַל קומען פאָר דיפּלאָמאַטישע אופנאַמען, פייַערלעכע באַגעגענישן, דאָ באַקומען די סאָוועטישע מענטשן זייערע מעלוכע־באַלוינונגען.

הייַנט האָבן דעם געאָרגיִעווסקע זאַל פאַרנומען זשורנאַליסטן. איך באַגעגן דאָ פיל באַקאַנטע קאָלעגן. וולאַדימיר קאַרפּאָוו, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „נאָווי מיר“, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ זייַן „רייַזע קיין יִסראָעל“, זאָגט מיר, אַז ער באַקומט א סאַך בריוו פון לייענער מיט אָפּרופן וועגן אָט די וועג־נאָטיצן, און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס דער סאָוועטישער יִדישער לייענער שעצט זייַן אַרבעט. דערנאָך, ווען אַלע האָבן באַקומען זייערע אָרדענס און מעדאַלן, און מע האָט אונדז פאַרבעטן זיך פאָטאָגראַפירן, האָט דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דער באַרימטער רוסישער שרייַבער וולאַדימיר קאַרפּאָוו מיך ניט אָפּגעלאָזט — אַזוי שטייען מיר טאַקע באַנאַנד אַף דער הויכער באַנק אין דער קאָלעקטיווער פאָטאָגראַפיע לעבן די מיטאַרבעטער פון די זשורנאַלן „אָקטיאַבער“, „דיעטסקאַיאַ ליטעראַטורא“, „ליטעראַטורנאַיאַ אוטשאָבאַ“. א פּראָצעדור פון פאָטאָגראַפירן זיך וועט זייַן עטוואָס שפּעטער. דערווייַל צעעפנט זיך די טיר אין זאַל, און עס גייט אַרייַן מיכאַיִל פאָרפיריעוויטש געאָרגאַדזע, דער סעקרעטאַר פון פּרעזידיִום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסר, מיט אים צוזאַמען קומט זייַן געהילף, וועלכער טוט גלייַך א קוק אַפן באַגילדעטן זייגער מיט דער סקולפּטור פון געאָרגי דעם זיגטרעגער — (געאָרגי פּאָבעדאָנאָסעץ) און הייבט אָן לייענען דעם אוקאַז פונעם אויבער־סאָוועט.

איך האָב געדולדיק געוואַרט, עס זאָל אָנגערופן ווערן מייַן פאַמיליע. כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט זייַן, האָט זי א הילך געטאָן דאָ, אין געאָרגיִעווסקע זאַל פונעם מאָסקווער קרעמל, אומגעריכט פאַר מיר, נאָר איך

ביז גלײַך אופגעשטאנען פון מײַן אָרט, צוגעגאנגען צום טיש, אף וועלכן עס זײַנען געלעגן א סאך שאכטלען מיט מעדאלן. מיכאיִל פּאָרפּיריעוויטש האָט מיר דערלאנגט מײַן באלוינונג, אויסגעשטרעקט מיר זײַן רעכטע האנט און בעשאס אונדזער טקיִעס־קאף ארויסגעבראכט זײַן מאזלטאָוו מיר פערזענלעך. איך האָב אים געענטפערט, איבערכאזורנדיק עטלעכע מאָל איין וואָרט: „א דאנק, א דאנק". אָבער ער האָט מײַן האנט ניט ארויסגעלאָזן פון זײַנער.

— מיר וויסן וועגן דער טעטיקײַט פון אײַער זשורנאל, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט זײַן געווײנלעך שטיל קאָל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז מע הערט עס אין ווײַטסטן ווינקל פונעם זאל, — איר טוט א נאָבעלע ארבעט. א דאנק אײַך...

איך האָב געוואָלט זאָגן, אז אזא מין לויב מאכט אונדז אלעמען, מיטארבעטער פון „סאָוועטיש היימלאנד", גליקלעך און אז דאָס וועט אונדז צוגעבן קויכעס אף ווײַטער, נאָר איך האָב ווידעראמאָל ארויסגעשטאמלט: „א דאנק, א דאנק"...

אויך איצט האָט מיכאיִל פּאָרפּיריעוויטש ניט ארויסגעלאָזט מײַן האנט פון זײַנער און פאָרגעזעצט:

— לעאָניד איליטש האלט אף א בעקאָוועדיקן אָרט בא זיך אין ביבליִאָטעק די נומערן פון אײַער זשורנאל, אין וועלכע עס איז פארעפנטלעכט די איבערזעצונג פון זײַן טרילאָגיע און די באזונדערע בײַלאגע צום זשורנאל מיט אָט דער איבערזעצונג.

— א דאנק, א דאנק...

איך וויים ניט, וואָס מיכאיִל פּאָרפּיריעוויטש האָט אין אָט דער מינוט געקלערט וועגן מײַן אָראטאָרישן טאלאנט. מײַנע פינגער האָט ער ענדלעך פאָרזיכטיק ארויסגעלאָזט פון זײַנע.

בראָניק

די צאָל ייִדן אין אייניקע סאָציִאַליסטישע לענדער

אונגארן: ווארשײַנלעך, האָבן ייִדן זיך שוין געפונען אין אָט דעם טייל פון אייראָפּע זינט דער רוימישער הערשאפט. פאר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן אין אונגארן געלעבט 800 טויזנט ייִדן, פון זיי 250 טויזנט אין בודאפעשט. בײַס דער היטלערישער אָקופּאציע זײַנען אומגעקומען 600 טויזנט ייִדן.

די ייִדישע געמיינדע אין דער אונגארישער פאָלקס־רעפובליק ציילט הײַנט בעערעך 85 טויזנט נעפאשעס. ארום 80 טויזנט לעבן אין בודאפעשט. עס פונקציִאָנירט אין לאנד א קולטור־ראט פון די אונגארישע ייִדן.

רומעניע: די צאָל ייִדן אין לאנד באטרעפט הײַנט 33 טויזנט, פון וועלכע 17 טויזנט לעבן אין בוקארעשט. די איבעריקע — אין 68 שטעט און שטעטלעך פונעם לאנד. עס גייט ארויס אין רומעניע א צײַטונג פאר ייִדן אין דרײַ שפּראכן: העברעיִש, ייִדיש און רומעניש מיט א טיראזש פון 10 טויזנט עקזעמפּליארן (די צײַטונג דערשײַנט איין מאָל אין 2 וואָכן).

יוגאָסלאוויע: אין 1941 האָבן זיך דאָ געפונען 75 טויזנט ייִדן, באזעצט הויפּטזאכלעך אין די שטעט פון כאָרוואטיע, מאקעדאָניע, סערביע און באָסניע. הײַנט באטרעפט זייער צאָל 6 טויזנט.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 2, February, 1983

Our editorial introduction contains the following statement: "This is the fifth special number of "Sovietish Heimland" entirely given over to essays (the earlier issues came out in December 1978, December 1979, January 1981 and January 1982). In this way, Soviet Jewish literature is strengthening its ties with contemporary life, supporting literature which has a sensitive finger on the pulse of the times.

The geographical distribution of the essays, like that of the authors, is widespread: Moscow, Birobijan, Moldavia, Tyumen, the Ukraine, Tadjikistan, the Baikal-Amur Railway, Novgorod, Kamchatka, the Crimea, Siberia and the Urals—creative activity and fruitful toil thrive everywhere.

We are publishing "In Yaruga" by Hershl Polyanker of Kiev; "Give Man the Sunset" by Brokha and Aron Burshtein of Perm; "Our Engine Races Ahead" by Kima Greidina of Moscow; "Living Welcomes" by Chaim Melamud of Chernovtsy; "Dedication" by Alexander Lizen of Lvov; "Hasten to do good" by Note Lury'e of Odessa; "Letter from Tynda" by Max Riant of Samarkand; "One of Them", by Shmuel Gordon of Moscow; "Kindred People" by Misha Mogilievich of Kiev; "Pictures from the road" by Shira Gorshman of Moscow; "The Signature of Menashe Meiman" by Khana Shmayenok of Moscow; "Flowers" by Motl Gruvman of Novgorod; "Man and his Time" by Gedalie Kosoy of Vinnitsa; "Annushka" by Iosef Burg of Chernovtsy; "Everything I Know" and "A Photograph from Space" by Grigory Reznichenko of Moscow; "The Heirs of Ilya Khanin" and "The Carriages" by Tevy'e Gen of Moscow; "Doctor Brudny" by Chaim Beider of Moscow; "Visiting" by Chaim Gurevich of Novosibirsk; "This world is beautiful" by Buzi Miller of Birobijan; "Every kopek counts" (from the cycle "Seen and Heard", by Irme Druker of Odessa; "In Dushanbe" by Uran Guralnik of Moscow; "The Heirs" by Josef Shuster of Moscow; "Instead of an Essay" by Boris Mogilner of Moscow.

Translated by Alex Miller

Supplement to this issue:
G. Beregovoy, "The Way to Achievement"

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 2, февраль, 1983

В редакционном вступлении к этому номеру сказано:

«Читатель получает в пятый раз специальный номер «Советиш геймланд», полностью отданный очерковому жанру (предыдущие номера вышли в декабре 1978, декабре 1979, январе 1981, январе 1982). Советская еврейская литература закрепляет этим свою связь с современной жизнью, подтверждая на деле, что является литературой, чутко прислушивающейся к пульсу времени.

География очерков, как и их авторов, додстаточно широка: Москва и Биробиджан, Молдавия и Тюмень, Украина и Таджикистан, Байкало-Амурская магистраль и Новгород, Камчатка и Крым, Сибирь и Урал — везде бурлит созидательная жизнь, плодотворный труд. Произведения, печатающиеся в этом номере, создают красочную картину жизни нашего советского человека — творца и строителя коммунизма.»

В номере печатаются очерки Григория Полянкера (Киев) — «В Яруге», Брохи и Арона Бурштейн (Пермь) — «Дарите солнечный закат человеку», Кимы Грейдиной (Москва) — «Наш паровоз вперед летит», Хаима Меламуда (Черновцы) «Живые приветы», Александра Лизена (Львов) — «Преданность», Нотэ Лурье (Одесса) — «Спешите делать добро», Макса Рианта (Самарканд) — «Письмо из Тынды», Самуила Гордона (Москва) — «Один из них», Миши Могилевича (Киев) — «Родные люди», Ширы Горшман (Москва) — «Картинки с дороги», Ханы Шмаенок (Москва) — «Подпись Менаши Меймана», Матвея Грувмана (Новгород) — «Цветы», Гедали Косого (Винница) — «Человек и его время», Иосифа Бурга (Черновцы) — «Аннушка», Григория Резниченко (Москва) — «Все, что я знаю» и «Фотография из космоса», Тевье Гена (Москва) — «Наследники Ильи Ханина» и «Коляски», Хаима Бейдера (Москва) — «Доктор Брудный», Хаима Гуревича (Новосибирск) — «В гостях», Бузи Миллера (Биробиджан) — «Прекрасен этот мир», Ирмы Друкера (Одесса) — «Даже грош имеет свой звон (из цикла «Увиденное и услышанное»), Урана Гуральника (Москва) — «В Душанбе», Иосифа Шустера (Москва) — «Наследники», Бориса Могильнера (Москва) — «Вместо очерка».

Приложение к номеру:
Г. Береговой «Путь к подвигу»

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»
Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)
Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.11.1982 г. Подписано к печати 18.01.1983 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 1717.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1983 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Весь номер посвящен современному очерку

Г. Полянкер. В Яруге.
Б. и А. Бурштейн. Дарите солнечный закат человеку.
К. Грейдина. Наш паровоз вперед летит.
Х. Меламуд. Живые приветы.
А. Лизен. Преданность.
Н. Лурье. Спешите делать добро.
М. Риант. Письмо из Тынды.
С. Гордон. Один из них.
М. Могилевич. Родные люди.
Ш. Горшман. Картинки с дороги.
Х. Шмаенок. Подпись Менаши Меймана.
М. Грувман. Цветы.
Г. Косой. Человек и его время.
И. Бург. Аннушка.
Г. Резниченко. Все, что я знаю. — Фотография из космоса.
Т. Ген. Наследники Ильи Ханина. — Коляски.
Х. Бейдер. Доктор Брудный.
Х. Гуревич. В гостях.
И. Друкер. Даже грош имеет звон.
Б. Миллер. Прекрасен этот мир.
У. Гуральник. В Душанбе.
И. Шустер. Наследники.
Б. Могильнер. Вместо очерка.
Резюме на русском и английском языках.

1983

№ 2